צום סוחרים פאַראיין האָבן אָנגעהערט אַלע סוחרים און קרעמער אין שטעטל. די הויפּט אויפגאַבע פון פאַראיין איז געווען צו קעמפן קעגן די הויכע שטייערן וועלכע די פוילישע רעגירונג האָט געפאָדערט פון די יידישע סוחרים און

---

* אין דעצעמבער 1921, איז אין ווילנה פאָרגעקומען אַ קרייז קאָנפערענץ פון „יעקאפא״. אויך אַ דעלעגאַט פון איוועניץ. יצחק בערגער האָט זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ.

קרעמער, שטייערן וועלכע זענען ניט געווען אין קיין פראפארציע מיט זייערע פארדינסטן, שטייערן וועלכע האבן פאראָרעמט און רואינירט די מערהייט יידן.

די פארוואלטונג פון פאראיין איז באשטאנען פון יודל קאפילעוויטש, מתתיהו אשמאן, יהושע־נח פארענציק און שמואל אקון. אויך דער סוחרים פאראיין איז אויפגעלעזט געווארן אין יאר 1939.

דער „בונד" אין איוועניעץ

אין יאר 1905 איז אין איוועניעץ געגרינדעט געווארן דער בונד (זע דעם ארטיקל — דער בונד). דער הויפט עסקן איז געווען יצחק אלפעראוויטש. כמעט אלע מיטגלידער זענען געווען געזעלן.

די פארטיי איז געווען אומלעגאל און געארבעט אין אונטערגרונד. זי האט באזיצט א מאשינקע צום דרוקן האנט־געשריבענע פראקלאמאציעס. זייער טרעף־פונקט איז געווען הינטערן ווייסן קלויסטער. די פאליציי האט זיך אבער דערוווסט פון זייער עקזיסטענץ און איינער פון זיי האט זיך אונטערגענומען צו ענדעקן זייער טרעף־פלאץ. פון א פריינדלעכן פאליציאנט איז די זאך באוווסט געווארן די אנפירער פון בונד, און זיי האבן באשלאסן „אפצורוימען" דעם סטראזשניק (פאליציאנט) אח דערטרינקען אים אין טייך.

אין א פינצטערער נאכט האבן זיי אים אפגעוואכט, געבונדן אים און אוועקגעטראגן צום טייך. אבער יידן זענען דאך רחמנים בני רחמנים און אין זכות פון זיינע קליינע קינדער איז ער לעבן געבליבן.

ס'איז אבער געווען א סכנה טאמער וועט דער סטראזשניק דאך ארויסגעבן די נעמען פון די בחורים וועלכע האבן אים געכאפט. האט מען די דרוק־מאשינקע פארבאהאלטן אונטערן בימה אין נייעם בית המדרש, די פראקלאמאציעס און אנדערע אומלעגאלע ליטעראטור האבן זיי באגראבן אין א קאסטן אויפן בית־עולם. עטלעכע טעג שפעטער נאך דעם פאסירונג מיטן סטראזשניק, האט די פאליציי געזוכט אין די הייזער פון פארדעכטיקע בחורים אבער זיי איז ניט געלונגען צו געפינען קיין זאך כדי קענען זיי באשולדיקן אין אומלעגאלער טעטיקייט, דאך האבן זיי ארעסטירט יצחק אלפעראוויטש, אבער נאך א קורצער צייט האט די פאליציי אים באפרייט.

אין יאר 1905 האט דער בונד אין איוועניעץ ארגאניזירט א דעמאנסטראציע קעגן דער צארישער מאכט און געצוווּנגען צו שליסן אויף עטלעכע שעה אלע ווארשטאטן און קלייטן. אפילו די רעגירונגס קלייט פון בראנפן (דער מאנאפאל) האט געמוזט זיך שליסן.

דער בונד אין איוועניעץ האט זיך אויפגעלעזט מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה.

שמעון אושרוביץ / רמת־גן

דער בונד

דער פולער נאָמען פון „בונד" איז געווען „יידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד, ליטע און פוילן".

אָפיציעל איז דער בינד געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1897, פאַקטיש אָבער איז די באַוועגונג ענטשטאַנען שוין אין די ענד פון די 80־ער. דאָס איז געווען אַ אַרבעטער באַוועגונג וועלכע האָט אַרומגענומען די יידישע געזעלן און אַרבעטער אין די קליינע אונטערנעמונגען. איר אויפגאַבע איז געווען צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע אַרבעטער און פאַרשפרייטן צווישן זיי אַלגעמיינע בילדונג. די פאַרטיי־טוער זענען אַממערסטן געווען יידישע סטודענטן, און זייער שפּראַך איז געווען רוסיש, אין פערלויף פון די יאָרן אָבער, זענען זיי אַריבער צו יידיש־„זשאַרגאָן".

אין יאָר 1895 האָט זיך געגרינדעט אין ווילנע דער „זשאַרגאָנישער קאָמיטעט" וועלכער איז געווען אָנגעשלאָסן אין בונד. זיין אויפגאַבע איז געווען צו פאַרשפרייטן בילדונג צווישן די יידישע אַרבעטער. דער קאָמיטעט האָט געגרינדעט יידישע ביבליאָטעקן און אויך פאַרשפרייט די ווערק פון יענע יידישע שרייבער וועלכע זענען געווען נאָענט צו זיי.

אַלס סאָציאַליסטן, האָט דער בונד גענומען פייערן דעם 1טן מאַי. זייער ערשטער מיטינג איז פאָרגעקומען אין ווילנע אין יאָר 1892.

אין יאָר 1895, האָט זייער פראָמינענטער פירער — יולי צעדערבוים־מאַרטאָוו (אַ אייניקל פון ארז, דער גרינדער פון „המליץ"), גענומען פאָדערן אַז דער בונד זאָל זיך אויך פאַרנעמען מיט דער יידן־פראַגע אין רוסלאַנד.

זייער ערשטע צייטונג „דער אידישער אַרבייטער" איז דערשינען אין יאָר 1896. די צייטונג האָט זיך געדרוקט אין זשענעווע און געוואָרן אַריינגעשמוגלט קיין רוסלאַנד.

אין יאָר 1897 האָט זיך אָפיציעל געגרינדעט דער „בונד", די גרינדונגס פאַרזאַמלונג פון בונד איז פאָרגעקומען אין ווילנע מיט דער באַטייליקונג פון 11 דעלעגאַטן פון ווילנע, וואַרשע, ביאַליסטאָק, מינסק און וויטעבסק. מינסק איז באַשטימט געוואָרן אַלס זיץ־פּלאַץ פון זייער צענטראַל קאָמיטעט. שוין דאַן האָט דער בונד געציילט איבער 3000 חברים.

אָנפאַנג דעם 20־טן יאָר הונדערט זענען אַנטשטאַנען בונד אָרגאַניזאַציעס אויך אין קיעוו, מאָסקווע און קעשעניעוו.

דער בונד, אַלס סאָציאַליסטישע פאַרטיי, איז געווע זפאַרבאָטן אין רוסלאַנד,

אָבער זיין השפּעה אויף די יידישע אַרבעטער איז געווען גרויס, און כּדי נייטראַליזירן אָט דער השפּעה, האָט דער אָנפירער פון דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע — זובאַטאָוו געגרינדעט אין יאָר 1901 אַ אַפּאָליטישע יידישע אַרבעטער באַוועגונג אָבער איר איז ניט געלונגען צו קאָנצענטרירן אַרום זיך די יידישע אַרבעטער און אין זעלבן יאָר איז זי אויפגעלעזט געוואָרן.

אין יאָר 1905 (די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה) האָט דער בונד שוין געציילט עטלעכע צענדליק טויזנט חברים.

זייער השפּעה אויף דער יידישער גאַס איז געווען גרויס; הן צוליב זייער קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס באַדינגונגען און אויך צוליב זייער אַקטיוון אָנטייל אין זעלבסט־שוץ קעגן די פּאָגראָמען וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די פּאָליציי און די „שוואַרצע מאות״.

דער קריזיס פון בונד איז געקומען אונטערוואַרטעט אין יאָר 1917, דווקא נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע.

ווען די קאָמוניסטן זענען געקומען צו דער מאַכט, האָט אַ גרויסער טייל פון בונד אַריבער צו די קאָמוניסטן, די איבערגעבליבענע זענען געראַדפּט געוואָרן דורך דער מאַכט, אַ סך זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אַזוי אַרום איז דער בונד אין רוסלאַנד ליקווידירט געוואָרן.

אינטערעסאַנט איז, דאָס דווקא אין דער קאַפּיטאַליסטישער און אַנטי־סעמיטישער פּוילן, האָט דער בונד זיך געשטאַרקט און אַנטוויקלט.

צו די סיים וואַלן אין די יאָרן 1922 און 1928 האָבן געשטימט פאַרן בונד מער ווי 80 טויזנט יידן, און אין יאָר 1930 — 70 טויזנט יידן. כאָטש דער בונד האָט ניט אַדורכגעפירט קיין מאַנדאַט צום סיים, דאָך האָט ער געהאַט אַ גרויסע השפּעה אין די שטאָט פאַרוואַלטונגען: אין די יידישע קהילה פאַרוואַלטונגען: אַ דאַנק דעם בונד, זענען געגרינדעט געוואָרן יידישע פאָלקס שולן און ביבליאָטעקן.

אין אָנפאַנג פון די 30־ער איז אַפילו געגירנדעט געוואָרן אַ יידישער פאָלקס אוניווערסיטעט. דער בונד האָט אויך משפּיע געווען און פאַרבעסערט די אַרבעטס באַדינגונגען פון די יידישע אַרבעטער אין פּוילן.

צום גרויס באַדויערן האָט דער בונד עקשנותדיק זיך קעגן געשטעלט און ניט געוואָלט אָנערקענען אין דעם עקזיסטענץ פון אַ יידישע נאַציע.

לויט זייער אָנשייאונג זענען די יידן אַ צושפּליטערט פאָלק מיט פאַרשידענע קולטורן, מנהגים און שפּראַכן, דעריבער דאַרפן יידן פון איין לאַנד זיך ניט פאַרבינדן מיט די יידן פון אַנדערע לענדער. נאָר יעדער דאַרף קעמפן אין זיין לאַנד פאַר זיינע רעכט און אָטאָנאָמיע. דעריבער איז ארץ־ישראל געווען פאַר זיי טריף, ווייל דאָס האָט געמיינט אַ קאָנצענטראַציע פון יידן פון פאַר־

שיידענע לענדער, קולטורן און שפּראַכן.

אין די אויגן פון בונד איז דער ציוניזם געווען אַ שעדליכע אוטאָפּיע, אַ מיטל־קלאַס באַוועגונג, און אַ סכנה פאַר די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער.

ביז דער 2טער וועלט־מלחמה האָט דער בונד אַפילו ניט געוואָלט זיך פאַראייניקן מיט אים נאָענטע יידישע אַרבעטס באַוועגונגען אין אַנדערע לענדער.

ערשט אין יאָר 1947, נאָכן שוידערלעכן אומקום פון 6 מיליאָן יידן פון מזרח אייראָפּע, האָט דער בונד געגרינדעט אַ וועלט אָרגאַניזאַציע, דאַן ווען ס'איז שוין כמעט ניט געבליבן קיין יידן אין מזרח איראָפּע צו אָרגאַניזירן, און וועמענס אינטערעסן צו פאַרטיידיקן!

איצט געפינט זיך דער צענטראַל קאָמיטעט פון בונד אין ניו־יאָרק. אין דער יידישער גאַס שפּילט דער בונד מער קיין ראָל.

צוויי פּראָמינענטע בונד־אַנפירער, וויקטאָר אַלתר און הענריק ארליך, זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די רוסישע קאָמוניסטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

נאָך אַן אַנפירער — שמואל זיגעלבוים — האָט זיך גענומען דעם לעבן, דערוויסנדיק זיך וועגן שוידערלעכן אומקום פון פוילישן יודנטום!...

משה־דוד זק / תל־אביב

אַ מאָל איז געווען אַ שטעטל...

שטיל איז געפלאָסן דאָס לעבן אין איוועניעץ, אָן גרויסע געשעהענישן און איבעראַשונגען. די עלטערע, פלעגן אַ מאָל דערמאָנען וועגן עפּעס אַ גרויסן „פּאַזשאַר״ — אַ שריפה, וועלכע איז געווען אין איוועניעץ, און פלעגן אַנווייזן אויף די פאַרשוואַרצטע ווענט פון קלויסטער, וועלכער איז געשטאַנען ביים זייט פון מאַרק־פּלאַץ, און וועלכער איז אין יענער שריפה, פאַרברענט געוואָרן. ביז מ'האָט צוואָרפן די אָפּגעברענטע ווענט, און אויפן זעלבן פּלאַץ, אויס־געבויט אַ מאָנאַסטיר. און דאַן איז אויך די שריפה פאַרגעסן געוואָרן *...

געלעבט גרויסע גאונים און צדיקים, אין ווען מיין זיידע, ראובן רעליעס, פלעגט זיך צוזאַמענטרעפן מיט נאָך אַ זיידן, פלעגן זיך צופינקלען ביי זיי די אויגן, אַ מאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק, — דערציילט מען — האָבן אין איוועניעץ

* די גרויסע שריפה אין איוועניעץ, אין וועלכער ס'זענען פאַרברענט געוואָרן כמעט אַלע הייזער איז געשען אין יאָר 1858, כ״א מנחם אב.



איבניץ 1932

איוועניץ 1932

דערציילנדיק זכרונות פון די „אַמאָליקע", די „פריערדיקע" צדיקים און גאָר־נים, וועלכע האָבן דאָ געלעבט...

מען האָט דערציילט אַז אין 1905־טן יאָר, זענען אין איוועניעץ געווען יידישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן דעם קיסר ניקאָלאַי, און אַפילו באַפאַלן, מיט רעוואָלווערן אין די הענט, די פּאָסט.

אַמאָל פלעגט קומען אין שטעטל, אַ קונצן־מאַכער, מיט דער באַגלייטונג פון אַ קאַטערינקע. דאָס שטעטל פלעגט דאַן אויפלעבן. מיר קינדער פלעגן ווי' פאַרכישופטע נאָכלויפן נאָך זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

עס פלעגט טרעפן אַז דאָס שטעטל איז געוואָרן אויפגערוישט מיט אַ סענסאַציע; אַ ציגיינער האָט געגנבעט אַ פערד.

אַ יערלעכע סענסאַציע פלעגן אויך זיין די „נאָוואָבראַנצעס", די רעקרוטן, וועלכע פלעגן זיך אָנשיכורן און אַרומדרייען זיך איבערן שטעטל, זינגענדיק און שרייענדיק.

תשעה־באב, נאָכן אָפּזאָגן די קינות, און נאָכן אָפּזיצן, שעהן־לאַנג, אויפן האַרטן, איבערגעקערטן שטענדער, פלעגט מען גיין אויפן „הייליקן אָרט", אויפן בית־הקברות. דאָרט אינווייניק, זענען געווען אַ סך אַלטע מצבות, האַלב פאַר־זונקענע אין גרינעם מאָך, און פאַרוואַקסטע מיט קוסטעס פון ווילדע, רויטע יאַגאָדעס.

איך פלעג אַזוי אַרומגיין מיטן טאַטן, צווישן די קברים, מיין קליין יינג־לעשע הענטל אין זיין גרויסער וואַרעמער האַנט, און האָב בפירוש געשפּירט די הייליקייט אַרום אונדז...

נעבן דער „באָינע" — די שעכט־הויז, איז געווען דער אַלטער בית־עולם. אַ וועלט מיט יאָרן אַלט. דאָרט זענען געלעגן די מייסדים פון איוועניעץ.

מיר יינגלעך, גייענדיק צום טייך זיך באָדן, פלעגן פאַרבייגייענדיק אָט דעם אַלטן בית־הקברות, איינגעשטילט ווערן, און מיט אַ געפיל פון יראת־הכבוד, געקוקט אַהין, צו יענעם אָרט, וווּ לעגענדעס פון די ווייטע דורות, פון דער גאָר אַמאָליקער איוועניצער קהילה, שוועבן נאָך אַרום איבער אים.

די ערשטע וועלט־מלחמה

תשעה באב 1914 האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט-מלחמה.

נאָכן אָפּזאָגן די קינות, אין אָוונט, האָט זיך אָנגעהויבן אין די יידישע הייזער, אַ געוויין און געיאָמער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מאָביליזאַציע. מען נעמט יונגע און מען נעמט עלטערע, „אַפּאָלטשענצעס" — רעזערוויסטן. מאַמעס און טאַטעס זעגענען זיך מיט זייערע זין, יונגע ווייבלעך — מיט זייערע מענער, קינדער — מיט זייערע טאַטעס. ס'איז געווען דאַן אַ טאָפּלטער תשעה־באָב... דאַן

האָט מען אָוועקגענומען אויך מיין פעטער שלום׳ען און מיין ברודער שלום. די מערהייט קריסטישע מאָבּיליזירטע האָבּן זיך אָנגעשיכּורט, געזונגען און געהוליעט.

חדשים זענען דורכגעלאָפן, און ס׳האָבּן אָנגעפאַנגען אָנקומען ידיעות וועגן איוועניעצער געהרגעטע: אברהמ׳ל דער שטעפער, משה־דוד נעוויניאַנסקי, בערל חנא׳ס דעם טעפּערס זון, הירשל ראַלניק, מאָטקע, יאַשקע־חייהס זון, איז געפאַלן אויפן אויסטרייכישן פראָנט. מאירקע, חיים־וועלוועלס זון, איז געפאַלן אויפן דייטשן פראָנט. אויך פאַרוווּנדעטע זענען געווען צווישן די איוועניצער. די משפחות פון די מאָביליזירטע, האָבּן געלעבּט אין איין שרעק. אָבּער ווי גליקלעך איז מען געווען, ווען מ׳האָט זיך דערוווּסט אַז מען איז אַריינגעפאַלן אין „פלען" — געפאַנגענשאַפט, — בעסער ווי דערהרגעט ווערן. ס׳האָבּן דאַן אַריינגעפאַלן אין פלען, שמואל־פישל דער קצב, שלמה שוואַרצבערג, ניסן אברהם־עליעס איידעם, שעפסל, מושע־קלמנס און זיין ברודער משה, אברהם־בּר מאלציק, נאָשקע, משה־בערס איידעם, שלמה דער יקובאָווער און אַנדערע.

שפּעטער האָבּן זיך אָנגעהויבּן ציהען דורך איוועניעץ, לאַנגע „אָבּאָזן" מיט רוסישע סאָלדאַטן. די רוסן זענען אָפּגעטראָטן, „אָטסטופּאַיעט" און דער פראָנט האָט זיך גענומען דערנענטערן צו אונדז.

טעג און נעכט האָבּן זיך געצויגן די אָבּאָזן. איוועניעץ איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט די אָפּטרעטנדע זעלנער. אַלע הייזער זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט זיי; מידע, דערשלאָגענע און פאַרלייזעקטע. אומעטום זענען זיי געלעגן; אויף די גאַנקעס, אונטער די קראָמען, אין אפילו אין דיביידע שולן.

און ווידער האָבּן זיך אָנגעהויבן ציהען לאַנגע „אָבּאָזן" מיט בעזשענצעס"— פּליטים, פון גראָדנע, ביאַליסטאָק, פון איוויע, באַקשט, סמאַרגאָן א. א. וועגע־נער אָנגעלאָדענע מיט פאַרשידענע זאַכן, און מיט קליינע קינדער. פאַריאָושטע און פאַרצווייפלטע, מען אַנטלויפט פון פראָנט און אויך פון די קאַזאַקן... אַלץ איז געוואָרן אויסגעמישט, אַ מין תוהו ובוהו...

פאַר אונדז, די קינדער איז געווען אַ מין יום־טוב, מ׳האָט נישט געלערנט, אַלע חדרים זענען געווען פאַרמאַכט. די סאָלדאַטן האָבּן זיך מיט אונדז געשפּילט, געגעבּן אונדז האַלטן, ממש אין אונדזערע הענט, זייערע ביקסן און שווערדן, און מיר האָבּן גאַנצע טעג אַרומגעדרייט זיך צווישן זיי.

די עלטערן זענען אָבּער אַרומגעגאַנגען אומעטיק, פאַרזונקען אין מחשבות; דער פראָנט דערנענטערט זיך, אפשר וועלן זיי אויך דאַרפן אַנטלויפן, פאַר־לאָזן די איינגעזעסענע היימען, דאָס האָב און גוטס... און כדי ס׳זאָל זיין לייכ־טער צו אַנטלויפן, פאַרקויפט מען דער אַרמיי, די איינציקע קיה, די מילכ־געבערין, וועלכע האָט דאָס גאַנצע יאָר געשפּייזט דער משפחה מיט פרישע

מילך און פוטער, מיט „פּאָדסמעטענע״ — זויערמילך, מיט „צוואַראָך״ און גאמולקעס. געהאָרכזאַם האָבן די בהמה׳לעך געלאָזט זיך פירן צו דער שחיטה, נאָר זייערע גרויסע אויגן זענען געווען פאַרנעבלט מיט צער. פון רוסלאַנד זענען אָנגעקומען אַ סך קירגיזן און קאַלמיקן וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די עסטרייכישע געפאַנגענע — געגראָבן אָקאָפּעס נעבן איוועניעץ.

דער פראָנט האָט זיך ווי עס איז איינגעשטעלט 40 ק״מ פון שטעטל, און מען איז געבליבן אין די אייגענע הייזער. מ׳האָט אָבער געדאַרפט פרנסה, האָט מען אָנגעהויבן באַקן בולקעס פאַר די סאָלדאַטן. ס׳איז נישט געווען קיין שטוב וועלכע האָט נישט געבאַקן קיין בולקעס, און וויפל מ׳האָט נישט געבאַקן, האָט מען עס גלייך פאַרקויפט. און די מלחמה האָט זיך געצויגן. ניקאָלאַי דער קיסר, האָט מאָביליזירט אַלטע און יונגע. מ׳האָט שוין אָנגעהויבן צו נעמען ממש קינדער, 16—17 יעריקע יינגלעך. דעמאָלט האָט מען מאָביליזירט אויך מיין דריטן ברודער, יוסף. מיינע 2 עלטערע ברידער, שלום און יענקל, זענען שוין לאַנג געווען אין מיליטער, און איצט האָט מען גענומען יוספן, אינגאַנצן 16½ יאָר אַלט. מיין מאַמע, מאַריאַשע, האָט איינגעלייגט וועלטן מיט איר געוויין, ווען זי האָט איר דריטן זון באַגלייט אין מלחמה. אַ שאַרפער אומעט איז אַרונטער אויף אונדזער שטוב, און אַ מין אומרוהיקייט און פחד האָבן גענאָגט אין האַרצן.

איינמאָל איז דורכן שטעטל אַדורך אַ פּאָלק סאָלדאַטן. די מאַמע, אין איר גרויס אומרו און בענקשאַפט, איז געשטאַנען און געקוקט אויף זיי, האָפנדיק דאָס זי וועט אפשר זען איינעם פון אירע קינדער; ס׳איז צוגעקומען צו איר אַ זשאַנדאַרם און איר אַרעסטירט, אונטער דער באַשולדיקונג דאָס זי איז אַ שפּיאָן. מ׳האָט איר געהאַלטן אַרעסטירט אַ לענגערע צייט, צום סוף האָט מען זי אַוועקגעפירט אין שטאָב, צום גענעראַל. 4 זשאַנדאַרמען, מיט נאַקעטע שווערדן, האָבן איר געפירט דורך די גאַסן. מיר די קליינע קינדער, איך, מיין שוועסטער פעשקע, און מיין קלענערער ברודער — הירשל, זענען נאָכגעלאָפן און געוויינט. אויך דער טאַטע איז נאָכגעגאַנגען, אַ בלייכער און דערשלאָגענער. אין הויפּט־שטאָב, אויף ניישטאָט, האָט אַ גענעראַל, מיט אַ לאַנגער באָרד, געפּאָרשט די מאַמע. זי האָט אים דערציילט דאָס זי האָט 3 זין אין דער אַרמיי, און זי קוקט אויף די דורכגייענדע זעלנער, אפשר וועט זי דערזען איינעם פון אירע קינדער.

מיר זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען דערשראָקענע אין דרויסן און געוואַרט. דער גענעראַל האָט געעפנט דאָס פענצטער צוגערופן אונדז און געפרעגט: — איר האָט 3 ברידער אין דער אַרמיי? — יאָ — האָבן מיר געענט־פערט, און אויסגערעכנט זייערע נעמען און אַדרעסן. אונדזער ענטפער איז דעם גענעראַל געפעלן געוואָרן, און ער האָט תיכף באַפרייט די מאַמע.

די רוסישע זשאַנדאַרמען האָבן אָבער געזוכט נייע קרבנות. זיי האָבן שבת,

אין שול, אַרעסטירט שלמה דעם שוסטער (דעם „וואָקזאַלניק״), אויך האָבן זיי געכאַפּט וועלוול בייטש, דעם קירזשנער.ביידע שטילע, פּשוטע און אומשולדיקע יידן. מ׳אָט זיי באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש און פאַרשיקט זיי קיין סיביר. שלמה איז דאָרט געשטאָרבן. וועלוול דער קירזשנער איז נאָך דער רעוואָלוציע אין 1917, צוריקגעקומען אַהיים, אָבער ער איז געווען אין גאַנצן צעבראָכן, און נאָך אַ קורצע צייט איז ער געשטאָרבן, נאָך גאָר אַ יונגער מענטש.

אין אַ געוויסער נאַכט האָבן קאָזאַקן זיך אַריינגעריסן צו אונדז אין שטוב, און באַרויבט אונדז. קלאָגן זיך איז נישט געווען פאַר וועמען. יידישער לעבן און יידיש גוטס, זענען געווען הפקר.

די רוסישע רעוואָלוציע, 1917

מ׳האָט „אָראָפּגעוואָרפן״ ניקאָלאַיען. די איוועגצער יידן האָבן זיך געפרייט מיט דער רעוואָלוציע. מ׳האָט געזונגען די מאַרסעליעזע, געגאַנגען מיט די רויטע פאָנען, און די האָפענונג אויף בעסערע צייטן האָט זיך צובליט.

מלכה, אידל קאַפּילעוויטשעס, און איר ברודער בן־ציון, יונה, נפתלי־בערס, דער שוסטער, און לייבע גאָלדעס, זענען אויסגעקליבן געוואָרן אין רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט.

אָבער די גרויסע האָפענונגען און שמחה האָט לאַנג נישט געדויערט. ס׳איז געקומען די באָלשעוויסטישע אָקטאָבער רעוואָלוציע און אין לאַנד האָט געהערשט אַ תוהו ובוהו, אַן אַנאַרכיע, צומישעניש, באַגלייט מיט גרויס שרעק. אַלץ איז מיט אַ מאָל געוואָרן הפקר. זעלנער האָבן מאַסענווייז פאַרלאָזן דעם פראָנט, און געלאָפן אַהיים. (אויך מיין ברודער יוסף אין הירשל עלי־חיימס, ווי אויך שלמה, מאיר דעם קצבס, זענען דאַן געקומען אַהיים). ס׳איז געוואָרן לית־דין ולית־דיין. און ווי געוויינלעך אין אַזעלכע מאָמענטן, זענען די הויבט געליטענע געווען די יידן. סאָלדאַטן און סתם גויים, האָבן גערויבט יידישע הייזער און קראָמען.

צו אונדז אין הויף, האָט מען אַריינגעוואָרפן אַ גראַנאַט, וועלכער האָט זיך אויפגעריסן און אויסגעזעצט אַלע שויבן. מיין באָבע יוכבד איז דאַן פון שרעק געשטאָרבן. ווער ווייס מיט וואָס ס׳וואָלט זיך דאַן געענדיקט. צו אונדזער מזל, זענען אָנגעקומען די דייטשן, און מיט אַ מאָל איז געוואָרן רוהיק.

אָבער די דייטשן האָבן גענומען זאַמלען עסנוואַרג; תבואות, בהמות, פערד, און עס געשיקט קיין דייטשלאַנד. און אין אונדזער גאַנצן געגנט האָט זיך אָנגעהויבן אַ הונגער.

דערווייל איז אויך אין דייטשלאַנד געוואָרן אַ רעוואָלוציע. מ׳האָט דאָרט „אַרונטערגעוואָרפן״ דעם קיסר ווילהעלם, און די דייטשן זענען פון אונדז אַוועק, צוריקגעקערט זיך קיין דייטשלאַנד.

די באָלשעוויקעס זענען אָנגעקומען. דער הונגער איז געוואָרן שטאַרקער, די פּאַפּיר געלט האָט פאַרלאָרן זייער ווערט. מ׳האָט דאַן גענומען בייטן פאַר־שידענע זאַכן אויף עסנוואַרג.

מיין טאַטן האָט געטראָפן אַ גליק; ערב שבועות, האָט ער געקראָגן ביי אַ באַקאַנטן קריסט, אין דאָרף בוצקעוויטש, אַ האַלבן פּוד קאַרטאָפל און אַ ביסל קאָרענע מעל, און געבראַכט עס צושלעפּן אויף זיינע פּלייצעס. און האָט דאָס פאַרטיילט דער גאַנצער משפחה, כדי זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן, שבועות..

ס׳זענען ווידער פאַרלאָפן עטלעכע חדשים, און אונדזער גאַנצע געגנט איז אָקופּירט געוואָרן דורך דער נאָר וואָס ענטשטאַנענער פּוילישער אַרמיי.

די פּוילישע זעלנער האָבן געראַבעוועט, געשלאָגן און אויך געהרגעט יידן. דאַן איז דערהרגעט געוואָרן יאָשקע חייעס, און אויך מיכל דעם נאָבאָראַווצינערס אַ קרוב, אַ סטודענט. זיי האָבן זיך אויך נאָכגעיאָגט נאָך מיין ברודער יענקל, אים איז געלונגען אַנטלויפן פון זיי. אָבער אַנטלויפנדיק האָט ער צושעדיקט אַ פוס, און עטלעכע יאָר שטאַרק געליטן פון דעם, ביז ער האָט באַשלאָסן צו אָפּערירן זיך אויף דעם, און בעת דער אָפּעראַציע—געשטאָרבן. די פּאָליאַקן פלעגן אויך כאַפּן יידן אויף פאַרשידענע אַרבעט, און אויסנוצן יעדע געלעגנ־הייט, זיי צו שלאָגן.

אַזוי האָבן זיי געכאַפּט מיין ברודער יוסף, און נאָכקע, דעם שמש פון נייעם שול, און געשיקט זיי טרייבן די בהמות נאָך דער אַרמיי. נאָך עטלעכע טעג האָבן זיי זיך צוריקגעקערט, שטאַרק צעשלאָגענע.

דעמאָלט האָט מיין ברודער, יוסף, זיך פאַרשוואָרן דאָס ער בלייבט נישט מער אויף דער פאַרשאָלטענער פּוילישער ערד, און גענומען זוכן אַ וועג ווי אַרויסרייסן זיך פון פּוילן.

ווידער זענען אַדורך אייניקע חדשים, און די באָלשעוויקעס האָבן גענומען צוריקשטויסן די פּאָליאַקן, און אין איוועניעץ איז פאָרגעקומען דאַן אַ קאַמף צווישן די רוסן און פּאָליאַקן.

די פּאָליאַקן זענען געלעגן הינטערן שטיינערנעם פּאַרקאַן פון יידישן בית־עולם, און די רוסן, אויפן אַלטן בית־עולם. קוילן און שראַפּנעלן האָבן געפייפט אין די גאַסן. אַ באָמבע איז דאַן געפאַלן אויפן דאַך פון דער ש״רה קראַמען אויפן מאַרק. די איינוווינער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערן, און ניצל געוואָרן פון טויט. ס׳האָט געשען אַ נס, און דאָס שטעטל איז נישט אַוועק מיטן פייער. בלויז די וואַסער־מיל מיט די 2 בריקן זענען דאַן פאַרברענט געוואָרן.

נאָכן קאַמף, ווען די פּאָליאַקן זענען אָפּגעטראָטן, האָט מען אויפן מיטן מאַרק (אַנטקעגן חיים־וועלוועלס שטוב) מקבר געווען די דערהרגעטע באָלשע־

וויקעס. אַ קאָמיסאַר און בענציע אידל־פּישעס, האָבן געהאַלטן הספדים אויף די קברים פון די געפאַלענע זעלנער.

אין יענער צייט איז אויפן פראָנט געפאַלן בנימין עלקינד (חנה־חשקעס זון), ער איז געווען אַ קאָמיסאַר. דעמאָלט האָט זיך אויך צוריקגעקערט אָן אַ פּיס שייקע שנעפּער (משה־אהרונס זון) ער האָט לאַנג נישט געלעבט, און יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט.

ווידער זענען אַדורך עטלעכע חדשים, און די באָלשעוויקעס וועלכע זענען שוין געשטאַנען ביי די טויערן פון וואַרשע, האָבן גענומען לויפן צוריק. (די פּאָליאַקן האָבן דאַן גענומען פייערן יעדן יאָר, דעם טאָג ווען די רוסן זענען אָפּגעטראָטן פון וואַרשע, און דעם טאָג אַ נאָמען געגעבן — „דער נס ביים ווייכסל״).

די פּאָליאַקן האָבן זיך צוריקגעקערט צו אונדז דעם לעצטן טאָג סוכות, 1921, און זענען שוין געבליבן ביז 1939. ביז פּוילן איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן היטלער און סטאַלין!

די ערשטע יאָרן פון דער באַנייטער פּוילישער מדינה, איז אין רעזשים געווען גאַנץ ליבעראַל. יידן האָבן ווידער געעפנט זייערע קראָמען. אין איוועניעץ איז יעדער מיטוואָך פאָרגעקומען אַ מאַרק־טאָג, ס׳האָט ווידער אויפגעלעבט דער מסחר, און די בעלי מלאכות האָבן געהאַט גענוג אַרבעט. אַ טייל איוועניצער האָבן גענומען שמוגלען סחורה קיין רוסלאַנד. דער נייער רוסיש־פּוילישער גרענעץ איז געווען נאָהעט פון איוועניעץ, נעבן די גרענעץ שטעטלעך, רוביזשעוויטש און וואָלמע. און אייניקע זענען רייך געוואָרן פון דעם. עס האָבן זיך גענומען ווייזן אַמעריקאַנער טוריסטן, איוועניצער לאַנדסלייט, יידן אין קריסטן. מען האָט אָנגעהויבן באַקומען פון אַמעריקע, דאָלאַרן און פּעקלעך. דער „היאַס״ איז געווען טעטיק, און אַ סך געהאָלפן דער יידישער באַפעלקערונג. אויך דער יידישער קולטורעלער לעבן האָט אָנגעהויבן איפּבליען; מען איז געווען פאַרבונדן מיט וואַרשע און ווילנע. צוויי טעגלעכע צייטונגען, „דער היינט״ און „דער מאָמענט״ פלעגן אָנקומען קיין איוועניעץ. צוויי יידישע פאָלקס־שולן האָבן זיך געעפנט אין שטעטל. ס׳האָבן זיך געגרינדעט יוגנט אָרגאַניזאַציעס; „השומר הצעיר״, בית״ר, און דער החלוץ. ס׳פלעגן פאָרקומען רעפעראַטן און פאַרשטעלונגען. מען האָט גענומען האָפן אַז יידן וועלן קענען לעבן אין פּוילן...

אָבער דער אַנטיסעמיטיזם האָט גענומען וואַקסן און איז געוואָרן אומערטרעגלעך; ס׳האָבן זיך געעפנט קריסטישע קראָמען און קאָאָפּעראַטיוון, מיטן לאָזונג — „סוואָי דאָ סוועגאָ״ — יעדער צו זיינעם. און יידן האָבן פאַרלוירן זייערע פּרנסות. גלייכצייטיק האָט די רעגירונג אַרויפגעלייגט אויף די יידן גרויסע שטייערן, און פאַראָרעמט זיי. די אַרבעטסלאָזיקייט האָט געוואַקסן, און פאַר די פּוילישע יידן איז נישט געווען קיין אויסוועג פון דער לאַגע. די וועלט איז געווען

פאַר זיי פאַרשלאָסן; אין אַמעריקע איז געווען די „קוואָטע" און ס'איז געווען שווער צו קריגן אַ וויזע. אויך ארץ־ישראל איז געווען כמעט געשלאָסן פאַר יידן; סערטיפיקאַטן זענען געווען בצמצום, און געציילטע האָבן זוכה געווען צו עולה זיין. די אַטמאָספער איז געוואָרן אַלץ שווערער, געדריקטער. שוואַרצע וואָלקנס האָבן געוואַקסן און פאַרדעקט דעם יידישן האָריזאָנט, ביז דער גרויסער אומגליק איז געקומען, און היטלערס רוצחים האָבן פאַרענדיקט דאָס, וואָס די פאָליאַקן האָבן אָנגעהויבן...

די איוועניעצער צוויי בתי־מדרשים

צוויי בתי-מדרשים זענען געווען אין איוועניעץ; די אַלטע שול און די נייע שול. צוויי קוועלן פון טרייסט פאַר די יידן. די שול איז געווען אַ צענטער־פּונקט פאַר די יידן, אַ פּלאַץ פאַר אומעטיקע און צופרידענע, פאַר רייך און ארעם, פאַר היימלאָזע און עלענדע. שרעקעוודיקע יידן, וועלכע זענען אין דער גויאישער גאַס, געווען גרויסע פחדנים, פלעגן אין שול ווערן גיבורים, און אַפילו אויפהייבן אַ קול... די שול איז נישט נאָר געווען צום דאַוונען און לערנען, אָבער אויך אַ פּלאַץ פאַר אַלע קהילה ענינים, פאַר וואָכעדיקע זאָרגן און דאגות. יעדער ייד האָט זיך געפילט דאָרט היימיש. דאָרט איז געווען פאַר וועמען אָראָפּרעדן פון האַרצן, אין ס'האָט זיך שטענדיק געפונען דאָרט ווער ס'זאָל זיך אָננעמען פאַר אַ שוואַכן. אויב אַ ייד האָט זיך געפילט שטאַרק באַעוולט, פלעגט ער אַפילו „עוכב הקריאה" זיין, און שבת נישט לאָזן אַרויסנעמען דעם ספר־תורה, צום לייענען. געווען איז געווען, דאָס עמעצער זאָל זיך שטעלן ביים אַרויפגאַנג צום אָרון־הקודש, און נישט לאָזן עפענען, און קיינער וואָגט נישט דעם מענטשן אָנרירן. אדרבה, מען איז נייגעריק צו הערן אין וואָס די עוולה באַשטייט. זאָל דער מענטש דערציילן וואָס עס דריקט אים... און נישט איינמאָל האָט געשען, דאָס דער קהל פלעגט זיך צוגיין, נישט לייענדיק די תורה. (אַזוי איז געווען, ווען משה'קע יאַשע־בערס, דער שוסטער, האָט עוכב הקריאה געווען).

דאַרף מען הילף פאַר דעם ביקור־חולים, אָדער פאַר דער גמילות־חסד קאַסע, אָדער פאַר אַנדערע צדקה אַנשטאַלטן, דער אָרט פאַר דעם איז אין שול.

פאַלט ביי אַ אָרעמען בעל־עגלה דער פערד — אין שול באַשטימט מען אים צו קויפן אַ נייעם פערד.

דער אָרט פון אַלע גוטע מעשים — איז אין שול.

די נייע שול איז געווען אויסגעמאָלט אינווייניק. דער סופיט און די ווענט זענען געווען געמאָלט מיט פיל־פאַרביקע בלומען און אָרנאַמענטן. קענטיק אַז אַ גרויסער קינסטלער, וועמען מ'האָט אַראָפּגעבראַכט אַמאָל. מיט אַ סך יאָ־ן צוריק, האָט עס געמאָלט. די גירלאַנדן און איינציקע בלומען, האָבן אויסגעזען

ווי לעבעדיקע. נאָר שפּענער פון אַלץ איז געווען דער גרויסער לייב, וועלכער איז געווען אויסגעמאָלט איבער דער טיר, ביים אַרויסגאַנג. ווי אַ לעבעדיקער, שטייט דער לייב, אָט דער קעניג פון די חיות, אין די טיפע, גרינע גראָזן, מיט זיין געדיכטער, קעניגלעכער גריווע, און קוקט אויף דיר מיט זיינע פייערדיקע אויגן, ווי ער וואָלט דיר וועלן פאַרזיכערן, — זייט רוהיק, איוועניצער יידן, איך היט אייך! פלעגן טאַקע די איוועניצער יידן זיך פילן זיכער אין שול...

אָט זיצט ביים לאַנגן טיש, נעבן אויוון, אברהמ׳ל אַנציעס, און זאָגט תהילים. ס׳איז שבת בין מנחה־למעריב. אברהמ׳ל דער האָראָפּאַשניק, דער פּשוטער און אָרעמער ייד, ער האָט צו קיינעם קיין טענות נישט. ער טראָגט וואַסער און האַקט האָלץ. ער דרייט די גרויסע ראָד פון דער „סעלצערסקע" מאַשין, ביי אַבען אין מויער. ער גראָבט די קברים פאַר די איוועניצער נפטרים. אים איז מען אויך „מכבד" מיט דער עליה פון דער „תוכחה". ער נעמט אַלץ אָן באהבה, און באַקלאָגט זיך נישט חלילה.

ער וווינט אויף מוכאוויץ. אין אַ קליינער הילצערנער הייזקע, און אירע צוויי פענצטער, ליגן ממש אויף דער ערד. דאָרט וווינט ער מיטן ווייב און טעכ־טערל, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע מיידל. זיין ווייב, אַ שטילע יידענע, מיט טיף־איינגע־פאַלענע, גוטע אייגן, האָט צו אברהמ׳לען קיין טענות; אַזוי איז די וועלט, אַזוי דאַרף עס זיין מסתמא...

איך פלעג צוקוקן זיך אין שול אויף אברהמ׳לען, און אָפט כאַפּן מיט אים אַ קורצן שמועס. ער קוקט נישט אויף דיר ביים שמ׳עס נאָר ער רעדט צו זיך אַליין, פרעגט און ענטפערט: — האָ, וואָס זאָגסטו?... עס טויג נישט אַזוי?... נו וועל איך דיר זאָגן, ס׳איז גאָרנישט, עט, פּוסטע מעשיות... זיינע שאלות און תשובות האָב איך גוט נישט פאַרשטאַנען, ער האָט קענטיק געהאַט זיין אייגענע פילאָזאָפיע אין לעבן. אָט דער הויכער, דאַרער ייד, איז געווען אַ טייערער און גוטהאַרציקער מענטש.

נעבן דעם לאַנגן טיש, ביים אויוון, פלעגן דאַווענען אַזעלכע יידן, אָרעמע שטילע האָראָפּאַשניקעס.

אַ ביסל העכער, ביים וואַנט, נאָהענטער צום מזרח, אויף אַ אייגענעם פּלאַץ, מיט אַ אייגענעם שטענדער. צווישן ישיע ריווע־מיכלעס און משה בער דעם שוסטער, זיצט הרצל דער קרופּעניק.

ער איז כמעט אינגאַנצן בלינד. ער קען אָבער אויף אויסנווייניק, דעם גאַנצן דאַווענען פון שבת און אַלע יום־טובים. דאָס איז אַ ייד, אַ „למד-וניק". ער איז אַן הויכער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ לאַנגער קודלאַטער באָרד. ער וווינט אין אַ קליין, הילצערנער שטיבעלע, מיט אַ ליימענער פּאָדלאָגע. זיין חיונה ציט ער פון מאַכן גרויפּן. אַ גאַנצן טאָג דרייט ער זיין מילכעלע. אָט ווי דער בלינד־

געוואָרענער שמשון הגיבור האָט געדרייט די זשאַרנעס ביי די פלישתים. ר׳ הערץ איז אָבער נישט אין געפּאַנגשאַפט ביי די פלישתים. ער איז צווישן יידן, ביי זיך אין איוועניעץ. דרייט ער די זשאַרנעס און זאָגט גלייכצייטיק תהילים.

הרצל דעם קרופּניקס גריקענע און פּערל־גרויפּן, זענען געווען אַ שם־דבר. פרייטיק אין דער פרי, פלעגט די מאַמע מיר שיקן צו הרצלען קויפן אַ האַלבע קוואַרט גריקענע גרויפּן, כדי צו קאָכן דעם פרייטיקדיקן מילכיקן קרופּניק.

פרייטיק אָוונט. דער עולם צעגייט זיך פון שול. לאַפּע ,דער אַלטער נידע־ריקער שבת־גוי, מיט אַ לאַנגער, בלעכענער טרייבל אין האַנט, לעשט אויס אין שול די ליכט און לאָמפּן. מיט געלאַסענע טריט און אין אַ געהייבענער שטימונג גייט מען אַ היים. דורך די פענצטער לייכטן אַרויס די שבת ליכט, און פילן אָן דאָס האַרץ מיט שטילער פרייד.

אין שטוב איז אַלץ פייערלעך, שבת׳דיק, ריין און אויסגעפּוצט.

...שלום עליכם מלאכי השרת... די משפחה זיצט ביים טיש אין אַ געהייבענער שטימונג, מען עסט, מען זינגט די זמירות, און שפּעטער גייט מען מידע שלאָפן...

שבת אין דער פרי ; דער טאַטע וועקט אונדז, שטייט אויף, קינדער, איר וועט פאַרשפּעטיקן צום דאַווענען...

דורכן אָפענעם פענצטער הערן מיר טאַקע אַז מען האַלט שוין ווייט אין שחרית. קיווע דער סטאָליער, דאַוונט היינט ביים עמוד, און מיר הערן זיין וואַרעמע שטימע.

מיר ווינען נישט ווייט פון דער שול. זומער, דורך די אָפענע פענצטער, הערן מיר ווו מען האַלט דאָרט אין דאַווענען.

מיר טוען זיך גיך אָן. דער טאַטע איז שוין אין שול, די מאַמע אויך. אַלע שכנים זענען שוין דאָרט. וואָס פאַר אַ פּנים וועלן מיר האָבן ווען מיר וועלן אַריינפאַלן אין מיטן דאַווענען ? ווער גייט עס נישט שבת אין שול ? אַפילו לפּידות, דער אַפּטייקער, מיטן געראַזירטן, קיילעכדיקן פּנים, וועמען מען זעט זעלטן אין גאַס, אַפילו ער קומט שבת אין שול...

אָנגעטאָן זיך, לויפן מיר אין שול, צום טאַטן. זיין „שטאָט״ איז אין מזרח, קעגן איבער דעם רב, ר׳ יחזקאל־שמחה ראַבינאָוויטש.

אונדזער קוזין, עלי, דעם פעטער שלומס זון, האָט זייער אַ פיינע שטימע. דאָס שטעטל האָט באַשלאָסן דאָס ער קען זיין אַ גוטער חזן. און ווען ער דאַוונט, לויפן אַלע אים הערן. אַמאָל דאַוונט ער אין אַלטן שיל, כדי דער זיידע זאָל נחת האָבן, און אַמאָל דאַוונט ער אין נייעם שול, כדי זיין טאַטע, שלום און די מאַמע, שרה, זאָלן נחת האָבן. פאַר אונדזער משפּחה איז עס אַ כבוד.

ווען מיר זענען אונטערגעוואַקסן, פלעגן מיר שבת צום „לייענען״, מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר הינטערן ווייסן קלויסטער, אָדער נאָכן מיל, אויף ניי־שטאָט,

נעבן יאַשע דעם מאַקאַשיצערס קוזניע, און צוקוקן זיך צו זיינע געגנז און קאַטשקעס, וועלכע שווימען אַרום אין טייך. אָפטמאָל פלעגן מיר אַזוי אורעק־שפּאַצירן ביזן גרינעם באַרג.

אין אונדזער חברה האָט זיך געפונען אויך איזיק דעם רב׳ס. קינדווייז, איז ער געווען אַ גרויסער שטיפער, אַ מזיק ממש. מיט אַ מאָל האָט ער זיך שטאַרק געביטן, געוואָרן ערנסט, אַ סך געלייענט, איבערהויפּט פילאָזאָפישע ביכע־. און אַזוי שפּאַצירנדיק, פלעגט ער מיט בעגייסטערונג אונדז דערציילן וועגן שפינאָזע, שאָפּענהויער, קאַנט און ניטשע. ער פלעגט אונדז אַריינפירן אין טיפע, פילאָ־זאָפישע וועלטן. אַפילו יוסף חנה־חאַשקעס, אָט דער דיקלעך און פריילעכער בחור, אַפילו ער, פלעגט זיך צוהערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו איזיקס רייד און געדאַנקען. און אַזוי דיסקוטירנדיק, פלעגן מיר נישט באַמערקן ווי די צייט לויפט. און צוריקקערן זיך אין שול ווען דער עולם האָלט שוין ביי „יקום פּורקן״. אָבער מיר זיצן שוין נישט מיט אונדזערע טאַטעס, מיר זענען שוין דערוואַקסענע בחורים, דעריבער בייזערן זיי זיך נישט, פאַרן פאַרשפּעטיקן צום לייענען.

באַזונדערס אַנגענעם אין שול, איז אין די קאַלטע ווינטערדיקע אָוונטן; אין דרויסן „קנאַקט״ דער פראָסט. דער שניי סקריפּעט אונטער די פיס. די פּאַרע פון מויל, ווערט פאַרפרוירן און פון די וואָנצעס און בערד, הייגען אייז־ליכטלעך. צו די ברונעמער איז אַ סכנה צוצוגיין, אַזויפיל אייז איז דאָרט אָנגעוואַקסן, דאָס מען קען זיך אויסגליטשן און ברעכן אַ פוס. און אַז מען וויל אָנשעפּן אַ עמער וואַסער, ווערט די האַנט צוגעפרוירן צום „אַצעפּ״. פּלוצלינג ווערט אַ „זאַווערוכע״, קאַלטע בייסענדע ווינדן רייסן זיך אַריין פון אַלע עקן גאַסן, און פאַרשיטן די הייזער מיט בערג שניי.

אָבער אין שול איז וואַרעם, אַ מחייה. די צוויי אייוונס מיט די שיינע, גלאַנ־ציקע קאַכל, זענען גוט אָנגעהייצט און פאַרשפּרייטן וואַרעמקייט איבערן גאַנצן שול.

ס׳איז שוין נאָך מעריב, אָבער אַ טייל פון עולם בלייבט נאָך אַ ביסל אין שול. ס׳איז שטיל און וואַרעם דאָ. דאָ איז מען זיכער פון פּראַנינקעס, דעם שיכור, אַ גוי אַ רוצח. וועלכער שיכורט זיך אָן און שפּאַצירט איבער די גאַסן. דאָ האָט מען נישט מורא פאַר בולשען און יאַצקאָווסקען די פּאָליציאַנטן, מיט זייער קאָמענדאַנט דעם אַנטיסעמיט. מען פאַרגעסט דאָ אויף אַ ווייל פון סניעזש־קען, דעם וואָיט, דעם שונא ישראל. מען פאַרגעסט אַפילו ,פון פאַרטעשאַניקן, דעם דיקן פּאָליאַק, וועלכער קומט פון וואָלאָזשין, מאָנען די שטייערן.

שטייען אַזוי די יידן אין קופּקעלעך, און מען שמועסט געלאַסן וועגן פאַרשידענע ענינים. אַזוי שמוסנדיק, דרייט מען אויף אַ פּאַפּיראָס, אָדער מען

איז זיך מכבד מיט אַ פּאַרטיקן פּאַפּיראָס, מיט אַ „גילזע״, וועלכן מ׳האָט געקויפט ביי אברהם ריווע־ראָכעס, אָדער ביי מאַלציקעס איידעם, ביי ראַבינאָוויטש דעם געלן. מען רויכערט מיט גרויס הנאה. אויף אַ ווייל זענען פאַרגעסן געוואָרן אַלע זאָרגן.

אונטן, ביים לאַנגן טיש, נעבן וואַרעמען אויוון, זיצט נאָך שמואל־אהרון, דער אָרעמער מעשה׳לעך פאַרקויפער. דער „זאיקע־שטאַמלער, וועלכער, דאַוונענדיק — חזרט ער איבער, מיט זיין וויינענדיקער שטימע, עטלעכע מאָל, דאָס זעלבע וואָרט. אויך איצט האָט ער נאָך נישט געענדיקט דאָס דאַוונען. בעיקר פאַר־פלאָנטערט ער זיך אין „עלינו לשבח״, עס נעמט אים אַ לאַנגע צייט ביז ער איז זיך מתגבר אויפן שטאַמלען, און פאַרענדיקט דעם דאַוונען.

אויך אין מזרח וואַנט, ביים רב׳ס שטענדער, שטייט אַ קופּקעלע יידן און פירן אַ פּאָליטישן שמועס. דער רב, ר׳ יחזקאל־שמחה, האָט אויך ליב נאָכן דאַוונען, כאַפּן אַ שמועס.

אידל פישעס, דער שטאָט גביר, פירט אַ ויכוח מיט מאַשקע בערענשטיין, דער יונגערמאַנצ׳יק מיט די געקרייזלטע האָר, און זלמן־אורעס (גאָרדאָן), לייגט צו אַ אויער און שמייכלט. מאַטעס דער אייזנקרעמער, וואַרפט אַריין אַ פּאָר ווערטער, רייסט זיי איבער דן דער שניט קרעמער: — אָבער פראַנקרייך קען זיך נישט אַריינמישן, ווייל... האַקט אים איבער אידל פישעס, מיט זיין תקיפדיקער, בייכיקער שטים, — און פאַרוואָס נישט? אָבער לייבע גאָלדעס קען נישט פאַרטראָגן זייערע סברות, און איז מבטל ביידן. מען הויבט זיך אָן צוואַרעמען, די לאַגע ראַטעוועט יונה קאַרפּ, דער גאַלאַנטעריי קרעמער. ער וואַרפט אַריין אַ וויץ, און אַלע צעלאַכן זיך. אָבער דאָ מישט זיך אַריין נח פארענציק, דער שניט קרעמער, און מיט גרויס אויטאָריטעט, זאָגט ער אַרויס זיין מיינונג. און שמואל אקון, רעדט נישט, ער שווייגט, אָבער ער קוועלט אָן פון זייערע ויכוחים. איצט איז געקומען די צייט פאַר אברהמ׳ל שיף, און ער נעמט די „לייצעס״ אין זיינע הענט. אברהמ׳ל איז אַ גוט דערצויגענער בעל־הבית׳ל. ער איז קיינמאָל נישט דער ערשטער אין אַ ויכוח. ער לאָזט פריער אַנדערע רעדן, ער הערט זיך צו און באַטראַכט דעם פּראָבלעם, און ווען ס׳ווערט אַ ווײלע שטיל, נוצט ער עס אויס, און זאָגט זיך דאָן אַרויס. ער רעדט שטיל, רוהיק, אין געציילטע ווערטער, און אַלע הערן זיך צו. אַפילו אידל פישעס, דער גביר און תקיף, וועלכער פאַרטראָגט נישט מען זאָל אים ענטפערן אַנטקעגן, אייך ער הערט צו און שווייגט.

אויך משה דער שמיד איז אין דער קופּקע מענטשן, ער הערט זיך צו צום ויכוח, ביז עס ווערט אים דערעסן. גיט ער אַ מאַך מיטן האַנט — עט.. ווייס איך וואָס... און גייט אַוועק.

דער רב, אַז ער הערט אַ גוטן געדאַנק, האָט ער שטאַרק הנאה פון דעם,

און אַ ברייטער שמייכל צושפרייט זיך אויף זיין פּנים.

דער עולם שמועסט, מען גיט אַ שמעק פון דער קהלשער שמעק־טאַבעק פּושקע, מען גיט אַ ניס, און מען שמועסט ווייטער. ביז מען דערמאַנט זיך, סוף־סוף, אַז מען דאַרף גיין אַהיים...

ס׳איז וואַרעם און גוט אין שול...

די אַלטע שול

דאָרט האָט געדאַוונט מיין זיידע, ר׳ ראובן רעליעס.

די אַלטע שול איז געווען קלענער פון דער נייער שול. אירע ווענט זענען געווען ווייס געקאַלכטע. דער ס׳פּיט, אַדורכגעפלאָכטן מיט דיקע, פּיר־קנאַטיקע באַלקעס. איבער דער בימה, איז אַראָפּגעהאַנגען אויף אַ קייט, אַ גרויסער, מעשענער היינג־לאַכטער, מיט מעשענע, קינסטלעך געפלאָכטענע בלומען. שבת און יום־טוב פלעגט מען עס אָנצינדן, און עס פלעגט פאַרלויכטן די שול.

ווען כ׳פלעג קומען אין דער אַלטער שול„ פלעגט מיר דער זיידע אָוועקזעצן נעבן זיך, הינטער דעם גרויסן הילצערנעם שטענדער, וועלכער איז שטענדיק געווען אָנגעפּאַקט מיט פאַרשידענע ספרים.

דער זיידע פלעגט מיר פרעגן דעם טייטש פ׳ן פאַרשידענע ווערטער, פון דער סדרה און הפטרה, און אַז כ׳פלעג עס וויסן, פלעגט ער מיט אַ גוטן שמייכל, מיר געבן אַ קוש אין באַק. זיין לאַנגע באָרד פלעגט מיר שטאַרק קיצלען, און איך פלעג קוים איינהאַלטן זיך פון געלעכטער.

דעם זיידנס שכן אין שול איז געווען ר׳ עלי־שעפּסל, דער שמיד. ער איז געווען דעם זיידנס אַ גוטער פריינט.

דער זיידע האָט געהאַנדלט מיט תבואה און פלאַקס. ער האָט געהאַט אַ אייגן פערד און וואָגן. ווען ער פלעגט דאַרפן שמידן דעם פערד, אָדער פאַרריכטן דעם וואָגן, פלעגט ער עס שטענדיק ברענגען צ׳ זיין פריינט, ר׳ עלי־שעפּסלען. איך פלעג אַלע מאָל באַוואונדערן, ווי אַזוי עלי־שעפּסל, פלעגט אָן מורא, אויפהויבן דעם פערדס פוס, פאַרשטעקן עס צווישן זיינע אייגענע פיס, און טאָן מיט דעם, וואָס ער וויל נאָר; שניידן, פיילן און קלאַפּן אין דעם טשוועקעס, און דער פערד שטייט שטיל, רוהיק, כאילו ס׳איז נישט זיינע אייגענע פיס...

ר עלי־שעפּסל האָט געהאַט פיר זין, פיינע, גוטע בחורים, אין אויך פיר טעכטער, „קראַסאַוויצעס״, אויך זיין ווייב, איז געווען אַ אמתע אשת־חייל.

ווען איך פלעג קומען צום זיידן אין שול, פלעג איך שטענדיק כאַפּן פון ר׳ עלי־שעפּסלען אַ קניפּ אין באַק. אָבער דאָס האָט מיר נישט ווי געטאָן, פאַרקערט, כ׳אָב געפילט אין דעם אַ ליבלעכע וואַרעמקייט, ווי פון אַ גלעט.

כ׳אָב ליב געהאַט דער אַלטער שול, אויך צוליב דעם שמש, ר׳ חיים שימשע־

לעוויטש. ער איז געווען אַ שטילער און איידלעער ייד. גרויס דרך־ארץ אַב איך געהאַט פאַר זיין זון, אהרון־דוד; אַ צניעותדיקער בחור, מיט אַ בלייכן פּנים מיט אַ שוואַרצער בערדל, מיט אַ פּאָר גרויסע, אומעטיקע אויגן. גאַנצע טעג פלעגט ער זיצן ביי דער אָפענער גמרא און לערנען. ווען ער איז געוואָרן עלטער און חתונה געהאַט, איז ער געוואָרן דער שטאָטישער שוחט. נישט ער, און נישט זיין טאַטע האָבן אויף אונדז יינגלעך, שטיפער, געשריגן, אָין געטריבן פון שול. נאָר מיט גוטן זענען זיי געגאַנגען מיט אונדז.

זיי זענען גאָרנישט ענליך געווען ווי אַנדערע שמשים...

ביידע שולן זענען געווען אַרומגערינגלט מיט יידישע גערטנער און הייזער. זומער, ווען די סעדער און גערטנער פלעגן זיך צובליען, פלעגן די שמעקנדיקע ריחות זיך אַריינגנבנען דורך די צועפנטע פענצטער אין די שולן, און אָנפילן זיי מיט זייער געשמאַקן ריח.

מיין טאַטנס שטוב

מיין טאַטע, שמואל זאַק, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן אין איוועניעץ — שמואל ראובנ׳ס, אַ שטילער, שיינער, בעל־הבתישער ייד, אַ למדן. ביז זיין חתונה, האָט ער געלערנט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. ער איז אויך געווען אַ משכיל, און אַ שטענדיקער לייענער פון „המליץ״ און „הצפירה״. נאָך זיין חתונה איז ער געוואָרן אַ תבואה הענדלער. דער יאָך פון פּ־נסה, איז פאַר אים געווען זייער אַ שווערער.

מיר זענען ביי אים געווען זעקס קינדער; פינף זין: שלום, יעקב, יוסף, איך און הירשל. אויך אַ טאָכטער — פעשקע.

מען האָט געדאַרפט קאָרמענען זעקס מיילעכלעך, קויפן זיי בגדים און שיכ־לעך, און צו דעם אַלעם — צאָלן די מלמדים און לערער.

די מאַמע האָט אויך געהאָלפן טראָגן דעם יאָך פון פּרנסה. מיין מאַמע האָט געשטאַמט פון די באַרימטע קוידעוועגער משכילים. זי איז געווען אַ מאָדיסטין; זי פלעגט מאַכן קינסטלעכע בלומען, גירליאַנדעס און דאַמען היט. עלטעכע יאָר, האָט זי דעם פאַך געלערנט אין ווארשע.

קיין איין חתונה, סיי אַ יידישע און סיי אַ קריסטישע, איז נישט פאָרגעקומען אין איוועניעץ, און אין דער סביבה, איידער מען האָט זיך נישט באַראָטן מיט דער מאַמען. קיין כלה איז נישט געגאַנגען צו דער חופה, איידער די מאַמע האָט נישט באַפּוצט איר חופה־וואַל...

אויך דער טאַטע איז געווען באַוווסט אין גאַנצן געגנט; נישט נאָר פאַר זיין ערלעכקייט, נאָר אויך פאַר זיין גוטהאַרציקייט. ווען ס׳פלעגט זיך דערנענטערן די זיי־צייט, פלעגן צענדליקער אָרעמע פויערן קומען צו אים מיט ליידיקע זעק,

און בעטן זיך: — ראַטעוועט מיר, שמואלקע, גיב אַ ביסל תבואה צו פאַרזייען. נאָכן שניידן, וועל איך דיר עס אָפּגעבן...

און דער טאַטע פלעגט געבן. ער פלעגט צוטיילן אַ סך תבואה. ער האָט נישט געקענט זיין גלייכגילטיק צו די ליידן פון די אָרעמע פויערן. אָבער נישט אַלע פלעגן אים צוריקגעבן דעם חוב. די רשימות פון די בעלי חובות, זענען געוואַקסן פון יאָר צו יאָר, און געלעגן פאַרשטויבענע, אויפן בוידעם...

די קריסטן האָבן דעם טאַטן שטאַרק געליבט; — אַ גוטער זשיד איז שמו־אלקע — אָבער דאָס האָט נישט פאַרקלענערט זיינע זאָרגן, און נישט לייכטער געמאַכט דעם שווערן יאָך פון פרנסה.

די מאַמע, ווי אַלע איווענצער בעל־הבית׳טעס, פלעגט אַליין באַקן דאָס ברויט, פאַר איר גאַנצער געזינדל, און אָפּטמאָל אַפילו אַליין ברענגען אַ עמער וואַסער פון דער קרעניצע, וועלכע איז געווען, נעבן מיכאַליוקן, דעם גנב.

אַז עמעצער פון אונדז פלעגט אַמאָל קראַנק ווערן, פלעגט זי נישט אָפּ־טרעטן פון אים, קודם כל, פלעגט מען אַוועקלויפן רופן יאַנקל ברוכן דעם פעלדשער.

יאַנקל־ברוך איז געווען אַ שיינער ייד, מיט אַ לאַנגער, ווייסער, אויסגע־קעמטער באָרד, מיט אַ פּאָר לאַכנדע אויגן, און מיט אַ פריילעכן שמייכל, אויף זיינע ליפּן.

אַז יאַנקל־ברוך פלעגט זיך ווייזן ביים קראַנקן אין שטוב, פלעגט דער קראַנקער זיך אויפמונטערן, די שטוב פלעגט זיך אָנפילן מיט אַ טרייסטנדיק־גוטע שטימונג.

ער פלעגט לאַנגזאַם עפענען זיין רענצל, דאָרט זענען געלעגן גלעזערנע באַנ־קעס און אַ קליסטיר, קיין רפואות זענען דאָרט נישט געווען. קיין טערמאָמעטער האָט ער נישט גענוצט; די היץ פלעגט ער מעסטן, צולייגנדיק זיין האַנט צום קראַנקנס שטערן. צו אַלע מחלות, האָט ער געהאַט איין רפואה: טרינקען ריצן־אייל! אָבער די בעסטע רפואה איז געווען זיין וואַרעמער שמייכל, און זיינע ווייכע, גוטע ווערטער: נו, שאַ־שאַ, ס׳איז גאָרנישט, ס׳וועט זיין גוט...

געענדיקט מיטן קראַנקן, פלעגט ער נאָך אַביסל צוזיצן, און כאַפּן אַ שמועס מיטן טאַטן, וועגן פּאָליטיק אָדער עניני־דיומא. ווען ער פלעגט שוין שטיין ביים טיר, פלעגט דער טאַטע אַריינשטופּן אים אין האַנט, אַ מטבע. מען פלעגט דייט־לעך זען, אַז יאַנקל־ברוך דער רופא, שעמט זיך צו נעמען אַ באַלוינונג פאַר זיין הילף. אין פאַרלאַנגנהייט פלעגט ער זיך זעגענען און אַוועקגיין.

ווען ס׳פלעגן זיין אַ סך חתונות אין שטעטל, פלעגט די מאַמע אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. זי האָט געהאַט אַ וווּנדערבאַרע שטימע. און זייע־ שיין געזונגען. פלעגט זי אַרבעטן און זינגען פאַרשידענע לידער און ראָמאַנסן. מיר

קינדער פלעגן שוין ליגן אין די בעטן, און דער מאַמעס זיסער געזאַנג, פלעגט אונדז איינשלעפערן, און ברענגען זיסע חלומות.

אויך דער טאַטע פלעגט זיך אָפט פאַרזיצן שפּעט אין דער נאַכט, נישט קענענדיק זיך אָפּרייסן פון ביאַליקס שירים אָדער פון אַן אַנדער בוך.

אונדזער שטוב איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק. דאָס איז געווען אַ הילצערנע, ברייטע געביידע, די הילצערנע שינדלען פון דאַך, זענען געווען באַדעקט מיט גרינלעכן מאָך. זיצנדיק ביי אונדז אויפן גאַניק, זעט מען אַלץ וואָס עס טוט זיך אויפן מאַרק. אין דער אמתן, טוט זיך גאָרנישט; ס׳איז שטיל אַרום און אַרום. ווען נישט דאָס קלאַנג פון די האַמערס, ביי משה דעם שמיד, אָדער פון משה׳קע



רחוב וילנה באיבניץ 1932

דעם „רב׳ס גאַס אין איוועניץ, 1932

גאָטליבס קוזניע, פון צווייטן עק מאַרק, וואָלט מען געקענט מיינען אַז דאָס גאַנצע שטעטל שלאָפט. די קרעמער, אין דער שורה קראָמען, אויפן מאַרק, קוקן אויס די אויגן אויף אַ קונה, און אַזוי זיצנדיק, כאַפּן זיי דערווייל אַ דרעמל. בלויז פון צייט צו צייט, צעשרייט זיך אַ מאַמע אויף אירס אַ קינד, אַ שטיפער, וועלכער „דאַקוטשעט" איר און לאָזט איר נישט רוהען...

לינקס פון אונדזער שטוב וווינען: אידל פישעס, ער איז דער גביר פון שטעטל, וווינט ער אין אַ צוויי־שטאָקיקן מויערל. פאַר אים איז מאַטקע דאַמסקיס

שטוב, מיט מערע־רבקה׳ס פאָטאָגראַפיע. דערנאָך, משה דער שמיד, חייקע די בעקערקע, וווהין ס׳האָט זיך שפּעטער אַריינגעצויגן ,דינה׳קע סיראָטקין, ווייטער איז מייטע עלקינדס שטוב, און אין ווינקל גאַס שטייט אבא׳ס ווייסער מויערל.


רעכטס פון אונדז איז די שטוב פון פעטער שלום, דאָרט וווינט אויך דער זיידע, ראובן־רעליעס. נאָכדעם איז הרצל דעם קרופּעניקס קליינע הייזל. ווייטער איז מושע קלמנס שטוב, ווו ס׳האָט אַמאָל געוווינט שלמה מיליקאָווסקי, דער העברעאישער לערער, וועלכער איז שפּעטער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. נאָך אים, איז שייעל דער שערער, און דערביי אין אַ שמאָל געסעלע, איז גדליהו ראַגאָוו, דער מעל סוחר. ווייטער איז יענקל־ברוך און זיין איידעם, פּייווע קוזניעץ. נעבן ברונעם, מיטן הילצערנעם „אַצעפּ״ איז פּיישע דעם בירערס שטוב, און לייבע־סלאַוועס פּעקאַרניע. (אַז מען פלעגט דאַרפן זומער, אַ שטיקל אייז, פאַר אַ קראַנקן, פלעגט מען עס קריגן ביי לייבע סלאַוועס, אָדער ביי פּיישע דעם בירער). אויפן צווייטן זייט מאַרק, איז אברהם־איצעס שטוב, מיט דער גלעזערנער ווערענדע, העכער אַ ביסל, איז בנימין דעם בייגל־מאַכע־ס שטוב, נאָך העכער, איז נחום כץ תבואה שפּייכלער. ווייטער איז גאָט ליב דער שמיד, הערצל דער ריי־מער, רחל די קאַמיניער, קיילע בערמאַן, און מיין מומע ריווע־ראָחע. איר שטוב איז אַ געשאַליוועטע, און מיט געפּאַרבטע לאָדן. (דאָס רוב הייזער אין שטעטל זענען געווען אָן לאָדן, און נישט געשאַליוועט). דעריבער האָט דער מומעס שטוב אויס־געזען שענער, מעשה פּריץ. אויך איר מאַן, אברהם פרידלאַנד, מיט דער קמיץ־בערדעלע, ריין אָנגעטאָן, און מיט גאָלדענע פּענסנע, האָט אויסגעזען ווי אַ פּריץ. נאָך דער מומען, איז געווען די שטוב פון אברהם־עליע, קאַרפּ און פּייזל כץ, מנשה׳קעס שטוב און קרעמל, יוחנן גאָלדבערג, ישעיהו־נח פּאַרענציק. ווייטער קען מען נישט זען, ווייל די שורה געמויערטע קראָמען, פאַרשטעלן די הייזער.

פון מאַרק פלאַץ, פאַרצווייגן זיך די איווענצער גאַסן און געסלעך: קוידאַ־נאָווער גאַס, ראַקאָווער גאַס, דעם רב׳ס גאַס, קליבאַנער גאַס, שול־הויף גאַס, די מיל געסל און ניישטאָט. און דאָס איז גאַנץ איוועניעץ.

אין די אַרומיקע גאַסן האָבן געוווינט יידן און קריסטן צוזאַמען. אַ סך קריסטן האָבן גערעדט גוט יידיש. כ׳געדענק איינעם אַזאַ, יוזשע בוראַק, וועלכער פלעגט אָפּט קומען צום טאַטן אין קלייט. כ׳האָב געגלויבט אַז ער איז אַ ייד. אָבער ווי גרויס מיין אַנטוישונג איז געווען, ווען כ׳האָב אָט דעם זעלבן יוזשע בוראַק, דער־זען אין אַ קאַטוילישער פּראָצעסיע, טראָגנדיק אַ גרויסן צלם אין האַנט...

ווען כ׳בין עלטער געוואָרן, האָב איך דערזען, אַז דווקא צווישן די יידיש ריידנדיקע קריסטן, זענען אַ סך שונאי ישראל. אַפילו צווישן די אָרעמע פּויערים, וועלכע דער טאַטע פלעגט העלפן אין זייער נויט, אַפילו צווישן זיי זענען געווען אַנטיסעמיטן. איבערהויפּט זייער יונגער דור.

אין אַ געוויסן מיטוואָך, ווען דאָס שטעטל איז געווען פול מיט פויערים וועלכע זענען געקומען צום מאַרק, האָבן זיך די פּוילישע רעקרוטן, אָנגעטרונקען, און גענומען בושעווען. צום ערשטן האָבן זיי גענומען ברעכן מיט די פּיס, די „פּאליווע״ ביי די יידישע הענדלער. אַז די פּאָליציי האָט זיך נישט באַוויזן, זענען זיי געוואָרן דרייסטער, און גענומען ראַבירן די יידישע קלייטן. אַ סך פויערים האָבן נישט געוואָלט זיין פאַרמישט אין דעם, זיי האָבן איינגעשפּאַנט זייערע פערד, און אייליק פאַרלאָזן דאָס שטעטל. אַ טייל קריסטן זענען אָבער געבילבן, און גענומען העלפן ראַבירן. פאַרביי אונדזער גאַניק איז דורכגעלאָפן דעם טאַטנס אַ באַקאַנטער פויער, פון דאָרף סיוויצע. ער האָט געשלעפט אַ פּאַק מיט אָנגערויבטע סחורה. דער טאַטע האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַנט, — יאַשקע, אויך דו? — אָבער דער גוי האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם טאַטנס



רחוב פילסודסקי באיבניץ, 1932 פילסודסקי גאַס אין איוועניץ, 1932

הענט, און אַנטלאָפן, מיט די צוגערויבטע סחירה.. יידישע בחורים, האָבן זיך קעגנגעשטעלט די פּאָגראָמשטשיקעס, אויך אַ טייל פון די איוועניצער קריסטן, האָבן געהאָלפן די יידן. דאָן איז פאַרווונדעט געוואָרן, שעפסל מושע־קלמנס, וועלכער האָט אַליין זיך געראַנגלט מיט אַ באַנדע שקצים. די פּוילישע פּאָליציי איז געקומען, ווען די פּאָגראָמשטשיקעס זענען זיך שוין צעלאָפן...

אַ לאַנגע צייט, האָט דער טאַטע זיך נישט געקענט באַרויקן, און פילע וואָכן איז ער געזעסן ביז שפּעט, און געשטילט זיין צאַרן, מיט ביאַליקס שירים.

מיין טאַטע, מיט נאָך פּופציק איוועניצער יידן, איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס, נעבן דאָרף קורדוני.

מיין עלטסטער ברודער שלום, מיט זיין פרויביילקע און זייערע קינדער זענען אומגעקומען אין שטעטל איוויע.

מיין שוועסטער פעשקע, איז אומגעקומען אין איוועניצער געטאָ.

מיין יונגערער ברודער הירשל, איז אומגעקומען אין נאָוואָגרודקער געטאָ.

איוועניצער מלמדים און לערער

פאַר מיינע צייטן, זענען אין איוועניעץ געווען עטלעכע אָנגענומענע מלמדים, ווי:

גדליה־אברהם דער שמש פון נייעם שול, זיין חדר איז געווען אויפן ווייבערשן שול, ער איז געווען דער עלטסטער אין דער שטרענגסטער מלמד.

דערנאָך איז געווען ר׳ לייב־דוד דער מלמד, ביי אים האָט מען שוין געלערנט גמרא. דער דריטער מלמד איז געווען, ר׳ נחום שירקעס, אַ אַלטער און שוואַכער ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד אַ ברייט פלייציקער און שווערער מאַן. ער האָט געהאַט 2 זין: הירשל און לייבע. נאָך זייער חתונה זענען זיי אויך געוואָרן מלמדים.

דער עיקר דרדקי מלמד איז געווען אָבער ר׳ שלום דער מלמד. ער איז געווען אַ הינקנדיקער מיט אַ ווייסער באָרד אָבער מיט רויטע פול־בלוטיקע באַקן און ליפּן וועלכע זענען געווען אַ קאָנטראַסט צו זיין ווייסער באָרד און וואָנצעס. זיינע אויגן האָבן געהאַט אַ שטיפערישן גלאַנץ. ער איז געווען זייער אַ שטרענגער רבי און זיין בינטל רימענע „לאָקשן״ זענען אָפט געפאַלן אויף די יונגע פלייצעס פון זיינע תלמידים. אָבער גלייכצייטיק איז ער געווען אַ תמימותדיקער און שמייכלדיקער ייד. אַזוי דאָס אָפט האָט זיך געדוכט אַז זיין שטרענגקייט און „סטראַשען״ זענען נאָר אַ שלייער פאַר אים... אַפילו יומים־נוראים, ווען ער איז געשטאַנען ביים עמוד, אַלץ שליח-ציבור, אין אַלטן שול, האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין הייזעריק־קרייזלדיקער שטימע אַ מין שטיפערישקייט.

זיין חדר איז געווען אַריינגעקוועטשט דווקא צווישן צוויי קריסטישע הייזער. פון איין זייט סקידלאָווסקיס שטוב און פון צווייטן זייט, מיקוצקי׳ דעם סטאַ־ ראָסטעס שטוב, מיט זייערע זין די שיכורים. אָבער ר׳ שלום האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם און ווייטער געקנעלט...

נאָך אַ שטרענגער רבי איז געווען ר׳ נחום־שמואל, ער האָט געוווינט אַנטקעגן ר׳ חיים דעם שמש, אויפן שול־הויף גאַס.

יאָרן שפּעטער, ווען די כוואַליעס פון דער מאָדערניזאַציע האָבן דערגרייכט ביז דעם קליין, פאַרוואָרפענעם שטעטעלע איוועניעץ, זענען אָנגעקומען מאָדערנע לערער, און ס׳זענען אויפגעשטאַנען מאָדערנע שולן, ווי די „תרבות״ און „חורב״ שולן.



ביה"ס תרבות באיוועניץ, קבלת־פנים לד"ר נייגר מווילנה, 1930
די תרבות שולע אין איוועניץ, אַ קבלת־פנים פאַר ד"ר נייגער פון ווילנה, 1930

איינער פון די לערער איז געווען חפץ, אַ יונגער, הויכער און דאַרער בעל־בית׳ל מיט ברילן, וועלכע האָבן צוגעגעבן אַ מין שטרענגקייט צו זיין יונגן פּנים. נאָך אַ לערער — גוזולטשאַני, אַ נידעריקער, מיט אַ גרויסן פּליך, אַ קלוגער, לעבעדיקער יונג, אויך מיט ברילן.

אַ לערערין, לילי שוסטער, פון ווילנע, אַ צניעותדיקע, ציכטיקע און אַ שטילע ווי אַ טויב.

און נאָך אַ לערערין — טובה, דווקא אַ רעדעוודיקע, ערנסטקייט און מילד־קייט זענען געווען ביי איר אויסגעמישט צוזאַמען. און נאָך לערערס, וועלכע איך געדענק נישט.

די חדרים האָבן זיך צוביסלעך צוגעמאַכט. די אַלטע מלמדים האָבן אויפ־געהערט צו קנעלן. זייער פּרנסה, וועלכע איז שטענדיק געווען בדוחק, איז איצט אָפּגעהאַקט געוואָרן, און זיי האָבן גענומען אַרויסקוקן אויף צדקה..

אין מיל געסל, נעבן אידל דעם גלעזער און טעמע די בעקערקע, האָט גע־וווינט ר׳ נחמיה. אייך ער האָט געהאַט אַ חדר. אָבער ער איז געווען מער לערער, ווי מלמד. ביי אים האָט מען געלערנט דקדוק, שרייבן און חשבון.

ר׳ נחמיה איז געווען אַן איידעלער און שטילער ייד. אַ בעל־תורה און משכיל. אַ ערלעכער און פילבאַרער מענטש. יעדע עוולה, יעדע אומגערעכטיקייט וועלכע האָט פּאַסירט הן אין דער ברייטער וועלט און הן אין שטעטל, האָט אים גע־ווייטיקט. נישט אַלע האָבן אים אָבער פאַרשטאַנען..

ווען כ׳בין אַלט געוואָרן 6 יאָר, האָט מיר מיין טאַטע אַריינגעגעבן צו לייבע שירקעס (לייבע ראַלניק) אין חדר. דער חדר איז געווען איפן מאַרק, ביי אברהם־איטשען, די שטוב מיט דער גלעזערנער וועראַנדע. פון דאָרטן איז דער חדר אַריבער אין מיל געסל. און שפּעטער איז ער אַריבער אין אַ אייגענער קליינער הילצערנער הייזל, אין שייעל דעם שערערס געסל.

11 זמנים, כמעט זעקס יאָר, בין איך אָפּגעווען ביי ר׳ לייבען אין חדר, ווייל מיין טאַטע האָט אין אים שטאַרק געגלויבט.

ר׳ לייב איז געווען אַ הויכער און ברייט פּלייציקער ייד, מיט אַ פּיינער, אונ־טערגעשאָרענער בערדל, און ציכטיק אָנגעטאָן. ער איז געווען מער לערער ווי מלמד. ביי אים האָבן זיך געלערנט אויך מיידלעך. מיט יאָרן שפּעטער, ווען ס׳האָט זיך געגרינדעט די „תרבות״ שולע, האָט מען אים ציגענומען אַהין אַלס לערער.

אין חדר ביי אים האָט ער זעלטן זיך געבייזערט אויף זיינע תלמידים, און קיינמאָל, חס־ושלום, נישט געשלאָגן.

ער איז געווען אַ גרויסער מטופּל מיט קינדער. פּרנסה איז געווען בצימצום, און ער האָט געלעבט אין דחקות. זיינע ברייטע, מאַנסבילישע פּלייצעס, האָבן זיך פון יאָר צו יאָר, אַלץ מער איינגעבויגן זיך, אונטערן שווערן יאָך פון פּרנסה.

אויסער דעם קנעלן, האָט ר׳ לייב געהאַלטן אין אַרענדע דעם פרוכט סאַד פון „מאָסקאָלעוושצינער״ הויף, וועלכער האָט בעלאַנגט צום פריץ — טוקאילע. דאָס איז געווען אַן הויכער, דיקער מאַן, אַ געלערנטער, און יידן פריינדלעכער, אַן אַלטער בחור, אַ אָפּשטאַם פון אַ פוילישער מיוחסדיקער משפחה.

אַט דער פריץ, טוקאילע, האָט געהאַט גרויס צוטרוי צו ר׳לייבן, און האָט נישט געוואָלט הערן פון פאַרדינגען דעם סאַד, צו אַנדערע. אַפילו זיינע בייזע הינט, האָבן געהאַט צוטרוי צו ר׳ לייבן און זיין משפחה, און געהאָלפן זיי היטן דעם סאַד.

און וואָס איז נישט געווען אין דעם סאַד? איידער די עפּל און באַרן זענען פאַרטיק געווען צום עסן, האָבן געררייטס און געצייגן צו זיך די רויטע וויינפערלעך, די גרינע, זאַפטיקע אַגרעסן, פלוימען און שליווקעס.

ווי נאָר די פרוכט פלעגט נעמען פאַרטיק ווערן, פלעגן ר׳ לייבס עלטערע קינדער אַריבער גיין אין סאַד, כדי היטן פון גנבים.

פאַר ראש־השנה, נאָכן ענדיקן דעם „זמן״, פלעגט לייבע שירקעס, קומען אויך אין סאַד, כדי העלפן היטן.

דאָס ריינע אויסגעשטערנטע הימל, דאָס שטילקייט אַרום, דער מחייהדיקער ריח פון גראָז און ווילדע בלומען, פלעגן אים פאַרוואַנדלען אין גאַר אַן אַנדער מענטש; זיינע פלייצעס פלעגן זיך אויסגלייכן, די אויגן פלעגן אויפשיינען און דאָס האַרץ פלעגט זיך אָנפילן מיט גוטע, שיינע האָפענונגען. מיט אַ גלויבן אין בעסערע טעג.

ס׳פלעגן אָנקומען די יום־טובים, אין פויערים מיט וועגענער פלעגן אָנפילן דעם סאַד; זיי פלעגן אָנלאָדן די וועגענער מיט עפּל און באַרן און עס אָוועקפירן אין שטעטל; אָנפילן מיט זיי ר׳ לייבס שפייכלער און בוידעם, אויך מיין מומע ריווע־ראַחעס בוידעם און שפייכלער, וועלכער איז געווען נעבן שול, און זייער זיסער ריח האָט אונדז געקיצלט און גערייצט, דווקא יום־כיפור, אין טאָג פון הייליקן תענית...

נאָך 11 „זמנים״, אין ר׳ לייבס חדר, האָט מיר דער טאַטע איבער־געפירט צו לייב־דוד דעם מלמד. זיין חדר איז געווען אויף מוכאָוויצער גאַס, ביי יאַשקע־חיה׳ס און שטיבל. אין שכנים מיט ישיע ריווע־מיכלעס שענק. אַט דעם יאַשקע־חיה׳ס, האָבן די פוילישע סאָלדאַטן, געכאַפּט אין די „פּישצוהעס״, ווו ער האָט אַרומגעזוכט זיין אַנטלאָפענע קיה, און אים דאָרט דערשאָסן.

נעבן חדר, הינטער די יידישע גערטנער, האָט אַדורכגעפלאָסן, ווי אַ בליש־טשענדיקער שלענגל, אַ שמאָל טייכל, וועלכעס האָט אַדורכגעפלאָסן אויך דעם קסיאָנדז „סענאַזוענץ״, און הינטערן ווייסן קלויסטער ביים מיל, אַריינגעפאַלן אין גרעסערן טייך — וולמה.

ר׳ לייב־דוד איז געווען פון די חשובע מלמדים, אַ רבי פאַר די עלטערע קינדער. אין טאַש פון זיין לאַנגער, גרויער קאַפּאָטע, האָט ער געטראָגן אַ קאַנטשיק, אָבער ער האָט זייער זעלטן אים גענוצט. אין אַלגעמיין פלעגט ער זיך בענוגענען מיט אַ קניפּ אין די ווייכע ערטער... אָבער זיין קניפּ איז געווען שאַרף און פלעגט אַרויסברענגען טרערן. מיר האָבן געהאַט גרויס ד״ך-ארץ פאַר אים, אָבער אויך מורא געהאַט. ער איז געווען אַ קלוגער ייד און אַ למדן. יעדן טאָג, צווישן מנחה און מעריב, פלעגט ער „זאָגן" אין שול, פאַר אַ עדה יידן — אַ פרק משניות. ער האָט געקענט יעדן טרוקענעם פסוק, אויפלעבן און פאַר־שטעלן אים מיט אַ שיינעם, הומאָר — פולן משל, אַזוי אַז אַלע פלעגן „לעקן פון אים די פינגער". אויך אין חדר, פלעגט ער מיט זיינע דערקלערונגען אונדז אַריינפירן אין אַ פאַרצויבערטער וועלט. אַפילו די גרויסע שטיפערס, ווי איטשקע לייזערס און יאָשקע, גיטע־פרומקעס, פלעגן זיצן שטיל, און צוהערן זיך מיט אויפמערקזאַמקייט, צום רבי׳ס ווערטער. ווי לעבעדיק און פאַרביק האָט ער דערציילט די געשיכטע מיט אליהו און די פאַלשע נביאים אויפן הר הכרמל. אָדער די נבואה וועגן דעם טאַל מיט די טרוקענע ביינער. און ווען ער האָט אונדז געלע־נט דעם קאַפּיטל „חזון ישעיהו" האָט זיך אונדז געדוכט דאָס מיר זעען פאַר אונדזערע אויגן דעם אייזל מיט די לאַנגע אויערן און דעם אָקס ביי זיין קאָרעטע.

עטלעכע יאָר שפּעטער, האָב איך שוין געלערנט ביי ר׳ יאָשע גרשונס בלויז גמרא. און נאָך שפּעטער האָב איך געהאַט דעם כבוד, און ר׳ משה מייזל האָט בלויז מיר אַליין, געלערנט גמרא.

משה מייזל איז געווען זייער אַ מיוחסדיקער בעל־הבית׳ל אין איוועניעץ. אַלמדן מופלג און אַ משכיל. אַ איידעלער און שטילער מענטש. די לעצטע יאָרן איז ער געווען דער מיוחסדיקער בעל־תפילה אין דער נייער שיל.

זיין סוף איז אָבער געווען זייער אַ טרויעריקער, ער איז דערמאָרדעט גע־וואָרן דורך די נאַצישע רוצחים...

אונדזערע מאַמעס

שווער איז געווען דער יאָך, וועלכן אונדזערע מאַמעס האָבן געטראָגן. שטיל, אָן טענות, האָבן זיי אים געשלעפּט.

אין די מערהייט הייזער, האָט מען קיין דינסטן נישט געהאַלטן. אַליין, מיט זייערע אייגענע הענט, האָבן זיי אַלץ געטאָן: געקאָכט און געבאַקן, געראַמט און געוואַשן. און אַליין אַפילו געשלעפּט וואַסער פון ברונעם.

די געזינדלעך זענען אָן אַן עין־הרע, געווען גרויסע; אַ סך קינדער, אַ סך מיילעכלעך. מ׳האָט געדאַרפט אַלעמען אָנקאָרמענען, אַלעמען אַרומוואַשן. אין

יעדע פרייע מינוט, געגנייט, געצירעוועט און געלאַטעט. אַ סך פון אונדזערע מאַ־מעס, האָבן צו דעם אַלעם, געהאָלפן שלעפּן דעם יאָך פון פּרנסה; נאָכן אָפּשטיין אַ לאַנגן טאָג אין קלייט, האָט מען צו־יקקומענדיק אַ היים, ווידער געאַרבעט, ביז שפּעט אין דער נאַכט!

זיי זענען געווען זייער צניעותדיקע, הן אין זייער אויפפירונג, און הן אין זייער קליידונג.

זייערע הערצער זענען געווען פול מיט רחמנות צו יעדן ליידנדן, פול מיט ליבע און אומבאַגרענעצטער איבערגעגעבנקייט, צו זייערע קינדער. פול מיט דרך־ארץ צום מאַן, און ווען אַ טיפער צער און ווייטיק, פלעגט דריקן אויפן האַרצן, און די ברוסט פלעגט זיך צעוועגן פון די שטיקענדע טרערן, פלעגט נאָר די קישן וויסן פון דעם, איינזאַפּנדיק דער מאַמעס טרערן, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

פרייטיק פאַרנאַכט, שטייענדיק ביים ווייס־געדעקטן טיש, מיט דער שבת־דיקער טיכל אויפן קאָפּ, און בענטשנדיק די שבת ליכט, פלעגן זיך אין אונדזער־ע מאַמעס הערצער, צעבליען די שענסטע געפילן און כוונות, וועלכע, ווען זיי וואָלטן פאַרווירקלעכט געוואָרן, וואָלטן פאַרוואַנדלט אונדזער ערד, אין אַ גן־עדן.

ווען די מאַמע פלעגט זיך איבערבויגן איבערן וויגעלע, כדי פאַרוויגן איר קינד, פלעגט אַ ים מיט ליבע פאַרפלייצן איר האַרץ, און די שענסטע, זיסע געזאַנ־גען פלעגט זי דאַן זינגען. און ווען חס־וחלילה, איינער פון איר געזינד פלעגט קראַנק ווערן, און זי פלעגט אַריינפאַלן אין אָרון־קודש, כדי בעטן רחמים אויף איר קראַנקן, האָט זיך געדוכט דאָס די הימלען שפּאַלטן זיך פון איר געוויין, פון איר צער און ווייטיק.

אונדזערע מאַמעס, אונדזערע איוועגצער מאַמעס! די אייביקע, שטראַלנדע ליכט, וועלכע באַגלייט אונדז אין אונדזער לעבן!

אינדזערע גוטע, טייערע איוועגצער מאַמעס. ווי שרעקלעך און אימהדיק איז געווען אייער סוף! אין פּיין און יסורים, זענט איר אומגעקומען פון די טמאדיקע, נאַצישע רוצחים.

אונדזערע ווונדערבאַרע, גוטע מאַמעס! אייער זכר, און אונדזער בענקשאַפט נאָך אייך, וועלן אייביק בלייבן מיט אונדז!

דער גרינער באַרג, די „פּישצוהעס"

אין די זומערדיקע שבתים, נאָכן „וואַרעמס" מיטן טשאָלענט, לאָזן זיך די איוועגצער יידן, שפּאַצירן הינטערן שטאָט. צו דער נאַטור. עס שפּאַצירן עלטערע און יונגערע, מענער, פרויען און קינדער. מען גייט „כאַפּן" עטלעכע שעה „דאַטשע" אין כוואָיניק, אויפן גרינעם באַרג, דאָרט איז אויך דער „גובערנאַטאָרס"

סאַד און די „פּישצוהעס". זיי געפינען זיך הינטערן ווייסן קלויסטער. אַנדערע גייען הינטער מיקוצקעס שייער, אין הויף צום פּריץ, און זיין וואַלד.

אַ שבתדיקע רוהיקייט הערשט איבער אַלעם. דער פאַרשיכורנדער ריח פון פרישע, אָפּגעשניטענע היי, מישט זיך אויס מיטן ריח פון די פעלד בלימלעך. די גרינע גראָז, ווינקט און ציט צו זיך. מען וואַרפט אַראָפּ פון זיך די שבתדיקע רעקלעך, מען בינדט פאַנאַנדער די שניפּסן, און מיט צעשפּיליעטע קראַגנס, ציט מען זיך אויס אויפן גרינעם גראָז. אַ קיל ווינטעלע גלעט דעם פּנים, שפּילט זיך מיט די האָר, און שעפּטשעט עפּעס אין אויער. די אויגן בלאָנדזשען אַרום איבערן קלאָרן בלויען הימל, ביז זיי פאַרקלעפּן זיך אין אַ טיפן, געשמאַקן דרעמל, און אַלע דאגות און צרות ווערן פאַרגעסן.

פאַרליבטע פּאָרלעך דערווייטערן זיך הינטער די ביימער און קוסטעס, כדי באַשיצן זייער ליבע פון פרעמדע אויגן, אַפילו די קינדער, וועלכע שפּרינגען שטענדיק אַרום, אַפילו זיי ווערן באַהערשט פון דער אַרומיקער רוהיקייט, זיי שרייען נישט און טומלען נישט.

שבתדיקע יידן פון איוועניעץ. יידן וועלכע האָבן געלעכצט נאָך אַ ביסעלע רו און נחת. אויף „דאַטשעס" זענען זיי קיינמאָל נישט געפאָרן. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט די פּאָר שעה פון דער שבתדיקער רו, אויף די איווענצער גרינע לאָנקעס...

*

פּלוצלינג זענען אָט די שיינע, גרינע פעלדער און וועלדער אונדז פרעמד געוואָרן, אַ ציטער וואַרפן זיי איצט אָן אויף אונדז, זייער ערד איז אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט יידיש בלוט. דאָרט, אין די „פּישצוהעס", זענען באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט, זעקס הונדערט יידישע קינדער. פּיצלעך קינדער, אומשולדיקע, ריינע נשמות. אַ אימהדיקער סוף צו אונדזער שבתדיקן רו־פּלאַץ!

אָ! גרינער באַרג, כוואיניק, גובערנאַטאָרס סאָד און די פּישצוהעס! אל טל ואל מטר עליכם! אין אייביקער וויסטעניש זאָלט איר בלייבן! כדי דערמאָנען די מענטשן, די גרוילעכע מעשים, וועלכע אייער ערד האָט פאַרדעקט!

„ילדי ציון"

נישט לאַנג פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה, איז מיט אַ מאָל, ווי פון זיך אַליין, אויפגעשטאַנען אין איוועניעץ אַ קינדער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן — „ילדי ציון". ס'רעדט זיך נאָר אַזוי — מיט אַ מאָל — דעם געדאַנק און דעם שטויס צו דעם, האָט געגעבן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון די דערוואַקסענע. וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די יידן אין שטעטל. די קינדער, יינגלעך און מיידלעך, פון 8—15 יאָר אַלט, האָבן זיך „אָנגעשטעקט" פון די גרויסע, און געגרינדעט די „ילדי ציון".

ר׳ לייבע סלאָוועס (מאָרדוכאָוויטש) דער בעקער, האָט זיי געגעבן אַ צימער, אויף דער שאַלקע, ביי זיך אין שטוב, און דאָרט פלעגן זיי זיך צונויפקלייבן.

אמת, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, איז אויך אין דער צאַרישער רוסלאַנד, געווען אומלעגאַל. אָבער מען האָט געמעגט לערנען, לייענען און ריידן עברית. אויך האָט מען געמעגט פאָרן קיין ארץ-ישראל.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין פּראָגראַם, אַפילו די דערוואַקסענע האָבן נישט געוווסט ווי צו אָרגאַניזירן זייער אַרבעט. דער איינציקער צוזאַמענבונד איז געווען מיט די ציוניסטן אין מינסק, וועלכע איז געלעגן 60 ק״מ פון איוועניעץ. די איינציקע קאָמוניקאַציע מיט דער גרויסער שטאָט, איז געווען מיט א פערד און וואָגן, און דאָס פאָרן קיין מינסק, אַהין און צוריק, האָט געדויערט דריי מעת־לעת.

האָבן די ציוניסטן אין איוועניעץ געטאָן דאָס וואָס דער אייגענער שכל האָט זיי דיקטירט. קיין אויסגעטראָטענע וועגן זענען נאָך נישט געווען, און דער דראַנג צו טאָן עפּעס פאַר ארץ־ישראל, איז געווען שטאַרק.

דאָס זעלבע איז ׳געווען מיט די „ילדי ציון״. אייגענע אויפטוען, אייגענע איינפאַלן, דער עיקר איז געווען צו שטילן דעם דורשט פון די יונגע נשמות.

מען האָט געשאַפן אַ קליינע ביבליאָטעק פון ביכער, וועלכע יעדער איינער האָט געבראַכט פון זיין היים.

ארץ־ישראל איז געווען איינגעוואָרצלט אין די יונגע הערצער, אָבער ווען מאָטע העשלס (מרדכי זילבער), דער ערשטער חלוץ פון איוועניעץ, איז אָפּגע־פאָרן קיין ארץ־ישראל (איצט לעבט ער אין כפר מל״ל), האָט עס זייער משפיע געווען אויף די קינדער, אין מיר האָבן גענומען חלומען וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

לייבע סלאָוועס האָט זיי געגעבן דעם צימער אומזיסט. ער האָט הנאה גע־האָט צוצוקוקן זיך ווי די קינדער קלייבן זיך צונויף, לייענען ,שמועסן אָדער זינגען, און לויפן נישט אַרום פוסט און פּאַס, אין די גאַסן. זיין זון חיים איז געווען איינער פון די הויפּט טוער פון די „ילדי ציון״.

לייבע סלאָוועס איז געווען אַ גוטמוטיקער ייד מיט אַ גרויסער מאָס פון חכמה, און פאַרשטאַנען זיך גוט אין די „שוואַרצע״ פינטעלעך. דעריבער האָט ער זיך גוטמוטיק באַצויגן אויך צו אונדז, די „ילדי ציון״. כאָטש נישט איינמאָל האָבן מיר זיך געדרייט אונטער זיינע פיס, גערוישט און געטומלט.

איינער פון די אַקטיווסטע פון צווישן אונדז, איז געווען אייזיק סיראָטקין, ער איז געווען פול מיט ענערגיע, און געווירקט אויף אונדז מיט זיין התלהבות. מיר האָבן געגרייט פאָרשטעלונגען, געליינט צוזאַמען און געלערנט עברית.

אַ גרויסער כבוד איז געווען פאַר אונדז, ווען די דערוואַקסענע ציוניסטן פון איוועניעץ, ווי מיכל רובינשטיין, מיין ברודער שלום זאַק א. א. פלעגן אונדז

באַזוכן און שמועסן מיט אונדז. מיר פלעגן זיצן שטיל און צוהערן זיך צו זייערע רייד, און פילן זיך זייער חשוב אין דעם מאָמענט.

ליידער איז אָט די קינדער אָרגאַניזאַציע צושטערט געוואָרן אין מיטן פאַנאַנ־דערבליען זיך; אין דער צורודערונג פון דער ערשטער וועלט מלחמה מיט אירע צרות און נאָכפאָלגונגען, ווי די קאַמ׳ניסטישע איבערקערעניש אין רוסלאַנד, דאָס אָנקומען פון די דייטשן אין יאָר 1917, די פוילן א. א. וו. און ס׳איז נישט געווען מער קיין פּלאַץ פאַר קינדערשער טעטיקייט. די „ילדי ציון״ האָבן אויפ־געערט צו עקזיסטירן.

פאַר דער קורצער צייט פון זייער זיין, האָבן זיי אָבער באַוויזן ווי שטאַ־ק איז געווען אין איוועניעץ דער דראַנג און דורשט נאָך אַ שענערע, פרייערע און בעסערע וועלט!



פעילי „תרבות״ באיבניץ, 1927 „תרבות״ טוער אין איוועני , 1927

מען שפּילט טעאַטער

דאָס שטעטל איז מיט אַ מאָל אויפגעלעבט געוואָרן: חנוכה אין אָוונט גיט מען אַ פאָרשטעלונג.

שוין צוויי חדשים ווי מען מאַכט ביי זעליק טשערנין אין שטוב „רעפּעטי־ציעס״. מען שטעלט יעקב גאָרדינס אַ פּיעסע: דער יידישער קעניג ליר״. דער הויפּט אַרטיסט איז נאַטירלעך — זעליק טשערנין אַליין.

וואַרעם איז ביי זעליק טשערנין אין זיין הינטער שטיבל. אין דרויסן איז אַ „זאַווערוכע״. דער ווינט טראָגט אָן הויכע קופּעס שניי נעבן די הייזער. דער פראָסט האָט פאַרדעקט די שויבן מיט הערלעכע בלומען. אין מיטן צימער שטייט אַ קיילעכדיקער טיש באַדעקט מיט אַ שבתדיקן טישטיך און אויף דעם שטייט דער נאַפט לאָמפּ. דאָס פייערל הינטער דער קיילעכדיקער גלאָז טוט זיך אַ צאַפּל, פון צייט צו צייט, פונקט ווי עס וואָלט זיך גערייצט מיט דער „מעטשעליצע״ אין דרויסן: — אהא, צו מיר וועסטו נישט צוקומען, מיר וועסטו נישט פאַרלעשן. וואַרעם איז אין שטיבל. זעליק טשערנין האַנדלט דאָך מיט ברען־האָלץ. אויפן הויף ביי אים, אונטער דער „פּאוועטקע״ ליגט האָלץ, אָנגעגרייט אויפן גאַנצן ווינטער. איז טאַקע די קאַכלענע אייוועלע גוט אָנגעהייצט, און די וואַרעמקייט גלעט און צערטעלט.

צוביסלעכווייס קלייבן זיך צונויף די „אַרטיסטן״. אָט איז געקומען וויכנע חייקין מיט איר חתן יוסף פרידלאַנד. זי איז אַ בלאָנדע און שיינע מיידל. זי זינגט זייער שיין, ממש ווי אַ אָפּערע זינגערין. זי שפּילט אַלע מאָל די הויפּט ראָלן. אויך איז שוין געקומען ציפּקע ראַדאַשקאַווסקי, דן דעם שניידערס טאָכטער, אַ פיינע מיידל מיט אַרטיסטישע פייאיקייטן. עס זענען שוין דאָ יאַנקעלע שיינעס, יודל דער וואָלאָזשינער, אַרעלע וויינשטיין און חיים מאסלאָוואַטי — די צוויי סופלאָרן. אויך מאָשקע גאָטליבס איז דאָ. דער עצם צונויפקלייבן זיך צוזאַמען ברענגט פרייד אין שאַפט אַ געהויבענע שטימונג. אויך הירשל זאַק דער הומאָריסט איז דאָ.

אָפטמאָל קלייבט מען זיך צונויף ביי טייבע כץ אין הינטער שטיבל, ביי איר טאַטן ר׳ לייזער, אויף קאַידאַנאָווער גאַס. אין דעם שטיבל וווינט טייבעס שוועסטער, איטקע מיט איר מאַן איטשע־וועלוול שנעפּער, אַ פיינער יונגערמאַן, נאָר וואָס חתונה געהאַט. אין שטיבל ביי זיי איז ריין, ציכטיק, און ווייסע גאַרדינען באַפּוצן די פענצטער. זי נעמט אונדז אויף זייער ווילּיק, חאָטש זי, איטקע, איז זייער מקפּיד אויף ריינקייט.

די פאָרשטעלונג קומט פאָר ביי משה עלקינד אין דער הילצערנער סטאָדאָלע. לעצטנס אָבער האָט מען געגומען פאָרשטעלן אין דעם פּוילישן „זעלנער קלוב״. „דאָם זשאָלניעזשאַ״. זעליק טשערנין און מאָשקע גאָטליבס האָבן עס דערוויזן, און דאָרט איז פיל אָנגענעמער און באַקוועמער ווי אין דער סטאָדאָלע.

זעליקס מאַמע די אַלטע, קען נישט פאַרטראָגן וואָס איר זון פאַרנעמט זיך מיט נאַרישקייטן, און פטר׳ט זיין צייט אויף פּוסטע זאַכן. — „זאָל ער בעסער זיך אויסזוכן אַ כלה און חתונה האָבן״ — טענהט זי.

אין אָוונט פון דער פאָרשטעלונג, שטייען ביי דער קאָסע פיל מענטשן און מען כאַפּט ממש די בילעטן. די ערשטע צו אַלע פאָרשטעלונגען זענען לייזער שיף מיט זיין משפּחה; דאָס ווייב, די טעכטער און דער עיקר, זיינע צוויי זין,

אשר און איטשקע, העלדישע בחורים. דער זאַל איז פול. דער גלאָק קלינגט שוין. מען האָט זיך אַפילו שטאַרק פאַרשפּעטיקט מיטן אָנפאַנג, אויף אַ גאַנצע שעה כמעט, אָבער דער עולם כעסט נישט און מען וואַרט מיט געדולד דער פאָרהאַנג זאָל זיך אויפהויבן. און אָט מיט אַ שטאַרקן סקריפּ, רירט זיך דער פאָרהאַנג און הויבט זיך לאַנגזאַם אויף. אָבער דער עולם קען זיך נישט איינשטילן, עס רוישט און עס טומלט זיך אין זאַל און די אַרטיסטן שטייען אויף דער בינע און וואַרטן ביז דער קהל וועט זיך באַרואיקן. „ש... ש... ש... הערט זיך פון אַלע זייטן, ביז מען שטילט זיך איין...

די פאָרשטעלונג ענדיקט זיך שפּעט אין דער נאַכט. דער עולם צעגייט זיך אין אַ געהייבענער שטימונג, און אַ סך טעג נאָכדעם, רעדט דאָס גאַנצע שטעטל וועגן דער פאָרשטעלונג. מען רעדט און מען באַרעדט, אָבער אַלץ אין אַ גוטן מוט.

די ביבליאָטעק

ס'איז שוין אָוונט. איך גיי „עפּענען" די ביבליאָטעק, זי געפינט זיך אין דער „תרבות" שולע, אויפן שול־הויף גאַס; ביי דינקע סיראָטקין אין שטוב. כ'קום שטענדיק פאַר דער עפענונגס צייט, און שטענדיק געפין איך שוין דאָרט אַ סך מענטשן.

חיים וואַבער, דער שוסטער, איז איינער פון די כלל טוער אין ביבליאָטעק. ער קומט דער ערשטער און פאַרלאָזט דער לעצטער. ער האָט ליב צו זיצן נעבן די ביכער, זיין דאַרער געזיכט צעשטראַלט זיך דאַן, און זיינע אויגן צעגלאַנצן זיך מיט אַ אינערלעכער ליכט. מיט זיין האָרעפּאַשנער, מאָזאָלעדיקער האַנט רירט ער אָן דאָס בוך מיט אַ צערטלעכקייט, ווי ער וואָלט אָנגערירט אַ געליבטעס קינד. נאָכן לאַנגן טאָג פון פאַרריכטן שיך, זיצט ער און לייענט ביז טיף אין דער נאַכט. אַזוי זיצט ער נעבן די צעעפּנטע ביכער שאַפעס און עצהט יעדן וואָס צו נעמען. — אָ, דאָס איז זייער אַ אינטערעסאַנטער בוך... דאָס איז גאָלד און זילבער".

דער עולם לייענט זייער אַ סך. יונג און אַלט. עס פאַרפעלן שוין ביכער צום פאַרטיילן. מען שלינגט פּשוט די ביכער. שיקט מען אָפּט באַשטעלונגען אין די ביכער פאַרלאַגן, קיין וואַרשע און ווילנע. געלט אויף דעם קריגט מען שוין; מען לייגט זיך צונויף, יעדער איינער גיט אויף דעם אַפילו זיינע לעצטע פאַר זלאָטעס.

די גרעסטע „שלינגער" פון ביכער זענען געווען: יוחנן בת־שבעס, אברהם פרידלאַנד, מנשקע ראַבינאָוויטשעס צוויי טעכטער, מנוחה און מלכה, און פּייווע קוזניעץ, דער שטעפּער. מען האָט געלייענט אַממערסטן יידיש, אָבער אויך העברעאיש. עס זענען געווען אויך ספּעציעלע „פיינשמעקערס" אין לייענען; מען וויל נישט סתם אַ ביכל, נאָר עפּעס מיט אַ געדאַנק. איינער פון זיי איז לייבע גאָלדעס, אַ ייד וואָס זוכט שטענדיק אַן אינהאַלט אין בוך. אויך איזיק דעם רב'ס איז געווען אַ גרויסער מבין אויף ביכער.

דורך איוועניעץ איז געפלאָסן אַ קליינער טייך, וואָלמה, דער בריק מיט זיינע „זאַסטאַווקעס" האָט רעגולירט דעם פלוס פון די וואַסערן, און אַזוי אַרום האָט זיך ביים מיל, געשאַפן אַ ברייטער און טיפער טייך, אירע וואַסער פלעגן דערגיין ביז די הייזער פון מיל־גאַס און פון צווייטן זייט בריק — ביז דער קוזניע פון יאָשע דעם מאַקאָשיצער. מיט יאָרן צוריק, האָט דער איוועניעצער פריץ, דראַ־גוּצעווו, אויסגעבויט ביים בריק, אַ מיל, נאָכדעם איז די מיל אַריבער צום פריץ, זאַנאַזשינסקי. די אינהאַבערס האָבן זך געביטן, אָבער די אַרענדאַטאָרס פון מיל זענען שטענדיק געווען יידן.

דער לעצטער אַרענדאַטאָר איז געווען, אלתר קראַוויץ.

אַרום איוועניעץ זענען געווען אַ סך טייכלעך, און אויך אויף זיי זענען אויסגעבויט געווען מילן. זייערע אַרענדאַטאָרן זענען געווען יידן: ר׳ שלמה דער פאַדניעווישער. ר׳ שלמה דער פערעלעסיאַנקער, ר׳ מיכל דער נאַבאַראָוושצינער, שרה די כאַטאַווער, ר׳ בנימין דער רודניער, שלמה דער קישעליער, יאָשקע דער באָראַקער, דער וואשישקער, ר׳ דוד דער באַרוויקאָווּשצינער, און שפעטער; ר׳ אלתר קראַוויץ און יוסף באדער און אַנדערע.

אויסער די מילנער, זענען געווען יידישע סמאָליאַרניקעס, וועלכע פלעגן אַרענדירן די סמאָליאַרניעס, ווו פון די וואָרצלען פון די ביימער, פלעגט מען אויסאַרבעטן טערפּענטין און סמאָלע. (ווי די משפחה פאַרעצקי).

אויך האָבן יידן אַרענדירט ביי די פריצים, די מילך־פאַקטן. (דער בריגאַ־טאָווער פאַקטער, דער אַנטאָנאָווער, און אַנדערע).

אַזוי אַרום זענען יידן געווען צושפּרייט אין די גוישע דערפער, און וועלדער. אין שטאָט פלעגן זיי נישט אָפט קומען, און דעריבער געווען ווי אָפּגעריסן פון יידישן לעבן. (אויף די ימים־נוראים, פלעגן אַלע ישובניקעס קומען אין שטאָט, כדי זיין צווישן יידן). דעריבער פלעגן זיי אויפנעמען מיט שמחה, יעדן דורכ־פאָרנדען, אָדער דורכגייענדן ייד. מעג ער זיין אַ סוחר, אָדער אַ קבצן. שטענדיק איז ביים ישובניק געווען אַ פלאַץ צום שלאָפן, און אויך וואָס צום עסן.

די גאַנצע משפחה פלעגט זיך צוזאַמענקלייבן אַרום דעם אורח, און שלינגען מיט דאָרשט זיין יעדן וואָרט. מען וואָלט געוועדט און געשמועסט נאָך און נאָך. אָבער דער אורח איז שוין מיד, און זיינע אויגן מאַכן זיך אים צו. גרייט מען אים צו אַ באַקוועמען געלעגער, און מען צוגייט זיך שלאָפן.

אַמנאָענטסטן צו איוועניעץ, איז געווען די מיל פון שלמה דעם פערעליעסאַנ־קער. בסך־הכל, אַ פּאָר וויאָרסט פון שטעטל. מען דאַרף נאָר דורכגיין מוכאָוויצער גאָס, ביז הינטער דעם רויטן קלויסטער, אַדורך גיין די זאַמדיקע בערגלעך, אַדורכ־שניידן די „פישצועס", ווו די שטעטלדיקע קיה, פלעגן זיך פיטערן אויף די גרינע

גראָז, מען גייט אַדורך דעם סאָסנאָוון וואַלד, און עס ענטפּלעקט זיך ר׳ שלמהס שטוב און מיל.

ר׳ שלמה, מיט דער לאַנגער, ווייסער באָרד, אָן דער קאַפּאָטע, מיט די ציצית איו דרויסן, שטייט אויפן גאַניק פון מיל און רעדט מיט אַ קריסט. עס איז אַזוי רוהיק און שטיל אַרום, דאָס עס זעט אויס ווי פאַרכישופט; די בלויקייט פון הימל שפּיגלט זיך אָפּ אין די קלאָרע וואַסער פון טייך. די הויכע סאָסנאָווע ביימער אין דעם געדיכטן וואַלד, טוען זיך נישט באַוועגן, ווי זיי וואָלטן זיך צוגעהערט צו עפּעס. די טונקעלע געדיכטעניש פון וואַלד, רינגלען אַרום די מיל דעם קליי־נעם, דעם בריקל, די הייזל און דעם טייכל. די הויכע ביימער, ווי גיבורים מיט „קוטשמעס" אויף די קעפּ, שטייען אויף דער וואַך, און היטל אָפּ ר׳ שלמה׳ן מיט זיין האָב און גוטס, פון בייזע אויגן...

די פּויערן פון די אַרומיקע דערפער ווי: קורדוני, קאָזאַרעז, חאמיץ און אַנדערע, האָבן גרויס דרך-ארץ פאַר ר׳ שלמה׳ן, וועלכער לעבט צווישן זיי, לאַנגע יאָרן. זיי ווייסן אַז ער זאָגט אַ וואָרט, איז עס הייליק. זיי קומען צו אים אָן עצה האַלטן, ער איז דאָך אַ „קלוגער זשיד". זיי קומען צו אים אַראָפּרעדן פון האַרצן זייערע דאגות. ער נעמט דעם פּויער אין אַ זייט, אויפן גרינעם גראָז, אָדער אין מיל, און זעצט זיך מיט אים אַנידער אויף אַ „קופּע" זעק מיט תבואה, אָדער ער פירט אים אַריין צו זיך אינשטוב, און זעצט זיך מיט אים ביים טיש, און רעדט מיט אים אויף זיין פּשוטער, ווייס־רוסישער שפּראַך, ער באַ־והיקט אים און גיט אים אַ פּאַסנדע עצה. ער פאַרמיטלט און מאַכט שלום צווישן די פּויערן. זייער אָפט פלעגט ער אויסהעלפן אָרעמע קריסטן מיט מעל און תבואה צום זייען.


אין די קריסטישע חג׳עס פלעגן אָפט זיך צונויפקלייבן ביי אים אין שטוב, די יונגוואַרג פון די אַרומיקע דערפער, און פאַרברענגען מיט אים אין געשפּרעכן. אָפט פלעגט ווער פון די שקצים ברענגען אַ האַרמאָשקע, און ס׳פלעגט ווערן „פריילעך" אין שטוב, ביז דער טומל פלעגט דערעסן ווערן ר׳ שלמה׳ס ווייב, זי פלעגט זיך צעשרייען, און אַרויסטרייבן זיי פון שטוב. און זיי, די געזונטע שקצים, פלעגן זיך דערשרעקן פאַר דער אַלטער יידענע, און אַנטלויפן... ביז דעם קומענידקן זונטיק.

באַרוויקאָוושצינער אַרענדאַטאָרס

דער דאָרף איז געלעגן צווישן גרויסע סאָסנאָווע וועלדער, 7 ק״מ פון איווע־ניעץ. פאַרביי אים האָט געפלאָסן אַ גרויסער טייך, דער איסלאַטש, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ וואַסער־מיל.

זומער פלעגן אַהין קומען יידישע „דאַטשניקעס". זיי פלעגן דינגען צימערן ביי די דאָרטיקע קריסטן, און פאַרברענגען דאָרט דעם זומער.

דער וואַלד און די מיל האָבן באַלאַנגט צום גראַף טישקעוויטש. (אין יאָר 1939, ווען די סאָוויעטן זענען אָנגעקומען אין אונדזער געגנט, האָבן זיי אַרעס־טירט דעם גראַף מיט זיין זון, און געהאַלטן זיי אַ לאַנגע צייט אין וואָלאָזשינער טורמע. זייער סוף איז אומבאַוווּסט).



מושבת קיץ של בית״ר בברוויקובשצינה, 1928
אַ זומער־קאָלאָניע פון בית״ר אין באַרוויקאָווּשצינע, 1928

אין סוף פון 19טן יאָר הונדערט אין אָנפאַנג 20טן, איז דער אַרענדאַטאָר פון מיל געווען אורי דער באַרוויקאָווּשצינער, אַ מחותן פון ר׳ ישראל סלָבטר. אורי, איז געווען אַ קלוגער ייד און אַ משכיל. אַלע זיינע קינדער זענען געווען הויך געבילדעט. צוויי טעכטער זיינע, זענען געווען פון די ערשטע, וועלכע זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל.

ווען אורי האָט פאַרלאָזט בארוויקאוושצינע. (ער איז אַוועקגעפאָרן מיט זיין משפחה, קיין רוסלאַנד), איז אויף זיין פּלאַץ געקומען ר׳ דוד ראַגאָווין.

אי זיענער צייט האָבן אין דאָרף געלעבט 10 יידישע משפחות, זיי האָבן געהאַט אַפילו אַ אייגענעם שוחט, דעם „רבי״, וועלכער איז געווען אַ ייד אַ משכּיל. די קינדער פון די אַרומיקע ישובניקעס ,האָבן געלערנט ביים „רבי״, אויך דאָרט געגעסן און גענעכטיקט. בלויז אויף שבת, פלעגן זיי פאָרן צו זייערע עלטערן. דעם רבי׳ס זון פייוול, האָט חתונה געהאַט אין ווילנע, און נאָכן רבי׳ס טויט, אַריבערגענומען צו זיך, זיין מוטער, שרה׳קען. זיי אַלע זענען אומגעקומען אין ווילנער געטאָ.

אין דער גרויסער צורודערונג פון די רעוואָלוציע צייטן, איז ר׳ דוד ראַגאָווין דערמאָרדעט געוואָרן, זיין קערפּער האָט מען געפונען אין וואַלד, נישט ווייט פון דאָרף. דאָס איז געשען אין יאָר 1919.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז אויך אָפּגעברענט געוואָרן די מיל.

דאָס אָפּגעברענטע מיל, האָט פון גראַף אָפּגעקויפט אַ קריסט, בראַזאָווסקי, וועלכער איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע.

אַ נייער אַרענדאַטאָר האָט גענומען אין אַרענדע דאָס אָפּגעברענטע מיל. זיין נאָמען איז געווען — אַלתר קראַוויץ. אַלתר איז אָבער נישט געווען קיין מומחה, דעריבער האָט ער גענומען אַ שותף, וועלכער איז נאָר וואָס געקומען פון רוסלאַנד. דער שותף איז געווען יוסף באַדער.

ער האָט אין רוסלאַנד (נעבן אוזדע) איבערגעלאָזן אַ גרויס פאַרמעגן, אַ פאַראַווע מיל, און אויך די משפחה, און איז אַריבער קיין פּוילן, בלויז מיט דער עלטסטער טאָכטער, מאַטלע.

די בארוויקאוושצינער קריסטן, וועלכע זענען געווען זייער פאַראינטערעסירט אין צוריקבויען די אָפּגעברענטע מיל, האָבן געקראָגן צוטרוי צום נייעם אַרענדאַטאָר, זיי האָבן זיך צונויפגערעדט, און געליען אים — אָן פּראָצענט — געלט, כדי ער זאָל קענען קויפן בוי-מאַטעריאַל, און אויך צו באַצאָלן די אַרבעטער.

אין אַ קורצער צייט איז אויפגעבויט געוואָרן אַ מאָדערנע מיל; אַנשטאָט די גרויסע וואַסער רעדער, איז איינגעריכטעט געוואָרן אַ מאָדערנע וואַסער טורבינע. ביים מיל איז אויפגעריכט געוואָרן אַ טאַרטאַק, און אויך אַ „וואַליוש״ (אַ איינריכטונג צום אויספּערטיקן די וואָלענע שטאָפן, וועלכע די קריסטן פלעגן אַליין וועבן).

אין מיל האָבן געאַרבעט 5 קריסטלעכע מילנער, און אויך אַ יידישער אָנגעשטעלטער; יוסף פרידלאַנד, פון איוועניעץ

יוסף באַדער האָט אַראָפּגעבראַכט זיין משפחה; דאָס ווייב, גוטע, און 3 טעכטער; רבקה, זינה, און לאה. אָבער זיין עלטערע טאָכטער, מאַטלע, האָט זיך

צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד, כדי צו ענדיקן דאָס לערנען, זינע, איז יונגערהייט געשטאָרבן, רבקה און לאה זענען געקומען קיין ארץ־ישראל, ווו לאה איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק 2 פיצלעך קינדער.



השומר הצעיר באיבניץ, במושבת חורף בבריביקובשצינה, 1931
השומר הצעיר פון איוועניץ אין אַ ווינטער קאָלאָניע אין בארוויקאוושצינע, 1931

אַלתר קראַוויץ איז געווען אַ פשוטער, אָבער ערלעכער ייד, אָן חכמות, און אַ וואָרט ביי אים, איז געווען אַ וואָרט.

אין יאָר 1926, האָט ער חתונה געמאַכט זיין טאָכטער, באַשקע.

עס זענען אָנגעפאָרן אַ סך געסט. אויך אַ סך איווענצער יוגנט זענען געקומען

אויף דער חתונה. מען האָט געטאַנצט און געזונגען די גאַנצע נאַכט. ערשט ווען ס'האָט גענומען טאָגן, האָבן די געסט זיך גענומען צופאָרן.

דער „טשוואָק" פון אָוונט איז געווען וויכנע פרידלאַנד, וועלכע האָט באַצויבערט די געסט מיט איר זינגען.

די אָרטיקע קריסטן, האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי אַלתרס שטוב און מיט אָפענע מיילער זיך צוגעקוקט צו דער יידישער חתונה, וועלכע זיי האָבן געזען צום ערשטן מאָל. אויך זיי האָט אַלתר נישט פאַרגעסן; ער האָט אַרויסגעטראָגן, און זיי מכבד געווען מיט לעקאַך און בראָנפן.

אין יענער צייט, האָבן אין דאָרף געלעבט 5 יידישע משפחות. איינע פון זיי איז געווען פייגע, מיט איר מאַן, מאָטע דעם משוגענעם. (ער איז געווען אַ קוזין פון דוד ראָגאָוו). פייגע האָט געצויגן איר פרנסה, פון די פויערן, וועלכע פלעגן קומען אין מיל; זיי פלעגן ביי איר טרינקען טיי, עסן אַ הערינג און קויפן טאַבאַק.

אין דאָרף פלעגן איינשטיין יידישע וואַלד סוחרים און וואַלד ספּעציאַליסטן; „שאַפּאַרעס" און „בראַקערס". די אויסגעהאַקטע ביימער, פלעגן די פויערן פירן דעם גאַנצן ווינטער, צום ברעג פון טייך. נאָך פסח, ווען דער שניי פלעגט צוגיין, און דער טייך איז אַריין אין אירע ברעגן, פלעגט מען דאָס געהילץ שיקן מיטן וואַסער, ביזן טייך ניעמאַן; און פון דאָרט קיין אויסלאַנד.

אין יאָר 1932, נאָכן טויט פון יוסף באַדער, האָט זיין חלק איבערגענומען ר' שלמה בערמאַן, וועלכער איז באַקאַנט געווען מיטן נאָמען — ר' שלמה דער קישעליער. ער איז געווען אַ שטילער און האַרציקער מענטש. ער האָט נישט ליב געהאַט אַ סך צו רעדן, אָבער יעדער וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען וואָגיק און צו דער זאַך.

די גרויסע שטייערן און דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט זיך צעבליט דאַן, האָבן געצווונגען די לעצטע 2 יידישע משפחות, צו פאַרלאָזן אין יאָר 1936 דעם דאָרף.

ר' שלמה דער קישעליער האָט געלעבט זיינע לעצטע יאָרן מיט זיין זון, מוליע בערמאַן, (דער סמאָליאַרניק פון יאַצקאָווע. 10 ק"מ פון איוועניעץ) וועלכער איז געפאַלן אַלץ פאַרטיזאַן, קעמפנדיק קעגן די נאַציס. ר' שלמה איז געשטאָרבן אין יאָר 1939, און איז געקומען צו קבורה אין איוועניעץ.

זיין טאָכטער, סימה, איז עולה געווען אין יאָר 1936.

אלתר קראַוויץ איז געשטאָרבן אין יאָר 1934. זיין זון לייבל, וועלכער איז געווען אַ שותף צום איוועניצער מיל, איז אומגעקומען מיט זיין משפחה, אין איוועניצער געטאָ.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די סדרה פון יידישע מילנער און ישובניקעס, אין בארוויקאָוושטשיזנע...

יאַשקע דער באַראַקער

יאַשקע איז געווען אַ „ישובניק״. אַן אַלטער בחור. אַ געזונטער, פעסטגע־בויעטער מאַן. שטענדיק פריילעך, גוטמוטיק, און שטענדיק גרייט יעדן צו העלפן.

זיין חיונע האָט ער געצויגן פון זיינע ערד, וועלכע ער האָט אַליין באַארבעט. ער איז געווען אין זייער גוטע באַציהונגען מיט די אַרומיקע פויערים, וועלכע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ אייגענעם מענטשן. זיי פלעגן זיך באַראַטן מיט אים, און אָננעמען זיינע עצות.

יאַשקע האָט געלעבט אין אַ קליין הילצערנער הויז, וועלכע איז געשטאַנען אין אַ געדיכטן וואַלד, ביים פערשייער טראַקט, וועלכער האָט אַדורכגעשניטן דעם וואַלד.

נישט ווייט פון זיין שטוב איז געווען אַ קליינער זומפּ, מיט אַ הילצערנעם בריקל איבער אים. און אָט אַרום דעם זומפּ, האָבן זיך געשאַפן אַ סך לעגענדעס.

די אָרטיקע קריסטן האָבן געגלייבט אַז דאָרט געפינען זיך שדים און לצים, והראיה:

קריסטן וועלכע פלעגן דאָרט דורכפאָרן אין אָוונט, צוריקקערנדיק זיך פון מאַרק־טאָג, און אַביסל בגילופין, פלעגן דערציילן דאָס שדים האָבן זיי פאַרנאַרט אין וואַלד, אויסגעשפּאַנט דעם פערד, און אָפּגעטאָן זיי פאַרשידענע שפּיצלעך...

אין די הערבסט פרימאָרגנס, ווען ס׳איז נאָך שטאַרק פינצטער, פלעגן פויערים פאָרן, מיט זעק תבואה, אין מיל, קיין בארוויקאַווישצינע. אויפן גאַניק פון מיל שטייט דער מילנער, און איילט זיי ברענגען די תבואה, און שרייט „סיפ״—שיט! (די תבואה צום מאָלן פלעגט מען אַריינשיטן אין אַ הילצערנעם קויש, איבער די זשאַרנעס). אָבער ווען ס׳האָט געגומען טאָגן, פלעגן זיי דערזען דאָס זיי געפינען זיך ביים בריקל, אויפן זומפּ, און די תבואה איז אויסגעשאָטן אויף דער ערד...

אין אַ געוויסן הערבסט טאָג, האָט די אָרטיקע מאַכט באַשלאָסן צו פאַרריכטן דאָרט די וועג. אין יענע צייטן פלעגט מען פאַרריכטן די וועגן, נישט ווי היינט: מען פלעגט אָנשניידן „לאַפּקעס״־צווייגן, פון די סאָסנאָווע ביימער, און מיט דעם אויסבעטן די וועג, און אויף דעם אָנשיטן ערד. אויך די וועג נעבן יאַשקען, האָט מען אויסגעבעט מיט די לאַפּקעס, אָבער מ׳האָט נישט באַוויזן אין זעלבן טאָג, צו פאַרשיטן עס מיט ערד.

אין יענעם אָוונט האָט זיך אומגעקערט פון פערשיי, איינער פון די אַרומיקע פריצימלעך. אַזוי פאָרנדיק איבער דער „בלאָטע״ האָט ער פּלוצלינג דערפילט אַ פּאַטש אין רעכטן אויער. אַ צושראָקענער, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אָבער ער האָט קיינעם נישט געזען, אָבער ווי נאָר ער האָט פאַרגעזעצט דעם פאָרן, האָט ער ווידער געכאַפּט אַ פּאַטש אין זעלבן אויער. דאָ האָט ער זיך דערמאָנט וועגן די שדים וועלכע געפינען זיך אין דער „בלאָטע״. אַ פּחד איז אויף אים

אַנגעפּאַלן, און ער האָט גענומען שמייסן דעם פערד. אָבער וואָס דער פערד לויפט שנעלער, קריגט דער פריץ שנעלער די פּעטש אין זיין רעכטער באַק און אויער. אַזוי איז ער צוגעפלויגן צו יאשקעס שטוב. אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, אַריינ־געלאָפן אין שטוב, און דערציילט יאשקען אַז שדים האָבן אים באַפאַלן. פון אָנפאַנג האָט יאשקע חושד געווען דעם פריץ אַז ער האָט זיך אָנגעזויפט מיט בראָנפן, אָבער דערזעענדיק זיין פאַרבלוטיקטן פּנים, האָט ער פאַרשטאַנען אַז עפּעס ערנסטעס איז דאָ געשען.

יאשקע האָט אָנגעצינדן די לאַנטערנע און געזאָגט צום פריץ — קום, מיר וועלן זען ווער דער שד איז.

צוקומענדיק צום פריץ׳ס וואָגן. האָט יאשקע דערזען דאָס צווישן די „שפּיצעס״ פון דער רעכטער ראָד, שטעקט אַרויס אַ גאַנצע לאָפּקע, איינע פון די, מיט וועלכע מ׳האָט פאַ־ייכט דאָס וועג, וועלכע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די שפּיצעס, און מיט יעדן דריי פון דער ראָד, פלעגט די צווייג זיך אויפהייבן און טרעפן דעם פריץ אין אויער..

— אָט האָסטו דעם שד — האָט ער געזאָגט צום פריץ, אָנווייזנדיק אויף דער צווייג...

דאָס איז געווען איינע פון יאשקעס מעשה׳לעך.

אויך דער פריילעכער „יאשקע דער באַראַקער״ איז אומגעקומען דורך די נאַצישע רוצחים.

שרה די חאָטאָווער

די גרעסטע אשת חייל צווישן די מילנערס פרויען, אַרום איוועניעץ, איז געווען שרה, אָדער ווי מען האָט איר גערופן, שרהקע די חאָטאָווער.

זי איז געווען אַ הויכע ברייטלעכע פרוי. איר מאַן, ר׳ הירש, איז געווען אַ ייד אַ תלמיד־חכם, אָבער אַ גרויסער תלוש. דעריבער האָט זי, שרהקע, געפירט די מיל עסקים.

די חאָטאָווער מיל איז געווען די גרעסטע אין דער סביבה. מיט „וואַלצן״ צום „פּיטלעווען״ און מיט אַ „קרופּערניע״ אויף גרויפּן מאַכן, אויך מיט זשאַר־נעס צום מאָלן. יאָרנלאַנג האָט זי עס אַרענדירט פון חאָטאָווער פריץ. אויסער די פּויערים פון דער סביבה, פלעגן קומען אויף די מעל און תבואה סוחרים, פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי איוועניעץ, רוביזעוויטש און דערעוונע. זי האָט געהאַט צוויי מילנער, און ביידע גרויסע שיכורים. אָבער זיי האָבן מורא געהאַט פאַר איר, און געסטאַרעט צו האַלטן זיך אויף די פיס, און טאָן זייער אַרבעט. שרהקע וואָלט זיי שוין פון לאַנג ענטזאַגט, אָבער ווו געפינט מען אַ גוישן

מילנער, וועלכער איז נישט קיין שיכור? און נאָך אַלעמען, האָבן זיי דאָך „גדל־דענע העגט" ווען זיי זענען ניכטער...

שרהקע האָט געהאַט זייער אַ סך דאגות: דעם קראַנקן מאַן דאַרף מען אָפּהיטן, אַ פּאָר טעכטערלעך, פיינע מיידלעך, וואַקסן אונטער. מען דאַרף זיי שיקן לערנען, האַלטן זיי צווישן יידן, נישט אויף אַ ישוב. די הוצאות זענען גרויסע, און די צייטן ווערן ערגער... גייט שרהקע אַרום אַ פאַרדאגהטע. זי פאָרט אַרום פון איין שטעטל אין דער צווייטער, כדי מאָנען אירע חובות. קויפן און פאַרקויפן, לייען, באָרגן. קיין מינוט רו. זי האָט נאָר געוואָלט קריגן אַ גוטן יידישן העלפער, אַן אָנגעשטעלטן, אויף וועמען זי זאָל זיך קענען פאַרלאָזן, און וועלכער זאָל איר העלפן שלעפן דעם יאָך. און גאָט האָט איר טאַקע אַזאַ איינעם צוגעשיקט; דאָס איז געווען יאָסעלע שנעפער, משה־אהרונס זון, פון איוועניעץ. אַ טייערער, איידעלער און געבילדעטער בחור. משה־אהרון אַליין, איז געווען אַ ייד אַ אביון, אָבער מיט אַלע כוחות האָט ער זיך געסטאַרעט צו געבן השכלה זיינע דריי קינדער. זיי האָבן באַלאַנגט צו דער איוועניצער אינטעלי־גענציע. דער עלטערער זון — איטשע־וועלוול שנעפער, האָט חתונה געהאַט מיט איינער פון די בעסטע מיידלעך אין שטעטל. מיט איטקעלע כץ, ר' לייזערס טאָכ־טער. זייער אַ חנעוודיקע מיידל. נאָך דער חתונה האָט ער, ווי אַ סך בעלי־ביתלעך, געעפנט אַ קרעמל.

דעם צווייטן זון, שייען, האָבן די באָלשעוויקעס מאָביליזירט אין דעם גרויסן בירגער קריג, און ער האָט זיך צוריקגעקערט אַ אינוואַליד, אָן אַ פוס, און אין אַ קורצער צייט אַרום — געשטאָרבן.

דער אינגסטער זון, יאָסעלע, איז אַרומגעגאַנגען אַ אומעטיקער. ביז שרהקע האָט געוואָרפן אויף אים אַן אויג, און צוגענומען אים צו זיך אין מיל. ס'איז טאַקע אומעטיק אויפן ישוב, אָבער די צייטן זענען שווערע, און מען דאַרף פרנסה...

די יאָרן לויפן. די שטויב אין מיל וואַקסט דיקער און דיקער. די צייטן ווערן אַלץ שווערער און ערגער. וואָס איז געוואָרן מיט יאָסעלע משה־אהרונס, דעם איידעלן, שטילן בחורל? און מיט זיי אַלעמען, דאָרטן, אין חאָטאָאווער מיל? ווער ווייס? ווער ווייס?...

אָ, איר אַלע טייערע איוועניצער אַרענדאַטאָרס און ישובניקעס. איר אַלע מילנערס, סמאָליאַניקעס, מילכיקער, סעדער און פעלד אַרענדאַטאָרס. איר אַלע אָנגעזאַפּטע מיט די פיינע ריחות פון פעלדער און וועלדער, איר, ג־ט הערציקע יידישע נשמות. איר האָט געלעבט אין אָפּגעזונדערקייט און איינזאַמקייט, אָבער פאַר אייערע קינדער האָט איר געוואָלט אַ בעסערע צוקונפט. קיין זאַך איז פאַר אייך נישט געווען צו שווער, צו טייער. אָט האָבן די סמאָליאַרניקעס פון גראַן, אַרויסגעגעבן אַ באַוווסטן דאָקטאָר — אריה אַבראַמאָוויטש ז"ל. דער הויפּט דאָק־טאָר פון הדסה שפּיטאָל אין תל־אביב. (עברית האָט ער געלערנט אין איוועניעץ,

ביי שלמה מיליקאָווסקי ז״ל). די זעלבע גראָן, האָט אַרויסגעגעבן אַ קינסטלער, אַ חודאָזשניק, נחמן בערמאַן, יבדל לחיים.

אייערע זין און טעכטער האָבן געבראַכט כבוד דעם יודנטום, קעמפנדיק מיט העלדישקייט און אפפערווילליקייט קעגן די נאַציש רוצחים און זייערע מיטאַרבעטער. און אייער סוף? אייערע האָפענונגען? צוזאַמען מיט אינדזער שטעטעלע, זענט איר פאַרשניטן געוואָרן פון די רוצחים...

מלך זיסל פּאַרענט / ניו־יאָרק

זכרונות פון מיין יוגנט

איך האָב געזוכט פון אַלע מיינע זכרונות פון איוועניעץ איין פּאַסירונג, וואָס אַ חוץ אַ פּערזענלעכן אינטערעס, זאָל אויך זיין פאַרבונדן מיטן כלל, ווי געזאָגט, אַז מען זוכט געפינט מען, ווי אין פּסוק שטייט: „יגעת ומצאת״. וועל איך פּרובירן באַשרייבן אַ געוויסן אינצידענט אין איוועניעץ, אין וועלכן מיין מוטער ע״ה איז ניט ווילנדיק אַריינגעפאַלן, ווי מען זאָגט ביי אונדז „מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקע בעט״.

אין אַ געוויסן זומער (דעם יאָר און חודש געדיינק איך ניט) האָט די פּוילישע באַפעלקערונג ערוואַרט אַ חשובן גאַסט — אַ אַרכיבּיסקופּ.

די גאַנצע באַפעלקערונג פון איוועניעץ — די יידן, קאַטאָליקן ווי אויך די רוסן האָבן אָרגאַניזירט יעדער איינער זיין באַזונדערן קבלת־פּנים טויער. איך געדענק דעם יידישן טויער זייער גוט. ער איז געווען פּראַכטפול מיט אַ גרויסן לייב אויסגעמאָלט אַזוי נאַטירלעך ווי אַ לעבעדיקער. געמאָלט האָט עס אַ איוועניעצער אַרטיסט אַ טויב־שטומער, וועלכער האָט פאַרמאָגט גאָלדענע הענט. זיין נאָמען געדענק איך ניט, איך געדענק נאָר, אַז ער האָט געוווינט ניט ווייט פון מיין פריינד מיכאל רובינשטיין.

אַלזאָ דער רב פון שטעטל, ווי אויך די גאַנצע יידישע געמיינדע האָבן דעם גאַסט באַגעגנט מיט זאַלץ און ברויט. די קאַטאָליקן, וואָס האָבן דאַן אין איוועניעץ קיין אייגענע קירכע ניט געהאַט, ווייל די רוסישע רעגירונג האָט זיי עס ניט דערלויבט, האָבן פאַרפלאַנצט בוימער איבער דער גאַנצער וועג, אייניקע וויאָרסט אין דער ריכטונג צו דעם קליינעם שטעטעלע קאָמיען, ווו זיי האָבן אַ פּוילישן קאָשציאָל געהאַט. דער וועג האָט געפירט פאַרביי אונדזער וווינונג, וועלכע איז געווען אויך ניט ווייט פון דער רוסישער צערקאָוו און פּונקט אַנטקעגן אונדזער הויז האָבן די קאַטאָליקן אויפגעשטעלט אַ צלם.

ווען דער גאַסט איז אַוועקגעפאָרן פון איוועניעץ, האָט מען געווײנטלעך פאַנאַנדערגענומען אַלע טויערן ווי אויך די בוימער, נאָר דעם צלם האָבן די פּאָליאַקן פאַרגעסן און ער איז שטיין געבליבן. דער פּאָפּ ד. ה דער רוסישער גייסטלעכער פון איוועניעצער קירכע האָט זיך דאַן באַקלאָגט פאַר דער רעגי־רונג, אַז מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ פּוילישן צלם אַנטקעגן זיין צערקווע: ער האָט מורא געהאַט טאַמער וועט זיך חס ושלום אַ רוסישער גוי איבע־צלמען איבער אַ פּוילישן צלם. היתכן? עסאיז דאָך געוואַלד צו שרייען.

איוועניעץ האָט דאַן פאַרמאָגט אַן אוריאַדניק מיט 2 פּאָליציאַנטן און איינער פון די צוויי איז געווען אַ קאַטאָליק. און אַזוי ווי די פּאָליציאַנטן האָבן זיך ענטזאָגט צו אַרונטערנעמען דעם צלם, האָט די מאַכט געשיקט דעם פּריסטאַוו פון ראַקאָוו מיט 12 פּאָליציאַנטן אויף פערד כדי אַרונטערנעמען דעם צלם.

אַזוי ווי דער צלם איז געשטאַנען קעגן איבער אונדזער שטוב, האָבן זיך ביי אונדז אין הויף פאַרזאַמלט פיל פּאָליאַקן מיט שטיינער און דרענגער און ווי מען האָט נאָר אָנגעהויבן אַרויסגראָבן דעם צלם, האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַן האָגל פון שטיינער, קלעצער און וואָס נאָר עס איז געווען אונטערן האַנט דער פּריסטאַוו, וועלכער איז דאַן געווען דער גרעסטער באַאַמטער אין איוועניעץ, איז פאַרווונדעט געוואָרן און ער האָט געגעבן אַ באַפעל צו שיסן. איין פּרוי איז געפאַלן טויט נעבן אונדזער הויז און דער עולם האָט זיך ווי גע־ווײנטלעך צעלאָפן.

(איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב אויך געהאָלפן אָנקלייבן די שטיינער איידער די פּאָליציי איז געקומען. מיר האָבן געוווינט אין שכנות מיט אַ פּוילישן קריסט. וועלכער פלעגט מיר גאַנץ אָפט לאָזן פירן זיין פערד צום טייך טרינקען, אָדער געבן סתם אַ ביסל צו פאָרן: דאַן איז קיינער פון מיינע חברים ניט געווען גלייך צו מיר. און דאָס איז געווען ווערט די פאָר שטיינער, וועלכע איך האָב צוזאַמענגעקליבן).

אויף מאָרגן נאָכן אינצידענט איז פון מינסק אָראָפּגעפאָרן אַגרופּע אַזעלכע פּאָליציי־באַאַמטע, וועלכע איוועניעץ האָט אפילו אין חלום ניט געזען — זייער אויפגאַבע צו אונטערזוכן דעם אינצידענט און געפינען דעם שולדיקן אין פאַרווונדן דעם פּריסטאַוו. בקיצור זיי האָבן אויסגעפונען, אַז אונדזער שכן מיט זיין זון האָבן אָנטיילגענומען אין דעם איבערפאַל.

כדי אויסצומיידן דעם אַרעסט. האָט דער גוי מיטן זון זיך אויסבאַהאַלטן. דעם זון האָט מען שפּעטער געפונען. דער אַלטער גוי האָט דערווייל אָנגעגעבן אַ ביטע (אַ פּראָשעניע) און געבעטן מיין מוטער זיך אונטערשרייבן פאַר אים ווייל ער האָט ניט געקענט שרייבן (אַזוי האָט מיין מוטער געדענקט), זי האָט זיך אונטערגעשריבן ניט לייענדיק די ביטע. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן, האָט דער קריסט, זייענדיק אַ קאַטאָליק, אָנגעשריבן פּעך און שוועבל

אויף דער פּאָליצייַ ווי אויך אויף דעם פּאַפּ א׳ן האָט מיין מוטער אַלס אַ עדות געשטעלט. פאַרשטייט זיך, אַז מיט איר אונטערשריפט האָט זיך מיין מוטער אַ מפטיר געקויפט. זי האָט געמוזט נעמען אַן אַדוואָקאַט און נאָך פיל מי זיך אַרויסגעדרייט פון ניט גיין זיצן אין טורמע — דאָס אַלץ צוליב אַ פוילישן צלם.

עיקר שכחתי

דער אוראַדניק פון איוועניעץ אין דאַן געווען אַן אַלטער בחור. בשעת דעם פאַרהער וועגן דעם דערשיסן די פּר׳י, האָט אַ וואָסערטרעגערקע, אויך אַן אַלטע מויד אויסגעשריען צום אוראַדניק: — „וואַרט נאָר דו סוקין־סין, (זון פון אַ צויג) איך וועל זיך מיט דיר אָפּרעכענען ווען דו וועסט קומען צו מיר אויף דער נאַכט".

מיר קלינגט נאָך יעצט אין די אויערן דער געלעכטער פון אַלעמען (אויסער דעם אוראַדניק), ווייל דער פאַרהער איז פאַרגעקומען אויפן מיטן גאַס פון פּלאַץ, וווּ דער צלם איז געשטאַנען און גאַנץ איוועניעץ איז געקומען אַנקוקן די הויכע באַאַמטע. איוועניעץ איז דאַן אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג געווען די הויפּשטאָט פון מינסקער גובערניע און אַלע צייטונגען רוסישע, יידישע, ווי אויך העברעישע האָבן וועגן דעם פאַל געשריבן און פיל איוועניעצער יידן האָבן מיט שטאָלץ די צייטונגען געקויפט.

אברהם מיליקובסקי / חיפה

אברהם עזב את איבניץ ב־22.6.41 — עם פרוץ מלחמת רוסיה־גרמניה. לאחר חודשי יסורים וסבל, הצליח להגיע לאורל, שם גויס ע״י הרוסים לגדוד העבודה בקמינסק־אורלסק, שבמחוז סוורדלובסק.

עם גמר מלחמת העולם עלה בידו — כאזרח פולני — לעזוב את רוסיה. הוא הגיע לפולין ומשם נדד דרך אוסטריה, גרמניה וצרפת עד שהגיע ארצה כעולה „בלתי לגלי" ב־31.5.48.

פון איוועניעצער שטייגער

צווישן גרויסע וועלדער און פּרוכטבאַרע פעלדער איז געלעגן דאָס שטעטעלע איוועניעץ, די נאָהענטסטע באַן סטאַציע איז געווען אַלעכנאָוויץ, 48 ק״מ פון איוועניעץ. וואָלאָזשין איז געווען 49 ק״מ פון אונדז און מינסק — 60 ק״מ.

אַ סך מענטשן אין שטעטל האָבן ניט געזען אַ באַן אין זייער לעבן און ביז 1919 האָבן זיי אַפילו קיין אויטו ניט געזען. זייער איינציקער פאַרבינדונגס־מיטל איז געווען אַ פערד און וואָגן.

די אַרומיקע פּריצים פלעגן פאָרן אין אַ פאַיטאָן אויף רעסאָרן געשפּאַנט צו אַ פּאָר פערד. די יוגנט אָבער האָט שוין געוווסט פון אַ ראָווער.

דאָס לעבן האָט געפלאָסן רוהיק און געלאַסן, קינדער האָבן געקענט זיך שפּילן אין זאַמד, אין מיטן דער גאַס און ניט מורא האָבן פון צוטראָטן ווערן דורך אַ אויטו...

די באַפעלקערונג — יידן און קריסטן האָבן געלעבט צווישן זיך בשלום.

אין יאָר 1921, איז לויטן באַפעל פון דער פוילישער רעגירונג, געוויילט געוואָרן צום ערשטן מאָל, די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה. אָבער שוין אין סוף פון 19טן יאָר הונדערט זענען אין איוועניעץ געווען פיינע געזעל־שאַפטלעכע אַנשטאַלטן:

דער ביקור חולים: וואָס האָט געזאָרגט און געשטיצט די ניט פאַרמעגלעכע יידישע קראַנקע, אָנהייבנדיק מיט באַצאָלן דעם דאָקטאָר אָדער פעלדשער פאַר דעם באַזוך, און פאַרזעצנדיק מיט קויפן רפואות און אָפּט אויך מיט באַזאָרגן דעם קראַנקן מיט עסן און מיט מכשירים ווי: אַ וואַרעם־פלאַש, אַ איין פּענכער, באַנקעס, אַ קליסטיר א. א. וו. אַפילו בעלי־בתים פלעגן באָרגן פון ביקור־חולים די מכשירים. ביי שווערע קראַנקע פלעגן די חברים פון ביקור־חולים אָפּט פאַרבייטן די שטוביקע, און זיצן ביים קראַנקנס בעט גאַנצע נעכט.

די איינקופטן פון ביקור־חולים זענען געווען מיטגליד־אָפּצאָל, 3־20 קאָ־פּיקעס אַ חודש און אויך די איינקונפט פון דער „קערה" פון ערב יום־כיפור.

די לעצטע יאָרן איז לייבע רעזניק (גאָלדעס) געווען גבאי פון ביקור־חולים, פאַר אים איז געווען גבאי — שמואל זאַק (ראובנס).

חברא קדישא: אין יענע צייטן איז עס געווען אַ נויטווענדיקע אינסטי־טוציע. אין דער יידישער ליטעראַטור איז אַ סך געשריבן וועגן זייערע יערלעכע סעודות און פון זייערע וועגן צו שאַפן געלט פאַר זייערע אויסגאַבן, ווי דאָס אַרויפוואַרפן אויף די יורשים אַ קבורה אָפּצאָל, און דאָס אָפּהאַלטן די קבורה (בזיון המת) ביז די יורשים האָבן ניט באַצאָלט די געפאָדערטע סומע. אין איוועניעץ זענען אָבער אַזעלכע פאַלן ניט געווען, ווייל ס'זענען ניט געווען דאָרט קיין גרויסע גבירים און אויך ניט קיין קאָרגע פּראָצענטניקעס

די לעצטע יאָרן זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון חברא־קדישאַ — זיסל ראָלניק (דער שמיד) און זעליק שימקין (ג'יטע־פרומקעס). דער קברן איז געווען אברהמ'על שירקולעווסקי (חנציעס).

אין איוועניעץ זענען געווען 2 בית־עלמינס, דער אַלטער, אויף וועלכן מ'האָט שוין מער ניט מקבר געווען, האָט זיך געפונען נעבן הקדש. דער צווייטער בית־עולם, דער נייער, האָט זיך געפונען אין ניי־שטאָט, נעבן דאָמבראָווסקעס קאַכל פאַבריק.

בתי כנסת: אין איוועניעץ זענען געווען 2 בתי כנסת; די אַלטע שול און דער בית־המדרש,ביידע געבויט פון האָלץ.

דער רב פלעגט דאַווענען אין בית המדרש, אָבער אין די יום־טובים פלעגט ער איין טאָג דאַווענען אויך אין דער אַלטער שול.

שמשים: אין אַלטן שול האָט געהערשט די דינאַסטיע פון ר׳ אברהם דוד, דעם שוחטס פאָטער. אין נייעם שול — ר׳ מערים און ר׳ גדליה־אברהם דער מלמד.

חזנים: אין איוועניעץ איז ניט געווען אַ שטענדיקער חזן. פון צייט צו צייט פלעגט מען אַראָפּברענגען אַ חזן אויף אַ קורצע צייט. לעצטנס האָט געלעבט אין איוועניעץ אַ מינסקער חזן — לעדער, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט הירשל־מלכהס אַ טאָכטער און פאַרבליבן אין שטעטל.

אָבער דער חזן איז געווען איינער און אין שטעטל זענען דאָך געווען 2 שולן, דערצו נאָך האָט דער חזן געדאַוונט ביים עמוד בלויז שבת און יום־טוב, דעריבער זענען אין די שולן געווען אויך „בעלי־תפילות" ווי: ר׳ דוד דער מלמד, ר׳ קיווע דער סטאָליער, ר׳ הרצל דער „קרופּעניק" וועלכער איז געווען בלינד און געדאַוונט אויף אויסנווייניק.

שבת צו מוסף און יום־טוב, פלעגן דאַווענען ביים עמוד, מער געלערנטע בעלי־תפילות: ר׳ אידל קאָפּילעוויטש, ר׳ משה מייזלס, ר׳ יהושוע רובינשטיין און ר׳ יוסף מאלציק.

ביי אַ בעל־תפילה איז ניט זיין פיינע שטים געווען דער עיקר, ווי זיין קענען גוט עברית. אָבער ניט אַלע בעלי תפילות זענען געווען געבענטשט מיט דעם.

אַ וויכטיקע פערזאָן אין שטעטל איז געווען דער שוחט. אָן אים וואָלט דאָס שטעטל געבליבן הונגעריק, אָן פלייש און אָן אַ עוף.

די שוחטים זענען געווען: ר פייוול דער שוחט, ר׳ מרדכי לוסקי (דער באַקשטער) און ר׳ אברהם דוד שימשעלעוויטש.

די באָד: דאָס איז געווען אַ זייער וויכטיקער היגיענישער אַנשטאַלט אין שטעטל, פאַר יידן און קריסטן צוזאַמען. יידן האָבן עס גענוצט; דנערשטיק — פאַר פויען און פרייטיק — פאַר מענער. די באָד איז געווען געבויט פון שטיין און געהאַט אויך אַ מקווה.

דער הקדש: דאָס איז געווען אַ נויטוענדיקער סאָציאַלער אַנשטאַלט. דער „הקדש" האָט זיך געפונען אין באָד געסל, אין אַלע דורכפאָרנדע אָרעמע־לייט, פלעגן דאָרט נעכטיקן אָן געצאָלט.

אָט די אַלע אינסטיטוציעס האָבן עקזיסטירט פון אומדערמאָנטע צייטן, און פאַ־געזעצט אויך נאָכן אויפשטיין פון דער געוויילטער קהילה פאַרוואַלטונג.

די קהילה: אין יאָר 1921 האָט דער „דזשוינט" פון אַמעריקע געגרינדעט אין גאַנצן געגנט, און אויך אין איוועניעץ, אַ קיך פאַר די יידישע שול־קינדער און אויך פאַר אָרעמע יידן. די פּראָדוקטן פאַרן קיך, זענען געשיקט געוואָרן פון אַמעריקע און באַשטאַנען פון קאָנדעסירטע מילך, קאַקאָו, צוקער, ווייסע מעל, בעבלעך און קאָנסערווירטע פלייש. די הילף איז געווען אַ רעטונג פאַר דער אויסגעהונגערטער יידישער באַפעלקערונג. די קהילה פאַרוואַלטונג האָט אויך געקראָגן שיך און קליידונג, כדי צו פאַרטיילן צווישן די אומפאַרמעגלעכע יידן. אין יענע צייטן איז אַפילו פאַר געלט שווער געווען צו קריגן עסנוואַרג און קליידונג.

די קהילה פאַרוואַלטונג האָט זיך געפונען ביים רב אין שטוב. דאָס קיך — ביי משה מייזלעס אין שטוב, די קעכינס זענען געווען זיין פרוי — רחל און איר שוועסטער רייזל, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט לייב און לעבן צו זייער אַרבעט.

די קהילה פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען — פון רב, משה מייזל, משה עלקינד, יהושע נח פארענציק און שליפּשטיין, אַלס סעקרעטאַר.

„זיידענע טאָרבעס"

יעדע שטעטל אין אונדזער געגנט האָט געהאַט אַ צונאָמען, וועלכס האָט אויסגעדריקט אויף אַ שאַרפן אופן דאָס ספּעציפישע פון געגעבענעם אָרט. (מינסקער חזרים, דערעוונער ציגן, רוביזשעוויצער פּעלצן א. א. וו.) איוועניעץ איז געווען באַוווסט מיטן צונאָמען — „זיידענע טאָרבעס". דער נאָמען „טאָרבע" האָט באַצייכנט אין יידישן פאָלקלאָר אַ קבצן, אַ אָרעמאַן. זייד, דאַקעגן, האָט אויסגעדריקט אַ פיינקייט, איידלקייט, צום ביישפּיל אַ „זיידענער יונגערמאַנ־טשיק", א „זיידענע נשמה" א. א. וו. הכלל, דאָס צונאָמען האָט באַצייכנט אַז איוועניעצער יידן זענען געווען איידעלע, פיינע מענטשן, אָבער גרויסע קבצנים

אין איוועניעץ איז ניט געווען אַ ייד וועלכער האָט ניט געקענט דאַוונען אָדער שרייבן אַן יידישן בריוו, אַפילו די אָרעמסטע קינדער האָבן געלערנט אין „חדר".

איוועניעצער יידן האָבן באַזיצט אַ סך כבוד, ס'זענען געווען צווישן זיי אַרבעטסלאָזע און הונגעריקע, אָבער קיינער פון זיי האָט ניט געבעטלט און געקליבן נדבות. טאָרבעס, אָבער זיידענע...

אַ חתונה אין הקדש

אין איוועניעצער הקדש האָבן געוווינט 2 משפחות: אַ פרוי וועלכע האָט געהייסן — גוטע, בלינד אויף איין אויג און איר טאָכטער — יענטע, וועלכע

מ'האָט גערופן „יענטע די משוגענע". אין צווייטן צימער פון הקדש האָט געוווינט אַ שטומע פרוי מיט אַ זון וועלכער איז געווען אַ קריפּל, געהייסן האָט ער — יענקל, און גערופן האָט מען אים „יענקל סטאָליפּין". אָט דער יענקל האָט געאַרבעט אַלץ אונטער־שמש אין דער נייער שול, ער פלעגט אויס־קערן די שול און הייצן דעם אויוון און פון דעם געלעבט.

ויהי היום, און זיין מוטער איז אָפּגעשטאָרבן, און יענקל איז געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום, נישטאָ ווער ס'זאָל אַכטונג געבן און אויפּפּאַסן אויף אים. אָבער אין שטעטל זענען דאָך דאָ גוטע פרויען, גבאיטעס, און זיי האָבן באַשלאָסן חתונה מאַכן אים מיט זיין שכנטע, מיט יענטע דער משוגענער, איר מאַמע וועט שוין אויפּפּאַסן אויף ביידן. באַשלאָסן און געטאָן!



יענקל „סטוליפין" ואשתו יענטע חוזרים מהחופה
יענקל „סטאָליפּין" און זיין ווייב יענטע, נאָך דער חופה

דעם טאָג פון דער חתונה האָט מען באַשטימט אויף אַ געוויסן דינסטאָג. משתתף זיין זיך אין אַ יידישע חתונה איז דאָך אַ מצווה, און אין אַ חתונה פון אַ פּאָר אומגליקלעכע מענטשן— איז דאָך אַוודאי און אַוודאי אַ מצווה, האָבן יידן פאַרמאַכט זייערע קלייטן און וואַרשטאַטן און אַוועק צום הקדש. אויך מיר יוגנט זענען נייגעריק געווען אָנקוקן די חתונה אין הקדש.

ביי דער כלה אין צימער ברענט אַ נאַפט לאָמפּ און פיל ליכט, אין צימער זענען אַ סך פרויען, די כלה זיצט אין אַ שיינעם פאַטעל וועלכן מ'האָט געליען ביי איינעם פון די בעלי־בתים, נעבן איר, אַ צופרידענע, זיצט איר מוטער, גוטע.

אָבער די כלה זיצט אַ צושראָקענע און וויינט, דאָס מיט די ליכט וועט מען פאַרברענען איר שיינע חופּה־קלייד און איר מוטער האַלט אין איין פאַרזיכערן איר אַז זי דאַרף ניט מורא האָבן ווייל ס׳וועט גאָרנישט געשען איר חופּה־קלייד...

ניט ווייט פון הקדש, ביי אהרון־דוד דעם היטל־מאַכער, קומט פאָר אין דער זעלבער צייט, דאָס קבלת פנים פאַרן חתן. כמעט גאַנץ איוועניעץ איז דאַ. אין שטוב איז ליכטיק און פריילעך. כלי־זמר שפּילן. דער חתן זיצט ביים טיש אַ פאַרפּוצטער און אַ צעשראָקענער, פאַר אים ליגט אַ גרויסע געפלאָכטענע חלה. דער הויפּט מחותן איז אברהם־דוד דער קירזשנער, דערזעענדיק אונדז, דאָס יונגוואַרג, האָט ער אויפגעלעבט. ווייל אויפן טיש, אויסער דער חלה, איז קיין זאַך געווען, האָבן מיר גלייך געשיקט ברענגען שנאַפּס און צובייסן און געפּראַוועט אַ אָנשטענדיקן קבלת־פּנים.




דאָס יונגע פּאָרפאָלק און די מוטער יענטע, ביים „זיסן טיש"
„הזוג הצעיר" והאם גוטה ע״י „השולחן המתוק" לאחר החופה

דער ווייל איז געקומען אַ שליח און אָנגעזאָגט אַז דער רב איז אַוועק־געפאָרן קיין וואָלאָזשין און וועט ניט קומען צו דער חופּה. מיר האָבן אָבער באַשלאָסן פּראַוועט די חופּה אָן דעם רב. מ׳האָט די חתן־כלה געבראַכט אויפן שול־הויף, די קידושין האָט מסדר געווען דוד סוויניק ז״ל, איך האָב געמאַכט די „ברכה ראשונה און אחרונה" און מיט די כלי־זמר אָפּגעפּירט דאָס יונגע פּאָר פאָלק צו זיי אַ היים, אין הקדש, און דער עולם האָט זיך געזעצט צום „זיסן טיש" וועלכן מ׳האָט דאָרטן צוגעגרייט. ערשט אין אַ וואָך אַרום האָט זיך דער רב מיישב געווען און געקומען מיטן שמש אין הקדש, כדי שרייבן די כתובה...

אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט די שמחה ביים יונגן פּאָר־פאָלק: עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען דער יונגער בעל־הביתל איז געגאַנגען פון שול אַהיים,

האָט אַ פערד אים איינגעביסן דעם אויער, יענקל האָט געקראָגן אַ בלוט־פאַר־גיפטונג און אין עטלעכע טעג אַרום — געשטאָרבן, און יענטע איז געבליבן אַ יונגע אלמנה...



כנס מחוזי של החלוץ באבניק, 1931

דער „החלוץ"

דעם געדאַנק פון שאַפן דעם „החלוץ" האָט געגעבן דער העברעישער לערער — פערסקי, וועלכער איז געקומען צו אונדז פון זשעטל. עטלעכע בחורים ווי: יוסף פרידלאַנד, משה־דוד זאַק און נחמיה אַקון האָבן גענומען די איניציאַטיוו אין זייערע הענט און געדונגען אַ זאַל אין צענטער פון שטעטל, אַ נאָמען געגעבן אים — „בית־העם", און דאָרט גענומען פאַרשרייבן בחורים און בחורות אין „החלוץ".

דער „בית־העם" פלעגט אין די אָוונטן זיין געפּאַקט. מען פלעגט דאָרט פירן דיסקוסיעס אויף פאַרשידענע טעמען, דאָרט האָט זיך אויך געשאַפן אַ חוג לעברית אונטער דער לייטונג פון לערער פערסקי.

די יוגנט האָט זיך דאָרט „אויסגעמישט" די טאָכטער פון בעל־עגלה האָט זיך געחברט מיטן זון פון אַ סוחר. ס'איז באמת געוואָרן „כל ישראל חברים".

דער „בית־העם" האָט זיך אָבער געגוויטיקט אין געלט. האָט זיך געשאַפן אַ „הכשרה מקומית", און בחורים און בחורות האָבן גענומען זוכן אַרבעט היות ווי קיין פאַבריקן זענען ניט געווען אין שטעטל, האָבן זיי זיך פאַרדונגען צו האַקן האָלץ ביי די יידן און אויך ביי די אַרטיקע קריסטן. ניט איין מאַמע האָט פאַרגאָסן טרערן, צוקוקנדיק זיך ווי אירע קינדער שטייען און אַרבעטן ביי פרעמדע... דאָס האָט אויך געבראַכט צו אַ איבערקערעניש אין די אַנשויאונגען פון דער יוגנט, זיי האָבן זיך גענומען לערנען פאַכן, כדי צו ווערן פּראָדוקטיוו און קומען קיין ארץ־ישראל מיט אַ פאַך אין האַנט.

דער „בית־העם"

דער „בית־העם" האָט זיך געפונען נעבן מיכאל לוסקינס האָטעל, אויפן מאַרק, און באַשטאַנען פון 3 צימערן. אָט דער „בית־העם" האָט געדינט אַלץ צענטער פון קולטורעלער טעטיקייט אין שטעטל.

ווען מען רעדט וועגן קולטורעלע טעטיקייט אין איוועניעץ, מוזן מיר דער־מאָנען דעם פרעזעס פון דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — זעליג טשערין, וועלכער האָט מיט זיין ענערגיע און איבערגעגעבנקייט מיטגעשלעפּט אַ סך אָרטיקע בעלי־בתים און איינגעשפּאַנט זיי אין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אַרום אים האָבן זיך גרופּירט די פאָרשטייער פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען, און געהאַט צו אים דעם פולסטן צוטרוי.

אויסער דער ביבליאָטעק און די העברעישע אָוונט־קורסן, פלעגט די יוגנט זיך דאָרט צונויפזאַמלען און זינגען אונטער דער לייטונג פון שטאָט־חזן — לעדער.

די לייטונג פון בית־העם איז באַשטאַנען פון: זעליג טשערנין, דוד פּאַרענ־טשיק, חיים און נחמיה אַקון, אהרון אַשמאַן, יוסף און משה־דוד זאַק. די אוונט־קורסן אין עברית האָט אָנגעפירט דער לערער פּערסקי.

די „תפארת־בחורים"

די טעטיקייט פון „בית־העם" האָט אַרויסגערופן קנאה ביי די רעליגיעזע אַנטי־ציוניסטן, און זיי האָבן אויך געשאַפן אַ יוגנט אָרגאַניזאַציע, די „תפארת־בחורים" וועלכע האָט געציילט עלטעלע צענדליק ישיבה בחורים. זייער אָנפירער איז געווען דעם רב׳ס זון איטשע (איזשיק) ראַבינאָוויטש.

זיי פלעגן זיך צונויפקלייבן אין דער „ח׳רב" שולע.

זייערע אַקטיווע טוער זענען געווען: יצחק בערמאַן, מרדכי שקלוט, יצחק קוזניעץ און זאב ראַלניק.

די פאָזשאַרנע

אַ קורצע צייט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין איוועניעץ אַ פייערלעשער קאָמאַנדע. אין די 20ער יאָרן איז דער קאָמענ־דאַנט פון די פייערלעשער געווען אַ קריסט מיטן נאָמען — סאָקאָלאָווסקי, זיין פאַרטרעטער — איטשקע שיף.

אין סוף פון די 20ער יאָרן האָט זיך ביי די פייערלעשער געשאַפן אַן אָר־קעסטער, וועלכער איז געווען פון בלויז יידן, און געציילט אַ 20 מאַן. דער קאַפּעלמייסטער איז געווען — צאַלקע, אַ מירער ייד, אַרום 70 יאָר אַלט.

אין אָרקעסטער האָבן געשפּילט: אברהם מיליקאָווסקי, אהרון סוויניק, מרדכי באַטוויניק (בן־יהודה), חיים שיף, מרדכי שיף, דער פאָטאָגראַף — מאַרון, גדליהו ראַלניק און מאיר ראַלניק.

דער אָרקעסטער האָט אייגנטייל גענומען אין אַלע פוילישע נאַציאָנאַלע יום־טובים.

אין יאָר 1932 זענען אויך קריסטן אַריינגעטראָטן אין דעם אָרקעסטער, און דאַן פלעגן אויף די קריסטלעכע פייערונגען, שפּילן קריסטלעכע מוזיקאַנטן, און אויף יידישע פייערונגען — יידישע מוזיקאַנטן.

מיטן שטאַרקונג פון דעם אַנטיסעמיטיזם האָבן זיך אָבער דערוועקט רייבונגען צווישן די יידן און די קריסטן אין אָרקעסטער, און ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט געמוזט דאָס אויפלעזן ,און די אינסטרומענטן פאַרקויפט דעם פוילישן מיליטער (ק.א.פ.) אין איוועניעץ.

אַ קורצע צייט פאַרן אויפלייזן, איז פאַרגעקומען אַ פאַרמעסטונג פון אַלע פייערלעשער אָרקעסטערס פון נאָוואָגרודקער וואָיעוודסטווע, און אינדזער אָר־

קעסטער האָט געוווּנען דעם 2טן אָרט. אויף דער זעלבער פאַ־מעסטונג האָבן די איוועניעצער פייערלעשער געוווּנען דעם 3טן פּלאַץ.

די עסקנים פון די פייערלעשער זענען געווען: וועלוול ראַלניק, אהרון קוניעץ (דער שמיד), אשר שיף און ישראל כץ.

דער פּראָפעסיאָנאַלער פאַראיין

אין די 20ער יאָרן פון אונדזער יאָר־הונדערט, זענען ביי אונדז די אַרבעטס־באַדינגונגען געווען זייער שווערע: די געזעלן האָבן געמוזט אַרבעטן 10—12 שעה אַ טאָג און דער לוין — גאָר קליין.

אין יאָר 1929 איז געקומען צו אונדז אַ פאָרשטייער פון ראַקאָווער פּראָפעסיאָנאַלן פאַראיין און פאַרגעלייגט צו גרינדן אויך אין איוועניעץ אַזאַ פאַראיין.

די אָרגאַניזאַטאָרן זענען געווען: אברהם מיליקאָווסקי, יודקע דער בעקער (פון רוביזשעוויטש) און לעמקין, דער קירזשנער (פון סלאָנים). זיי האָבן גערופן אַן פאַרזאַמלונג פון אַלע געזעלן אין שטעטל, און זייער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן און ס'איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן אַ נאָדל־פאַראיין, אָבער ס'האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו אים אויך די שוסטער און קירזשנער געזעלן, און געהאַט פיל סימפּאַטיקער. די לעגאַליזאַציע פון פאַראיין איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויפן נאָמען פון די ברידער שלמה און לייזער לעמקין.

אונדזער ערשטע פאָדערונג פון האַנדווערקער־פאַראיין איז געווען צו אַרבעטן „פון וואָך" און ניט פון „שטיקל", גלייכצייטיק האָבן מיר אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַר אַ 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, אין אַ צייט שפּעטער — פאַר אַ 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג). אונדזער קאַמף האָט דערפירט צו אַ שטרייק, און די האַנדווערקער האָבן אָפּגעזאָגט די שטרייקנדע געזעלן. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן צו ווערן „כאַלופניקעס". מיר האָבן געבאָרגט געלט און געקויפט ניי־מאַשינען און געשלעפּט צו אונדז קריסטן מיט אַרבעט. אַזוי אַרום האָט זיך אין די יאָרן 1930—31 געשאַפן אַ אַרבעטס־קאָנקורענץ צווישן די האַנדווערקער און זייערע געזעלן.

קולטורעלע אַרבעט

אויפן קולטורעלן געביט האָט דער פּראָף־פאַראיין אָרגאַניזירט רעפעראַטן פון רעדנער: קאָמוניסטישע, בונדיסטישע און ציוניסטישע — פון „השומר־הצעיר". מיר האָבן אויך אָרגאַניזירט פאָרשטעלונגען. כ'דערמאָן זיך דעם ספּעקטאַקל „צוריק פון קאַטאָרגע". כדי צו באַקומען די דערלויבעניש צו פאַ־שטעלן דאָס, האָט ראובקע ראגאווין, דער איינציקער ייד וועלכער האָט געאַרבעט אַלס פּקיד אין סטאַראָסטווע אין וואָלאָזשין — געאַנדערשט דעם נאָמען פון דער פאָרשטעלונג אויף „דער שטראָם".

די פאַרשטעלונג וועלכע איז פאָרגעקומען אין „פוילישן זעלנער קלוב" איז באָיקאָטירט געוואָרן דורך אַלע אָרטיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, און עס זענען אָנוועזענד געווען ניט מער ווי 100 צושויער, כמעט אַלע חברים פון פראָפ־פאַראיין. דאַקעגן האָט די פאָרשטעלונג געהאַט גרויס דערפאָלג אין רוביזשעוויטש.

נאָך דער אומגעלונגענער פאָרשטעלונג האָבן מיר באַשלאָסן צו אָנהויבן אַ קאַמף קעגן די „רעאַקציאָנערע" ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. בלויז מיטן „השומר־הצעיר" זענען מיר געשטאַנען אין קאָנטאַקט.

נאָכדעם ווי מיר, צוזאַמען מיט „השומר־הצעיר" האָבן אויפגעריסן אַ רע־וויזיאָניסטישן רעפעראַט, וועלכער איז פאָרגעקומען ביי קוזניעצן אין שטוב, אין שול־גאַס. האָבן די רעוויזיאָניסטן גענומען קעמפן קעגן אונדז מיט אַלע מיטלען, אויך האָבן זיי אונדז געמסרט פאַר דער פאָליציי, דאָס מיר זענען פאַרשטעלטע קאָמוניסטן...

איינמאָל, אין אַ דינסטאָג אָוונט אין יאָר 1931, ווען ס'איז ביי אונדז פאָר־געקומען אַ פאַרזאַמלונג, אין וועלכער מען האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אַרונטערנעמען פון דער אַרבעט אונדזער אַ חבר — לייבל ראַלניק, וועלכער האָט געבראָכן דעם שטרייק און געאַרבעט ביי ניאַמקע דעם שניידער, האָט זיך אַריינגעריסן דער פאָליציי־קאָמענדאַנט — סופערניק, מיט 2 פאָליציאַנטן — איצקאָווסקי און בולשע און גענומען שלאָגן אונדזערע סעקרעטאַרין סימה לאַפּידוס, אויסגעבראָכן די פענצטער און דאַן געמאָלדן אַז אַלע זענען אַרעסטירט.

איך האָב דאַן געאַרבעט ביי חיים דעם שניידער, אַ יינגל איז געקומען צ׳לויפן און מיר איבערגעגעבן וואָס ס׳קומט פאָר אין פאַראיין, כ׳בין גלייך אַוועק אַהין. דערזעענדיק מיך, האָט דער קאָמענדאַנט מיר געמאָלדן אַז איך בין אויך אַרעסטירט.

אויף דעם האָב איך אים געענטפערט אַז ער האָט קיין רעכט ניט מיר צו אַרעסטירן, ווייל אונדזער פאַראיין איז לעגאַליזירט, און נאָר דע־ אַרבעטס אינספּעקטאָר האָט דאָס רעכט אים פאַנאַנדערלאָזן. אויב מיר זענען פאַרדעכ־טיק אין קאָמוניזם, מוז ער ברענגען אַ באַווייז, און ערשט דאַן אונדז אַ־עס־טירן. גלייכצײַטיק האָב איך אים אויפמערקזאַם געמאַכט אַז אַלס געזעץ־היטער, טאָר ער ניט ברעכן דאָס געזעץ דורך שלאָגן און שויבן ברעכן. ער האָט מיר דאַן געפרעגט וואָס פאַר אַ פאַרזאַמלונג קומט דאָ פאָר, און איך האָב אים דאָס אויפגעקלערט, דאַן האָט ער געבעטן ענטשולדיקונג און צוגעזאָגט צו געבן אונדז שוץ אין אונדזער אַרבעט.

נאָך דער פּאַסירונג (9 אַ זייגער אין אָוונט) זענען עטלעכע אונדזע ע חברים אַוועק צו ניאַמקע ראַלניק דעם שניידער, און געמאָלדן אים דעם באַשלוס

פון דער פאַרזאַמלונג, אַרונטערנעמען דעם שטרייק־ברעכער פון דער אַרבעט, און אויף זיין פלאַץ צונעמען אַ צווייטן.

ניאַמקע און זיין ברודער אברהם און דער שטרייק־ברעכער האָבן זיך געוואָרפן אויף אונדז שלאָגן. די פּאָליציי וועלכע איז אונדז נאָכגעגאַנגען, איז גלייך אַריין אין שטוב און האָט אַלעמען אַרעסטירט, אונדז האָט זי גלייך באַפרייט, אָבער די איבעריקע געלאָזן זיצן אַ גאַנצע נאַכט. מיר האָבן אָנגע־געבן אין משפט און געפאָדערט פון ניאַמקע ראַלניק 1000 זלאָטעס ענטשיי־דיקונג, דער געריכט האָט עס באַשטעטיקט. אָבער יוסף שקליאַר, דער אַרבע־טער פאַר וועמען מיר האָבן געקעמפט, האָט „אָפּגעטאָן" דעם „פּראָפ־פאַראיין" און דורכגעקומען מיטן בעל־הבית.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן אין פאַראיין קאָמו־צו פאַראַטן דעם פאַראיין, און ס'איז ניט כדאי צו זאָרגן פאַר זיי.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן אין פאַראזן קאָמו־ניסטישע קעמערלעך. ס'איז אויך געשען אַ פאַל, אַז 3 ראַקאָווער קאָמוניסטן זענען אין יאָר 1931 אַריבער קיין ראַטנפאַרבאַנד, איינער פון זיי, שמואליק דער ראַקאָווער, איז צוריקגעשיקט געוואָרן כדי צו פירן קאָמוניסטישע פּראָ־פּאַגאַנדע אין איוועניעץ. מיר האָבן אים באַהאַלטן אויפן בוידעם איבער די קראָמען, געטראָגן אים עסן, ביז ער האָט געקראָגן דעם פּאַראָל צוריק קערן זיך קיין רוסלאַנד. (אַלע דריי זענען שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, אַלס שפּיאָנען...)

נאָך דם ווי אין יאָר 1930, זענען 3 חברים פון אונדזער פאַראיין אַוועק קיין רוסלאַנד: סימה לאַפּידוס, עטל שמואל־אשרס און איטשע מילינקי, האָט די פּאָליציי אונדז גענומען פאַרפאָלגן און אָנטאָן צרות.


מיר האָבן דאַן איינגעלאַדן אַ רעפערענט פון „השומר־הצעיר" — ווולקע רעזניק (איצט אַ חבר פון קבוץ „עמיר") און נאָך זיין רעפעראַט זיך איבער־צייגט אַז דער „השומר־הצעיר" איז אַ סאָציאַליסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציע, וועלכע אַנטשפּרעכט אונדזערע אַנשויאונגען און מיר האָבן זיך אַנגעשלאָסן צום „השומר הצעיר און צו דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן א״י־ישראל.

אין יוני 1932, האָב איך צוריקגעקערט, מיט מיינע אייגענע הענט, די לעגאַליזאַציע, דעם קאָמענדאַנט, סופּערניק, און מיט דעם האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן דער פּראָפעסיאָנעלער פאַ־איין אין איוועניעץ.

דער „קולטור קאַמף"

ביז דער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1917, איז דער לעבנס־שטייגער אין שטעטל, געפלאָסן רוהיק און רעגלמעסיק.

אַזוי איז אויך געווען מיט דערציען קינדער; פון אַ קינדער גאָרטן האָט מען ניט געוווסט. ווען אַ ייִנגעלע פלעגט אַלט ווערן 5 יאָר, פלעגט מען אים מיט גרויס פּאַראַד ברייִנגען אין „חדר" צו ר' שלום דעם הינקענדיקן, דעם דרדקי מלמד. דאָרט פלעגט מען דאָס קינד אַוועקזעצן ביים טיש, און זיינע עלטערן פלעגן שטיין הינטער אים און וואַרפן אויפן טיש קופּע־נע גראָשנס



בית־ספר „תרבות" באיבניץ, 1926

אָדער קאָפּיקעס, און דאָס האָט געהייסן „מלאך־געלט". דאָס קינד האָט געגלייבט אַז אַ מלאך וואַרפט עס פון הימל. פאַר די געלט האָט דאָס קינד זיך שפּעטער געקויפט זיסוואַרג.

ביי שלום דעם מלמד, האָט דאָס קינד געלערנט 3—4 יאָר, אָנגעהויבן מיטן אלף־בית, געלערנט חומש און מעביר סדרה זיין, דאַן פלעגט ער אַריבער צו אַן העכערן מלמד, ב ייוועמען ער האָט געלערנט תנ״ך, גמרא און אויך שרייבן.

די מלמדים זענען געווען: לייבע שירקעס (ראַ̈ניק) וועלכער איז שפּעטער אַריבער אין דער „תרבות״ שולע, זיין ברודער הירשל און ר׳ לייב־דוד זוויניאַץ — דער מיוחסדיקער מלמד. געווען איז נאָך אַ מלמד, ר׳ גדליהו־אברהם, ביי וועלכן ס׳האָבן געלערנט די גרעסטע „באָסיאַקעס״.

דער קאַנטשיק איז געווען אַ אָנגענומענע און פאַרשטענדלעכע זאַך. על־טערן האָבן געבעטן דעם מלמד „ניט זשאַלעווען״ דעם קאַנטשק פאַר זייערע קינדער..

נאָכן ענדיקן דעם לערנען ביי די אָרטיקע מלמדים, זענען פאַר די קינדער געשטאַנען 2 ברירות: לערנען אַ פאַך און העלפן זייערע עלטערן אין מסחר, אָדער פאָרזעצן זייער לערנען אין אַ ישיבה. אַזוי האָט זיך געפירט מדורי־דורות.

אין די 20ער יאָרן פון אונדזער יאָר הונדערט, האָבן איוועניעצער יידן באַשלאָסן צו גרינדן אַ „תרבות״ שולע.

2 סיבות האָבן גורם געווען צום דעם באַשלוס:

די ערשטע סיבה איז געווען דער געזעץ פון צוואַנגס־בילדונג פאַר אַלע קינדער אין פוילן, און יידישע קינדער האָבן געמוזט באַזוכן די פּוילישע פאָלקס־שולן. דאַקעגן, זענען די „תרבות״ שולן געווען רעגירונגס אַנערקענט, און יידישע קינדער האָבן געקאָנט לערנען דאָרט אומגעשטערט.

אין יאָר 1926 זענען אָנגעקומען קיין ווילנע 3 דעלעגאַטן: מתתיהו אַשמאַן, יהושוע פאַרענציק און יונה קאַרפּ, און נאָך אַ באַראַטונג אין מרכז פון „תרבות״, באַשלאָסן צו גרינדן אין איוועניעץ אַ „תרבות״ שולע.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז אַראָפּגעקומען קיין איוועניעץ אַ לערער, אַ מאַן פון אַ יאָר 50 — אָווסיעוויטש. מיט זיין אָנקומען האָט זיך אָנגעהויבן אין שטעטל אַ קאַמף, אין די איוועניעצער יידן האָבן זיך צעטיילט אויף 2 מחנות:

צו דער מחנה וועלכע מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן „די שוואַרצע״, האָבן באַלאַנגט די מלמדים, וועלכע האָבן מורא געהאַט אַז מען נעמט צו זייער ברויט. מיט זיי איז מיטגעגאַנגען אויך דער רב פון שטעטל ר׳ מיכאל־מנחם גרוניצקי, וועלכער איז דרך־אגב געווען אַ פּראָגרעסיווער מענטש, ער האָט אָבער פאַר־שטאַנען אַז די „תרבות״ שולע וועט אָפּשוואַכן זיין השפעה אין שטעטל. אַרום אים און די מלמדים, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַלע כלי־קודש און געפּרוווט מיט אַלע כשרה, און ניט כשרה מיטלען, פאַרמיידן דאָס עפענען פון דער שולע.

צו דער צווייטער מחנה „די ווייסע״ האָט באַלאַנגט די מערהייט פון שטעטל. דאָס זענען געווען יידן מיט ציוניסטישע און פּראָגרעסיווע אָנשויאונגען.

די מחלוקת האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַ פייער איבערן שטעטל. מ.האָט איר געשפּירט אין גאַס און אין שטוב, און שוין אָפּגערעדט וואָס ס'פּלעגט זיך אָפּשפּילן אין שול ביים דאַווענען...

ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז מ'האָט שוין געטראַכט בייטן דעם רב.

די „ווייסע" האָבן סוף־סוף געזיגט, און אין איוועניעץ האָט זיך געעפנט אַ „תרבות" שולע.

די „חורב" שולע

די אָרעמע קינדער פון שטעטל און אויך קינדער פון די „תרבות" געגנער האָבן געלערנט אין דער „תלמוד־תורה" און געשטאַנען אונטער דער לייטונג פון רב. אָבער די פוילישע מאַכט האָט ניט אָנערקענט אין דער „תלמוד־תורה", און געצוווּנגען די תלמידים צו באַזוכן דער פוילישער פאָלקס שולע. בלית־ברירה, האָט דער רב זיך פאַרבונדן מיט וואַרשה, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו עפענען אין איוועניעץ אַ „חורב" שולע וועלכע האָט געציילט 6 קלאַסן. די חדרים האָבן זיך צוזאַמען געגאָסן מיט דער „חורב" שולע. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער „קולטורת קאַמף אין איוועניעץ.

ראובן כץ תל־אביב

די משפחה אליעזר כץ

דער שוידערלעכער חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום האָט געהאַט און וועט אויך האָבן אין דער צוקונפט אַ ווייטגייענדיקע אויסווירקונג נישט בלויז אויף די, וואָס זענען על־פּי נס ניצול געוואָרן נאָר אויך אויף די וועלכע זענען דאָרט נישט געווען.

„זכור תזכור" באַגלייט אונדז יעדן טאָג, און מער פון אַלץ דעמלט ,ווען מיר ווילן איבערלאָזן אַ געשריבענע מצבה לדור־דורות.

מיין שטעטל איוועניעץ איז געווען קליין, אירע מענטשן זענען אָבער געווען האַרציקע און גוטע. ווי אַנדערע שטעטלעך האָט עס פאַרמאָגט שולן, חדרים, בתי־מדרשים און טייערע, גוטע מענטשן.

אין איינע פון אירע גאַסן האָט געוווינט מיין פאַרצווייגטע משפחה, וואָס איז אַוועק אין רויך און פייער ווי פיל אַנדערע, אומגעבראַכט דורך די נאַציס און זייערע מיטהעלפער. זאָלן די פּאָר שורות זיין אַ מצבה אויפן אומבאַקאַנטן קבר פון מיינע שוועסטער און ברידער מיט זייערע פאַמיליעס, פאַר מיינע על־טערן, וואָס האָבן יאָ געהאַט די זכיה צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט אָבער

זייערע קברים זענען פאַראַקערט געוואָרן אָן קיין שטיין, קיין סימן איז נישט געבליבן...

מיין פאָטער, ר׳ אליעזר־מרדכי ב״ר דוד כץ, איז געווען באַקאַנט אין שטעטל כאיש יודע ספר. א ליבהאָבער פון העברעאישן און יידישן בוך, אַן חובב ציון און גלייכצייטיק אַ באַשיידענער מענטש. ער האָט אין זיינע קינדער איינגעפלאַנצט ליבשאַפט צום געשריבענעם וואָרט, דאָס אהבת אדם און אהבת ישראל. ער איז אַוועק פון אונדז דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך אַממייסטן גע־נויטיקט אין אים, אין יאָר 1923. דעם עול אויסצוהאַלטן, דערציען און ב ענגע: צו תכלית די קינדער איז געפאַלן אויף מיין טייערער מוטער ברײנע, בת הרב ר׳ שלמה מסלאָוואַטי. זי איז פאַרבליבן מיט זיבן יתומים: 4 זין און 3 טעכטער. איידער זי איז אָפּגעשטאָרבן, — 8 יאָר נאָכן טויט פון מיין פאָטער, — האָט זי באַוויזן חתונה צו מאַכן אַלע דריי טעכטער. ווער עס געדענקט יענע צייטן, ווייס, וואָס דאָס האָט באַדייט פאַר אַן אלמנה...

ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אויך די ברידער חתונה געהאַט, בלויז איינער איז נאָך געבליבן נישט פאַרהייראַט. עס זענען געבוירן געוואָרן קינדערלעך, די משפחה האָט זיך געמערט און איבערגע־פלאַנצט זיך אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך.

קיינער פון זיי איז נישט געבליבן, אַחוץ מיר — צו זאָגן נאָך זיי קדיש און דערמאָנען זייער הייליקן אָנדענק.

זייט איך געדענק זיך, שוין אַלס ייִנגל, בין איך געווען אָנגעזאָפּט מיט ציוניסטישע געדאַנקען, אַ ירושה פון די עלטערן און משפחה. איך בין אַריין אין דער יוגנט באַוועגונג בית״ר. און אָנגעהויבן טראַכטן וועגן הגשמה און עליה קיין ארץ־ישראל.

איך בין אַוועק אויף הכשרה אין יאָר 1930 מיט נאָך אַ חבר פון בית״ר — אויך ער געפינט זיך אין לאַנד.

אין יענער תקופה איז דאָס געווען אַ געוואַגטער ש־יט.

אויף דער הכשרה איז רייפער געוואָרן דער געדאַנק עולה צו זיין וואָס שנעלער. די הכשרה איז געווען אין איוואַצעוויטש, צווישן באַראַנאָוויטש און בריסק.

שווער, זייער שווער איז מיר אָנגעקומען צו באַקומען דעם סערטיפיקאַט. ענדלעך איז אָבער געקומען דער גליקלעכער מאָמענט און מיינע האָפענונגען זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן, אין יאָר 1933, ווען איך בין מיט מיין „פיקציע״ רחל ברזוביץ פון רוביזעוויטש אַוועק פון מיין משפּחה, שטעטל און פריינט.

אָנגעקומען קיין ישראל אין יאָר 1933 און אַריין אין קיבוץ „הרצליה״.

נאָכן פאַרלאָזן דעם קיבוץ איז מיין „אכסניה״ געווען דער שפת־הים אין תל־אביב... אָבער אַלץ האָב איך אָנגענומען מיט ליבשאַפט. נישט איין מאָל האָט די התלהבותדיקע הורה געשטילט דעם הונגער. געאַרבעט ביים פלאַסטערן שאָסייען, געבויט הייזער, געהאָרעוועט אין די פּרדסים און... געטאַנצט אַ הורה...

איצט, נאָך צענדליקער יאָרן, דערמאָן איך מיט ליבע און טיפן צער מיין אומגעקומענע משפחה און לאַנדסלייט, וועמענס געשטאַלטן און אומקום זענען טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון. איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

שאול פרנציק חיפה

תולדות משפחה אחת

את יחוסינו המשפחתי לא ידעתי, שמעתי על הענף הזה שקראו לו ״דזיאצ־קעס״ אבל להכנס לעובי הקורה ולדעת את התוך שבדבר אף פעם לא ניסיתי. ידעתי רק שסבא שאול פרנציק היה יהודי יושב אהל ובין המלמדים נמנה, וסבתא שרה נהלה חנות לאריגים ותו לא. ובאם גם זה רחוק מהמציאות, הסליחה לשוכני עפר, בכבודם לא אפגע.

אבא שלי הי״ד נולד באיבניץ וגדל בה אבל בהיותו בן י״ז עזב את הבית, נדד לעיר הגדולה, ושם נעשה עצמאי. אבל במרוצת השנים כשהתחתן עם אמא, בת פוניווז׳ שבליטה, חזר הביתה לאיבניץ. שם הקים לו בית, ובית־מסחר, והוליד בנים.

כאשר פרצה מלחמת העולם בשנת 1914 חסל מהר את עסקיו באיבניץ, ועברנו לגור למינסק.

קטן הייתי מלזכור את זה מה שעבר עלי או על משפחתי באיבניץ עד מלחמת העולם. ידעתי רק אחת, שאני הבן השני במשפחה. לא ידעתי עד גיל ארבע וחצי לדבר אידיש, דברתי רוסית, ובמינסק כפי הנראה המשכתי בזה. אך יד המקרה שנה את המצב: פעם העלבתי יהודי זקן, וקראתי לו ז׳יד. מיד לאחר מכן פטרו את העוזרת הרוסית מהבית, ופקודה יצאה מלפני אבא שבבית עלי לדבר אך ורק אידיש. אז הוחלט שאני לא אלך לבית הספר הרוסי הממ־לכתי. הכניסו אותי לחדר מתוקן, שבו ביליתי כמה שנים יפות. אהבתי את מורי, והם גם אהבו אותי.

במינסק עשה אבא עסקים טובים, אבל שמר על הקשר עם העיירה הקטנה. מדי פעם היו באים אורחים מאיבניץ ושמרו שהקשר, לא ינתק.

אחי דוד למד בגימנסיה רוסית, והיה חבר בנוער הציוני. לפעמים לקחני

איתו לאסיפות אלה, אשר מצאו חן בעיני ברעש שבהם, ובריקודים בסוף כל אסיפה.

פרצה המהפכה, ואתה גם שנוי ערכין. לילה אחד באו ולקחו מאבא את כל מה שהיה לו. לשבחו של אבא יאמר, כי השלים מיד עם המצב והסתגל לחיים חדשים אלו. את סגנון חייו בבית לא שנה למרות הכל. אבא לא היה פאנאטי באמונתו, אבל היתה לו גישה של יהדות מסורתית, בחגים, שבתות, ואפילו בימי חול רגילים.

זוכר אני שהיה תמיד עוזר לאחי דוד הי"ד, ומלמד אותו להזהר מכל מיני פרובוקציות. אף לא פעם שמעתי את אבא שיאמר לאחי שיעזוב את חבריו הציוניים, ואת פעולתו בשדה הציונות, וכאלו ביתר שאת היה שומר אבא על לימוד פרשת השבוע בבית עם הילדים, כפי שהנהיג. למרות שהיה הדבר כרוך בסכנה להשלח לארץ גזירה, לא נמנע ממנהגו.

לאחר שתפסו את אחי דוד בכינוס של הסתדרות הנוער "קדימה" וצפוי היה לגירוש לסיביריה, החליט אבא לעזוב את רוסיה, ובעזרת ידידים נוצרים שהיו בצמרת המפלגה במינסק קבל היתר יציאה.

יום בהיר אחד גורשנו מרוסיה, אז כבר הייתי תלמיד כתה ב' בגימנסיה ממלכתית, וגומר חדר מתוקן.

אחרי נדודים רבים, הגענו לילה אחד בתחילת החורף לאיבניץ. לא אאריך ואספר על כל מה שעשתה משפחתי, ועל המקום שתפשה בחייה התרבותיים של איבניץ. אזכיר רק את העיקריים: ספרות, קרן קיימת, עתונות — ההיינט הראשון. וגולת הכותרת, בית ספר "תרבות", שיכול אני לומר בודאות, שרק הודות למירצו של אבא הי"ד הוקם ונוסד. נוסף לכך לא היה באיבניץ שום מפעל צבורי וארגוני שאחד מבני משפחתינו לא יקח בו חלק, אם לא החלק הארי שבו.

ברשימתי זו ברצוני להעמיד למשפחתי שהושמדה כולה, ואשר אני היחידי ששרדתי ממנה, גל־עד, ולקרבנות אלה מוקדשות שורות אלה. אזכור אותם, ויזכרו כל יוצאי איבניץ את משפחתי אשר השקיעה את כל אונה ורכושה למען קידום העיירה ומפעליה.

אלו הם בני המשפחה:

יהשע נח בר' שאול פארענציק אבי הי"ד, שהשמד באיבניץ.

בלומה בת דוד אמי הי"ד, שהשמדה באיבניץ.

דוד בר' יהושע נח אחי הי"ד, שהשמד בדבורץ.

יצחק בר' יהושע נח אחי שנפל בהגנת לנינגרד.

בנימין בר' יהושע נח אחי שנעלם בקרב על מוסקבה.

בילה — פרומה בת ר' יהושע נח אחותי שהושמדה בדבורץ.

יהי זכרם קדוש לנו יומם ולילה, ויאירו נשמותיהם עם שאר נשמות הקדושים והטהורים את שמי עמינו לעולם ועד.

שאול פרנציק / היפה

זכרונות פון מיינע יוגנט יאָרן


מיינע זכרונות פון איוועניעץ פאַנגען זיך אָן פון יאָר 1922. ביז דאַן האָב איך נאָר געוווּסט, דאָס אין אַ שטעטל וואָס הייסט איוועניעץ וווינען דאָרט אַ מומע און פעטער מיט זייערע קינדער. אין יאָר 1922 זענען מיר אָפּגעפאָרן מיטן עשאַלאָן פון רויטן קרייץ, פון רוסלאַנד קיין פוילן, אָנגעקומען קיין איוועניעץ און דאָרט געלעבט 11 יאָר, ביז מיין עולה־זיין קיין ארץ־ישראל.

אויף צו מאָרגנס נאָך אונדזער אָנקומען האָב איך שפּאַצירט איבער אירע גאַסן און געסלעך ווו געדיכט זענען געשטאַנען אירע קליינע הילצערנע הייזלעך. קינדער האָבן זיך געשפּילט אין די גאַסן און יידיש „מאַמע־לשון" האָט זיך געהערט אויף טריט און שריט: אין מיל געסל און שול הויף האָט די אָרעמקייט אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקל, טראָץ דעם איז נישט געווען אַ קינד וואָס האָט נישט געלערנט, די חדרים און שולן זענען פול געווען. פון ערשטן מאָמענט האָב איך דערפילט אַ מאָדנע צוגעבונדקייט צום שטעטל און געטראַכט — דאָס איז מיין היים. פון אָנפאַנג איז מיר געווען אַ ביסל שווערלעך כדי צוגעוויינען זיך צום איוועניעצער אָרט לעבן, צו שיידן זיך מיטן „שינעל" מיט די גאָלדענע קנעפּ פון אַ גימנאַזיסט, אָדער דאָס נישט האָבן קיין ביבליאָטעק און ביכער צום לעזן, אָבער לאַנגזאַם בין איך אַ איוועניעצער בירגער געוואָרן... אויך די קינדער האָבן מיר אָנערקענט און אויפגעהערט מיר רופן „מינסקער זשוליק". די ערשטע פּאָר יאָר האָבן זיך ביי מיר מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, כ'האָב געלערנט אין חדר און געשטיפט מיט די חברים, דער איבערברוך איז געקומען ווען כ'בין בר־מצווה געוואָרן. עס איז אַנטשטאַנען די פראַגע — וואָס טוט מען מיט מיר? כ'האָב שוין גקענט עברית, געליינט ביכער און צייטונגען וועלכע דער פאָטער פלעגט ברענגען, כמעט יעדער וואָך, פון וואַרשע אָדער ווילנע. מען האָט מיר געשיקט לערנען אין אַ ישיבה, ווייט פון דער היים און נאָך זייענדיק דאָרט עטלעכע וואָכן האָב איך זי פאַרלאָזן און געקומען אַהיים אין מיטן דער נאַכט... כ'האָב געמאָלדן אַז איך וויל קיין רב נישט זיין און איך וויל נישט קיין „טעג" עסן, אַז איך קען נישט פאַרטראָגן דעם ישיבה רעזשים וועלכער וויל צו נישט מאַכן מיינע געפילן וועלכע איך האָב איינגעזאַפּט אין שטוב און אין שולע — דעם געדאַנק וועגן ארץ ישראל.

איך גלויב אַז מיין דאָזיקע ערקלערונג האָט גורם געווען דאָס שאַפן פון דער „תרבות" שולע אין איוועניעץ. מיט מיין פאָטערס איניציאַטיוו איז צום ערשטן אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין איוועניעץ דער לערער גיטלין, שפּעטער

אַ ביסל איז געקומען דער לערער פערסקי און צום סוף איז געקומען דער לערער אָבסייעוויץ און ס'איז ענטשטאַנען די תרבות שולע.

מיין עלטערער ברודער דוד איז געווען טעטיק אין ביבליאָטעק און אין קרן קיימת, מיין טעטיקייט האָט זיך אָנגעפאַנגען פון ווען נאָכקאָפּירן די גרויסע און איך מיט עטלעכע חברים האָבן באַשלאָסן אַרויסגעבן אַ קינדער



בית־ספר „תרבות" באיבניץ, 1927

צייטונג אין עברית. מיר האָבן עס אַ נאָמען געגעבן „הכוכב הצעיר". די צייטונג איז געשריבן געוואָרן מיטן האַנט אין 5 עקזעמפּלאַרן, אין צייטונג האָט זיך אויך באַטייליקט מיין עלטער פעטער, דער מלמד לייב־דוד זוויניאַץ און זיין זון

נח. מיר האָבן אַרויסגעגעבן 4 נומערן פון דער צייטונג, צום גרויסן צער איז פון דעם קיין זכר געבליבן.

מיין צווייטע אויפגאַבע איז געווען צו שאַפן אַ קינדער ביבליאָטעק אָדער ווי מ'האָט עס גערופן אין שטעטל — די קליינע ביבליאָטעק.

אין 1925 האָט דער פאָטער מיר געבראַכט פון וואַרשע צייטונגען און צווישן זיי אויך אַ צייטונג פון „השומר־הצעיר" „מסביב למדורה" די בילדער און אויך אַ טייל פון למדנס פאָעמע „מסדה" האָבן אויף מיר אַזוי געווירקט דאָס איך בין צוגעטראָטן צו שאַפן אין איוועניעץ דעם „השומר־הצעיר". צוליב פאַרשידענע סיבות האָבן מיר נאָך אַ קורצע צייט אויפגעלעזט דעם קן און איבערגעלאָזט נאָר די ראשי כיתות, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט איין אינטעסיוון קורס ספּעציעל פאַר ראשי כיתות. דאָס זעלבע האָבן מיר אויך געמאַכט אין ראַקאָוו. אין פערלויף פון מאָנאַטן פלעגן די מדריכים קומען יעדן מיטוואָך צו מיר און באַקומען מאַטעריאַל פאַרן קורס. און דאַן, צוליב פערזענלעכע ווי אויך אידעאָלאָגישע סיבות, האָט זיך אין איוועניעץ געגרינדעט דער „ביתר". די אַזוי גערופענע „בעסערע" יוגנט האָט זיך קאָנצענטרערט אין „השומר הצעיר" און „החלוץ", דאַקעגן, די אַרבעטער געזעלן זענען געווען אין „ביתר". דאָ וויל איך נאָך אַ מאָל באַצייכענען די גוטע מידות פון איוועניצער יוגנט: דער קאַמף צווישן ביתר און השומר הצעיר האָט זיך געפירט אַנשטענדיק, מיר האָבן זיך געהיט נישט צו פאַרוואַנדלען דעם וויכוח אין אַ ברוטאַלן קאַמף, ווי ס'האָט פאַסירט אין אַ סך שטעט און שטעטלעך.

ווער פון אונדז געדענקט נישט די ל"ג בעומר אויספלוגן? די מחנות קיץ, די פרייטיק צו נאַכטן, די לעבעדיקע צייטונג, די כינוסים אין די שכנותדיקע שטעטלעך?

אין קאַמף פאַר דער תרבות שולע קעגן דער חורב שולע מיטן אַרטיקן רב בראש — זענען אַלע יוגנט אָרגאַניזאַציעס געווען פאַראייניקט.

די יוגנט — רעכטע און לינקע האָבן געגלויבט אין זייערע אידעען און גרייט געווען מקריב זיין זיך פאַר דעם. אויך האָבן זיי געמוזט פירן אַ קאַמף מיט זייערע עלטערן און משפחות פאַרן זכות צו בויען זייער אייגן צוקונפט.

נאָך פיל מי און מאַטעריעל איז אונדז געלונגען די ערשטע בית"רים אויף הכשרה צו שיקן, אין דערנאָך די ערשטע עולים קיין ארץ־ישראל. דאָס זענען געווען הערלעכע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון איוועניצער יוגנט, וועלכע האָט מיט כוח זיך אַרויסגעריסן פון אַלטע געוווינהייטן און גענומען זייער גורל אין די אייגענע הענט און נישט פאַרשעמט זייערע משפחות און פריינד און אויך נישט זייער שטעטעלע איוועניעץ!

עם ישראל חי!

אין יאָר 1929 זענען פאָרגעקומען אין פּוילן וואַלן צום סיים.

כדי קעגנשטעלן זיך די אונטערדריקונגען פון דער פּוילישער רעגירונג, האָבן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן (יידן, ווייסרוסן און אוקראַינער) זיך אָנגעשלאָסן אין איין ליסטע וועלכע האָט געטראָגן דעם נומער 18.

די אגודת הרבנים האָט זיך אָבער נישט אָנגעשלאָסן אין דער ליסטע, און באַפוילן אַלע רבנים אין פּולין צו אַגעטירן דווקא פאַר דער רעגירונגס ליסטע נומער 1.

נישט אַלע רבנים האָבן אָבער עס געטאָן פון פּחד האַרצן.

אַ קורצע צייט פאַר דער וואַל פאַרזאַמלונג וועלכע האָט געדאַרפט פאָרקומען אין שול מיט דער אָנוועזנהייט פון אַ פאָרשטייער פון דער מאַכט, האָבן עטלעכע בעלי־בתים באַזוכט דעם רב, ר׳ יחזקאל ראַבינאָוויטש, און אויפגעקלערט אים דעם רושם און באַדייטונג פון אַקט אַז אַ רב זאָל אַגעטירן צו שטימען פאַר דער אַנטיסעמיטישער רעגירונגס ליסטע נומער 1. זיי האָבן אים געבעטן זיין דרשה פאַרענדעקן מיט אַ רוף צו שטימען פאַר דער ליסטע נומער 18, און מיט דעם וועט ער פאַרהיטן זיין כבוד און די יידישע אחדות אין שטעטל.

דער רב האָט זיך געפונען, ווי מען זאָגט, צווישן האַמער און קאָוואַדלע.

ער האָט נישט געקענט רעדן אָפן אין דער אָנוועזנהייט פון דעם רעגירונגס פאָרשטייער, און רופן זיין עדה צו שטימען פאַר אַ אָפּאָזיציאָנעלע ליסטע. האָט ער אָנגעפאַנגען זיין דרשה מיט שבחים דער רעגירונג און איר'ע מעשים, שבחים וועלכע קיינער האָט נישט גענומען ערנסט, און פאַרענדיקט די דרשה מיט פאָלגענדע ווערטער:

יידן! געדענקט אַז „חי״ (18) איז לעבן! און גייענדיק צו די וואַלן געדענקט דאָס עם ישראל חי!...

די תרבות שול

אין יאָר 1924 זייענוויק אין ווילנע, האָט זיך מיין פאָטער געטראָפן מיט׳ן מזכיר פון דאָרטיקן „תרבות״, ד״ר זעמעל, און באַראָטן זיך מיט אים וועגן גרינדן אַ תרבות שולע אויך אין איוועניעץ.

קומענדיק צוריק קיין איוועניעץ האָט דער פאָטער איינגעלאַדן צו אונדז אין שטוב יונה קאַרפּ, אַשמאַן, סיראָטקין, כץ, דאָרער און אַנדערע, און פאַרגעלייגט צו גרינדן אַ תרבות־שול וועלכע וועט דערמעגלעכן צו דערציען נישט נאָר יינגלעך, נאָר אויך מיידלעך.

קורץ נאָך דעם איז אַרויסגעפאָרן קיין ווילנע אַ עלטערן דעלעגאַציע, בראש וועלכער זענען געשטאַנען זעליג טשערנין און חיים מאַסלאַוואַטי, דאָרט

האָבן זיי זיך פאַרשטענדיקט מיט דער תרבות אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געשיקט צו אונדז, נאָך פסח 1925, דעם לערער אווסיעוויטש, אַ אבסאלווענט פון ראַבינער סעמינאַר אין ברעסלאַוו. ער איז איינגעשטאַנען ביי אונדז אין שטוב.



המחזור הראשון של בי"ס תרבות בגבאריץ עם מוריהם, 1931

אין פאַרלויף פון אַפּאָר וואָכן האָט זיך געעפנט די ערשטע כיתה פון דער תרבות שול.

דעם צווייטן יאָר האָט די שולע שוין באַשעפטיקט 4 לערער *.

די ערשטע צייט פלעגט דער רב אָפּט באַזוכן די שול, און דער לערער אָווסיעוויטש האָט אויפגעפאַסט דאָס די קינדער זאָלן קומען מיט אַן היטל אויפן קאָפּ.

* לויטן „פנקס יעקאפא", ווילנע, האָבן אין 1930, אין איוועניעץ געלערנט 160 קינדער; אין „תרבות" — 50, אין ת"ת — 50 און אין דער „פּאָווסעכנע" 60 קינדער.

די אגודת הרבנים אין פוילן האָבן אָבער פון אים געפאָדערט ער זאָל צוברעכן די תרבות שול, ווייל ייִנגלעך און מיידלעך לערנען צוזאַמען, און מען ערציט זיי צו ציוניזם...

נישט איין מאָל פלעגט דער רב קומען צו מיין פאָטער און לייענען אים די בריוו פון דער „אגודת הרבנים" אין וואַרשע. צום סוף האָט דער רב זיך געמוזט אונטערגעבן דעם באַפעל פון דער אגודה און געשאַפן אַ קאָנקורענץ שולע, דעם בית ספר „חורב".

דער קאַמף קעגן דער תרבות שול האָט געבראַכט צו אַ קאָנסאָלידירונג פון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין שטעטל, און צו דער פאַרגרעסערונג פון דער שולע ביז פולע 8 קלאַסן.

צוליב פערזענלעכע סיבות האָט דער לערער אָוסיעוויטש געמוזט פאַרלאָזן איוועניעץ, אויף זיין פּלאַץ זענען געקומען די לערער הפץ און גאַזעלטשאַני.

ביי דער שול האָבן זיך געעפנט אָוונט קורסן פאַר דערוואַקסענע. איך האָט דער ועד פון שול איבערגענומען די שטאָט ביבליאָטעק און איר פאַרגרעסערט.

דער „השומר הצעיר" און „בית"ר" זענען געווען לעגאַליזירט אַלס „ספּאָרט קלוב ביי דעם „תרבות".

דער „ועד למען התרבות" איז באַשטאַנען פון פאָלגענדע בעלי־בתים:

זעליג טשערנין, יוסף פרידלאַנד, געלער, ראַבינאָוויטש, לייבל דאַרער. יוחנן רובינשטיין, דוד פאַרענטשיק און פריידל קאַפּילעוויטש.

יעקב פונט ניו־יאָרק

א י ו ו ע נ י ע ץ

פון וואַנען ס'נעמט זיך דער נאָמען „איוועניעץ" איז מיר נישט באַקאַנט און כ'האָב עס קיינמאָל נישט אויסגעפונען. ווען איך בין יונג געווען האָט עס מיר נישט אינטערעסירט און ווען איך בין עלטער געוואָרן און פאַרשידענע פראַגן פון מיין קליין און זיס שטעטעלע האָבן מיך אָנגעהויבן צו עגבערן, איז שוין נישט געווען ביי וועמען צו פרעגן.

איך שטעל זיך פאָר אַז ס'איז דאָ אַ סיבה פאַר דעם; ווייל ביי אונדז אין איוועניעץ זענען געווען אַ סך מיט צונאָמנס, און יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט זיין באַזונדער באַדייטונג, ווי למשל: יהושע ריבע מיכלעס, יהושע אַליין האָט געהאַט זיין פאַמיליע נאָמען און האָט געהייסן יהושע רובינשטיין. אָבער דער פאַמיליע נאָמען אין דעם פאַל האָט קיין שום ווערט געהאַט, ח ץ אין די פאַ־מעלע פאַפּירן אין דער גמינע, און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן

צו רופן איםביים פאַמיליע נאָמען. היות ווי זיין ווייב ריבע־מיכלע איז געווען אַ יידענע אַ קאָזאַק האָט מען אים צוגעטשעפּעט איר נאָמען, און אַזוי אַרום איז ער פאַרבליבן יהושע ריבע־מיכלעס.

אַפילו אין מיין פאַל, ווייס איך נישט אויב אַ סך איוועניעצער האָבן געוווּסט מיין פאַמיליע נאָמען. ס'וווּנדערט מיר אָפּט וואָס ס'וואָלט פּאַסירט ווען איך פאַרבלייב אַ סך יאָרן אין איוועניעץ צו וואָלט איך זיך אָפּגערופן ווען עמיצער רופט מיך אָן ביי מיין פאַמיליע נאָמען. פאַר מיר און אויך פאַר איוועניעץ איז מיין נאָמען געווען קורץ און נאָרמאַל: מען האָט מיך גערופן „יאַנקל פּיישע מאָשע ראַשעס". זייער אַ קורץ און לייכט נאָמען צו געדענקען.

בכדי צו קריגן אַ באַגריף ווי אַזוי ס'האָט פּאַסירט אַז מענטשן זאָלן קריגן צונאָמענס, וואָס זאָלן זיי נאָכגיין דור־דורות, ווערט ביי אונדז דערציילט אַ געשיכטע:

אין לידע, אַ שטעטל לעבן איוועניעץ, איז אַ מאָל געקומען אַ גאַסט. און, ווי באַקאַנט, ווען ס'קומט אַ גאַסט אין אַזאַ שטעטעלע, ווייסן אַלע וועגן דעם. נו, איז מען גלייך געגאַנגען צום שטאָט לץ ער זאָל אים באַקרוינען מיט אַ נאָמען. אָבער אונדזער לץ איז געווען פאַרנומען און זיך נישט געקענט אָפּגעבן מיט דעם. האָט ער זיי געענטפערט: איך האָב איצט נישט קיין צייט צוצופּאַסן פאַר אים דעם געהעריקן נאָמען. איז רופט אים דערווייל — סמאַרקאַטש.

איך וויל חלילה נישט מאַכן אַ שלעכטן נאָמען אויף מיין זיס און האַרציק שטעטעלע. איך האָב זי נאָך ביז איצט צופיל ליב, צופיל איז זי אין מיין האַרצן איינגעבאַקן. און וואָס עלטער איך ווער, אַלץ שטאַרקער איז מיין בענק־שאַפט נאָך איר.

איך האָב דאָרט געלעבט אַן אָרעם לעבן, אָן קיינע לוקסוסן. עס איז דאָרט נישט געווען קיין אָפּערע, קיין קינאָ און קיינע אַנדערע פאַרוויילונגען. ס'איז געווען בלויז דער פאָזשאַרנער סאַראַי (דעפּאָ). און ווען איך הויב עס אַמאָל אָן אַנאַליזירן, וווּנדער איך זיך ווי אַזוי אַזוינס האָט געקענט עקזיסטירן. אָבער מענטשן, גאַנצע משפחות, האָבן אַהין געשטראָמט כדי צו זען און צו הערן די פאַרשידענע טרופּעס, וועלכע האָבן געוואַנדערט פון שטעטל צו שטעטל. טרופּעס וואָס ווילנע, וואַרשע און לאָדזש האָבן אויסגעבראַקירט, האָבן גע־פונען כבוד און חיונה ביי אונדז. זיי האָבן געמאַכט דעם עולם לאַכן אין וויינען פון די האַ־צרייסנדיקע סצענעס, וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּילט אויף דער בינע.

איך ווייס נישט געַנוי וויפיל יידישע משפחות ס'האָבן געוווינט אין איוועניעץ. איך קען נאָר זאָגן אַז אין מיינע אויגן, אַמאָליקע יאָרן, איז עס געווען גאָר אַ גרויסע שטאָט. מיר האָבן געהאַט צוויי שולן, די אַלטע און די נייע און ביידע זענען געווען געפּאַקט יעדן שבת. יעדע איינע פון זיי האָט געהאַט אַ

שמש און אַן אונטער־שמש און יאַנקל דער האַרבול, אונטער־שמש פון דער נייער שול, ווהין אויך איך בין געגאַנגען, האָט זיך געפילט דאָרט נישט ווייניקער באַלעבאָס ווי דער פּרעזידענט אין ווייסן־הויז. ער האָט געפירט אַ גאַנצע מלוכה און זיך געפילט ווי ער וואָלט פאַרוואַלטעט מיט אַ גאַר קאָלאָ־סאַלער אונטערנעמונג.

איוועניעץ האָט נישט געהאַט קיין באַן אָדער אויטאָבוס פאַרבינדונגען, דערפאַר אָבער האָט זי געהאַט וווּנדערבאַרע בעל־עגלות, וועלכע פלעגן פירן נישט נאָר קיין אַלעכנאָוויטש צום באַן, נאָר אַזש ביז ווילנע. איך געדענק שוין נישט וויפיל טעג מען פלעגט אַהין פאָרן, אַלנפאַלס — אַ סך לענגער ווי היינט פון ניו־יאָרק קיין אייראָפּע...

געאָגראַפיש איז זי געלעגן, אין מיינע אויגן, אין שענסטן און געזונטסטן פלאַץ וואָס די נאַטור האָט וועגן עס איז באַשאַפן. ווען איך דערמאַן זיך דאָס שפּאַצירן אויף די נאַוואָזעס אין אין הויפּיקן וואַלד, דאָס שליטלען זיך ווינטער פון גרינעם באַרג, דאָס גליטשן זיך אויפן אייז פון טייך און דאָס שפּרינגען אין טייך פונעם בריק ווען מען האָט זיך געבאָדן — זומערצייט. די לאַנדשאַפט האָט געצויבערט, די לופט האָט פאַרשיכורט, און אַלץ אַרום איז געווען ווי באַדעקט מיט אַ גרינעם טעפּיך. די סעדער האָבן גע׳כישופט מיטן גערוך פון די עפּל, קאַרשן, באַרן און די אַנדערע פּרוכט־בוימער, באַדעקט אין פרילינג מיט פּרעכטיקער בליאונג, און רונד אַרום די געדיכטע וועלדער מיט די הער־לעכע סאָסנעס בוימער.

און טראָץ דעם וואָס מיר זענען געווען בלויז געציילטע קילאָמעטער פון רוסישן גרענעץ און ס׳זענען ביי אונדז געווען קאַשאַרן פול מיט פּויִלישע זעלנער און אַ גרויסע טורמע, האָט עס אונדז אינטערעסירט ווי דער פאַר־יאָריקער שניי. מיר האָבן געלעבט אונדזער אייגן לעבן, ווי קיין אַנדער זאַך אַרום וואָלט נישט עקזעסטירט. יאָ, פון צייט צו צייט האָט מען געהאַט צרות פון די גוים. ווען בראָנישקע פלעגט זיך צוהוליען ביים אַנטרינקן זיך ביי ריווע־מיכלען (און איך געדענק אַז ער איז געווען זעלטן ניכטער), פלעגט ווערן פריילעך אין שטעטל. אַפילו די גוים האָבן פאַר אים מורא געהאַט.

אָבער דער רבונו של עולם האָט דאָך נישט באַשאַפן דעם מענטשן אַז ער זאָל נאָר האָבן פאַרגעניגן. יעדנפאַל, אַזוי האָט געטראַכט מיין רבי, לייב דוד דער מלמד. און וואָס פאַר אַ ווערט האָט געהאַט אַ ביסל עגמת נפש אין פּחד פון אַ גוי, ימח שמו, אַנטקעגן דעם פאַרגעניגן צו הערן לעדער, דעם חזן, דאַווענען יום־טוב, וועלכער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו דריידלען און גאַרגלען די תפילות. און מיר, יינגלעך אונטער די פּאָלעס, העלפן אים און פירן אים אַראָפּ פון די רעלסן און אַלע מתפּללים אין שול פּלאַצן פון געלעכטער. און

כאַטש מיין טאַטן האָט נישט אַזוי געפּאַסט אַז זיין זינדל זאָל זיך אַזוי אויפ־פירן, בין איך זיכער אַז אויך ער האָט פון דעם הנאה געהאַט.

ס׳פלעגט אויך זיין פריילעך ווען פּיישע דער בירער, מיט זיינע בנים, פלעגן אָפּשטעלן דאָס לייענען די תורה, געבנדיק אַ קלאַפּ אין טיש און אויס־רופנדיק: „מען לייענט נישט!" ווייל ער האָט אַ סכסוך מיט לייבע סלאַוועס. און אַז פּיישע דער בירער האָט געגעבן אַ באַפעל אַז „מען לייענט נישט", לייענט מען נישט. נאָר דער קוק פֿון פּיישע בירער מיט די בנים איז געווען גענוג אַז מען זאָל נישט לייענען. עס איז טאַקע נישט שיין דאָס איבעררייסן דאָס לייענען די תורה אין אַ מקום קדוש, אָבער ס׳רודערט זיך, ס׳איז פריילעך! עס שאַפן זיך גלייך צדדים, איין צד פאַר פּיישע דעם בירער, אַ צווייטער פאַר לייבע סלאַוועס, און אַ דריטער צד, סתם אַזוי, אַ נייטראַלער: „פע, ס׳איז נישט שיין אַז אין אַ מקום קדוש זאָלן פאָרקומען אַזעלכע זאַכן, זיך גאָר פאַרנעמען מיט דברים שבחול!"

אָבער נישט נאָר מיט קדושה האָט מען זיך ביי אונדז פאַרנומען. ס׳זענען אויך געווען וועלטלעכע אינסטיטוציעס — אַ תרבות שולע, אַ חורב שולע, לייב־דוד דעם מלמד׳ס חדר און אַ תלמוד־תורה אָנגעפירט פון הירשל דעם מלמד, און אַן אלף־בית חדר. יעדע פֿון זיי האָט געהאַט אַן אייגענעם פּראָגראַם און מעטאָדן און, שפּעטער אַביסל, אויך אירע פּאָליטישע אָנשויאונגען.

היות ווי דער חדר איז געווען דער אָנהייב פון מיין לערנען, ווילט זיך דערציילן אַביסל וועגן דעם. אין מיינע יינגסטע יאָרן בין איך געווען אַ תלמיד ביי לייב־דוד דעם מלמד. וועגן הירשל דעם מלמד קאָן איך נאָר זאָגן אַז ער האָט געהאַט אַ זייער שיינע שטימע און האָט זייער שיין אויסגעזונגען פּסוקים פון תנ״ך. ער איז געווען פּאַראַליזירט אויףביידע פיס, הויך געוואַקסן, שיין, אַ ייד מיט אַ הדרת פנים. איך האָב שטאַרק ליב געהאַט צו הערן זיין תנ״ך ניגון. דאַקעגן, מיין רבי, לייב-דוד, איז געווען פון מיטלען וווקס, אַ שוואַרצע שיטער בערדל, מיט אַ פּאָר שוואַרצע, רשע׳דיקע אויגן. איך געדענק נישט אַז איך זאָל אים אַמאָל געהערט לאַכנדיק.

דער פּראָגראַם ביי לייב־דוד׳ן איז געווען אַ גרויסער. ער האָט געלערנט סדור, חומש, תנ״ך און אַ ביסל גמרא; אויסער דעם האָט ער אויך געלערנט אַ ביסל שרייבן. זייער אַ רייכער פּראָגראַם פאַר איין מענטשן דורכצופירן. און בכדי צו קענען עס אַריינפּאַקן אין די קעפּלעך פונעם קליינוואַרג, האָט ער געמוזט אָננעמען פאַרשידענע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן, צווייי פון וועלכע זענען געווען זייער זאַכלעכע און פּאָפּולערע. איינער איז געווען דער קאַנטשיק פֿון צוויי לאָקשן. ס׳האָט געהאַט אַ קורץ, הילצן הענטל, אויף וועלכן ס׳איז געווען אַרויפגעקלאַפּט צוויי גראָבע און שווערע רימענס. דער קאַנטשיק איז שטענדיק

געלעגןביים רבין אין קעשענע — און זיין האַנט אויף אים, גרייט צו דער מלאכה.

און די צווייטע — דאָס איז שוין געווען אַ מתנה פון רבונו של עולם. ער האָט באַשאַפן דעם רבין מיט תורה און חכמה, און דערצו — מיט אַ גרויסן און האַרטן נאָגל אויפן גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט. אָט דער פסיכאָלאָגישער מיטל איז אָנגעווענדט געוואָרן ווען אַ קינד האָט נישט געקענט, אָדער נישט געוואָלט לערנען אַ פרק תנ״ך אָדער אַ פרשה חומש. דאַן האָט זיך דער רבי דערנענטערט צום תלמיד און געדריקט מיט זיין נאָגל דעם הינטן פונעם יינגל צום הילצערנעם באַנק. ס'האָט געווייטלעך געדריעט אַזוי לאַנג, ביז דאָס בלוט איז אַריין אין קעפל און אַלע קוואַלן דאָרט האָבן זיך שוין געעפנט אויפצונעמען די גאַנצע תורה און חכמה, און — ס'האָט טאַקע געווירקט!

ביטער איז דעם רבין אָבער געווען ווינטער, ווען די מאַמעס פלעגן זייערע בחורימלעך באַהענגען מיט וואַרעמע, גראָבע גאַטקעס. דאַן האָט ער געקענט אָנווענדן בלויז דעם קאַנטשיק, וואָס איז אויך געווען גרינגער פאַר די יינגלעך אַריבערצוטראָגן. אָבער זיין לאַנגיאָריקע דערפאַרונג איז גובר געווען אַפילו די ווינטערדיקע מלבושים.

קיין סך קינדער האָט מיין רבי נישט געהאַט. ערשטנס, איז ער געווען טייער, און צווייטנס, איז געווען ווייניק פלאַץ אין זיין חדר, וועלכער האָט זיך געפונען אויף אַ זייטיק געסל, לעבן דעם גרינעם באַרג. אויסגעמעבלירט איז געווען דער צימער מיט אַ לאַנגן טיש און צוויי לאַנגע הילצערנע בענק אויף יעדן זייט פון טיש.

אין מיינע חדר־יאָרן איז אין איוועניעץ נאָך קיין עלעקטרישע באַלייכטונג נישט געווען און מען האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט לאַמטערנעס, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן אויף פאַרשידענע פרימיטיווע אופנים. יעדעס קינד האָט געהאַט זיין אייגענעם לאַמטערן. און אין די ווינטער אָוונטן פלעגט מען זען ווי קליינע פייערלעך דרייען זיך אַרום אין די שמאַלע געסלעך. דאָס זענען געווען די לאַמטערנעס אין די הענט פון די קינדער וואָס זענען געגאַנגען אַהיים פון די חדרים.

מיט דער צייט, אומבאַמערקבאַר, האָבן אָבער גענומען בלאָזן נייע ווינטן אויך אין איוועניעץ. ס'איז אין איוועניעץ פלוצים אָנגעקומען אַן העברעישער לערער מיטן נאָמען אָוסייעוויטש. צופעליק האָט ער געוווינט ביי אונדז אין הויז. געקומען איז ער אַליין, אָן אַ פאַמיליע און האָט אָנגעהויבן גרינדן די „תרבות״ שולע. דערווייל זענען מיר, אַביסל אונטערגעוואַקסן און אָנגעהויבן חלומען וועגן וועלטלעכע ענינים. און, מיט אַ מאָל, האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל אויפגעכאַפט און גענומען זוכן דאָס נייע, דאָס אומבאַוווסטע. און מיטן אָנקומען פון אָוסייעוויטשן האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן אַ נייע תקופה.

מען האָט געלייענט ביכער, וואָס זענען ביז איצט געווען פרעמד דעם עלטערן דור. און די יוגנט האָט כאילו געגומען אויף זיך אַ פליכט, נישט נאָר אַליין זיך באַפרייען פון עפּעס וואָס ס'איז זיי אַליין געווען אומקלאָר, נאָר אויך אַריינגעבן אַ נייעם גייסט אין לעבן פון שטעטל. ס'האָט זיך געשאַפן דע־



„החלוץ" באיבניץ

„השומר" און כמעט די גאַנצע יוגנט האָט זיך אַנגעשלאָסן. ס'איז געווען פריילעך — מען האָט געטאַנצט, געזונגען צוזאַמען, מ'האָט געמושטירט קליינע קינדער ווי אמתע סאָלדאַטן און מען האָט זיך אויסגעפּוצט אין סקאַאוטישע בינדעס.

אין משך פון דער צייט האָט זיך אויך אויסגעקריסטאַליזירט אַן אידע־אָלאָגישער אינהאַלט. מען האָט אָנגעהויבן שטרעבן צו פאָרן קיין ארץ ישראל. ס'האָט קיין סך נישט געדויערט און ס'האָט זיך געשאַפן די חו־ב שולע, אין קעגנזאַץ צום תרבות, ווייל ס'איז נישט געפעלן געווען אַ צאָל בעלי־בתים די פירונגען פון דער תרבות חברה. אין זייערע אויגן איז עס געווען אַ ביסל צו ווייטלעך פאַרלאָפן פון ריבונו של עולם, — ווי אַ באַווייז, מען האָט גערעדט וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל אָן אַ וויזע פון משיחן!

אַזוי אַרום האָבן זיך געשאַפן צוויי מחנות, איינע וואָס האָט זיך קאַנצנ־

ווייטלעך פאַרלאָפן פון ריבונו של עולם, — ווי אַ באַווייז, מען האָט גערעדט וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל אָן אַ וויזע פון משיחן!

אין לויף פון דער צייט האָבן אַ צאָל פון דעם השומר פאַרלאָזן די גרופּע און געגרינדעט דעם „ביתר"; און אַ גרופּע עלטערע בחורים און מיידלעך האָבן געגרינדעט דעם „החלוץ".

און איוועניעץ האָט געפינען אַ נייעם אינהאַלט אין איר לעבן, מיט אידע־אָלאָגישע פּלאַטפאָרמען און דיסקוסיעס. ס'זענען אויפגעוואַקסן רעדנערס און פאַרזאַמלונגען זענען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. ס'האָט זיך אויך געעפנט אַ ביבליאָטעק, און ווי היישעריקן איז מען זי באַפאַלן און מ'האָט געלייענט טאָג און נאַכט. אָט די תקופה איז געווען איינע פון די רייכסטע אי'ן שענסטע אי אונדזער קליין, טייער שטעטעלע!

אברהם רוגוב רעננה

„השומר־הצעיר" באיבניץ

בשנת 1925 התארגן באיבניץ גרעין של "השומר־הצעיר", אך הוא לא היה קשור למרכז התנועה, ופעל בלי לקבל הדרכה והוראות ממנו. שנה לאחר־מכן, בכ' באב, קיבל הקן גושפנקא רשמית, והיווה אירגון נוער ראשון בעיירה.

המארגנים וראשוני התנועה היו: אברהם רוגוב, שאול פרנציק, סוניה רוגוב, משה גולד יוסף כץ, ישראל קנטרוביץ ויעקב קיבוביץ.

אסיפת היסוד נערכה בביתו של ישראל קנטרוביץ ובהשתתפותו של אורח מוולוזין — מיכאל פרסקי. אמנם לפני היווסדו של "השומר־הצעיר" פעל כבר בעיירה אירגון ה"חלוץ", אך הוא התפרק משום־מה, ועקב־כך נותר חלל ריק, שאותו מילא בהצלחה "השומר הצעיר".

באסיפה המארגנת נבחרו להנהגת הקן:

אברהם רוגוב — ראש הקן, שאול פרנציק — מזכיר, ישראל קנטרוביץ — גזבר.

לאחר שהקן החל בפעולתו, הצטרפו אליו רבים מקרב הנוער המקומי.

הקן היה מחולק ל־4 שכבות:


הקשישים — בני 16 ולמעלה.

הצופים — בני 12—16.

הכפירים — היו מחולקים ל־2 מחלקות; האחת מבני 10—12, והשניה — מצעירים יותר.

לשכבת הקשישים השתיכו: א. רוגוב, י. קיבוביץ, י. דמסקי, סוניה רוגוב, סלבה דמסקי ואחרים.

לשכבת הצופים השתייכו: י. ברקמן, לובה גורדון, חנה גולד, הרצל דמסקי, יעקב פונט, שרה רולניק, הרצל שיף, איידלה סירוטקין, ניונה שיף, חיים שקלוט, זאב רזניק, רבקה פוזניאַק, גולדה שוסטר ומַשא גרמיזה.



„השומר הצעיר" באיבניץ בחגיגת ל"ג בעומר, 1932

שכבת הכפירים מנתה 18 חברים; אריה קרפ רחל רזניק, מלכה סירוטקין, שושנה זק, ראשקע סביניק, רחל מיליקובסקי, חשקע קוזניץ, פרומה גרמיזה, יצחק קיבוביץ, הושע ליפשיץ, נתן קמח, לייזר קולוטקין, יעקב רולניק, שואל רייכמן אהרלע וואבער רחלע ניביניאנסקי, חייקע ניביניאנסקי וריקלה שירקולבסקי. לקבוצה השניה, הצעירים יותר, מנתה 6 חברים; איטשע שווארצברג, רבקה גורדון, שולמית זק, בריינה פרסקי הירשל רוגוב ויוכקה רולניק.

בקן התגבשה קבוצת נוער שמנתה 9 חברים, קבוצת "תל־חי", ששימשה בסיס לקן. עמה נמנו: אלישקביץ רפאל, בוטביניק מרדכי, גולד משה, דמסקי ישראל, זליקובסקי מנדל ואליעזר, מילר יעקב, סגלוביץ שרה, רוגוב מנדל.

חברי קבוצה זו קיבלו הדרכה מתאימה ולאחר מכן שימשו כמדריכים וראשי קבוצות של הקן.




קן השומר הצעיר באיבניץ, 1935

בשנת 1928 חל פילוג בקן ומספר חברים עזבו אותו וייסדו את בית"ר באיבניץ. אך התנועה הוסיפה להתפתח, ובשנים 32—1931 עלה מספר חבריה עד ל־70 איש.

לאחר 5 שנות קיומו של הקן, התקיימה ב"בית־החיל" הפולני שבעיירה, חגיגה שבה השתתף גם הנוער מקיני "השומר־הצעיר" שבעיירות הסמוכות.

בוגרי התנועה עבדו בקיבוצי הכשרה. אחד מהם „בדרך", נמצא בעיירה הסמוכה, נליבוקי, וחבריו עסקו בכריתת עצים ביער (ה"פושצה" הנליבוקאית המפורסמת, אשר בה התרכזו ולחמו פרטיזנים יהודיים, במלחמת העולם השנייה).

בשנת 1930 יסדו קשישי הקן במקום את ה"חלוץ", ועיירתנו שימשה כמרכז מחוזי להסתדרות זו.




השומר הצעיר, איבניץ, קבוצת תל-חי, 1926

ב־1931 נערך באיבניץ כנס מחוזי של "החלוץ", ובו השתתפו נציגי העיירות; וולוזין, רקוב, וישניבה וגורודוק.

נטלנו חלק פעיל בחיי הציבור בעיירה. השתתפנו באיסוף תרומות למען

הקק״ל, במכירת שקלים. כן היינו מקיימים ערבי ״שאלות ותשובות״ על נושאים שונים, וכן הרצאות על בעיות פוליטיות ועניני ספרות. רבים מקרב הנוער שלא היה מאורגן ב״שומר הצעיר״, ביקרו באותן הרצאות. בעיקר התחבבו על נוער העיירה, ההרצאות הספרותיות על מנדלי מוכר־ספרים, שלום אש וי.ל. פרץ.



קן השומר הצעיר באיבניץ׳, 1929

קיימנו גם להקת חובבים ומדי פעם היינו מעלים הצגות על הבמה, שהתחבבו על בני העיירה.

בכל שנה היה הקן מקיים מושבות קייץ וחורף, בשיתוף עם קנים מהעיירות השכנות. בעיקר הצליחו מושבות הקייץ ביער בורוביקובשצינה.




חברי השומר הצעיר בהכשרה באיבניץ. 1929
חברים פון השומר הצעיר, אויף הכשרה אין איוועניעץ. 1929

בשנת 1932 החלו קשישי הקן לעלות ארצה. הראשונים שעלו היו: אברהם רוגוב, איידלה סירוטקין, ניונה שיף, יעקב פונט, אריה קרפ ובלה גרמיזה. לאחר מלחמת העולם השנייה, הגיעו מרוסיה גם רחל וזאב רזניק, וכן גם גולדה שוסטר.

חברי הקן כעשירים, כעניים, היו יוצאים לכל מיני עבודות בעיירה, כמו חוטבי עצים להסקה, סיוד בתים ועבודה בכבישים. וזאת כדי שיוכלו להתגבר

על הוצאות הרבות של הקן, כמו: שכר־דירה, ספרייה, מושבות קייץ וכדומה.

לאחר שבוגרי הקן עלו ארצה (בשנות 1932—3), עברה הנהגת הקן לשכבה היותר צעירה. הרוח החיה בה, היה מדריכה, הרצל שיף.



השומר הצעיר אין אוואשעניק, 5 יאר נאכן גרינדן זיך, 1929

השומר הצעיר באבניק, 5 שנות של קיומו, 1929

היה זה עלם בעל כושר מנהיגות רב, עדין־הליכות ומסור בכל נימי נפשו לקן ולתנועה. ואולם, הגורל התאכזר בו, והוא מת בדמי־ימיו, ולא זכה להצטרף למשפחתו, שעלתה ארצה מספר שנים לפני־כן.

הקן המשיך בפעולתו עד 1939. עם כניסת הרוסים שותק הקן, יחד עם כל יתר התנועות הציוניות.

וכך אירע, שהודות לתנועת "השומר הצעיר" ויתר תנועות הנוער הציוניות, ניצל חלק מהנוער היהודי, מצפורני המרצחים.



השומר הצעיר באיבניץ, 1933



השומר הצעיר באיבניץ, 1936





חברי השומר הצעיר באיבניץ,

הסתדרות החלוץ בפולניה
סניף באיבניץ

איבניץ, 12.6.33

אל חבר **מיכאל רובינשטיין**, תל־אביב

שלום רב

הננו פונים אליך בענין חשוב:

ידוע לך כי ימי הבחירות לקונגרס ה־18 מתקרבים ובאים. כמו בכל עיר ועיירה בישראל — כן גם אצלנו מתנהלת המלחמה בכל חריפותה. שלושה זרמים נלחמים אצלנו: הרביזיוניסטים, מזרחי ואנחנו. 400 שקלים פדתה העיירה, מזה 180 אנחנו, 120 הרביזיונים, 100 המזרחי. אנו מנהלים תעמולה אמיצה בקרב הציבור. נשארו עוד חמישה שבועות לבחירות. אנו אוחזים בכל האמצעים הנמצאים בידנו בכדי שגם האנשים אשר פדו אצלם שקלים יצביעו עבורנו ובנידון ענין זה אנו פונים אליך: אותך מכבדים מאוד בעיירה ומתיחסים אליך בכבוד כי הלא קוראים אותך כאן "האם של הקולוניה האיבנצאית בארץ" אתה לכן צריך לדעתנו לכתוב מכתב גלוי אל העיירה (את המכתב נתלה בבית המדרש) על הקונגרס ה־18. המכתב צריך להיות מופנה ברובו נגד הביתר. על הסתדרות העובדים ומוסדותיה. המכתב צריך להיות כתוב בלשון מובנת עבור יהודי פשוט. זה הדבר הראשון. שנית: אתה צריך לסדר שכל האיבנצאים יכתבו מכתבים אל הוריהם וקרוביהם ויצוו עליהם להצביע עבורנו. תיכף כשתקבל את מכתבנו מוכרח הדבר להיות מסודר, כי המלחמה תגיע לנקודה הקולמינציונית והמכתבים מהארץ יכריעו את המלחמה. חשוב יהיה אם ראובן כץ נמצא בהסתדרות יכתוב מכתב כי הלא היה כאן ביתרי. כמו־כן חשוב מאוד מכתבו של משה דוד זק כי היה כאן בלתי מפלגתי. אנו מקווים שהדבר יעלה בידך. לסוף אנו פונים אליך בנידון ענין שלישי: לזאוול מלציק ישנה בחורה בת 14 והיא מבקרת ב"השומר הצעיר". היא בחורה מצוינת והוא מפריע לה מאוד לבקר את ההסתדרות לכן צריך אתה לכתוב לו בנידון זה, ואתה תשפיע.

בברכת החלוץ

מזכירות הסניף

ז. רזניק

פ.ס. לסוף המכתב שאתה תכתוב אתה צריך "דראהען" שבאם לא יצביעו עבורנו לא יהיה להם מקום בהסתדרות העובדים. אנו מחכים בקוצר רוח למכתב!


ח. רובינשטיין!

איך דאַרפט נאך צוגעבן אלס פאקט דאס יעדערער קומענדיק קיין ארץ ישראל מוז אריין אין הסתדרות, למשל משה דוד זאק, ער איז יעצט א חבר אין דער הסתדרות, און ראובן כץ, וועלכער איז דא געווארן אויס ביתרניק! און אויך אברהם ראגאווּ איז אויך א חבר אין הסתדרות.

און יעצט שרייבענדיק א בריף א היים צו אייך, שרייבט צו עטליכע ווערטער צו אייער פריינט זאוויל מאלטציק און קלערט אים אויף דאס ער זאל לאזן זיין טאכטער זיין א חברה אין השומר הצעיר.

מיט אכטונג

(אונטערשריפט — אומלעזבאַר)



ועדת הקלפי לקונגרס הציוני בתחילת שנות השלושים. יו"ר הקלפי — זליג לויתן ואליהו זק


די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס, אָנפאַנג די 30־ער. דער פאָרזיצער פון וואַל־קאָמיטעט איז זעליג לויתן. נעבן אים זיצט אליהו זק

אונטערשריפט אומלעזבאַר

ראובן כץ / תל־אביב

בית"ר באיבניץ

בשנת 1928 — בחיפושיה אחרי מסגרת נוער מתאימה, פרשה קבוצת נוער מתנועת השומר־הצעיר באיבניץ ויסדה את הסתדרות "מכבי־הצעיר". לאחר מכן שינתה את שמה ל"השומר־השחר". קבוצת צעירים אלה יסדו ספריה ובית-עם בביתו של משה טוביה פונט.



כנס איזורי של בית"ר בראַקוב, 1929
ראַיאָן צוזאַמענפאָר פון בית"ר אין ראַקאָוו.

את הספרים לספריה לא קנו, כי לא היה להם כסף, אלא חברי התנועה תרמו את הספרים שהיו ברשותם.

פעם נודע לראובן כץ ולמרדכי בוטביניק שאצל ר' אברהם איטשע, נמצאים ספרים שהיו שייכים לתנועת חובבי־ציון. השניים לא הירפו ממנו עד שמסר את הספרים לספרייתם.

עם הפעילים בהסתדרות נוער זאת נמנו אליעזר זליקובסקי ויהודה פוזניאק. באותו פרק זמן שנוסד ה"שומר השחר" נוסד בעיירה גם "החלוץ הצעיר"

אשר ארגן שיעורי ערב לעברית (השיעורים נערכו בביתה של מורדוכוביץ הרצענית).

באיבניץ גר אז המורה פרסקי והוא התנדב לנהל שיעורי ערב אלה.

הכמיהה לעברית בקרב הנוער היתה עמוקה מאוד ולכן מרבית הנוער השתתף בשיעורי ערב אלה.

הספר הנפוץ אז ביותר היה ספרו של ת. הרצל "אלט־ניילנד", שעבר מיד ליד ומסביבו נערכו ויכוחים ערים. הרבה קראנו גם ע׳ יוסף טרומפלדור ותל־חי.

ב־1929 עזב את ה"שומר הצעיר" גם שאול פרנציק, ואז גמלה אצלנו ההחלטה להקים בעיירה קן של בית"ר.

מוולוזין הוזמנו 2 פעילי בית"ר; דב לויט ושבתאי בקשט, שעזרו לנו לארגן ולהפעיל את הקן.



בית"ר באיבניץ, 1929

באחת השבתות ערכנו ב„יער האחוזה" אסיפה מארגנת שבה השתתפו: שאול פרנציק, מרדכי בוטביניק (בן־יהודה), ראובן כץ, שרה נחימובסקה, שרה סגלוביץ, רחל ברקמן, זלטה רייכמן, אהובה אקון, יוסף רולניק, סוניה קו׳וטקין, יהודה פוזניאק, אליעזר זליקובסקי ולייב שוסטר.

האסיפה בחרה פה אחד בשאול פרנציק כמפקד הקן. כגזבר נבחר מרדכי בוטביניק ולמזכיר הקן נבחר ראובן כץ.

תנועת בית"ר בעיירה גדלה והתחזקה מיום ליום ונטלה חלק בחיים הציבוריים. חברנו מרדכי בן־יהודה אף נבחר כגזבר של ועד השקל שבעיירה.

באותה השנה השתתפו כל בוגרי הקן בכינוס הארצי של בית"ר שהתקיים בווילנה — בהשתתפותו של נציב בית"ר, אהרון פרופס. כנס זה הסתיים באותה שבת שבה התרחשו בארץ־ישראל מאורעות הדמים של שנת תרפ"ט.

הקן שלנו אירגן ביקורים הדדיים עם קני "ביתר" שבסביבה: וואלאז'ין, רוביז'ביץ, ראקוב, דרבנה ונליבוק. בראקוב קיימנו גם כנס אזורי, בהשתתפותו של מפקד "ביתר" של מחוז ווילנה — הח' צאלקע ליכטנשטיין.

לתנועת נוער דרוש גיבוי של אנשים מבוגרים המקובלים על הבריות. בהתחלה חסר היה לנו גיבוי כזה, היות ורוב העסקנים בעיירה נטו לשומר־הצעיר והחלוץ.



בית"ר באיבניץ, 1927

זמן קצר לאחר שיסדנו את קן בית"ר, השתקע באחוזה בורוויקובשצינה, שהיתה מרוחקת 7 ק"מ מהעיירה, שמעון אושרוביץ. בשנת 1922, בעודנו נער, עלה כ"חלוץ" לארץ-ישראל ושהה שם כשנתיים. שם הוא חלה קשות בקדחת ונאלץ היה לחזור לפולין. הוא היה פעיל מאוד בחיי הציבור, והוא אשר העניק לנו את הגיבוי הדרוש.

בין חיילי משמר הגבול הפולני שנמצא בעיירתנו היו גם יהודים, וחברי ״ביתר״ הקימו קשר אתם. כל בית יהודי היה פתוח לפניהם והם היו אורחים רצויים (ביניהם היה אחד — דוברושקלאנקה. לאחר עלייתו ארצה עיברת את שמו לבן־ארי, וכיהן תקופה ארוכה כראש עיריית בת־ים).

הקפדנו על־כך ושמרנו מכל משמר, שהמלחמה הבין־מפלגתית לא תחרוג מגדר הוויכוחים הסבירים, לכן גם לא היו התנגשויות בין ״השומר־הצעיר לבית״ר — שתי תנועות נוער שהיוו כוחות עיקריים בעיירה.

ראוי לציין, שחברי בית״ר היו רובם בני פועלים, רחוקים מפינוקים, ומרביתם קיבלו רק השכלה יסודית, אך הודות לתנועת הנוער התחילו ללמוד עברית, לקרוא עתונים וספרים ושיפרו ע״י כך את השכלתם הכללית. ברי, כי ההתחרות בין



בית״ר באיבניץ, 1932

תנועות הנוער הפיחה רוח חדשה בחיי הנוער בעיירה, אילצה אותם ללמוד הרבה ולשפר את השכלתם.

בשנת 1932 נערך בקן קורס למדריכים בהנהלתו של הח׳ הלפרין, אשר נשלח אלינו ע״י המפקדה הארצית. עם גמר הקורס התקיים בברנוביץ כנס של בוגרי הקורסים שנערכו בסביבה. בכנס זה השתתפו — מרדכי בן־יהודה ושאול פרנציק אשר נבחר כחבר המפקדה האזורית.

העולים הראשונים

על מידת הערכה לקן שלנו תעיד העובדה שמבין 17 הסרטיפיקטים הראשונים שנועדו לחברי בית״ר בפולין כולה, הוקצב סרטיפיקט אחד לקן שלנו, בשביל ראובן כץ, אשר עלה ארצה בשנת 1933. רבים מבין חברינו נרשמו לעליה הבלתי־ליגלית, שאורגנה ע״י בית״ר בפולין, אך שנים חלפו עד שהצליחו לעלות. בינתיים הם יצאו לקיבוץ־הכשרה, שהוקם בכפר רודניה, בסביבת איבניץ. שם הם עסקו בכריתת עצים ביער, שהיה שייך לסוחר היערות — גרזון. קיבוץ זה מנה כ־30 איש. גם חברינו מרדכי בן-יהודה ויוסף רולניק השתייכו לקיבוץ זה, שלו מסרו את כל זמנם ומרצם, וחיו בו בציפיה לתורם לעלות ארצה.

בוורשה, בירת פולין גרה משפחה איבנצאית, משפחת ז. אלקינד, ברחוב גרניצנה 6. הם היו בעלי צינקוגרפיה. ביתם היה פתוח בפני אנשי עיירתנו, שבאו לוורשה לרגל ענינים הקשורים בעלייתם, וחברינו שאבו מהם עידוד רב. אצלם עבד הירשל רבינוביץ, בן עיירתנו, גם הוא עזר וטיפל טיפול מסור בחברינו.

אימונים בנשק

תנועתנו חיפשה הזדמנויות, כדי להתאמן בנשק. למפקדנו לייבל כץ היו קשרים עם מפקדת חיל המצב (K.O.P.) והוא השיג את הסכמתה שנתאמן במסגרת הטרום־צבאיים (P.W.) קצין וסמל היו מאמנים אותנו, התקדמנו יפה ואף עברנו בהישגינו את הנוער הפולני שהתאמן במסגרת ה״סטשלץ״. אך הישגינו גרמו לשנאה ותחרנות מצד הקטולים שבעיירה, וכתוצאה מכך הוציאו אותנו ממסגרת P.W. ואסרו עלינו להתאמן בנשק.

ב־1939, עם פלישת הצבא האדום לרוסיה הלבנה, הופסקה כל פעולה ציונית, וכן גם פעולתנו.

זלטה פרבשטיין-רייכמן / עפולה


תנועת הגרוסמניסטים באיבניץ

היה זה בחודש מרץ 1934. בנימין פרנציק הזמין לביתנו את מנהיגי הפלג הגרוסמניסטי בוילנה, הח׳ קרמר וגורביץ, ששהו אז בוולוז׳ין.

באסיפה זו השתתפו: שמעון אושרוביץ, בנימין פרנציק, שאול רייכמן וכן

כמה חברים שפרשו מבית״ר, כגון: זלטה רייכמן, ליבה אקון ואחרים. אז גם נוסדה תנועת הנוער הגרוסמניסטי ״ברית הקנאים״.

הדחיפה ליצירת התנועה החדשה ניתנה על־ידי פרישת הצה״ר מההסתדרות הציונית. הראוותנות וכן הנוקשות של תנועת בית״ר, שהלכה וגברה עד אשר נהפכה מתנועת נוער ציונית — לתנועה מיליטריסטית, לנוער של מדים וסמלים, הצדעות ועמידת דום. כל זה נמאס עלינו והיה לנו לזרא. לא הסכמנו גם להתבדלותו של בית״ר מיתר תנועות הנוער. מאידך, אנו — שראינו מקרוב וחיינו בתוך גן־העדן הסוציאליסטי ברוסיה — לא יכולנו להשלים אף עם תנועות הנוער הציוניות־סוציאליסטיות ששאפו לטעת בארץ־ישראל נטע זר, לפי הדגם של הסוציאליזם הרוסי.



קבוצת הכשרה של גרוסמניסטים באיבניץ. ביקור הח׳ קרמר מוילנה

בשעתו, כשנוסד הבית״ר, הצטרפנו אליו מתוך תקווה שתנועה זאת תהווה אלטרנטיבה לתנועות הנוער האחרות, ושהיא תכניס חיים ותתסיס את התנועה הציונית אשר קפאה על שמריה, וכל פעולותיה הסתכמו באסיפת תרומות לק.ק.ל. ומכירת שקלים. לכן, כשהתהווה הפילוג בצה״ר הצטרפנו מיד לתנועה הגרוסמניס־טית ויסדנו בעיירה את ״ברית הקנאים״. הרוח החיה של התנועה היה בנימין פרנציק. היו לנו הרבה אוהדים בין המבוגרים, אך הם לא היו מאורגנים.

באיבניץ יסדנו נקודת־הכשרה בשביל חברי הסביבה. הם עבדו ברובם במנסרה המקומית. שכרנו בשבילם דירה אצל בנימין רולניק ברחוב הטחנה. לעומת זאת אנחנו האיבנצאים, נסענו לנקודות הכשרה מרוחקות. אני, ליובה אקון וגיטל קוזניעץ עברנו את ההכשרה שלנו בטלושץ, בקרבת ורשה. אחי ובחורים אחרים נשלחו לוולומין. כולם, פרט לשאול רייכמן וחנה פוליאק — זכו לעלות לארץ-ישראל.

ראובן כץ, תל־אביב
מרדכי בן־יהודה, ירושלים

היו ימים...

אחד התענוגות של הנוער שלנו בימים ההם, היו הטיולים ברגל בסביבה. המקום היפה והמקסים ביותר היה בסביבות האחוזה בורוביקובשצינה. שם גרו גם רבקה ושמעון אושרוביץ.

זרם שם נהר גדול, והיה בו מקום לשחות וגם להשיט סירה. מסביב יער עבות שהשתרע על עשרות קילומטרים. בחודשי הקייץ היו באים לשם קייטנים יהודים מערי הסביבה. ביער זה היו הסתדרויות הנוער, עורכים גם מושבות קייץ. והרי משהו מעוללות קבוצת הנוער שלנו:

אנו "תופסים את החוף"

כפי שכבר הוזכר לעיל, גר שמעון אושרוביץ באחוזה, והיה שותף לתחנת קמח ומנסרה. כל שבת היינו מבקרים אותו ובקייץ היינו מארגנים ביער האחוזה מושבת־קייץ.

באחת השבתות ביקרה אותו קבוצתנו אשר מנתה כ־15 איש. בביתו התארחו אז 2 סוחרי יערות, וכל אחד מהם ניפגש אתנו בהסתר, כדי שיריבו לא ידע על כך, וניהל אתנו משא־ומתן על מנת "שנתפוס" בעבורו את חוף הנהר.

להבהרת הדבר הבא ונסביר את המשמעות של "תפיסת החוף":

את גיזעי העצים הכרותים היו מביאים האיכרים משך כל החורף ומרכזים אותם בקירבת חופו של נהר (במקרה שלנו — הנהר איסלוץ). לאחר הפשרת השלגים היו שולחים את הגזעים עם זרם המים, שהביאם עד הנהר נימן. פועלים מצויידים בווים בעלי ידיות ארוכות, היו מלווים את העצים, מזרזים בגזעים ולא היו נותנים להם לסתום את הנהר. עבודה זאת היתה נמשכת מספר שבועות. סוחר היערות היה מספק לפועליו מזון ומלווה אותם עד הגיעם לנימן, שם היו



בית״ר באיבניץ. טיול ל״ג בעומר יחד עם ביה״ס תרבות, 1932



ברית־הצוה״ר באיבניץ, קבוצת הכשרה. 1931



קן בית"ר באיבניץ נפרד מראובן כץ לרגל עלייתו ארצה
דער קן בית"ר אין איוועניץ שיידט זיך פון ראובן כץ וועלכער איז עולה קיין ארץ־ישראל



קן בית"ר באיבניץ, כיתה „חבצלת", 1931

קושרים את הגזעים והופכים אותם לרפסודות ושוב שולחים אותם עם הזרם עד למקום המיועד, על־פי־רב, לחוץ־לארץ. כשהיתה מגיעה שעת שליחת העצים, היה כל סוחר מעונין להיות בין הראשונים, כי אז העצים שלו יגיעו הראשונים ליעדם.

גם הפעם היו 2 הסוחרים מעונינים להערים אחד על חברו, כדי לשלוח ראשון את העצים.

לאחר משא־ומתן סודי גמרנו עם אחד מהם את העיסקה, והוא התחייב לשלם לנו תמורת עבודתנו — 25 זהובים.

מייד עם יציאת השבת התחלנו במלאכה, גילגלנו את גזעי העצים במורד החוף עד למיים. אחרי חצות סיימנו את עבודתנו, קיבלנו את התשלום ורעבים ועייפים יצאנו לכיוון איבניץ. בדרך לשם נכנסנו לביתו של שומר היערות, ואכלנו אצלו ארוחה דשנה. לאחר מכן שכבנו בצידי הדרך לנוח ונרדמנו...

בבוקר העיר אותנו ר׳ פייוול כץ, שעבר במקום בעגלתו. הוא סיפר לנו שבעיירה מודאגים מאוד מהעדרנו ורווחות שמועות שנרצחנו כביכול על־ידי לסטים. כששמענו זאת התחלנו לרוץ הביתה, כדי להרגיע את משפחותינו.

הכסף שהרווחנו, הקדשנו להוצאות הנסיעה לכנס בית״ר שעמד להתקיים בוורשה.

״הפשיטה על ריבת האוכמניות״

שמעון ורבקה אושרוביץ היוו זוג צעירים. כדרך כל נשי ישראל הכינה גם רבקה לקראת החורף, כדים עם ריבת אוכמניות מצויינת.

באחת השבתות באנו כמנהגנו לבקרם, אך מצאנו בבית רק את שמעון, רבקה נסעה לרוביז׳ביץ.

תיאבון היה לנו גדול, ובביתו מצאנו כמה ככרות לחם שיפון. בלי לשאול, ניגשנו למזווה והוצאנו משם 2 כדי ריבה גדולים. לאחר זמן קצר חיסלנו את הלחם ואת הריבה והחזרנו למזווה את הכדים הריקים...

בשבת הקרובה שוב הגענו לאחוזה, נתקבלנו ע״י הזוג בחיבה ובצחוק.

— ״נו חברה איך התיאבון היום״?

היינו נבוכים במקצת, בגלל המעשה שעשינו בשבת הקודמת. הדובר שלנו היה יוסף רולניק. הוא העמיד פנים תמימים וענה:

— ״ככה, ככה; אבל אם תכבדו אותנו בקצת ריבה — לא נסרב״...

מקרה זה שימש נושא לבדיחות במשך חדשים רבים.

יצחק קוזניעץ, רעננה

אַ חתונה אין איוועניעץ

ווער ס׳האָט נישט געזען אַ חתונה אין איוועניעץ, ווייס נישט וואָס אַ חתונה איז.

כ׳וועל דאָ באַשרייבן ווי ס׳האָט אויסגעזען אַ חתונה אין יאָר 1923, ווען מיין שוועסטער רבקה, האָט חתונה געהאַט:

דער חתן איז געווען אַ שמיד, און געלעבט אין אַ קליין שטעטל, ניעסוויז, נעבן סטויפץ.

נאָך די „תנאים״ האָט מען זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה. דאָס וויכ־טיקסטע איז געווען דאָס צוגרייטן דער כלה׳ס אויסשטייער; חברטעס און גוטע שכנטעס פלעגן זיך צונויפקלייבן אין די אָוונטן, ביי דער כלה, און געפליקט די גענזענע פעדערן, כדי צוצוגרייטן אַ פערענע און קישנס, פאַר דער כלה. מ׳איז געזעסן ביז שפעט אין דער נאַכט, און פליקנדיק די פעדערן — געזונגען און געשמועסט...

פאַר אונדז, דער כלה׳ס ברידער, האָט מען גענייט בלוזקעס מיט לאַנגע אַרבל, און געקויפט נייע היטלען.

משה דער שוסטער, האָט געאַרבעט שפעט אין די נעכט, ער האָט באַדאַרפט אויפנייען שיך פאַר דער כלה און פאַר אירע ברידער און שוועסטער. פאַר דער כלה האָט ער גענייט 3 פאָר שיך; אַ ווייסע פאָר טופל — צו דער חופה, אַ פאָר שוואַרצע „מעסטעס״ אויף שבת און יום־טוב, און אַ פאָר גאַנצע שיך מיט קנעפּלעך — אויף יעדן טאָג. פאַר דער מאַמען אַ פאָר כראָמעווע שיך, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ מחותנת׳טע. פאַר מיינע שוועסטער רחל און פריידל — עלעגאַנטע, שעוראָווענע שיך. אויך פאַר מיינע ברידער, משה און גרשון האָט מען באַשטעלט עלעגאַנטע שטיוול מיט הויכע חאָליאַוועס. נאָר מיר האָט מען אָפּגענאַרט; מען האָט מיר אויפגענייט אַ פאָר פּראָסטע, יוכטאָווע שיך, און די זיילן אונטערגעקלאַפּט מיט טשוועקעס, כדי כ׳זאָל זיי נישט אַזוי שנעל צורייסן. דערצו נאָך זענען מיינע שיך געווען מיט עטלעכע נומערן גרעסער פון מיינע פיס, „אויף אויסוואַקסן״, ווייל די מאַמע האָט נישט קיין געלט, כדי צו נייען מיר יעדן יאָר נייע שיך...

נאָר מיר וועלן זיך צוריקקערן צו דער כלה: דער סטאָליער האָט געמאַכט אַ מאָדערנע בעט, אַ טיש מיט בענקלעך און אַ אַלמער מיט שופליאַדן. אַלע אירע האַנטעכער, ציכלעך און ליילעכער, האָט מען אויסגענייט מיט איר נאָמען. דער אַלמער האָט זיך אָנגעפילט מיט אירע קליידער, אויך צוויי מאַנטלען; אַ

ווינטערדיקן און אַ זומערדיקן. אין קיך, אין אַ ווינקל, זענען געשטאַנען אירע געשיר; אַ קופּערנער סאַמאָוואַר, אַ הליאַק, טעפּ און פּענדלעך.

ווען ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט פון דער חתונה, האָט מען גענומען פּרעגלען, באַקן און קאָכן... אין שטוב האָט מען פון ברעטער, אויסגעשטעלט לאַנגע טישן און בענק, און פּעריכט די פּאָדלאָגע, כדי מ'זאָל קענען טאַנצן..

און אָט איז מיט מזל געקומען דער גליקלעכער טאָג: 5 שליטנס, געשפּאַנט צו פּאָר פערד מיט גלעקלעך, אָנגעלאָדן מיט דער כלה'ס משפּחה, זענען אַרויס־געפאָרן באַגעגענען די מחותנים. נאָכן מכבד זיין זיך מיט לעקאַך און ב־אָנפן, האָט מען דעם חתן אַרויפגעזעצט אויפן ערשטן שליטן צוזאַמען מיט די צוויי כלי־זמר, (ווינטשע און לייבאָוויטש) וועלכע האָבן געשפּילט די גאַנצע וועג. אַזוי איז מען דורכגעפאָרן גאַנץ קאָידאַנאָווער גאַס און געבראַכט דעם חתן צום פעטער משה, דעם שמיד.

דערווייל האָט מען „באַזעצט" די כלה, און באַשאָטן איר מיט קאָלירטע „האָפּן", די פרויען מיט אָנגעצונדענע ליכט האָבן באַגעגנט דעם חתן, וועלכער איז געקומען „באַדעקן" די כלה. דער חזן האָט געמאַכט אַ „אל מלא רחמים" נאָך דער כלה'ס פאַרשטאָרבענעם פאָטער, און דאַן האָבן די „אונטערפירער" מיט די כלי־זמר אָנגעפירט דעם חתן צום נייעם שול, ווו ס'איז פאַרגעקומען די חופּה, נאָך אים האָט מען געבראַכט די כלה, און אין אַ מזלדיקער שעה, איז פאַרגעקימען די חופּה. רבקה און יוסף מילער, זענען געוואָרן מאַן און ווייב!...

צוריקקומענדיק פון דער חופּה, האָט מען דאָס יונגע פּאָר־פּאָלק באַגעגנט מיט אַ פיינעם טאָרט און ווין, און אַלע געסט האָבן זיך אַרומגעזעצט צום „זיסן טיש" וועלכער איז באַשטאַנען פון לעקאַך, טאָרט, ווין און בראָנפן, גע־מאַרענירטע הערינג, באָב און פיסטאַשקעס.

נאָכן זיסן טיש, האָט מען געגרייט די טישן, און דער „עולם" האָט זיך גענומען צו דער „סעודה". ווען מען איז דערגאַנגען צו די „גאָלדענע יויך", האָט דער „בדחן" זיך גענומען צו דער אַרבעט, אויסרופנדיק הויך, אויפן קול, די נעמען פון די געסט, און זייערע דרשה־געשאַנק. איינער האָט געגעבן זילבערנע לעפל, דער צווייטער — אַ סאַמאָוואַר, לייכטער, טישטוכער און אַפילו גאָלדענע רוסישע אימפּעריאַלן...

אין דער צווייטער האַלבער שטוב האָט זיך די יוגנט געווילט; די צוויי איוועניצער כלי־זמר האָבן געשפּילט און די יוגנט האָט געטאַנצט, פּאָלקעס, קראַ־קאָוויאַקן און וואַלסן.

שפּעט אין דער נאַכט, נאָכדעם ווי די עלטערע געסט זענען זיך צוגאַנגען, האָט מען געגרייט אַ טיש פאַר דער יוגנט. דער טיש איז געווען פול מיט עסן און טרינקען, אָבער די חברה האָבן קיין ברעקל נישט איבערגעלאָזט פון אים.

דערנאָך, די גאַנצע וואָך האָט מען געפּראַוועט די שבעה־ברכות, מיט פרייד און געזאַנג.

אַזוי איז געפּראַוועט געוואָרן די חתונה ביי חנה־נעכעס טאָכטער!

און רבקה מיט איר באַשערטן מאַן, יוסף מילער, האָבן געלעבט אין גליק, ביז די בלוטיקע כוואַליעס פון היטלעריזם האָבן דערגרייכט און פאַרפלייצט אויך אונדזער שטעטלע איוועניעץ...

מרדכי בן-יהודה, ירושלים

די מחלוקת וועגן נייעם רב

דער אַלטער איוועניצער רב, ר׳ יחזקאל־שמחה ראַבינאָוויטש, האָט געהאַט זאָרג פון ערציען זיינע קינדער, אויף די קהלשע ענינים האָבן אים נישט צוגעגעבן קיין נחת, דאָס אַלץ צוזאַמען האָבן משפיע געווען אויף זיין געזונט, און אין יאָר 1929, אין עלטער פון 63 יאָר איז ער נפטר געוואָרן. נאָך פאַר זיין לעבן האָט ער חתונה געמאַכט זיין איינציקע טאָכטער מיט אַ מירער ישיבה בחור — מיכאל־מנחם גרוניצקי. דער בחור איז געווען אַ שיינער און שלאַנקער יונגער מאַן. געווען געבילדעט און גערעדט אַ פיין פויליש. ער האָט געקענט האָבן גרויס ערפאָלג ביי די איוועניצער יידן, אָבער אָנק׳מענדיק אין שטעטל האָט ער זיך גלייך אָנגעשלאָסן צו די אַזוי גערופענע „שוואַרצע״ פאַנאַטישע שונאי־ציון יידן. דאָס האָט געבראַכט צו דעם, דאָס נאָכן אַלטן רב׳ס טויט האָט אַ גרויסער טייל פון די איוועניצער יידן אים נישט געוואָלט אַלס רב.

דעם פאַרשטאָרבענעמס רב זון, איזשיק, האָט פון זיין גוטן ווילן מוותר געווען אויפן כסא הרבנות לטובת זיין שוואָגער מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געלערנט אין דער ישיבה, און זייער געליבט.

דאָס זעלבע וואָס ס׳האָט פּאַסירט אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך האָט אויך געשען אין איוועניעץ; די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך צוטיילט אויף צוויי מחנות; איין טייל האָט געהאַלטן פאַרן יונגן רב, דער צווייטער טייל, די „ווייסע״ צו וועלכן עס האָבן אָנגעהערט די פאָרגעשריטענע און ציוניסטיש געשטימטע יידן, זענען געווען געגן יונגן רב אין באַשלאָסן אַראָפּברענגען אַ צווייטן רב. זיי האָבן געשאַפן אַ „מנין״ ביי משה־סלאַוועס (די אַרטיקע לצים האָבן עס גערופן „די קאַפּליצקע״). דער מנין האָט אָבער לאַנג נישט געהאַלטן און די „ווייסע״ האָבן זיך צוריקגעקערט דאַוונען אין די שולן. זיי האָבן אָבער אַראָפּגעבראַכט אַן אַלטיטשקן רב פון ווילנע און ער האָט גענומען דאַוונען אין דער אַלטער שול.

דער צווייטער צד איז אָבער נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, און ס'האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה: אין שול און אין גאַס, ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער ווילנער רב האָט געמוזט פאַרלאָזן איוועניעץ און דער יונגער רב איז געבליבן דער זיגער.

זיינע געגנער האָבן זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן און צעבראָכן די „קאָ־ראָבקע" (הייוון און ליכט אויף שבת, אויך צעטלען אויף שעכטן קיה און עופות, האָט מען געמוזט קויפן אין דער קאָראָבקע און פון אירע איינקופטן האָט מען אויסגעהאַלטן דעם רב און די אַנדערע כלי־קודש) אויפגעהערט צו קויפן ביים רב די ליכט און הייוון און אַזוי אַרום פאַרקלענערט זיינע הכנסות. אינטערעסאַנט איז, אַז דאַן האָט דווקא די קריסטלעכע באַפעלקערונג, אַלס סימפּאַטיע צום יונגן רב (וועלכער פלעגט אָפט אַרויסטרעטן און האַלטן רעדעס אין פויליש) — גענומען קויפן הייוון ביים רב...

אַ דאַנק דער שטיצע פון די אָרטיקע קריסטן האָט די רעגירונג באַשטימט דעם יונגען רב אַלס רבינער און געצאָלט אים אַ מאָנאַטלעכן געהאַלט.

מיט דער צייט האָט זיך די מחלוקת איינגעשטילט.

דער רב, ר' מיכאל־מנחם גורניצקי, איז אומגעקומען אין נאָוואָגרודקע־ געטאָ אין יאָר 1942. ת. נ. צ. ב. ה.

אברהם קאלאציק, תל־אביב

אַ שטעטל מיט צוויי רבנים

און נאָך אַ מעשה וועגן נייעם רב:

ווען ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען דער קאַמף קעגן דעם פאַרשטאָרבענעם רב'ס איידעם — ר' מיכאל־מנחם גרוניצקי, אַ געוועזענער מירער ישיבה בחור, האָבן זיינע געגנער אויפגעהערט גיין צו אים אויף דין־תורהס און קויפן אין דער „קאָראָבקע", יוסף ריווע־ראָכעס האָט גענומען פאַרקויפן הייוון און ליכט און די הכנסה פון דעם איז געגאַנגען פאַר די שטאָט באַדערפענישן פון יונגן רב'ס געגנע־. אויך אַ רב האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט פון ראדאשקאָוויטש, אַ ייד שוין אין די יאָרן, זיי האָבן געדאַוונט אין דער אַלטער שול און דער יונגער רב מיט זיינע אָנהענגער — אין דער נייער שול.

דעם נאָענטסטן שבת צום לייענען האָט זיך אַריינגעריסן אין אַלטן שול צוזאַמען מיט אַ חברה יידן, דעם רבס זון איזשיק, אַרויף אויף דער בימה און געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה געגן דעם פרעמדן רב, ער האָט באַשולדיקט אים אַז ער נעמט צו דאָס ברויט פון פאַרשטאָרבענעם רב'ס משפחה און אַזוי ריידנדיק

האַט ער פּלוצלינג אויסגעשריען: חברא! זאָל ער אַרויס פון שול! און אַנגע־וויזן אויפן דערשראָקענעם רב. די גוואַרדיע וועלכע זענען געקומען מיט איזשיקן, האָט זיך אַ ריר געטאָן צום רב, און געצווונגען אים אַרויס פון שול. דער סוף איז געווען דאָס דער רב האָט אויף צומאָרגנס פאַרלאָזט איוועניעץ און אין שטעטל איז איבערגבליבן בלויז דער יונגער רב.

זלאטע פארבשטיין—רייכמאן, עפולה

מיין באזוך אין איוועניעץ אין יאָר 1938

כ'האָב זיך געפונען אין ארץ־ישראל, שוין קרוב פון 3 יאָר. אין אַ געוויסן טאָג האָב איך באַקומען פון איוועניעץ אַ בריוו אַז מיין פאָטער איז שטאַרק קראַנק. כ'האָב לאַנג נישט געטראַכט, כ'האָב מיטגענומען מיין פּיצל קינד, שושנה'לע, וועלכע איז נאָך קיין האַלב יאָר אַלט געווען, און געלאָזן זיך אין וועג.

קיין איוועניעץ בין איך אָנגעקומען דעם 25.5.38.

סאיז שווער צו באַשרייבן מיט וואָס פאַר אַ שמחה און באַגייסטערונג מ'האָט מיר באַגעגנט:

עפּעס אַ קלייניקייט, אַ גאַסט פון הייליקן לאַנד!

צומאָרגנס, נאָך מיין אָנקומען בין איך אַריין צום רב קויפן הייוון אויף שבת, ס'זענען געזעסן ביי אים דאַן עטלעכע בעלי בתים און באַהאַנדלט קהלישע ענינים. דער רב דערזעענדיק מיר האָט אויסגעשריגן מיט שמחה — אַ גאַסט פון ארץ־ישראל! ער האָט מיר אַריינגערופן צו זיך אין צימער און באַזעצט מיר ביים טיש, צווישן די בעלי־בתים, און גענומען מיך אויספרעגן וועגן דעם לאַנד און די יידן דאָרט. אויך די אָנוועזנדע זענען געווען דורשטיק נאָך יעדן וואָרט מיינעם און פאַרגעסנדיק זייערע קהלישע ענינים, געשמועסט מיט מיר אַ לאַנגע צייט.

בקיצור: כ'בין געווען די העלדין פון שטעטל. וויפל כ'האָב דערציילט וועגן ארץ־ישראל איז נישט גענוג געווען, מ'האָט מיר געפרעגט און געפרעגט, און נישט אָנגעזעטיקט זיך. יונג און אַלט, מיט וואָס פאַר אַ בענקשאַפט האָבן זיי זיך צוגעהערט צו אונדזער ארץ־ישראלדיקן לעבנס שטייגער. ביי אַ סך זענען טרערן געשטאַנען אין די אויגן, פונקט ווי דאָס האַרץ האָט זיי געזאָגט וואָס זיי דערוואַרט אין דער נאָהענטסטער צוקונפט...

באַזונדער רירנדיק זענען געווען מיינע באַגעגענישן מיט דער יוגנט. אַ סך צווישן זיי האָבן געלערנט און גערעדט עברית און זייער חלום איז געווען — אַ סערטיפיקאַט!

אויך איך האָב זיך צוגעקוקט מיט ווייטיק צו זייער לעבן אין שטעטל און מיט גאווה פאַרגלייכט עס מיט אונדזער לעבן אין ארץ־ישראל.

די אָרעמקייט אין שטעטל, די אָפּגעשטאַנענקייט, דאָס האָפּענונגסלאָזיקייט. איין טאָג יאָגט דעם צווייטן, אָבער אָן אַ מאָרגן, אָן אַ ציל וואָס זאָל געבן אַ זין דעם לעבן, און אַ ווילן צו ראַנגלען זיך מיט אים.

דאָס אַלץ האָט געדריקט אויף מיר. דאָן האָב איך דערפילט וואָס גלות איז, און גלות אין פוילן בפרט, און טראָץ דאָס פרייד צו זיין מיט מיין משפחה און פריינט, האָב איך גענומען ציילן די טעג וואָס זענען נאָך פאַרבליבן ביז מיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל.

מיין פאָטער, אברהם, איז געשטאָרבן פרייטיק, 2 טעג נאָך מיין אָנקומען. אין שטעטל האָט מען גערעדט אַז ער איז געווען אַ צדיק, ווייל ער האָט נאָך דערלעבט צו זען מיר און אויך זיין ערשטן אייניקל וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין הייליקן לאַנד.

מיין ברודער, שאול, האָט געדינט אין פוילישן מיליטער. צוליב דעם טאַטנס טויט האָט ער באַקומען אורלויב, נאָכן זיצן שבעה, איז ער אַרויס אין אַ פאַרנאַכט אין גאַס. און פלוצלינג, אָן ש׳ום סיבה, האָבן אים באַפאַלן 3 שקצים און מיט כוח געוואָלט ביי אים צונעמען דעם באַיאָנעט. ער האָט זיך גענומען ראַנגלען מיט זיי, אָבער וואָס קען אויפטון איינער קעגן 3 ז׳לאָבעס? צום גליק איז דער געראַנגל פאַרגעקומען נעבן שטוב פון אַ פוילישן אָפיציר וועלכער האָט פאַרטריבן די שקצים און געשיקט זיין באַדינער באַגלייטן מיין ברודער אַהיים.

יאָרן זענען פאַריבער. מיין שטעטעלע אין אירע יידן זענען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. נעכטיקע גוטע שכנים זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלוטדורשטיקע חיות און געהאָלפן אויספירן די רציחות פון אומשולדיקע מענטשן וועמענס אייינציקע שולד איז געווען — זייער שוואַכקייט!

אָפּט, זייער אָפּט, דערמאָן איך זיך אין מיין שטעטעלע, וועלכע איז געווען און נישטאָ מער...

*

פ א ל ק ל אָ ר

ווען זלאַטקע איז געקומען מיט אַ באַזוך אין איוועניעץ האָט זי דע־ציילט: אין ארץ־ישראל פעלן 3 חדשים;

— ס׳איז נישטאָ קיין אייר (נאָר דו).

— ס׳איז נישטאָ קיין שבט (ס׳איז וואַרעם).

— ס׳איז נישטאָ קיין טבת (מען טוט קיין טובות).

— דאַקעגן איז אין ארץ־ישראל ביליק 3 זאַכן: שווייס, יחוס און שטויב.

וואָלקע רעזניק, קיבוץ עמיר

זכרונות פון קינדער און יוגנט יאָרן

די יאָרן 1915—25

אַ סך יאָרן זענען פון דאַן פאַרלאָפן, און איצט, ווען איך קער זיך אום, אין געדאַנק, צוריק קיין איוועניעץ, זע איך איר אין אַ ראָמאַנטיש־נאָסטאַלגיש ליכט.

די „ציוויליזאַציע" ווי עלעקטרע, טראָטואַרן, קינאָ, אַ באַן און אָטאָבוסן, זענען נאָך דאַן נישט געווען באַוווּסט אין איוועניעץ, אָבער דאָס שטערט מיר נישט צו מאָלן מיין שטעטעלע אַלס וווּנדערבאַרער, אידילישער ווינקעלע, אויף גאָטס ערד.

איוועניעץ איז געווען אַ־ומגערינגלט מיט נאַטירלעכע, פילפאַרביקע שענקייט: געדיכטע וועלדער, טייכלעך, בערג אין בערגלעך. גאָלדענע פעלדער און גרינע לאָנקעס. דאָס איז געווען אַ פּרעכטיקע ראַם, וועלכע האָט אַרומגערינגלט אונדזער שטעטל.

אירע שמאָלע גאַסן און נידעריקע הילצערנע הייזער, זענען געווען וווּנדע־ באַרע וואַרעמע היימען.


די צוויי שולן און להבדיל, דער קלויסטער און צערקווע, האָבן אויסגעזען איז די אויגן פון אַ זעקס יאָריקן יינגל, ווי הייליקע טעמפּלען, און מיין רבי אין חדר — ווי אַ פּאַטריאַרך פון אב־הם אבינו׳ס צייטן...

די טעג פלעגן פאַרבייגיין שנעל אין פאַרשידענפאַרביק: אין חדר האָבן מיר איינגעזאַפּט די יסודות פון יידישער און מענטשלעכער ערציונג. דער תנ"ך האָט פאַר אונדז ענטפּלעקט נייע וועלטן; מיט פיל האַרצקלאַפּעניש און שרעק האָבן מי־ באַגלייט יצחקן צו דער עקדה, און ווי פריי האָבן מיר אָפּגעאָטעמט, ווען צום סוף איז יצחק לעבן געבליבן... מיט גרויס שפּאַנ־נג האָבן מיר נאָכגעפאָלגט די באַצי־ הונגען צווישן יוסף און זיינע ברידער. און דעם פאַרמעסט צווישן משה און פרעה... די קינדערישע אויגן האָבן געגלאַנצט, און די הערצער האָבן געקלאַפּט שטאַרקער, ביז מיר זענען ענדלעך אַרויס פון מצרים...

אָפטמאָל פלעגן די קינדער, אין מיטן לערנען, נעמען זיך שפּילן אונטערן טיש, אָדער נעמען קנייפּן איינער דעם צווייטן — ביז דער רבי פלעגט עס באַ־ מערקן, און מיטן „קאַנטשיק" מאַכן אָרדענונג.

אָבער דעם אמתן טעם פון לעבן האָבן מיר געפילט פאַרלאָזנדיק, נאָך 8 שעה לערנען — דעם חדר. מיר פלעגן אויסלאָזן אונדזער ענערגיע, אין הילכיקע גע־ שרייען און אין פאַרשידענע שפּילן. פון זיי געדענק איך נאָר עטלעכע, — „פּי־ קערס", „חזירימלעך" און „באַהעלטענישן". אויך פלעגן מיר שפּילן אין „פּאַ־ זשאַרניקעס". אַז מיר זענען אַ ביסל אונטערגעוואַקסן האָבן מיר געשפּילט אויף

אין פוטבאָל. דער פּאַסיקער פּלאַץ צום שפּילן איז געווען ביים שול. די שפּילן פלעגן זיך ציען ביז שפּעט אין אָוונט. נישט איינמאָל פלעג איך אַריינפאַלן אין שטוב — צו מיין מאַמעס שרעק — אַ פּאַרבלאָטיקטער, מיט צעריסענע זאַכן און אַ צודראַפּעטן פּנים. טויט־מיד פלעג איך פאַלן אויפן בעט, און איינשלאָפן אין די בגדים...



איבניץ בחורף. קבוצות נוער על הנהר הקפוא

ווינטער, ווען דער שניי פלעגט באַדעקן די ערד, און דער פראָסט האָט פאַרפרוירן דעם טייך, פלעגן מיר זיך גליטשן אויפן אייז, אויף „קאַנקעס“, אָדער שליטלען זיך אויף שליטעלעך, פון לייבע סלאַוועס באַרג, אַדער פון

באַרג נעבן דעם קלויסטער. ווער ס׳האָט נישט געהאַט קיין שליטעלע, האָט זיך געגליטשט, באַרג אַראָפּ, פּשוט אויפן הינטן...

ווען כ׳זע איצט ווי מענטשן ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט זיך, אום שַבָּת און יום־טוב. ווי זיי לויפן אַרום איבער די שאָסייען און וועגן, פון איין פּלאַץ צום צווייטן, כדי צו געפינען עפּעס אַ אינהאַלט אין רו־טאָג, און אַ ביסל גייסטיקע שפּייז פאַר דער נשמה, דערוועקן זיך אין מיר זכרונות פון אַמאָל,



ווינטער אין איוועניץ. יונגוואַרג אויף פאַרפרוירענעם טייך

מיט אַ פופציק יאָר צוריק. ווי אינהאַלטספול זענען דאַן געווען די שבתים און יום־טובים ; דאָס זענען געווען די שענסטע און דערהויבנסטע טעג אין מיין לעבן.

יעדער יום־טוב האָט געהאַט זיין טעם און ריח, זיין קאָלאָריט און אינהאַלט. די שטימונג אין שול, אין שטוב און אין גאַס, זענען געווען צוגעפּאַסט צו יעדן יום־טוב, מ׳האָט נישט געדאַרפט אַרומבלאָנדזען איבער די שאָסייען און זוכן

דעם אינהאַלט, ער איז געקומען אַליין צו דיר אין שטוב, פאַר גרויס און קליין, פאַר אָרעם און רייך:

נעמט דעם פריילעכן טאָג פון פורים; דעם משלוח מנות. די שמחה פון המן׳ס מפּלה. די „קלאָקאָטקעס״־גרעגערס, דאָס שיסן מיט פּיסטאָנעס, אָדער מיט פּשוטע שליסלען, אָנגעפּילט מיט פּולווער, און צום סוף די פּורימדיקע סעודה!...

נעמט חנוכה; ווי וואַרעם איז געווען אין שטוב, ווי פריילעך האָבן גע־פינקלט אין פענצטער די חנוכה ליכטלעך. דאָס שפּילן מיט די גאָרן, די חנוכה מאכלים — לאַטקעס און גריוון. ס׳האָט זיך געוואָלט דאָס די חנוכה אָוונטן זאָלן זיך ציען אָן אַ סוף...

פּסח! שוין די צוגרייטונגען צום יום־טוב האָבן געגעבן דעם פאָרגעשמאַק פון אָנקומענדן יום־טוב. דער „סדר״ אַליין, האָט געשאַפן אַ באַזונדער אַט־מאָספערע, אויסגעמישט מיט הייליקייט און פריילעכקייט, וועלכע האָט געוואַ־רעמט און געבונדן די משפחות.

נעמט די „פאַדריאַדן״ צום באַקן מצות; די פריילעכע שטימונג דאָרט, דאָס געזאַנג פון די וועלגערינס און די מצה רעדלער. אַלס קינד האָב איך זיי שטאַרק מקנא געווען, ווי פלינק פלעגן זיי רעדלען די אויסגעוועלגערטע מצות...

באַזונדער זענען ביי מיר איינגעקריצט צוויי יום־טובים; ראש השנה און יום־כפור. אַ הייליקייט האָט זיי אַרומגעוויקלט, אַ אַטמאָספערע פון ערנסטקייט און פחד. אַפילו איצט פיל איך ווי ריכטיק איז געווען דאָס גלייכוואָרט, דאָס אַפילו אַ פיש אין וואַסער, ציטערט זיך פון שרעק, פאַרן יום־כיפור. אין מיינע אויערן קלינגען נאָך ביז היינט, די פּסוקים פון תפילות וועלכע דער חזן פלעגט זאָגן און קהל פלעגט נאָכזאָגן:

בראש השנה יכתבון
וביום צום כיפור יחתמון
מי יחיה ומי ימות...
ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה!

מיט ליבע און אומגעדולט האָבן מיר קינדער געוואַרט אויף יעדן יום־טוב, און אויף די נייע בגדים; נייע שיך, אַ גאַנץ צוג, אַ היטל. מיר האָבן געוואַרט אויף די געשמאַקע, און צו יעדן יום־טוב צוגעפּאַסטע פּאַטראַוועס. אָבער דער עיקר איז געווען די פייערלעכע שטימונג וועלכע האָט געהערשט אין גאַס, שול און שטוב.

פון יעדנס פּנים האָט אַרויסגעשטראַלט אַ אינערלעכע ליכט און גלויבן, וועלכע האָבן געגעבן כוח צו טראָגן דעם גלות און די שווערקייטן פון די וואָכעדיקע טעג.

אין סוף פון די 20-ער יאָרן האָט די טעכניק גענומען אַריינדרינגען אויך קיין איוועניעץ. מען האָט געברוקירט די גאַסן, געמאַכט טראָטואַרן, עלעקטרי־פעצירט דאָס שטעטל, און ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אַטאָבוסן, וועלכע האָבן געפירט פּאַסאַזשירן קיין ווילנע און סטאָלפּצי. ביז דאַן איז די איינציקע קאָמוניקאַציע געווען מיט פערד און וואָגן; בעלי־עגלות האָבן געפירט פּאַסאַ־זשירן און סחורות, קיין אַלעכנאָוויץ און סטאָלפּצי — צו דער באַן.

די אַטאָבוסן פלעגן אָנקומען אין שטעטל אין אָוונט. צענדליקער מענטשן פלעגן זיך צונויפזאַמלען און מיט נייגעריקייט אָפּוואַרטן די אָנקומענדע פּאַסאַ־זשירן, צווישן וועלכע ס׳זענען געווען אויך „וואַיאַזשאָרן״, וועלכע האָבן גענומען אָפּט באַזוכן איוועניעץ. ס׳האָבן זיך דעריבער געעפנט עטלעכע האָטעלן. דאָס אַלץ איז געשען אַ דאַנק די אַטאָבוסן, וועלכע האָבן פאַרבונדן דאָס שטעטל מיט דער אויסערלעכער וועלט.

דער וויכטיקסטער טאָג אין וואָך פאַר פּרנסה איז געווען מיטוואָך; דער מאַרק טאָג; שוין פון גאַנץ פרי האָבן זיך גענומען קלייבן אין שטעטל, די פויערן פון אומגעגנד. דער מאַרק און די גאַסן אַרום אים, פלעגן אָנגעפּאַקט ווערן מיט זייערע וועגענער און סחורות: תבואה, פּרוכט, פּוטער, הינער, טרור־קענע שווימען „סמאַרשקעס״, חזיר־האָר און א. וו. מענטשן האָבן זיך געדרייט הין און צוריק, זוכנדיק מציאות.

די פויערן, נאָכן פערקויפן זייערע גוטס, פלעגן קומען אין די יידישע קראָמען און קויפן סחורה פאַר זייער געברויך. אַזוי האָט געהאַלטן ביז זון אונטערגאַנג. ביסלעכווייז האָבן זיך די פויערים צופאָרן, און דאָס שטעטל האָט זיך איינגעשטילט, ביז דעם קומענדיקן מיטוואָך...

אין די יאָרן 30—1925, האָט זיך אין שטעטל אַנטוויקלט אויך דאָס קולטור־רעלע לעבן: ס׳איז דאַן געגרינדעט געוואָרן די „תרבות״ שולע, דער „שומר הצעיר״, דער „בית״ר״ און „חלוץ״. ס׳האָט זיך געגרינדעט די יידישע ביבליאָטעק און אַ דראַמאַטישער קרייז.

די „תרבות״ שולע האָט באַדייט אַ רעוואָלוציע קעגן חדר, און דאָס אַלטע סיסטעם פון לערנען, און געשאַפן אַ גרונט פאַר דער ציוניסטישער און חלוצישער דערציאונג, פון דער שטעטלדיקער יוגנט.

לאָמיר דעריבער דערמאָנען דאָ צום גוטן די ערשטע לערער פון דער תרבות שולע — אָוסייעוויטש און חפץ, וועלכע האָבן דערציט דער יוגנט, און אַריינגעדרונגען אין זיי די ליבע צו ארץ-ישראל.

דאָס אויפשטייאונג פון דער ערשטער יוגנט אָרגאַניזאַציע אין שטעטל, דעם „השומר הצעיר״, האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע געגנערשאַפט ביי די

מערהייט עלטערן. זיי האָבן נישט געקענט פאַרדייען דאָס 15—13 יעריקע קינ־
דער, יינגלעך און מיידלעך. זאָלן זיך ט־עפן צוזאַמען, שמועסן, זינגען און טאַנצן!
אַנשטאָט זיצן אין שטוב — לויפן זיי אין קן! און נישט נאָר דאָס; בעלה־
בתישע קינדער חברן זיך מיט קינדער פון אָרעמע אַרבעטער!...



תלמידים עם מוריהם ע״י ביה״ס תרבות באיבניץ
תלמידים מיט זייערע לערערס נעבן דער תרבות שולע אין איוועניץ

און אויב דאָס איז נאָך געווען ווינציק, האָבן די קינדער גענומען רעדן
וועגן „הכשרה״ און עליה. פון פאַרלאָזן זייערע היימען. טאַטע־מאַמע, און עולה
זיין אין אַ ווייט און וויסט לאַנד... ס׳איז דאָך אַ גרויס אונטערשייד צווישן
אויסשרייען אין שול — לשנה הבאה בירושלים — און צווישן שיקן אַהין, קיין
ירושלים, דאָס אייגן קינד, בפרט אַז דאָס קינד איז אַ יונג מיידל...

אָבער דער טיפער און ריינער גלויבן פון דער יוגנט, האָט זיך ג׳בר געווען איבער די אַלע שטערונגען, און לבסוף מיטגעצויגן מיט זיך אַ סך עלטע־ן!

אויב מיר וועלן נעמען אין באַטראַכט דאָס די מערהייט פון דער איוועניצער יוגנט האָט געענדיקט בלויז די פאָלקס־שולע, אי־ן אַ טייל, אַפּילו דאָס נישט, וועלן מיר דאַן קענען אָפּשאַצן די קולטורעלע דערגרייכונגען פון די יוגנט באַוועגונגען; זיי האָבן געלייענט און דערקענט די יידישע און העברעאישע דיכטער און שריפטשטעלער, געפירט דיסקוסיעס וועגן געזעלשאַפטלעכע אי־ן פּאָליטישע פּראָבלעמען, און דערמיט פאַרברייטערט זייערע קולטורעלע האָרי־זאָנטן. ס׳איז נישט געווען אַ חבר אין וועלכער ס׳איז יוגנט אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט נישט באַזוכט די ביבליאָטעק. די יוגנט פלעגט אויך אָרגאַניזירן זומער לאַגערן (מושבות קייץ־קאַמפּוס) אין די אַרומיקע וועלדער, ווינטער פלעגן זיי אָרגאַניזירן באַגעגענישן מיט דער יוגנט פון די אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן אַסך צוגעגעבן צום עמאָציאָנאַלן אויסלעבן זיך פון דער יוגנט.

אויך האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס דער פחד פון די עלטערן פאַר די עראָטישע סכנות, איז געווען אומבעגרינדעט; פאַרקערט, אין די יוגנט באַוועגונגען איז געפלעגט געוואָרן אַ ערנסטער און פאַראַנטוואָרטלעכער צ׳גאַנג אין די באַציונגען צווישןביידע געשלעכטן. ליבע געפילן זענען געווען געבויט אויפן יסוד פון כבוד, איינע צום צווייטן, אויף אויפריכטיקער פריינדשאַפט און אָפּפערוויליקייט.

אויך אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט האָבן זיי צעבראָכן די באַריערן צווישן די קלאַסן און שיכטן, פון דער יידישער באַפעלקערונג: זיי האָבן זיך נישט גערעכנט מיטן אָפּשטאַם, רייכטום א. א. וו. קינדער פון סוחרים, כלי־קודש און בעלי־מלאכות, האָבן זיך געחברט, און געחלומט וועגן לעבן און אַרבעטן צוזאַמען אין ארץ-ישראל.

אָט די הערלעכע און אידיאַליסטישע אויפפירונג פון די קינדער האָט נישט ווילנדיק מיטגעשלעפּט אויך די עלטערן, וועלכע האָבן ביסלעכווייז גענומען צוצופּאַסן זיך, און פאַרשטיין זייערע יונגע קינדער, און צום סוף אַפּילו גענומען זיך מיט גאווה, באַרימען מיט זיי: — מיין טאָכטער איז א־יף הכשרה — אָדער — מיין זון פאָרט קיין ארץ־ישראל! —

די באַציונגען צווישן די רעכטע און לינקע פאַרטייען און יוגנט אָרגאַני־זאַציעס, זענען אָפט געווען זייער אָנגעשטרענגטע, און די וויכוחים — הייסע. איך געדענק די געשפּאַנטע לאַגע פאַר דעם 16־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, און די צייט נאָכן ארלוזורוב מאָרד. טראָץ דעם זענען די פּערזענלעכע באַציונגען צווישן דער יוגנט געווען זייער קאָרעקט, און אַפּילו פריינדלעך.

די יאָרן 1939—1935

די יאָרן 1939—1935 זענען געווען זייער שווערע פאַר די איווענצער יידן, און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַלע געביטן פון לעבן: דער גוואַלדיקער אויפשטייג פון אַנטיסעמיטיזם אין גאַנץ פוילן, האָט נישט אויסגעמיטן איוועניעץ. דאָס זענען געווען די יאָרן ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, אין די באַציונגען צווישן פוילן און דער היטלעריסטישער דייטשלאַנד זענען געווען זייער פריינדלעכע.

פאָגראָמען און פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן יידן, זענען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. יידן זענען רואינירט און פאַראָרעמט געוואָרן. דערשטיקט געוואָרן דורך אומבאַגרינדעטע, זינלאָזע שטייערן.

מיט דער אַקטיווער הילף פון דער אַנטיסעמיטישער רעגירונג, זענען אויפגעעפנט געוואָרן פוילישע קראָמען, מיטן לאָזונג Swój do swego — (יעדער צו זייניקע). די פוילישע יוגנט האָט געצוווּנגען די פויערים פון די דערפער, צו קויפן נאָר אין די פוילישע קראָמען.

יידן האָבן פאַרלוירן זייערע פרנסות, און די אָרעמקייט צווישן זיי האָט געוואַקסן.

אויך איוועניעץ האָט נישט אויסגעמיטן דעם שווערן גורל. ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו צאָלן די שטייערן און די חובות. ס'איז נישט געווען ווו צו נעמען אַן הלוואה. די צאָל פון די באַנקראָטן איז געוואַקסן פון חודש צו חודש, פון וואָך צו וואָך...

באַזונדער שווער איז געווען די לאַגע פון דער יידישער יוגנט: רעגירונגס און מוניציפּאַלע פּאָסטנס זענען דאָך געווען פאַרמאַכט פאַר זיי. אויך די הויך שולן זענען געווען געשלאָסן פאַר זיי. ווער געדענקט עס נישט דעם „נומערוס קלאַוזוס" פאַר די יידישע סטודענטן?

אין יענע יאָרן זענען אויך געווען געשלאָסן די טויערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אויך קיין ארץ־ישראל איז כמעט אוממעגלעך געווען צו פאָרן: דאָס ביסל סערטיפיקאַטן, וועלכע די מאַנדאַטאָרישע מאַכט האָט פאַ־טיילט פאַר דעם פוילישן יודנטום, האָט געקלעקט „אויף איין צאָן". די איינציקע האָפענונג אַרויסצורייסן זיך פון פוילן, זענען געווען דאָס ביסל סערטיפיקאַטן, און די אי־מלעגאַלע עליה, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות. (אַ טייל, וועלכע האָבן געהאַט אַ ביסל געלט, זענען געפאָרן אַלס טוריסטן, און פאַרבליבן אין לאַנד, אויף אַ אומלעגאַלן אופן). ס'איז דעריבער קיין וווּנדער, וואָס אין אָט די שווערע יאָרן, זענען געוואַקסן די חלוצישע באַוועגונגען און די הכשרה פונקטן.

שוין אין יענע יאָרן האָט זיך געפילט אין דער לופט דאָס אָנקומען פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט פאַרניכטעט דאָס פוילישע יודנטום..

די יאָרן 1939—1941

סוף סעפטעמבער 1939 זענען די רוסן אַריין קיין איוועניעץ, און פאַרבליבן דאָרט ביז יוני 1941.

אין דער קורצער תקופה, פון זייער זיין ביי אונדז, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין לעבן פון די יידן אין איוועניעץ: אינדזער שטעטל איז געוואָרן אַ ראַיאָן שטאָט.

די יידישע יוגנט האָט געקראָגן פּאָסטנס אין די רעגירונגס און מוניציפּאַלע אַנשטאַלטן; אין דער פּאָסט, אין געזונטהייטס־אַמט, אין דער שטאָטישער אַדמיניסטראַציע און אין דער אָרטיקער מיליציע.

די סיבה צו דעם איז געווען אַ פּשוטע; די סאָוויעטישע מאַכט האָט געהאַט מער צוטרוי צו די יידן, ווי צו די פוילישע „אָסאַדניקעס" און אַנדערע פּוילישע בירגער. די פּאָליאַקן האָבן עס געזען און געקריצט מיט די ציינער, צוקוקנדיק ווי די יידן „אָרדנען" זיך איין. מיר אָבער האָבן באַצאָלט אַ טייערן פּרייז פאַר דעם:

די ציוניסטישע באַוועגונג איז דערקלערט געוואָרן אַלס קאָנטער־רעוואָ־ליוציאָנערע באַוועגונג, און איז פאַרבאָטן געוואָרן. די חלוצישע יוגנט אָרגאַ־ניזאַציעס זענען אויפגעלעזט געוואָרן. די „תרבות" ש־לע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידישע שולע, און אַ יאָר שפּעטער איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוסישע שולע. אַלס דירעקטאָר פון דער שולע, איז באַשטימט געוואָרן די פרוי פון פּאַרטיי־סעקרעטאַר אין איוועניעץ, (אַ יידישע פרוי, געבוירן אין וויטעבסק). אַלס לערער זענען באַשטימט געוואָרן: חפץ, יצחק פּאַרענציק און איך. מיר האָבן געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט אונדזערע תלמידים — דורך רמזים (וועגן אונדזער נאַציאָנאַלן פּראָבלעם). מיר האָבן זיך אָבער געפילט אָפּגעריסן פון יידישן פאָלק און פון ארץ־ישראל.

אין אַ געוויסן אָוונט, איז אַ גרופּע פון אונדזערע חברים, געזעסן ביי זעליק טשערנין און צוגעהערט צום ראַדיו פון לאָנדאָן. צומאָרגנס האָט מען אונדז־גערופן אין נ.ק.וו.ד. און געוואָרנט דאָס מער זאָל עס זיך נישט איבערחזרן...

אין יעדן אַנשטאַלט און אָרטעל, זענען אַריינגעדרונגען געוואָרן שפּיאָנען. ווערמענס אויפגאַבע איז געווען צו באַריכטן וואָס יעדער פון אונדז טראַכט און זאָגט...

דאָס איז געווען דער פּרייז וואָס מיר האָבן באַצאָלט פאַר אונדזער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער פאַרבעסערונג!

ווינטער 1940, זענען די פוילישע „אָסאַדניקעס" און אויך יידן, פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

פאַר די צוויי יאָר פון געפינען זיך אונטער דעם סאָוויעטישן רעזשים, האָבן מיר זיך געטראָפן מיט רוסן און יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין מזרח רוסלאַנד, און געהערט פון זיי וועגן די „גליקן" פון דעם קאָמוניסטישן רעזשים, און דאָס האָט אונדז כלל וכלל, נישט באַגייסטערט..

אין משך פון אָט די צוויי יאָר, האָט זיך צווישן די יידן געשטאַרקט זייער נאַציאָנאַלער געפיל, און דאָס בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל איז געוועזן גרויס.

דעם 25־טן יוני 1941, דריי טעג נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־רוסישער מלחמה, זענען פון איוועניעץ אַרויס אַ גרופע פון אַ 50 יידן, און געלאָזט זיך קיין מזרח רוסלאַנד.

די וועג איז געווען ממש אַ גיהינום: דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן אָן אויפהער באָמבאַרדירט די וועג מינסק־מאָסקווע. דייטשע פאַראַשוטיסטן האָבן געמאָרדעט און געברענט וועמען און וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. קערפערס פון אומצאָליקע מענטשן, דערוואַקסענע און פיצלעך קינדער, האָבן זיך געוואַלגערט אויף די וועגן און שטעגן. ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל זיי באַערדיקן. מען איז געלאָפן אין פאַניק, כדי אַנטלויפן פון די דייטשן, אין מורא געהאַט זיך אָפּצוהאַלטן.

אַ טייל פון אונדז האָט נישט געקענט אויסהאַלטן די שווידערלעכקייט פון דעם וועג, און אומגעקערט זיך קיין איוועניעץ. קיינער האָט נישט געוווסט וואָס בעסער איז, און וואָס צו טאָן כדי צו ראַטעווען זיך. דער אמת איז, דאָס קיינער האָט נאָך דאַן נישט געגלייבט דאָס היטלער וויל פאַרניכטן אַלע יידן אין אייראָפּע...

בלויז דער אינסטינקט האָט דעמאָלט דעצידירט וואָס צו טאָן.

און אַזוי האָט פאַסירט, דאָס דער 25־ער יוני 1941, איז געווען דער לעצטער טאָג וואָס כ'האָב געזען, און זיך געזעגנט ... שטענדיק, מיט אונדזער טייערער, טיף אין האַרצן איינגעקריצטער שטעטעלע — איוועניעץ...

הרב זאב גורדון, טורונטו—קנדה

דער חורבן פון א קהלה

דער קיילעכדיקער ציפער „6 מיליאָן" איז ליידער געוואָרן אַ שאַבלאָן־וואָרט אין דער יידישער טערמינאָלאָגיע, מען באַנוצט זיך מיט אונדזערע „קדושים" אין וואָכענדיקע געשפּרעכן, מען נוצט עס אויס אויף פאַרשידענע צוועקן, אויף

געלט קלייבן און אויף פּראָפּאַגאַנדע צוועקן, מען רעדט אַזוי לאַנג וועגן די זעקס מיליאָן אומגעקומענע, דאָס מען פאַרגעסט אינגאַנצן אַז זיי זענען געווען אונדזערע מאַמעס און טאַטעס, אונדזערע שוועסטער און ברידער — לעבעדיקע מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אין די שטעט און שטעטלעך, איינגעוואָרצלט מיט טיפע וואָרצלען פון הונדערטער יאָרן, וועלכע האָבן געבויט, געשאַפן און אַנטוויקלט די גייסטיקע אוצרות פון אונדזער רייכער קולטור. מיט זייַער אומקום איז אויך אָפּגעווישט געוואָרן די רייכע קולטור פון דעם מזרח אייראָפּעאישן יודנטום. און ס'איז קיין אויסזיכטן און האָפענונג צו אויפלעבן עס.



ביה"ס „חורב" באיבניק, 1930 — די „חורב" שולע אין איוועניץ, 1930

אויב ס'איז געזאָגט געוואָרן „כי לא על הלחם בלבד יחי' האדם" — איז דאָס געווען צוגעפּאַסט פאַר די יידן אין מזרח אייראָפּע, ספּעציעל פּוילן, ווו די יידן האָבן געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן, זייער מאַטעריאַלע לאַגע איז געווען זייער שלעכט. נאָר אַ דאַנק די גוטע אַמעריקאַנער פעטערס איז מעגלעך געווען ווי עס איז אַדורכקומען מיטן „לחם צר ומים לחץ". אַ שיינער לעבן וואָלט עס געווען ווען בלויז די מאַטעריאַלע באַדינגונגען וואָלטן געווען זייער ציל אין לעבן..

*

און אָט איז מיין געבורט־שטעטל — איוועניעץ. אַ שטעטל ווי אַלע שטעטלעך אין אָרעמען ווייס־רוסלאַנד. 50 ק"מ ווייט פון אַ באַן ליניע, און מיטן רוסישן אייז־קאַלטן און אימהדיקן גרענעץ, אַלס צוגאָב. דאָך איז מען נישט געווען אָפּגעריסן פון דער גרויסער וועלט און פון אַלע ענינים וועלכע האָבן אַ שייכות געהאַט מיט יידן און יידישקייט, און איבערהויפּט מיטן מצב און לעבן אין ארץ־ישראל, מען

האָט ממש געאָטעמט מיט „אוירה דישראל". נישט קוקנדיק אויף די אָרעמקייט און דחקות, האָט די יוגנט זיך אָפּגעגעבן מיט ציוניסטישע און קולטורעלע טעטיקייט, אָרגאַניזירט פאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך באַקעמפט געגנזייטיק. אויך די טאַטעס זענען געווען טעטיק; געפירט מחלוקות וועגן רבנים, שולן, גבאים א.א.וו. און געמאַכט פאַרגעסן די טאָג-טעגלעכע דאגות און שוועריי־קייטן. און ווייל דער הוה, די געגנוואַרט, איז געווען אַזוי פאַרוואָלקנד און גרוי, האָבן אַלע ידיעות און נייעס פון ישראל, געווען די ליכטיקע שטראַלן, וועלכע האָבן געגעבן כוח און אויסדויער צו אַנגיין ווייטער, און נישט צוזאַמענגעבראָכן ווערן, פון שווערן גלות לעבן.

דאָס שטעטל איז געווען ווי אַלע שטעטלעך אין ווייס־רוסלאַנד. אמת, זי האָט פאַרמאָגט פיינע בעלי־בתים און תלמידי־חכמים, אָבער דאָס האָבן אַנדערע שטעט־לעך אויך פאַרמאָגט. מיר איז אויסגעקומען צו לעבן אין פאַרשידענע שטעט פאַרן חורבן, און כ׳האָב געלעבט דאָרט בעסער ווי אין איוועניעץ, דאָך ווען איך דערמאָן זיך וועגן זיי, פיל איך נישט אָט דעם ציטער וואָס כאַפּט מיר אַרום ווען איך הער דעם קלאַנג „איוועניעץ", מיין געבורטס שטעטל! אין דער יידישער טערמינאָלאָגיע איז דאָ אַ אויסדרוק — „עיר ואם בישראל" ווייל די געבורטס שטאָט איז געגליכן צו אַ מאַמע. אויף אַ מאַמע קען מען נישט זאָגן — אַ מאַמע ווי אַלע מאַמעס. אַפילו ווען זי איז ווי אַנדערע מאַמעס, איז זי די איינציקע מאַמע, ווייל זי איז מיין מאַמע! און אַזאַ ווי מיינע איז ניטאָ אויף דער וועלט! און דאָס איז דער ענטפער פאַרוואָס ביים קלאַנג „איוועניעץ" ציטער איך אויף, און איך גלויב אַז דאָס זעלבע פילן אויך אַלע מיינע לאַנדסלייט...

*

ס׳זענען שוין פאַרביי 3 צענדליק יאָרן זינט דער שואה — דעם גרויסן חורבן. איצט ווען מיר גיבן אַ קוק אויף צוריק, זעען מיר און דערפילן די קאַטאַסטראָפע אין איר גאַנצער גרויזאַמקייט. דאָס זעלבע איז ווען מען שטייט נאָענט צו אַ גרויסן באַרג, דאַן זעט מען נישט זיין הויך און גרויסקייט, און דווקא ווען מען איז אָפּגערוקט פון אים, קען דאָס אויג דאַן אַרומנעמען אים און זעען אים אין גאַנצן. און אָט זע איך זיי איצט, די גייסטיקע ריזן, מיינע לאַנדסלייט, שכנים, פריינט און באַקאַנטע. לעבנדיק צוזאַמען מיט זיי, האָבן מיר זיי נישט באַמערקט. די גרויקייט פון טאָג־טעגלעכן לעבן האָט פאַרדעקט און באַהאַלטן אונטער אַ באַרג פון זאָרג, די גרויסקייט און העלדישקייט פון יידישע פרויען און מענער, וועלכע האָבן געקעמפט און געאָפּפערט זיך פאַרן יידישן כבוד און יידישן לעבן...

אין שלאָפלאָזע נעכט, ווען דו ליגסט אויפן געלעגער און טראַכטסט פון דער שרעקלעכער פאַרגאַנגנהייט, לעבן זיי אָפּ, מיינע לאַנדסלייט, פריינט און באַקאַנטע.

זיי גייען אַדורך פאַר מייִנע אויגן, ווי אין אַ קאַליידעסקאָפּ. זיי קוקן אויף מיר, און פון זייערע אויגן קוקן אַרויס — צער און טרויער ווי זיי וואָלטן רעדן; פאַרגעס אונדז נישט, פאַרגעס אונדז נישט!

און אָט אין אַזאַ שלאָפלאָזער נאַכט, אין די הייסע 9 טעג פון אָב, פון יידישן חורבן, בין איך אַראָפּ פון מיין געלעגער, גענומען פאַפּיר און פעדער צו פאַר־אייביקן זיי מיט מיין אָרעמער שפּראַך, און שטעלן דערמיט אַ באַשיידענע מצבה פאַר מיין משפחה, פריינט, און מיין שטעטל איוועניעץ.

*

אָט שטייט ער, מיין פאָטער, ר׳ זלמן גאָרדאָן ז״ל, פריילעך און מיט אַגלייכ־ווערטל, ווי זיין שטייגער איז געווען. איך זע אים זיצנדיק אין שטוב, שפּעט אין דער נאַכט, אַרום טיש זיצן זקנים, אלמנות און סתם ביטערע הערצער. זיי קומען מיט אַ בקשה אָנשרייבן אַ בריוו צו די קרובים אין אַמעריקע, זיי זאָלן אַרויסהעלפן מיט עטלעכע דאָלאַר. אַלע נעבעך, גיסן אויס זייער ביטער האַרץ. דער פאָטער הערט זיך צו אויפמערקזאַם, און שרייבט מיט זיין געקינסילטן „פאָטשערק״, האַרצ־רייסנדע בריוו וועלכע טרעפן אין „פּינטל״, זיי וועקן אויף די פאַרשלאָסענע הער־צער און פאַרמאַכטע הענט...

און אָט זע איך די משולחים און מגידים, פאַר וועמען אונדזער הויז איז געווען אַן אַדרעס, וווּהין מען קען פאַרפאָרן פריי, אָן אַ איינלאַדונג, אַפילו אין דער מיטן נאַכט.

אַ שטענדיקן דזשאָב האָט דער פאָטער געהאַט; אָנפאַנג יעדן מאָנאַט גיין אויפ־מאָנען די פאַר זלאָטעס וואָס יעדער איינער האָט זיך באַשטייערט פאַרן ועד הישי־בות. אַלס צוגאָב זענען געווען צרכי ציבור, ווי „מעות חטים״, תלמוד־תורה, אָדער גאָר פעדערן קלייבן פאַר אַ אָרעמער כלה... שטענדיק איז ער געווען גרייט צו העלפן אַנדערע, נישט איינמאָל האָט ער אין מיטן טאָג פאַרמאַכט דאָס געוועלב און אַוועק מתעסק זיין זיך מיט צרכי מצווה. ער האָט נישט געפילט אַז ער טוט וואָס אויסערגעוויינלעכעס, אַז עס קומט אים אַ יישר־כוח דערפאַר. דער כלל איז ביי אים געווען אויפן ערשטן אָרט, פּערזענלעכע אינטערעסן — אויפן צווייטן אָרט. חאָטש זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען ווייט פון אַ גלענצנדע, און פון קענען זיך דערלויבן צו פאַרציכטן אויף דעם.

און ווער געדענקט נישט זיינע מתיקותדיקע ימים נוראים׳דיקע תפילות, אין וועלכע ער האָט אַריינגעלייגט האַרץ און געפיל? מען איז געזעסן צוגעשמידט צו די ערטער, און געוואָלט אַז די תפילות זאָלן זיך ציען וואָס לענגער. מען האָט געפילט אַז זיי קומען פון אַ האַרץ וואָס פילט דעם צער און שמערץ פון די מת־פללים, און ער איז דער פּאַסיגסטער שליח־ציבור, און זיינע תפילות וועלן דער־גרייכן דעם כסא־הכבוד.

ער האָט געשפּרודלט מיט חסד, רחמים און אהבת ישראל. ער איז געווען פּאַרטראָטן אין אַלע חברות און אינסטיטוציעס פון שטאָט. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געטראַכט אין אַזעלכע טערמינען ווי; וואָס וועל איך פון דעם האָבן, אָדער, וואָס איז גוט פאַר מיר?..

אויך די געשטאַלט פון מיין זיידן, ר׳ בנימין בערנשטיין, טאָר נישט פעלן אין יזכור בוך פון איוועניעץ.

ווער פון די עלטערע איוועניצער לאַנדסלייט געדענקט נישט דאָס פּאַטרי־אַכאַלע, שיינע געשטאַלט, מיט די גוטע סאַמעטענע אויגן פון מיין זיידן? אויף ווערמענס שויס איך בין דערצויגן געוואָרן. חוץ דעם וואָס ער איז געווען אַ גדול בתורה און אַ חכם, איז ער אויך געווען אַ אוהב הבריות און עוסק געווען אין גמ״ח.

און מיין באָבע ע״ה מלכה אַרעס ווי מען האָט זי גערופן אויף איר פּאַטערס נאָמען, איז געווען פון יענע נשים צדקניות וועלכע האָבן געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס דעם שווערן יאָך פון לעבן און געווען שטענדיק אַ עזר כנגדו צו איר מאַן — מיין זיידן.

ווו נעמט מען היינט יענע מאַמעס און טאַטעס, זיידעס און באָבעס, מיט זייער באַשיידענקייט און גוטהאַרציקייט, מיט זייער אמונה און שכל הישר? אַלץ איז ביי זיי געווען נאַטירלעך, נישט נאָכגעמאַכט, דאָס זענען געווען די יידן פון פאַרן חורבן אין אייראָפּע. יידן וועלכע האָבן נישט געפרעגט — מי הוא יהודי? אַז מען דאַרף פעסטשטעלן אַ דיאַגנאָזע איז עס אַ סימן אַז מ׳איז קראַנק. אַ געזונטער מענטש (און אַ געזונט פאָלק) וועמען ס׳טוט קיין זאַך נישט וויי, דאַרף קיין דיאַגנאָזעס. און אָט דאָ ליגט דער סוד און ענטפער, מיט וואָס אַזוינס האָבן די פאַריקע דורות זיך אויסגעצייכנט, וואָס מיר שטייען אַזוי פאַרכישופט מיט זייער חן און מידות טובות, ווייל זיי האָבן געלעבט נאַטירלעך און פשוט, און די נאַטור באַצויבערט מיט איר שיינקייט און גלאַנץ.

*

און אָט שטייט פאַר מיינע אויגן ווי אַ לעבעדיקער ר׳ אברהם דוד דער שוחט, וועלכער איז געווען די אומשולד אַליין, און איז געווען דער ערשטער וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די נאַציס ימ״ש.

און אויך לעבעדיק זע איך פאַר מיינע אויגן, מיין שכן, אייזיל דעם שוסטער ער זיצט אויף זיין שוסטער בענקעלע, ציט אַ דראַטווע, און רעדט וועגן ימות המשיח. און ווען איר טרעפט זיך מיטן בליק פון זיינע פעך־שוואַרצע אויגן, לייענט איר אַרויס אַז ער ווערט געטראָגן אויף די פליגלען פון פאַנטאַזיע — און העכערע עולמות.

און אָט איז ר׳ משה מייזל. ער איז געווען דער 2טער צום רב. כאָטש אָפיציעל האָט ער נישט געטראָגן קיין רבנות מאַנטל, האָט מען אים רעספּעקטירט ווי דעם

רב. פון אַלעמען געליבט און אָנערקענט. ער האָט אין זיך פאַרבונדן, תורה, עבודה און גמ״ח. אָפּגעהיטן אַלע מצוות, קלה כחמורה. געווען דער רבי פון שיעור משניות בין מנחה למעריב. זייענדיק דער בוכהאַלטער פון דעם יידישן פאָלקס־באַנק, האָט ער מיט זיין פערזענלעכקייט, אַ נשמה אַריינגעגעבן אין די קאַלטע טרוקענע ציפערן, און אין די עטלעכע זלאָטעס וואָס מען האָט געקראָגן אַלס הלוואה, האָט מען געפילט זיין וואַרעמקייט און ברכה. אַפילו אין אַזעלכע פראַזאַישע זלאָטעס האָט ער אַריינגעגעבן לעבן און געפיל.

*

נישט נאָר 6 מיליאָן יידן זענען אומגעקומען אין דער שואה. אַ גאַנצע ציווי־ליזאַציע איז חרוב געוואָרן! און אַפילו זי וועט מיט די יאָרן, צוריק געבויט ווערן, וועט זי קיינמאָל נישט זיין דאָס זעלבע ווי געווען.

דער 2טער בית־המקדש האָט אויסערלעך, מיט זיין שיינער אַרכיטעקטור געווען שענער ווי דער ערשטער. אויף אים איז געזאָגט געוואָרן „מי שלא ראה בנין הורדוס, לא ראה בנין יפה מעולם״. דאָך האָבן די זקנים, וועלכע האָבן געדענקט דעם ערשטן בית־המקדש — געוויינט...

מיר די שארית הפליטה וועלן בויען עקשנותדיק צוריק דעם בית ישראל, נישט געקוקט אויף אַלע מכשולים און אבני־נגף וועלכע שטייען אונדז אין וועג. להכעיס אונדזערע שונאים וועלן מיר לעבן, בויען און שאַפן. אָבער די וועלכע געדענקען ווי דער יידישער בית-ישראל האָט אויסגעזען פאַרן חורבן, וועלן דערמאָנענדיק עס — פאַרגיסן זייערע טרערן.

איידלה סירוטקין-דקל / קיבוץ עין־שמר

בית אבא

העיירה איוועניץ, שבה נולדתי ובה ביליתי את מיטב שנותי, שנות הילדות והנעורים — חרותה עמוק בזכרוני, עדיין היא ניצבת לעיני על אנשיה, רחובותיה וסימטאותיה ועל בתיה הנמוכים.

העיירה היתה מוקפת יערות אורן שבהם היינו אוספים גרגרים ופטריות ומי שהיה מצליח למצוא את ״מלך״ הפיטריות את ״בורוביק״ היה גאה בכך ומעורר את קנאת חבריו. בקצה העיירה זרם הנהר וולמה, שבו התרחצנו בקייץ ושטנו בסירות.

עד מלחמת העולם הראשונה היתה עיירתי תחת שלטון הרוסים ונחשבה כעיירה מתקדמת. היה בה בית־ספר רוסי עירוני שבו למד הנוער היהודי. גם בני דודי למדו בו ואף אחי הגדול, יוסף, עוד הספיק לסיים בו את חוק לימודיו.

עם גמר מלחמת העולם הראשונה כבר נמצאה העיירה תחת שלטון הפולנים ונהפכה לעיירת גבול, ונותק ממילא הקשר עם עיר המחוז — מינסק — השוכנת כ־50 ק"מ מאיבניץ. בית הספר העירוני ניסגר והשפה הפולנית שתפסה את מקומה של הרוסית — היתה זרה לנו. מצבם הכלכלי של יהודי הסביבה היה בכל רע. האנטישמיות קיבלה גיבוי רשמי של השלטון והיחס ליהודים היה עוין.

יהיה זכרו ברוך!

סאָניע כץ—פּאַרענציק / חיפה

צום זכר פון מיין ברודער לייבל כץ



אין צענטער פון שטעטל, אויפן מאַרק פּלאַץ, האָט געוווינט די פאַמיליע פון פייוול כץ. אַ משפּחה פון שטילע און ערלעכע מענטשן, געאַכטעט און באַליבט ביי אַלעמען.

אונדזערע עלטערן האָבן געעגבן אונדז אַלע מעגלעכקייטן צו לערנען און אַנטוויקלען זיך. אונדזער שטוב איז געווען אַ צענטער פאַר דער יוגנט וועלכע פלעגט זיך צונויפקלייבן ביי אונדז און פאַרברייגען זייער צייט אין הייסע דיסקוסיעס אויף יידישע און ציוניסטישע פּראָבלעמען.

אין יאָר 1926 איז פון אונדזער שטוב אָפּגעפאָרן די ערשטע חלוצה אין שטעטל — מיין שוועסטער פרידע.

מיין ברודער לייבל האָט געווידמעט זיין גאַנצע צייט און ענערגיע פאַר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, ווי קרן הקיימת לישראל, די תרבות שולע, ער איז אויך געווען דער יושב-ראש פון „ברית החייל“ און מפקד פון בית״ר אין איוועניעץ.

דעם ווינטער 1931, איז אויסגעבראָכן אַ שווערע עפּידעמיע פון גריפּע. לייבל איז אויף דעם קראַנק געוואָרן און 6 וואָכן זיך געראַנגלט מיטן טויט.

אין דער סדר־נאַכט פון פּסח 1931 איז ער געשטאָרבן.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים מיטגעוויינט צוזאַמען מיט אונדז, און באַטרויערט זיין פריצייטיקן טויט.

זאָלן די שורות דינען אַלס מצבה און דערמאָנען אים צו אונדז.

מאיר פערסקי,/ רחובות

מיינע 3 קריגס אויסצייכנונגען

אין יאָר 1911 בין איך מאָביליזירט געוואָרן אין דער צאַרישער אַרמיי. כ'האָב געדינט אין 5־טן אולאַנער פאָלק פון דער פינפטער דיוויזיע, 16 אַרמיי. אין יאָר 1914, אַ קורצע צייט פאַר מיין באַפרייאונג, איז אויסגעבראָכן די רוסיש־דייטשע קריג און מיין פאָלק איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט.

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען פון שמידן די פערד און כ'האָב זיך געפונען אין הינטערלאַנד, דאָך פלעג איך פון צייט צו צייט זיך געפינען אין די ערשטע פראָנט־ליניען.

איינמאָל ווען כ'בין געווען אין דער ערשטער פראָנט־ליניע, האָבן די דייטשן אונדז שטאַרק באָמבאַרדירט און שווער פאַרוווּנדעט אונדזער אונטער־אָפיציר, נישט טראַכטנדיק לאַנג, האָב איך אים גענומען אויף מיינע פלייצעס, און אונטערן פייער פון די דייטשן אַרויסגעטראָגן אים, און געבראַכט אין הינטערלאַנד און געראַטעוועט זיין לעבן.

פאַר דעם האָב איך געקראָגן אַ מעדאַל „פאַר דרייסטקייט" און אויך דעם געאָרגיעוו-קרייץ 4־טן גראַד.

אַ צייט שפּעטער, ווידער זייענדיק אין דער ערשטער ליניע, האָב איך באַמערקט ווי דייטשן רינגלען אַרום אונדזער פאַר־פּאָסט, נישט טראַכטנדיק לאַנג, האָב איך גענומען שיסן אויף זיי און מיט דעם אַלאַרמירט דער גאַנצער פראָנט ליניע, און מיט דעם געצוווּנגען די דייטשן צוריק־טרעטן, און געראַטעוועט אונדזער פאַר־פּאָסט. פאַר דעם טאַט האָב איך געקראָגן דעם געאָרגיעוו־קרייץ 3־טן גראַד.

אין יאָר 1917, קורץ פאַר דער רעוואָלוציע, האָט מען מיר באַשטעטיקט דעם זעלבן קרייץ 2־טן גראַד, כ'געדענק שוין נישט די פּרטים פון מיין טאַט, כ'געדענק נאָר אַז ס'איז געווען פאַרבונדן מיט אַפּשטויסן אַ דייטשן אַנגריף, אָבער דעם אָרדן האָב איך נישט באַקומען, ווייל די קאָמוניסטן זענען שוין געווען ביי דער מאַכט און ס'האָט געהערשט אַ תוהו ובוהו. אָבער דער פאַקט אַז יידן, ווען די קריסטן האָבן געהאַלטן פאַר פחדנים, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט טאַטן פון דרייסטקייט, איז כדאי צו פאַרצייכענען.

יוסף רולניק / רחובות

לייבל כץ ז״ל

בשנת 1930 נבחר לייבל כץ כמפקד קן בית״ר באיבניץ.

הוא היה מלא מרץ ופעיל בחיים הציבוריים של העיירה. הוא ידע להפיח חיים בקן, ועזר לחברים בעצה והדרכה, במיוחד לאלה שיצאו לקיבוצי הכשרה.

ב־1930, כשראובן כץ ורפאל אלישקביץ יצאו להכשרה, התנגדו משפחותיהם לצעד זה. אך לאחר שלייבל שוחח אתם ושכנעם, השפיעו הם לחיוב על הורים אחרים. הודות לעזרתו, יצאו באותה שנה להכשרה גם אליעזר זליקובסקי ושרה סגלוביץ.

ב־1931 נפל לייבל למשכב. שמצבו נעשה נואש — הכריזו, עקב־כך כל חברי הקן על יום צום ותפילה.

לייבל כץ נפטר בדמי ימיו, בביה״ח בוילנה.

יהיה זכרו ברוך.

זוסיה דביניק, תל־אביב

צום זכר פון אהרון דביניק ז״ל

מיין מאַן אהרון דביניק האָב איך באַגעגנט אין לאָדזש אין אָנהייב 1946. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין היסטאָרישער קאָמיסיע ווו עס האָבן זיך געפונען די איינציקע שרייב־מאשינען אין יידישער שפּראַך.



אהרון, וועלכער האָט זיך דאַן אומגעקערט פון ראַטן־פאַרבאַנד, ווו ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה, נאָך דעם ווי ער האָט נישט געפונען קיינעם פון זיין פאַרצווייגטער פאַמיליע, סיי אין איוועניעץ און סיי אין באַראַנאָוויטש, (ער איז פאַר דער מלחמה געווען פאַרהייראַט אין באַראַנאָוויטש) איז געקומען קיין לאָדזש ווו עס האָט זיך דאַן קאָנצענטרירט די גרעסטע טייל פון יידישער שארית־הפליטה. דאָ האָט ער זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן צו אַרבעט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אין היסטאָרישער קאָמיסיע צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע חברים פון זיין

באַוועגונג, האָט ער אויסגעפירט זיין קאָנספּיראַטיווע אַרבעט פאַר ציוניסטישער טעטיקייט. זיין ציל איז געווען צו קומען קיין א״י ווו עס האָט זיך אויך געפונען זיין איינציקע לעבן געבליבענע שוועסטער.

אין יוני 1946 האָבן זיך אין לאָדזש באַוויזן אולאַטקעס קעגן דער מאַנדאַ־טאַרישער מאַכט אין א״י. מיט מיר האָט געאַרבעט אַ חבר וועלכער איז געווען זוכט די שרייב מאַשין אויף וועלכער עס זענען געדרוקט געוואָרן די אולאַטקעס. אַן מיטגליד אין נ. ק. וו. ד. דורך אים האָב איך זיך דערוווּסט אַז די נ. ק. וו. ד. מיר איז געווען קלאָר, אַז די אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן דורך אהרון מיין מיינער אַ חברטע, וועלכע האָט ווי איך, געאַרבעט אויף אַ יידישע שרייב־מאַשין אין היסטאָרישער קאָמיסיע. איך האָב זיי געוואָרנט און נאָך די זעלבע נאַכט האָט זיי די אָרגאַניזאַציע צו וועלכער זיי האָבן געהערט, אַרויסגעשיקט פון פוילן, צוזאַמען מיט אַ גרופּע וועלכע האָט באַדאַרפט אומלעגאַל איבערגיין די גרענעץ. אהרון דביניק איז באַשטימט געוואָרן פאַרן „מפקד״ פון אט דער גרופּע. ווען ער האָט מיר פאָרגעלייגט צו קומען מיט אים, האָב איך נישט טראַכטנדיק קיין סך דאָס געטאָן.

דעם 10טן יולי 1946 זענען מיר אָנגעקומען קיין עסטרייך, נאָך דעם ווי מיר זענען אומלעגאַל אַריבער די גרענעץ אַלס טערקן.

אין עסטרייך אין דער שטאָדט לינץ, אין אַ פריערדיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער „וועגשייד״, האָט זיך געגרינדעט אַ ד. פּ. לאַגער אין וועלכן עס זענען אָנגעקומען יידן פון גאַר דער וועלט. אהרון איז געוואָרן איינער פון די טעק־טיקסטע אָנפירער אין לאַגער. זיין אויפגאַבע איז געווען אויפצונעמען מענטשן און זאָרגן פאַר זייער עקזיסטענץ, גלייכצייטיק, האָט ער געאַרבעט אין דער „בריחה״ און געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איבערשיקן מענטשן קיין א״י.

מיר האָבן חתונה געהאַט באַלד ווי מיר זענען אָנגעקומען אין עסטרייך. און אויך מיינע פעיקייטן האָט אהרון אויסגענוצט פאַר ציוניסטישע טעטיקייט. איך בין דאָן געווען אַ יונגע זינגערין און שוישפּילערין, אהרון האָט דאַן געגרינדעט אַ יידיש אַמאַטאָרן טעאַטער אונטער מיין רעזשי. מיר זענען אַרום־געפאָרן גאַנץ עסטרייך מיט פּראָפּאַגאַנדע פאָרשטעלונגען פאַר א״י. פאַרשטייט זיך אַז אויך די גאַנצע הכנסה איז געגאַנגען פאַר קויפן געווער פאַר ישראל.

אין יאַנואַר 1949 האָבן מיר מיט אונדזער אַנדערטהאַלבן יאָריק טעכטערל רבקה׳לע פאַרלאָזט עסטרייך און מיר זענען מיט אַ אומלעגאַלע איטאַליענישע שיף, אָנגעקומען קיין א״י. מיר האָבן זיך באַזעצט אין תל־אביב נישט ווייט פון אהרונס שוועסטער מרים, דאָ איז אויך געבוירן געוואָרן אונדזער „צברה׳לע״ שלומית וועלכע איז היינט אַ יונגע זינגערין אין לאַנד.

אין ישראל האָט זיך אהרון דערוויייטערט פון קהלישע טעטיקייט. ער האָט געאַרבעט אין מרכז הקואופרציה אַלץ מנהל מדור הספר. דער אהרון וואס האט אייגנטלעך נישט באַזיצט קיין געהעריקע בילדונג, האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן חוש פאַר תרבות. אין זיין פרייער צייט האָט ער געשריבן לידער מיט אַ האַרציגקייט פון אַ פּאָעט. אייניקע פון זיינע לידער זענען אויך געזונגען געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין עסטרייך. אַלץ טעטיקער אין איוועניצער קאָמיטעט פלעגט ער אָפט פּאַרלעזן זיינע שריפטן אויף די הזכרות פון קאָמיטעט. זיין חלום איז געווען צו זעען געדרוקט דעם איוועניעצער יזכור בוך. ליידער האָט ער דאָס נישט דערלעבט. ער האָט אויך נישט דערלעבט צו פירן צו דער חופה זיין טאָכטער רבקה׳לע צו וועלכער ער האָט זיך אַזוי געגרייט.

דעם טאָג ווען דער טויט האָט אים פון אונדז אַוועקגעריסן, האָט ער זיך געגרייט צו גיין הערן זינגען זיין יונגערע טאָכטער שלומית וועלכע האָט דעם אָוונט געזאָלט צום ערשטן מאָל אויפטרעטן אויף דער בינע.

דעם 9טן יאַנואַר 1968 איז ער פאַר דער צייט אַוועק פון אונדז. דאָס איז געווען זיין ערשטער האַרץ־אַטאַק. אויף זיין מצבה שטייט אויסגעקריצט:


צום זכר פון די אומגעקומענע קדושים פון איוועניעץ.

רולניק אריה



בן צבי ושרה. נולד ב־15.12.36, באיבניץ, בפו־לין. בהיותו בן 4, הוגלה, בשנת 1940, ביחד עם אמו ואחיו לסיביר. עלה ארצה בשנת 1948. למד בגימנסיה „לאור", ובעצם הימים בהם הת־כונן לבחינות־בגרות, גויס לצה"ל. (אפריל 56). עוד בהיותו תלמיד, שירת בגדנ"ע־אויר. במסגרת שירות חובה היה שוטר צבאי. ביום כ"ג בכסלו תשי"ז—27.11.56 — נפל בשעת מילוי תפקידו והובא למנוחות בבית־הקברות הצבאי בקרית־שאול.

רולניק יצחק



בן אברהם וגניה. נולד ב־17.6.32. למד בבית־ספר יסודי ברוסיה ובבית־ספר תיכון באוסטריה. עלה ארצה בשנת 1948. למד בבית־הספר החק־לאי בנהלל. גויס לצה"ל באוגוסט 1950. נפל בשעת מילוי תפקידו ביום כ"א באדר תשי"ב—18.3.52. הובא למנוחות בבית־הקברות הצבאי בחיפה.




דואַ יצחק־אייזיק

בנה של תחיה ליפשיץ־לקריץ. נולד ב־1931, באיבניץ, בפולין. נפל בקרב על נבי־סמואל ב־23.4.1948. הובא למנוחות בבית העלמין ב־קרית־ענבים.



שמעון (אימקה) לוסקי

בנם של אליעזר ורבקה, נולד ב־23. הגיע ארצה ב־1.47ת.30. הצטרף לקיבוץ. מצא את מותו בתאונת עבודה. בן 27 היה במותו. הובא למנוחת בקיבוץ להבות־הבשן השאיר אחריו אלמנה ובן.



אריה (לולה) לוסקי

בנם של אליעזר ורבקה לוסקי. נולד ב־1917. הגיע ארצה בשנת 1934. נפל בהגנה על חניתה. בן 19 היה במותו. הובא למנוחות בחניתה.

יוסף סירוטקין

9.2.1909—9.5.1937



נולד באיבניץ. היה חבר „החלוץ". היה בהכשרה. במשך זמן היותו בארץ עבד בנמל יפו, ברכבת תל־אביב, בדרום ים־המלח, בשמירת בנזלה, ובכיבוש העבודה במחצבה, במקום שהמות האכזרי קפד פתיל חייו.

היה חבר הקיבוץ המאוחד „גבעת־השלושה".

בן 28 היה במותו, שנה וחצי בארץ.

ב־8.30 בבוקר, התמוטטו בתוך המחצבה כמה אבנים, ובנפלם מגובה של 12 מטר, פגעו ביוסף, והוא מת בו במקום.

כל פועלי המחצבה הפסיקו את עבודתם, ולוו את יוסף לבית־החולים „בילינסון".

גופתו העברה מבית־החולים לקיבוץ והוכנסה לבית־התרבות. ההלויה נקבעה ל־6 בערב. הוחלט לקבור אותו בקיבוץ.

כל החברים נתאספו ע״י בית־התרבות. הארון כוסה בדגל הלאום, עטוף שחורים. בדומית־קודש עמדו החברים סביב ארונו, מכונסים במחשבותיהם ונירגשים עד היסוד.

אחרי שעה שש, זזה ההלוויה לכוון הקבר, שנקבע בפרדס. התהלוכה הקיפה את כל הקיבוץ, יצאה מהשער שע״י המאפיה ולאט לאט שרכה את דרכה בשביל בין הפרדסים. עם חשכה הגיעו למקום המיועד, שבו נכרה הקבר הראשון בגבעה.

לאט לאט הורד הארון לקבר. נשפכו רגבי העפר הראשונים ובלב־הרגשה ניקבת, שנחתך אבר חי מהגוף, אבר שותת דם, נחתך באכזריות ובודאות מוחלטת. נשמעו דברי הספד, שלוו בבכי עצור של הרבה חברים. בקיבוץ הוכרז שבוע־אבל. בשבוע זה לא התקיימו אסיפות, ולא נשמעו נגינה או זמרה.

הקבר הבודד

אי־שם, לא הרחק מהמחנה, בין פרדסים מלבלבים, על רמה נשגבה, המשלפה מערבה־לים ומזרחה־להרים, לסלעים, לסלע, אשר מעך וריסק את חברנו יוסף, נכרה הקבר.

ביום בוקר בהיר, עליתי לקבר חברי. מסביב שקט, דומיה. לא הרחק ממקום זה־רועש וגועש המחנה. החיים מפכים בכל עוזם. ואני יושב על יד הקבר ומהרהר ביוסף, על חייו הקצרים, שכה מהר נותקו. עיני צופיות למחנה ומחפשות את יוסף, אשר רק לפני כמה ימים התהלך והתלבט בינינו.

אבל לשוא, את יוסף לא אפגוש יותר. על יד קברו אני נמצא. והרי רק לפני שבוע ימים יצא לטייל בארץ. ועכשיו עיני רואות ערמת חול ועליה פרחים ומתנוססת נח לעולמים, השתקן והבודד בחייו ובמותו.

גל עפר מכסה עליו. דברי חברים על הקבר הרענן, וחסל פרשת חיי אדם! אי־שם, לא הרחק מהמחנה, על רמה נשגבה, קבר בודד, ובתוכו — יוסף.

ישראל כץ

העיירה קמין

ש. אושרוביץ ,/רמת־גן.

העיירה קאמין

זאת היתה עיירה קטנה ונוחה על שפת הנחל קמיונקה על דרך המלך המובילה מאיבניץ לנליבוק.

במאה ה־19 עבר בקרבתה הגבול של מחוז אושמני.

במחצית השניה של המאה ה־19 היא מנתה 80 בתי־אב, ברובם יהודים, שעסקו בסחר זעיר, במלאכה וחקלאות.

העיירה היתה תחילה רכושה של משפחת זאַבזאָזינסקי, אחר כך עברה לרשותה של משפחת דולמאַטוב ומאוחר יותר — לרשותה של משפחת ידיצקי.

רק בסוף המאה ה־19 רכשו יהודי המקום את המיגרשים וחדלו לשלם דמי חכירה. בשנת 1679 הוקמה בעיירה כנסיה קתולית, בנויה מעץ ואליה השתייכו הקתולים מכל הסביבה: איבניץ, דודקי, פוקוץ, קול, חוטובה, ונאַבורובשצינה.

משנת 1921 חיו בקמין 59 יהודים ולהם בית כנסת משלהם ורב, אך חלק מהם עזב את המקום. עם פרוץ מלחמת רוסיה־גרמניה נשארו בה עוד כ־30 יהודים ובכללם הרב, אך כולם ניספו בשואה.

שולמית שטייף (קנטרוביץ׳) / חולון

עיירתי קמין

פרקי זכרונות



מיום שעמדתי על דעתי זוכרת אני את בית־אבא, בית יהודי מסורתי שהתנהל ברוח ישראל־סבא. אבא ז״ל, ר׳ מיכאל ב״ר מרדכי קנטרוביץ־ היה יהודי מכובד, בעל הדרת פנים שישב על התורה ועל העבודה. לדאבוני אינני זוכרת אותו בבהירות, היות והשיב נשמתו לבוראו בזמן מל־חמת העולם הראשונה.

אמי, גיטל לבית רבינוביץ ע״ה נותרה אל־מנה עם שישה ילדים רכים. ביתנו היה בית אמיד, האמיד ביותר בקאמין. אמי ע״ה נהלה בהצלחה מרובה הן את משק ביתה והן את החנות הגדולה גדושת הסחורה ומליאת הלקוחות. ארבעת אחיותי ואני עזרנו בחנות ובבית ככל יכולתנו משום שאמא לא היה ביכולתה לשאת לבדה בעול הכבד של משק הבית.

אמא ע״ה נאלצה לבזבז ממון מרובה במטרה לשחד ולרכך את הגויים השכורים אשר הרבו להטפל לרכוש יהודי ולבוז מכל הבא ליד. זכורני כי הם היו משחיתים סחורה, מנפצים שמשות ולוגמים מלוא יכולתם יי״ש וזאת מבלי לשלם אפילו אסימון שחוק אחד תמורת הנזק אשר גרמו.

אמא היתה מודה להשם יתברך ונותנת להם ברצון את מאוויהם ומתפללת בחשאי לבל יגרמו אסונות בנפש. אך את אשר יגורנו בא. ביום חורף קודר באו מספר גויים ובקשו להתחמם בביתנו הם שדדו מכל הבא ליד ואף בקשו להרגנו נפש. נפוצונו לארבע רוחות השמים בבקשנו עזרה אך השעה היתה שעת לילה מאחרת והרוצחים היו מזוינים בנשק חם. כדור המרצחים פגע באחותי מלכה הי״ד היא נפלה ללא רוח חיים. המיליציה הפולנית הוזעקה למקום אך לא הועילה במאומה.

לעומת הצרות אשר קרונו היו גם מומנטים יפים אשר שמורים בזכרוני עד עצם היום הזה. הנוף של קאמין היה נוף מרהיב עין ביופיו. פרחים ויערות רחבי ידים הטומנים בחובם כפרים ומשקים חקלאיים רבים. גם סביב הבתים היו משקי עזר זעירים שסיפקו חלב ותוצרת חלב לתצרוכת עצמית. זכורני שמול ביתנו

ניצבה אבן ענקית שנשקפה מחלון מטבחנו ושנראתה כחצובה בסלע. האבן ניצבה בטבורו של שדה תבואה ענקי ושימשה כנקודת מוקד לטיוליהם של צעירי הסביבה.

ושוב התנהלו החיים כרגיל, התאוששנו במקצת והנה פרצה ביום בהיר מן האסם שבחצרנו אש שהתפשטה לכל עבר. כל רכושנו הרב נמוג בין לילה. הכל היה למאכולת אש. חצי מן העיירה נכחדה ונגרם נזק עצום ברכוש ובנפש. הגויים הנבערים מדעת האשימו את אמא ע"ה בהצתה מכוונת של האש וביקשו לקחת את נפשה, רק בנס וכל עוד נפשה בה, נמלטה אמא לאיבניץ ואף אנו עברנו לשם.

באיבניץ החילונו הכל מבראשית אמא ע"ה פתחה חנות למנופקטורה וקמעא קמעא מצבנו הכלכלי השתפר. אמא היתה ידועה כאשה ישרה אפילו בין הגויים שהרבו לבקר בחנותה של „גיטקה" כלשונם, ולקנות שם את כל הדרוש להם. ברבות הימים שתי אחיותי פייגה ושרה הי"ד נשאו לבעלים, ילדו ילדים ואף הן פתחו חנויות למנופקטורה והתעשרו, אלא שהאילן שהחל לפרוח נגדע באביב ימיו על ידי הצוררים הנאציים ימש"ו והן ומשפחותיהן הוצאו להורג כצאן לטבח יובל.

עוד לפני המלחמה העולמית השנייה כשהרעיון הציוני לא נתפתח עדיין די צורכו הוכנו בבית בתדהמה כאשר אחותי רבקה תחי' וחברתה מרים מורדוכוביץ באו הביתה והודיעו כי עז רצונם לעלות לארץ ישראל. הדבר עדיין לא היה מקובל כל כך בסביבתנו ואף אחד לא יצר שום תקדים דומה. אמי ע"ה אחי חיים ז"ל ואנוכי הבענו התנגדות נמרצת לרעיון עקב השמועות על המצב הכלכלי הגרוע השורר בארץ ישראל בימים ההם. אך מאומה לא הועיל. השתים נסעו לוילנה וחזרו כשהן מצויידות במלתחה נאה ובמסמכים הדרושים לנסיעה. לאחר זמן קבלנו מאחותי מכתבים כי הגיעה בשלום ונתבשרו כי הכירה בחור העובד כנהג ב„דרום יהודה" בשם אברהם פרבר וכי נישאה לו. לאחר שאחותי שלחה דרישה על שמי באתי גם אני לארץ ישראל בשנת 1936 ושנה לאחר מכן בא אחי חיים ז"ל. הוא לא התאקלם היטב בארץ עקב חוסר העבודה ששרר אז. עבודות קשות לא היה מסוגל לבצע היות ובחו"ל תמיד למד ותמיד היה ה„קדיש" של האמא. אף כי התחתן בארץ ואף נולד לו בן, לא יכול היה נשוא את העבודה הקשה ולבו לא עמד לו, והוא נפטר בי"ג סיון תש"ז. גם אני נשאתי לאחר שנים מספר, הסתדרנו בחולון וחיינו בשלווה עד אותו יום מר ונמהר בו פגעה משאית צבאית בבעלי ישראל שטייף הי"ד והרגתו. עתה חיה אני בגפי ומצפה לימים טובים יותר.

לפני שאסיים את פרק זכרונותי ברצוני לתאר מעט את איבניץ העיירה כפי שנשתמרה בזכרוני. העיירה עצמה שכנה למרגלות "ההר הירוק" אשר באביב כוסה כולו בירק-עשב ובפרחים מרהיבים ששיוו לו מראה נהדר ונשגב. גם נהר

מים זכים חצה את העיירה לרוחבה וחוף הרחצה היפה אפשר לנו להינות בימות הקיץ החמים מן המים והטבילה בהם.

זוכרת אני גם טחנת הקמח על הנהר וגשר עץ ששמש למעבר הולכי רגל וכלי רכב.

הקהלה היהודית באיבניץ נתברכה גם היא בבני תורה ותלמידי חכמים שתורתם אומנותם ושקדו על הכתוב "והגית בו יומם ולילה". אשר לנוער של העיירה ניתן לומר כי היה מלא רוח חיים, חדווה ושמחת נעורים ולא נפל בשום פנים משאר הנוער במקומות רבים אחרים. גם מוסדות ציבור לא חסרו: בתי כנסיות ובתי מדרשיות, בתי חולים, תלמוד תורה, ועוד כהנה וכהנה. במרכז העיר ניצב לתלפיות השוק העירוני הגדול ששימש מוקד לכל איכרי הסביבה אשר קימו בו ירידים בכל יום רביעי בשבוע המסחר פרח ושגשג על מי מנוחות עד אשר קמו הנאצים ימש"ו וק"ק איבניץ נה־סה ונכחדה עד היסוד.

רבקה פרבר / בת־ים.

אחותי שולמית שטייף־קנטרוביץ ז"ל

פרקי הזכרונות של אחותי ז"ל נכתבו על ידה לפני שנים מספר. מאז הלכה לעולמה, חסרה היא לנו על כל צעד ושעל.

טוב־לבה, יושרה ועזרתה לזולת היו תכונות אשר אפיינו את פעולותיה היומיומיות ועצבו את סדר יומה.

חדוות החיים אשר פעמה בה ואשר נבעה מכל אבר בגופה, הקרינה מזיוה על כל הסובבים אותה.

את מחלתה היא הסתירה ולא גלתה על כך דבר לקרוביה, על־מנת למנוע מהם צער ועגמת נפש, וכך הלכה לעולמה באותו יום מר ונמהר אדר תשל"ב, 22 פבר. 1972.

זכרה לא יסוף מקרבנו לעולמים, ת.נ.צ.ב.ה.

אחותי ז"ל כבר כתבה בפרקי זכרונותיה את כל אשר נתן היה להעלות על הכתב אודות משפחתנו הן מבחינה ביוגרפית והן מבחינה משפחתית היסטורית.

ברצוני רק להוסיף את שמות אחיותי ומשפחותיהן:

אחותי פייגה, אשר נשאה להירשל שליפשטין. הירשל היה עובד בבנק בעוד אחותי ניהלה חנות למנופקטורה. היו להם שלושה ילדים: מיכאל, רחל'ע וליבל'ה.

אחותי שרק'ה נשאה ליושקה ברמן אשר היה בחור ישיבה ממשפחה

מכובדת. אחותי ניהלה גם היא חנות מנופקטורה וראתה ברכה בעמלה. נולדו להם שלושה ילדים: נחמל׳ה, מיכאל וברה׳לה.

שתי אחיותי, עם בעליהן וילדיהן נכרתו מארץ החיים בעלות הכורת על קהילות ישראל באירופה בידי הנאצים הצוררים ימש״ו.

ת.נ.צ.ב.ה.

שמעון אושרוביץ / רמת־גן

קאמין ויהודיה

הרחק מדרך המלך ״חבויה בין שדות וחורשות, חייתה את חייה השלוים, על שמחותיה ודאגותיה העיירה הקטנה קמין, מרוחקת כ־5 ק״מ מאיבניץ. אם לשפוט לפי בית הכנסת הישן שלה או לפי בית העלמין העתיק, הרי קיימת היתה פעם בעיירה זו קהילה יהודית גדולה. אולם בשנים שאני הכרתיה חיו בה כ־15—10 משפחות יהודיות בלבד.

בעיירה זו גר סבי, ר׳אריה צופין ודודי, רב העיר, ר׳ גדליהו צופין. ביקרתיה בפעם האחרונה בהיותי עדיין עול ימים, ושנים רבות חלפו מאז. תקופה סוערת, הרת אסונות ועקובה מדם עברה וחלפה, והזכרונות טושטשו והרבה דברים, שהיו פעם כל כך קרובים ואהובים — נשכחו.

כאשר אני מאמץ את זכרוני, כמו מתוך ערפל סמיך, מופיעים ומתגלים לרגע קט דמויות מטושטשות מעיירה חביבה ושקטה זו. דמויות רחוקות כל כך ועם זאת כה קרובות ללב, ובגעגועים חזקים הנך נאחז בזכרונות אלה, ומשתדל לעצרם לרגע, כדי לחזור בעזרתם לתקופת הילדות, ולחיות שוב במחיצתם של כל אלה שהיו כל כך אהובים — ואינם עוד.


הנה ככר השוק השוממת המוקפת בתים יהודים, ובמרכז ביתו של סבי, בית חדש בעל מידות, עם חצר גדולה המוקפת רפת ואורוות, ומאחורי הבית גן פירות מטופח.

סבא ושנים מבניו, אברהם ויעקב עסקו בסחר יערות, אחד מבניו, הירשל הגר לאמריקה, בן רביעי קבל סמיכות לרבנות ואחר כך היה לרב בקמין. בנו הצעיר ביותר, חיים, למד בצרפת והיה למהנדס ברוסיה. היו לו עוד שתי בנות. אמי רחל ודודתי קיילה.

זכרוני הראשון הקשור בעיירה הוא מימי ילדותי והוא חרות היטב בזכרוני.

זוכר אני ערב חורפי אחד כשהגעתי לבקור מרובז׳ביץ, הבית היה מואר באור חזק, סבתה פסיה, אשה גוצה וטובת לב שכל דאגותיה נתונות לילדיה ולנכדיה, חבקה ונשקה אותי בחמימות. מסבא קצת פחדתי, הוא היה איש בעל קומה, ממושקף ומזוקן. לאחר שהשקוני והאכילוני, לקחו אותי להכיר את הבית, שהיה רחב מידות ומחולק ע״י פרוזדור ארוך לשני אגפים, האחד מגורים והשני משרדים. לא אשכח את הרושם שעשו עלי משרדיו של סבא. הקירות היו מכוסים פתקים צבעוניים שונים, חשבונותיהם האישיים של מאות פועלים שעבדו ביערות, ובהובלת העצים לגדות הנהר, ומשם היו משיטים אותם עד לנימן והלאה. זוכר אני חדוש נוסף שהכניס סבא לביתו — חדר אמבטיה, שהיה לשם דבר בפי הבריות.

סבתא פסיה נפטרה בזמן מלחמת העולם הראשונה, ולאחר המהפכה הבול-



ביתו של ר׳ אהר׳קע צופין בקאמין — 1924
אהר׳קע קאַמינערס הויז אין קאַמין — 1924

שביסטית ברוסיה נשאר סבא ללא עסוק, וגר עריריר בבית הריק והגדול. ביקרתי אותו לא פעם והייתי נשאר זמן די ארוך אצלו. היינו מכינים בעצמנו את ארוחותינו. לנקיון ולחליבת הפרות היתה דואגת גויה.

בשנותיו האחרונות גר אצל הורי ברוביזביץ, ומת בשיבה טובה.

דודי הרב, ר׳ גדליהו צופין גר בבית ע״י סבא. היה זה איש עני, ישר, וצנוע. למרות זאת לא הצליח בחייו וגם לא בילדיו. במשך השנים שהעיירה נתרוקנה מתושביה, שמש כשוחט בעיירה סמוכה — נליבוקי. כך היה ״עו״ך גלות״

שנים רבות. ביום א' בשבוע היה נוסע לשם וחוזר לשבת הביתה. יחד עם זאת היתה הפרנסה בדוחק.

הוא נרצח בגיטו רובזביץ. בתו רשל נרצחה על ידי הנאצים בדרכה מרובזביץ לאיבניץ הבנים מנשה ואליעזר כנראה נרצחו באיבניץ.

מעבר לככר העיירה גרה משפחת קנטרוביץ. בנם חיים היה חברי מילדות הוא הצליח לעלות ארצה אולם נפטר בהיותו צעיר. קברו נמצא מול קבר אבי בנחלת יצחק. שתיים מהבנות, רבקה ושולמית נמצאות גם כן בארץ.

היה לי עוד ידיד נעורים, שם, ושמו קושה. משפחתו גרה בסמטת בית הכנסת בקצה העיירה. הוא היה בחור יפה תאר, ועליז. היו לו גם אחיות אולם זוכר אני אותם מאד במטושטש, ואיני יכול להעלות פרטים אודותיהן.

אלה המשפחות שנשארו בעיירה, ואשר אני זוכר. שאר המשפחות עזבו את העיירה שנים רבות לפני השואה, בחפשן מקורות פרנסה בעיירות הסמוכות.

זכורני עוד משפחה אחת, האב נרצח על ידי בנו בעבור בצע כסף. דבר זה לא היה קיים עד אז בין המשפחות היהודיות.

זוכר אני פרטים קלושים מבית הכנסת. בנין עץ ישן, אשר ממדיו מעידים עליו כי נועד בשביל מנינים רבים של מתפללים.

זוכר אני גם את בית הקברות של העיירה. יתכן וזכרון זה נשאר חרות אצלי בגלל הפחד שבית הקברות היה מטיל עלי בילדותי.

הדרך מרובזביץ לקמין היתה עוברת על יד בית העלמין, ובשעות הבקר המוקדמות, או בשעות הערב, כשהיינו מתקרבים לעיירה היה מקום זה מטיל עלי פחד. בית העלמין היה מוקף בגדר עץ גבוהה ועתיקה מכוסה איזוב. המצבות עתיקות יומין מכוסות איזוב ירוק, צורותיהן משונות, ביניהן אבני ריחים עגולות עם סימני אותיות. במיוחד בימי החורף כשהכל היה עטוף במעטה שלג לבן, ודממה קפואה מסביב, היה לבי נצבט מפחד סתום, ומרחמים למקום עצוב ודומם זה.



השואה והמאבק

אומקום און קאמף

תאריכי השואה באיבניץ והסביבה

22.6.41	פרוץ מלחמת גרמניה—רוסיה	
23.6.41	הפצצת איבניץ על־ידי הגרמנים	
28.6.41	כניסת הגרמנים לאיבניץ	
28.6.41	הטבח הראשון באיבניץ	(ניספו 34 יהודים)
14.7.41	הטבח השני באיבניץ	(ניספו 14 יהודים)
5.9.41	הטבח השלישי באיבניץ	(ניספו 51 יהודים)
10.11.41	הקמת הגיטו באיבניץ	
16.5.42	הגירוש למחנה דבורץ	
5.42	ראשית תנועת הפרטיזנים היהודים בסביבה	
2.6.42	הגירוש האחרון לנובוגרודק	
9.6.42	כ"ד סיוון תש"ב. חיסול גיטו איבניץ יחד עם 600 ילדים	
9.8.42	הטבח בגיטו פרישק, בנובוגרודק	
28.12.42	חיסול מחנה דבורץ	
7.4.43	הטבח במחנה העבודה, בנובוגרודק	
9.7.44	שיחרור הסביבה על־ידי הצבא האדום.	

משה־דוד זק / תל־אביב.

איבניץ עיירתי...

מקונן אני עליך ומבכה אותך, עיירתי הקטנה. הנני מרבה בכי והגה על השבר הגדול שפקדך, יחד עם כל אלפי הקהילות הקדושות שנחרבו. גם עליך עלה הכורת.

איבניץ, עיירתי היהודית החביבה, אפופת יערות עבותים ושדות ירוקים, הרי בחיקך נולדתי וגדלתי; בתוכך־שנות ילדותי הנצו ונבטו; בין סימטותיך חלפו נעורי ועלומי, ברקומי חלומות ורודים רווי געגועים, כמיהות עזות ומאוויים אין־פשר. חדורי שאיפות מגביהי עוף רומנטיים. התהלכנו בך, ולעיתים קרובות־אף עצובים מאוד היינו, שהרי על־אף החלומות היפים, הגעגועים והשאיפות שלנו־בין גבולות סתומים ואטומים נקלענו. לא אחת חרדנו, התחבטנו וחפשנו מוצא, אנחנו־נוער יהודי בעיירה קטנה שכוחת־אל, אי־שם במרחבי רוסיה הלבנה, ובכל זאת־לא אמרנו נואש. מדי פעם בפעם הרטיטו את לבנו שאיפות ותקוות. צמאים לתורה ודעת היינו ולמדנו, ככל שהדבר היה בגדר האפשר בעיירה קטנה זו. תוך כך עברו הימים וחלפו השנים.

איבניץ היקרה, בקרבך נולדו, גדלו והלכו לעולמם גם אבותי ואבות אבותי, דורות ודורי דורות של טהורים ונקיים. נהרסת עד היסוד ע״י הנאצים הטמאים ועוזריהם הרצחניים, שהפכו אותך לשממה שמו אותך למשיסה. רצחו את בניך ובנותיך, זקניך וטפיך.

מזועזע עד עומק לבי בחושבי עליך, עיירתי, מחפש אני מלים, כדי לתת ביטוי כלשהו, לאותו צער נורא המכלה את נפשי; לכאב והחרון האופפים את הלב ומדכאים עד עפר את הנפש; מילים על שבר בת עמי ועיירתי. אך כלום שפת אנוש מסוגלת לתאר, ואפילו את אפס־קצהו, מכל זה מה שעבר עליכם שם, יקירים? כלום בכוחה של שפת בני־אדם לספר על כל היסורים, על העינויים האיומים והממושכים, את כל האימה הנוראה, את כל מעשי השטן התהומיים־האפלים, שעוללו לכם, בני איבניץ שלי? מה פשעיכם היו ומה חטאתיכם? הרי כל כך שקטים וטובים הייתם, ומגמת־פניכם אל מעשי צדקה וחסדים. מעודכם לא פגעתם במישהו או במשהו לרעה; לא מסיגי גבול הייתם ולא גורמי נזק לזולת: לבצע־כסף ולהתעשרות קלה־לא נשאתם מעולם את עיניכם; לא גורפי ממון ולא רוכשי נחלאות הייתם. בעמל־כפיכם ובזיעת אפיכם, בטוהר מידותיכם

וביושר מינהגיכם, את לחמכם לביתכם הבאתם. לזה הבית שלכם הקטן, החבוי והמצטנע תחת גג של רעפי־עץ מכוסי מוך ירקרק. הרי לא לחינם כינו אתכם: „תרמילי המשי האיבנצאים".

נרצחתם־ועולמי נחרב עלי, אהובים שלי. נסתמו באפלה כבדה כל מבואות עולם, ונחסמו כל הדרכים על־ידי חשכה.

רצה הגורל והפריד אותי מכם. הצלחתי ויצאתי בדרך־לא-דרך והגעתי לארץ־ישראל, שנים אחדות לפני שפקדה השואה. לא הייתי יחד אתכם במר אסונכם. מי פילל שככה יקרה?

קומץ אנשים קטן נשאר ממך קהילתי. יתר הפליטה. מהם שרק בכל מיני ניסים גדולים מאוד נצלו ונותרו בחיים, מהם אנשים שבורים, דוויים וסחוטים. ואני, כל התקוות לראותכם שוב, הורים אחים, אחיות, חברים ושכנים־כל התקוות ירדו לטמיון. כענף בודד, כרות מעץ עתיק־יומין, עתיר צמ־ת ומלבלב, נותרתי לבדו בעולם הזה.

קהילות קדושות הרבה נחרבו ע"י הצוררים הנאצים. דם נקיים ספגה שם האדמה הארורה. מבכים ומקוננים הבנים המיותמים שנותרו, כל אחד על פי דרכו. כל אחד־על עירו, כפרו ומשפחתו. קשה לתפוס את גודל האסון. הלב עדיין מסרב לאמין.

פעמים־הנפש, כל כולה, מתפעמת לפתע ממראה מקרי, מאיזה משב־רוח, מריח מוכר, מרמז כלשהו שמזכיר־מזכיר... אה, זה כמו משם... מתנוצץ בזיקוקי די־נור של הזכרון: — משם. עיירת הילדות... הנעורים ,המשפחה... מהחיים מן עולם שאי־נגו עוד. זה כל כך קרוב ומוכר־מתגעש הדם. אתה נאחז בזכרונות אלה בכל כוח־הגעגועים החריפים שלך, ואינך יכול להרפות מהם. אתה שוכח את העולם אשר מסביבך. לרקום, לרקום הלאה. כולך לעולם "ההוא" שנותר בדמיונך בלבד. אתה שב וחי מחדש בעולם, שכאילו לא ניכחד...

הירשל ראַלניק, בת־ים

פון איוועניץ קיין וואַרקוטע

כ'געדענק נאָך דעם יאָר 1914, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. כ'געדענק נאָך דאָס געוויין פון די משפחות, ועמענס מענער זענען מאָביליזירט געוואָרן. כ'געדענק דעם צער אין שטעטל, דערוויסנדיק זיך וועגן טויט פון 7 איוועניצער בחורים, וועלכע זענען געפאַלן אויפן פראָנט. אָבער דאָס אַלץ איז אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט די פאַסירונגען פון דער 2טער וועלט־מלחמה, וועלכע האָט זיך פאַקטיש אָנגעפאַנגען ביי אונדז אין סעפּטעמבער 1939.

די סאָוויעטן קומען אָן...

דער 17טער סעפּטעמבער 1939 נאָכדעם ווי פּוילן איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן היטלערן און סטאַלינען, (דער צום שאַנד באַוווּסטער ריבענטראָפּ־סטאַלין אָפּמאַך). און אין קרעמלין אין מאָסקווע, איז אויסגעהאַנגען געוואָרן דער נאַצי פאָהן מיטן האַקענקרייץ — זענען קיין איוועניעץ אָנגעקומען סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי. אַ חודש איז געווען רוהיק אין שטעטל, און די יידן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, פּלוצלינג דעם 18טן אָקטאָבער 1939, זענען אויסגעפירט געוואָרן אין שטעטל, מאַסן אַרעסטן, פון יידן און קריסטן. די נ.ק.וו.ד.־לייט, זענען אַרומגעגאַנגען מיט רשימות אין די הענט, און געכאַפּט מענטשן אין די גאַסן און אין די הייזער, און אין זעלבן טאָג זיי אָפּגעשיקט אין וואָלאָזשינער טורמע. און לויט דעם קאָמוניסטישן שטייגער, אַפילו נישט געזאָגט די אַרעס־טירטע אין וואָס מען באַשולדיקט זיי. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די אַזוי גערופענע „מגילת רוס".

אויך איך בין געווען צווישן די אַרעסטירטע.

גייענדיק אין גאַס איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ לייטענאַנט פון נ. ק. וו. ד. וועמען ס'האָט באַגלייט אַ יידישער מיליציאַנער, און מיר אָפּגעפירט אין שטאַב פון נ. ק. וו. ד. דאָרט האָב איך געוואַרט אַ שעה בערך, און דאַן האָט מען מיר, און נאָך 3 איוועניצער קריסטן, אַרויפגעזעצט אויף אַ מאַשין, און אין דער באַגלייטונג פון 7 באַוואָפנטע זעלנער, אָפּגעפירט קיין וואָלאָזשין. מ'האָט מיר אַפילו נישט דערלויבט צו געזעגענען זיך מיט מיין ווייב און קינדער.

אַ סך שפּעטער האָט מען פאַר מיר איבערגעלייענט אין וואָס מען באַשולדיקט מיר:

מיין פאַרברעכן איז באַשטאַנען אין דעם, דאָס כ'בין געווען אין גוטע באַציונגען מיט דער פּוילישער פּאָליציי, אין שטעטל, און אַפילו איינמאָל געטרונקען בראָנפן מיט זיי... כ'בין דעריבער געווען אַ סכנה פאַר דער פרייער, הומאַניסטישער סאָוויעטן רעפּובליק...

די נ. ק. וו. ד. אין וואָלאָזשין האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון דער געוועזענער פּוילישער סטאַראָסטווע, און אירע קעלערן האָבן געדינט אַלס טורמע, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען עטלעכע טויזנט „קאָנטר־רעוואָלוציאָ־נערן", צווישן זיי איז אויך געווען דער גראַף טישקעוויטש און אַ סך פּריצים פון דער אומגעגנט. אויך יידן האָבן דאָרט נישט געפעלט, און צווישן זיי, דער וואָלאָזשינער גביר, מיכאל פּוליאַק, אויף וועלכן די אַרטיקע קריסטן פלעגן זיך ווינצלען: — ס'איז דאָ אַ גוטער פּאָליאַק, איז ער אויך אַ זשיד...

אין אונדזער צעל זענען געווען 50 מאַן. די ענגשאַפט איז געווען אומ־

באַשרייבלעך, און ביינאַכט, ווען טיר און פענצטער זענען געווען פאַרשפאַרט, האָט ממש געפּעלט לופט צום אָטעמען.

אונדזער איינציקער עסן איז געווען — קאַשע פון פערל־גרויפּן און „קיפּיאַ־טאָק" (געקאָכטע נישט פאַרזיסטע וואַסער).

מער ווי אַ יאָר האָט זיך געצויגן די אויספאָרשונג; נאָך האַלבע נאַכט פלעגט מען מיר ברענגען צו די אינקוויזיטאָרן, וועלכע זענען געווען אויס־געערוט, אָנגעפרעסן און געזעסן באַקוועם. דאַקעגן מיר, די אַרעסטאַנטן, זענען געווען מיד, צובראָכן און הונגעריק. מיר האָבן געמוזט שטיין אויף די פיס 3—4 שעה, כל זמן די אויספאָרשונג האָט זיך געצויגן, אויסהערן און ענטפערן אויף די זעלבע שאלות, וועלכע האָבן זיך איבערגעחזרט נאַכט־נאַכט. זייער איינציקער ציל איז געווען צוברעכן אונדז, און ברענגען צו דעם, דאָס מיר זאָלן זיך מודה זיין אין די אַלע חטאים, וועלכע די נ. ק. וו. ד. האָט אויסגעטראַכט, און געבראַכט קעגן אונדז.

אַזוי האָט זיך געצויגן מער ווי אַ יאָר. מיר זענען געווען אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. מ׳האָט אונדז נישט דערלויבט צו שרייבן בריוו, און נישט צו זען זיך מיט אונדזערע משפחות. דער גראַף טישקעוויץ מיט זיין זון, זענען אין אַ געוויסן טאָג אַרויסגעפירט געוואָרן פון תפיסה, און קיינער ווייס נישט וואָס זייער סוף איז געווען...

איבערן וואַנט פון אונדזער צעל, איז געווען דער וואַך־צימער. דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ ראַדיאָ, און כ׳פלעג זיך צ׳הערן צו די נייס.

איינמאָל האָט אַ נ. ק. וו. ד.־מאַן באַמערקט דאָס כ׳האָב צוגעלייגט דעם אויער צום וואַנט, און כ׳הער זיך צו צום ראַדיאָ. ער האָט מיט כעס, מיר גענומען פאָרשן, וואָס איך האָב געהערט. אַלס שטראָף האָט ער מיר אַריינגע־וואָרפן אין קאַרצער, ווו כ׳בין כמעט פאַרפרוירן געוואָרן פון קעלט. ערשט צומאָרגנס האָט ער מיר באַפרייט פון דאָרט.

אַזוי איז אַריבער מער ווי אַ יאָר, און אין באַראַנאָוויצער קרייז געריכט איז פאָרגעקומען מיין משפט, אָבער איך (און אויך די אַלע אַנדערע) בין נישט געווען אָנוועזנד אויפן משפט, ווו מ׳האָט מיר פאַרמשפט אויף 8 יאָר קאַטאָרגע, וועלכע האָט געהייסן אין דער קאָמוניסטישער שפּראַך „אַרבעטס־לאַגער". פון דעם אורטייל האָב איך זיך דערוווסט אין וואָלאָזשינער טורמע, ווו דער תפיסה קאָמענדאַנט האָט מיר פאָרגעלייענט דעם פסק־דין, און געהייסן מיר זיך אונ־טערשרייבן אויף אים. כ׳האָב אים געענטפערט אַז היות ווי כ׳בין נישט געווען אָנוועזנד אויפן משפט, און מ׳האָט מיר נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַר־טיידיקן זיך, וועל איך זיך נישט אונטערשרייבן אויף דעם. „וועל איך זיך אונ־

טערשרייבן", האָט דער קאָמענדאַנט קאַלטבלוטיק געזאָגט — „אָבער אויף סיביר וועסטו גיין"...

אין אַ געוויסערווינטער נאַכט האָט מען אונדז, די פּאַראַורטיילטע, וועלכע האָבן געציילט אַ 100 מאַן, אָנגעלאָדן אין שליטנס און געבראַכט צו דער באַן־סטאַציע האַראַצעק. דאָרט האָט מען אונדז איינגעזעצט אין וואַגאָנען, און באַגלייט מיט שטאַרקע וואַך פון נ. ק. וו. ד.־לייט, אָפּגעפאָרן קיין מינסק, ווו מ'האָט אונדז איבערגעזעצט אין לאַסט וואַגאָנען, און פאַרגעזעצט ביז מאָסקווע. דאָרט האָט מען אונדזערע וואַגאָנען איבערגעפירט אויף אַ זייטיקע ליניע, ווו מיר זענען אָפּגעשטאַנען 10 טעג, וואַרטנדיק אויף פרישע פּאַראַורטיילטע.

פון די וואַגאָנען האָט מען אונדז נישט אַרויסגעלאָזט, די גאַנצע צייט זענען מיר געווען פאַרשפּאַרט. אונדזער עסן איז באַשטאַנען פון ברויט און אַן הערינג, אָבער קיין וואַסער צום טרינקען, האָט מען אונדז נישט געגעבן. אויפן 2טן טאָג האָבן מיר מער נישט געקענט אויסהאַלטן, מיר האָבן גענומען שרייען און קלאַפּן אין די וואַגאָנען. דאַן ערשט האָט די נ. ק. וו. ד. דערלויבט צו ברענגען אונדז קיפּיאַטאָק!

אויפן 11טן טאָג זענען מיר אָפּגעפאָרן אין ריכטונג פון אַרכאַנגעלסק, כדי פון דאָרט דערגרייכן קיין וואָרקוטאַ, וועלכע האָט זיך געפונען אין קרייז פון צפון פּאַליוס, ביים אייז־ים, און ווו די רוסן האָבן אַנדעקט נעפט און שטיין־קוילן.

אונדזער טראַנספּאָרט האָט געציילט איבער 2000 פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. אויף די סטאַציעס פלעגט דער באַן זיך אָפּשטעלן אַממערסטן ביינאַכט, און אויף אַ זייטיקער ליניע, כדי די ציוויל באַפעלקערונג זאָל אונדז נישט זעען. אונדזער וועג האָט געדויערט עטלעכע וואָכן; מיר זענען דורכגעפאָרן די שטעט גאָרקי, קיראָוו און ענדלעך זענען מיר דערפאָרן ביז קאָטלאַס, אַ ריזיקער אַרעסטאַנטן לאַגער. דאָרט האָט זיך אויך געענדיקט די באַן ליניע און דאָרט האָבן מיר זיך דערוווּסט פון דער מלחמה מיט דייטשלאַנד.

פון קאָטלאַס האָבן די סאָוויעטן געבויט אַ באַן־ליניע ביז וואָרקוטאַ. די אַרבעטער פון דער באַן־ליניע, די נעפט פעלדער און שאַכטן, זענען געווען די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, פון קאָטלאַס פלעגן זיי אָפּגעשיקט ווערן אין די פאַר זיי באַשטימטע לאַגערן.

פון קאָטלאַס ביז וואָרקוטאַ, אַ שטרעקע מער ווי 1000 ק"מ, זענען געווען בלויז אַרעסטאַנטן לאַגערן. אין יעדן לאַגער 2000־1 אַרעסטירטע, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע אַרבעט; בויען די באַן־ליניע, אַרבעטן אין די קויל שאַכטן, אין די נעפט פעלדער און אין די וועלדער. די באַנען, לאַסט

אויטאָס, און אַנדערע מאַשינען, זענען באַוועגט געוואָרן נישט מיט בענזין נאָר מיט האָלץ.

ס'זענען געווען אויך לאַגערן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, דאָרט זענען די באַדינגונגען געווען אַ ביסל לייכטער, און דאָס עסן עטוואָס בעסער.

זונטיק, איז געווען אַ רוה־טאָג אין אַלע לאַגערן, מ'האָט אָבער געמוזט זיך באַטייליקן אין די פּאָליטישע רעפעראַטן... ס'זענען געווען לאַגערן ווו מען פלעגט געבן פון צייט צו צייט אויך אַ פילם.

דער זומער האָט אין יענעם געגנט געדויערט בלויז 7—6 וואָכן, דאַן פלעגט צעגיין דער שניי און די אויבערשטע שיכט פון באָדן, אַ 20 ס"מ בערך, פלעגט ווייך ווערן, טיפער איז דער באָדן געווען אייביק געפרוירן, דעריבער האָבן דאָרט געוואַקסן נאָר קוסטעס מיט קורצע וואָרצלען.

ווינטער, ווען דער פראָסט פלעגט דערגיין ביז 45 גראַד, פלעגן מיר נישט גיין צו דער אַרבעט.

נישט ווייט פון קאטלאס, פליסט די צפון־דווינע, דאָרט האָט מען אונדז אַרויפגעזעצט אויף בארזשעס און געשווומען אין ריכטונג פון ווארקוטע.

די ענגשאַפט אויף די בארזשעס איז געווען אומבאַשרייבלעך, ס'האָבן אונדז באַפאַלן לייז. מיר פלעגן אויסטאָן אונדזערע זאַכן און אויסטרייסלען עס, און זען ווי די לייז פאַלן אין די הונדערטער, אין טייך, אָבער צו מאָרגנס איז דער גוף ווידער געוואָרן באַדעקט מיט פרישע לייז.

דאָס עסן איז באַשטאַנען בלויז פון שוואַרצע סוכאַרעס און „קיפּיאַטאָק".

אַזוי זענען מיר געשווומען 16 טעג. פון ביידע זייטן טייך האָבן זיך געצויגן ריזיקע וועלדער, אָן אַ סימן פון לעבן. אויף אונדזער וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן 2 גרויסע לאַגערן; טשיביו און „קאַנאַנינאַס". ווען די וואַסער אין טייך איז געוואָרן פלאַך, און די בארזשען האָבן נישט געקאָנט מער פאָרזעצן זייער וועג, זענען מיר אויסגעשטיגן און אַוועק צופוס, ביז מיר זענען געקומען צו דעם פאַר אונדז באַשטימטן אַרבעטס־לאַגער אין דער טונדרע.

קאָלאָניע — 43

אַזוי האָט געהייסן אונדזער ערשטער אַרבעטס לאַגער.

די געגנט איז געווען אַ בערגיקע, מיט אַ סך טאָלן און טייכלעך. דער באָדן — אַ שוואַרצער און אויסגעמישט מיט קליינע שטיינדלעך. מיר זענען אָנגעקומען אַהין זומער צייט, וועלכע ציט זיך קאָרגע 2 חדשים, יוני און יולי. דאַן פלעגט די ערד באַדעקט ווערן מיט הויכע גראָזן און נידעריקע קוסטעס. די אָרטיקע קאַלמיקן פלעגן שניידן די גראָז, טריקענען עס און אויפלייגן אין קליינע

„סטאגעס״, כדי די טויזענטער הירשן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען, זאָלן האָבן וואָס צו עסן, ווען דער טיפער שניי וועט פאַרדעקן די ערד.

ענדע יעדן זומער, ווען די הירשן פלעגן פעט ווערן פון דעם גרינעם גראָז, פלעגט מען אַ טייל פון זיי אַוועקטרייבן אין דער קאָנסערווען פאַבריק, וועלכע האָט זיך געפונען אין יענעם געגנט, און דאָס פלייש פלעגט געשיקט ווערן פאַר דער אַרמיי.

אויסער די הירשן, זענען דאָרט געווען די ווייסע בערן, וועלכע זענען געשיצט געווען פון דער מאַכט. שיסן אַ בער אָדער אַ הירש, איז געווען שטרענג פאַר־באָטן. דעריבער האָבן די בערן זיך נישט געשראָקן פאַר מענטשן. אָפט פלעגן זיי צוקומען צו אונדזער אַרבעטס פּלאַץ, פלעגן שטיין און צוקוקן זיך ווי מיר אַרבעטן...

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין קאָלאָניע 43—, האָבן מיר דאָרטן געפונען בלויז עטלעכע באַראַקן, אין וועלכע די מיליטערישע וואַך האָט געלעבט. מיר האָבן דעריבער גלייך גענומען בויען פאַר אונדז „זעמליאַנקעס״.

דער איינציקער בוי־מאַטעריאַל אונדזערער איז געווען — ערד! מיר האָבן געשניטן פלאַטעס ערד, וועלכע די גראָז וואָרצלען האָבן צוזאַמענגעהאַלטן, געלייגט איין פלאַטע אויף דער צווייטער, און אַזוי אויפגעשטעלט די ווענט פון די באַראַקן. די דעכער זענען געווען פון בלעך.

אינווייניק, אין באַראַק, זענען א־יפגעבויט געוואָרן צוויי־שטאָקיקע נאַרעס, אָן מאַטראַצן, אויף יעדער נאַרע זענען געשלאָפן 2 מאַן. צוגעדעקט האָבן מיר זיך מיט אַלטע, דינע קאָלדרעס, וועלכע האָבן נישט געוואַרעמט. אין באַראַק, זענען געווען אייזערנע אייוועלעך, וועלכע מען האָט געהייצט מיט שטיין־קוילן.

אין לאַגער האָבן געפעלט די עלעמענטאַרסטע סאַניטאַרע באַדינגונגען, ס׳איז נישט געווען אַפילו אַ באָד, כדי אָרומוואַשן זיך. מיר זענען געווען דע־ריבער באַדעקט מיט לייז און שמוץ. אין גאַנצן לאַגער האָט געהערשט נויט, הונגער, קרענק און קעלט, אָבער באַקלאָגן זיך האָט מען נישט געטאָרט!

געאַרבעט האָבן מיר 12 שעה אַ טאָג, פון 5 פרי ביז 5 אָוונט. דאָך האָבן די סאָוויעטן די חוצפה, באַשולדיקן די „קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווו מען אַרבעט 7—8 שעה אַ טאָג, אין אויסניצן די אַרבעטער״!

אונדזער עסן איז באַשטאַנען פון 600 גראַם ברויט, אַ שטיקל פאַרשטונקענע פיש און אַ ביסל האָבער זופּ. אָבער די יעניקע וועלכע האָבן נישט אויסגעפירט זייער טעגלעכע אַרבעטס־נאָרמע, האָבן באַקומען בלויז 300 גראַם ברויט.

אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין לאָדן ערד אין לאַסט אויטאָס, וועלכע פלעגן עס פירן צו דער באַן־ליניע קיין וואָרקוטע, וועלכע מ׳האָט געהאַלטן אין בויען.

די עטלעכע וואַרעמע זומער וואָכן, זענען שנעל פאַרלאָפן, אין ס׳איז אָנגע־קומען דער שווערער ווינטער; אונדזער קליידונג איז געווען אָרעם און נישט צוגעפּאַסט צו אַזאַ ווינטער. בײנאַכט פלעגט דער פראָסט דערגיין ביז 70 גראַד, און אונדזערע קאָלדרעס, מיט וועלכע מיר פלעגן זיך צודעקן, פלעגן צוגעפרוירן ווערן צו די ווענט פון באַראַק. בײטאָג פלעגט די קעלט דערגיין ביז 45—55 גראַד!

מענטשן פלעגן פאַלן ווי פליגן, יעדן טאָג פלעגן שטאַרבן צענדליקער פאַרשיקטע, אָבער מען פלעגט נישט מאַכן פון דעם קיין וועזן; דער סאָלדאַט וועלכער האָט אונדז געהיט, פלעגט צוגיין צום געפאַלענעם, אַ קלאַפּ געבן אים מיטן פוס, כדי פעסטשטעלן אַז ער איז טויט, און אַזוי אים איבערלאָזן אויפן שניי. אויף צומאָרגנס, איז פון קערפּער קיין זכר געבליבן; די ווייסע בער האָבן אים אַוועקגערוימט...

אָבער פרישע טראַנספּאָרטן פון פאַרשיקטע, פלעגן אָנקומען און פאַרפילן דעם פּלאַץ פון די אומגעקומענע. אַרעסטאַנטן, האָבן אין סאָוויעטן־רוסלאַנד נישט געפעלט...

צוויי יאָר בין איך געווען אין דעם לאַגער, און כ׳האָב נישט געגלויבט אַז כ׳וועל אַרויס פון דאַנען אַ לעבעדיקער. אָבער פּלוצלינג, אומדערוואַרט, איז געקומען אַן ענדערונג:

אין יאָר 1942, נאָכן אָפּמאַך מיטן פּוילישן גענעראַל סיקאָרסקי, זענען באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן אַ סך פּוילישע בירגער, וועלכע האָבן זיך וואָלאָנטירט אין דער נײ־געשאַפענער פּוילישער אַרמיי. (אויך אַ סך רוסן, וועלכע זענען געווען פאַרמישפּט אויף קורצע טערמינען, זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי). ווען די ידיעה וועגן דעם איז דערגאַנגען צו אונדזער לאַגער, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט ווי אַ טרינ־קענדער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, כ׳האָב נישט געגלויבט אַז מען וועט מיר באַפרייען. אָבער כ׳האָב נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן און האָב אָנגעגעבן אַ ביטע צום לאַגער קאָמענדאַנט. עטלעכע וואָכן זענען אַזוי אַריבער, און קיין תשובה אויף מיין ביטע האָב איך נישט באַקומען, און כ׳האָב פאַרלוירן די האָפענונג אויף בעסערס, און פּלוצלינג קריג איך אַ באַפעל גרייטן זיך אין וועג, און מען שיקט מיר אָפּ, צוזאַמען מיט אַ גרופּע קריסטן, פּוילישע בירגער, קיין „קאָנאַנינאַס", אַ ריזיקער אַרעסטאַנטן לאַגער (וועלכער געפינט זיך נישט ווייט פון „קאַטלאַס") וווּ ס׳האָט זיך געפונען די מיליטערישע קאָמיסיע, וועלכע האָט מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי.

דאָ, אין קאנאנינאס, איז דאָס לעבן געווען אַ סך בעסער; ס׳איז געווען אַ וואַרעם באָד, און מיר האָבן זיך אַרומגעוואַשן, מיר זענען דאָ געשלאָפן אויף

שטרויענע מאַטראַצן, אויך דאָס עסן איז געווען בעסער, מיר האָבן באַקומען אַפילו טאַבאַק צום רויכערן!

מיר פלעגן זיך צוקוקן מיט קנאה, אויף די „גליקלעכע״ גרופּן מאָביליזירטע, וועלכע מען פלעגט אָפּשיקן מיטן באַן, קיין רוסלאַנד. ענדלעך איז דערגאַנגען מיין ריי, און כ׳האָב זיך געשטעלט פאַר דער קאָמיסיע.

אַ דאָקטאָר האָט מיר אונטערגעזוכט און געפונען דאָס איך לייד פון „צינגה״ און מיר גלייך אָפּגעשיקט אין אַ דערבייאיקן שפּיטאָל. דאָ־ט האָט מען מיר געטרייסט, דאָס אין פאַרלויף פון אַ פּאָר וואָכן וועל איך געזונט ווערן, ווייל צו מיין מזל, האָבן זיי באַקומען פון מאָסקווע — וויטאַמינען. און כך הוא, נאָך 10 טעג איז די קרענק פאַרגאַנגען, און כ׳האָב זיך ווידער געשטעלט פאַר דער קאָמיסיע. אָבער דאָ איז געקומען אַ אומערוואַרטענע צרה; מיינע פּער־זענלעכע פּאַפּירן זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין קאַנצעלאַריע, און כ׳האָב נישט געקענט אויפווייזן אַז כ׳בין אַ פּוילישער בירגער.

אַלע מיינע ביטעס האָבן נישט געהאָלפן, און אַזוי ווי מיינע פּאַפּירן האָבן זיך נישט אָפּגעפונען, האָט מען מיר אָפּגעשיקט אין אַ נייעם אַרבעטס־לאַגער — „קאטלאסקי סעלחאָז״. דאָ האָבן די פאַרשיקטע זיך פאַרנומען מיט לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אַרבעט. דער סעלחאָז איז געווען אַ רייכער; פאַרמאָגט אַ סך קיה, פערד און חזירים. אַרום אים זענען געווען ריזיקע וועלדער, אויך דער זומער איז דאָ געווען אַ לאַנגער. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין פירן האָלץ פון וואַלד צום ברעג פון טייך דווינע, פון וואַנען מ׳האָט זיי מיטן וואַסער געשיקט אין פאַרשידענע פּלעצער. דאָ האָב איך זיך אויסגעצייכנט ביי מיין אַרבעט, כ׳פלעג אויספירן 3 נאָרמעס אַ טאָג. נאָך אַ פּאָר חדשים אַלס האָלץ־פירער, האָט מען מיר אַריבערגעפירט אין אָרטיקן פאַראַוון מיל, אַלס מילנער. דאָ האָב איך זיך געפילט ווי אין גן־עדן; כ׳האָב געקראָגן אַ „פּראָפּוסק״, כ׳האָב געקענט גיין און קומען אין אַרעסטאַנטן־לאַגער, ווען כ׳האָב געוואָלט. עסן איז געווען גענוג, כ׳האָב נאָך געהאָלפן אַפילו גוטע פריינט מיט מעל און גרויפּן.

די פאַרוואַלטערין (נאַטשאַלניצע) פון סעלחאָז איז געווען אַ יידישע פרוי, וועלכע איז פריער פאַרשיקט געוואָרן אויף 10 יאָר. נאָכן באַפרייען זיך, האָט מען איר נאָמינירט אַלס פאַרוואַלטערין פון דעם סעלחאָז, זי האָט געהייסן — אַסיאַ רעזניק. אויך דער בוכהאַלטער איז געווען אַ ייד, און זיי האָבן זיך צו מיר באַצויגן נישט ווי צו אַ פאַרברעכער, נאָר ווי צו אַ מענטשן. אָבער איינער פון דער וואַך, אַ נ. ק. וו. ד.־מאַן, האָט עס נישט געקענט פאַרטראָגן און האָט מיר פאַרמסרט. ס׳איז אַראָפּגעקומען אַ קאָנטראָל־קאָמיסיע, וועלכע האָט קאָנ־טראָלירט די ביכער און מיין אַרבעט אַלס מילנער, אָבער זיי האָבן קיין זאַך נישט געפונען. אָבער פּטור בלא כלום קען מען דאָך נישט, בפרט אַז די פאַר־

וואַלטונג איז אַ יידישע, האָט מען די פּאַרוואַלטונג געביטן, און אַלס נאַטשאַלניק האָט מען נאָמינירט אַ געוויסן לאַטיש מיטן נאָמען — שפּול, אַ אַנטיסעמיט און אַ אכזר. זיין ערשטע אויפגאַבע איז געווען צונעמען מיין פּראָפּוסק, און אָוועקגעשיקט מיר אויף די שווערסטע אַרבעט. (אין דעם זעלבן יאָר איז ער געשטאָרבן). אַפּאַרבעטנדיק עטלעכע טעג, האָב איך זיך געמאָלדן צו אים, און געפאָדערט צוריק מיין פּראָפּוסק, טענהנדיק דאָס דעם פּראָפּוסק האָט מיר אַרויסגעגעבן די העכערע מאַכט, און נאָר זי קען עס מבטל זיין. ער האָט מיר אויסגעהערט, אָנגעקוקט מיר מיט רציחנישן בליק און צוריקגעקערט מיר דעם פּראָפּוסק, אָבער גלייכצייטיק באַפעלן מיר איבערשיקן אין אַ שטראָף לאַגער. אין קאַטלאַסקי סעלחאָז בין איך געווען אַ יאָר צייט.

אין שטראָף לאַגער

די מערהייט אַרעסטאַנטן זענען דאָרט געווען קרימינעלע פאַרברעכער. זיי פלעגן גנבענען פון אונטער די הענט, אַפילו דאָס שטיקל ברויט פלעגט זיי געלונגען גנבענען... די באַציונג צו אונדז פון דער וואַך איז געווען אוממענטשלעך. די אַרבעט אין וואַלד — שווער. מיט איין וואָרט: ס'איז געווען אַ גיהינום.

די קרימינעלע פלעגן נישט וועלן גיין צו דער אַרבעט, (זיי האָבן זיך געפילט ווי מיוחסים, זיי זענען דאָך נישט קיין פּאָליטישע פאַרשיקטע). פלעגט די וואַך בינדן זיי די הענט און אַרויפלייגן זיי אויף די שליטנס און אָוועקפירן אין וואַלד, דאָרט פלעגט מען אַרונטערנעמען פון זיי די וואַרעמע זאַכן, און נישט צולאָזן צום פייער זיך וואַרעמען, אַזוי אַ־ום פלעגן זיי מוזן אַביסל אַרבעטן, כדי דערוואַרעמען זיך.

כ'האָב געפילט אַז כ'וועל דאָ לאַנג נישט אויסהאַלטן ,און כ'האָב גענומען זוכן אַ וועג ווי אַרויס פון דאַנען.

אין אַ געוויסן אָונט, ווען אַלע זענען שוין געלעגן אויף די נאַרעס און געכראָפּעט, בין איך געבליבן זיצן ביים אייוועלע, און געשטעלט קאָכן אַ קעסעלע מיט וואַסער. ווען די וואַסער האָט גענומען קאָכן, האָב איך פאַרקריצט די ציינער, כדי כ'זאָל נישט שרייען, און אַרויפגעגאָסן עס אויף מיין רעכטער האַנט. כ'האָב געמיינט אַז איך פאַרליר מיין באַוווסטזיין פון ווייטיק, און כ'בין אַוועק צום „לעפּקאָם" און דערציילט אים אַז כ'האָב זיך אָפּגעבריט פון „קיפּיאַטאָק", אַז דאָס הענטעלע פון דעם קעסעלע האָט זיך אָפּגעבראָכן, און די קאָכיקע וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן האַנט. דער פעלדשער האָט מיר אָנגעקוקט און אַרויסגערעדט „חיטרי יעווריי". כ'האָב אָבער געשריגן אַז איך האַלט נישט אויס פון ווייטיק, האָט ער ווידער געזאָגט — „ניטשעוואָ ניע

פאַדאַכניש" (קיין סכנה, דו וועסט נישט פגרן). דאָך האָט ער באַשמירט די האַנט מיט וואַזעלין.

פון ווייטיק האָב איך די נאַכט נישט צוגעמאַכט מיט אַן אויג, און ווען ס'האָט גענומען טאָגן, האָב איך געמוזט אַרויס צו דער אַרבעט, צוגלייך מיט אַלעמען.

פון דער אַרבעט האָט זיך אָפּגעריבן די הויט פון דער אָפּגעבריטער האַנט, און זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער, בלוטיקער ווונד.

צוריקקומענדיק פון דער אַרבעט בין איך גלייך אַוועק צום לעפקאַם. יענער, דערזעענדיק די האַנט און די אָפענע ווונדן, האָט שוין גאָרנישט גערעדט, אָבער אויף צומאָרגנס מיר אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל. דער שפּיטאָל האָט זיך געפונען אויף דער באַן סטאַציע „מעדוויעצקה". דאָרט בין איך געלעגן 20 טעג. נאָכן אויסהיילן די האַנט, האָט מען מיר אָפּגעשיקט אין דער אַרעסטאַנטן קאָלאָניע — 39. דאָרט האָט מען זיך פאַרנומען מיט וואַלד אַרבעט. מיר האָט מען געשטעלט אַרבעטן ביי אַ צירקוליאַר־זעג, גרייטן שפּאַלן פאַר דער באַן־ליניע. דאָרט האָב איך זיך אויסגעצייכנט, אויספירנדיק אַ דאָפּלטע אַרבעטס נאָרמע. מ'האָט מיר נאָמינירט אַלס בריגאַדיר איבער אַ גרופּע פון 15 אַרעסטאַנטן. אויך דאָ האָט מען געאַרבעט 12 שעה אַ טאָג. איך האָב געאַרבעט אין דער נאַכט שיכט. כ'האָב געקראָגן אַ פּראָפּוסק, און געקענט אַרומגיין פריי. דאָס לעבן אין דעם לאַגער איז געווען צו דערליידן. אפשר דערפאַר וואָס די לאַגער פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון יידן? דער לאַגער נאַטשאַלניק איז געווען אַ ייד, דער פּראַראַב, אַ מאָסקווער ייד — הורוויץ, אויך דער הויפּט בוכהאַלטער — בכלל — אַ ייד...

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט, ווען כ'בין געקומען צו דער אַרבעט, זענען צו מיר צוגעקומען מיינע „בעלי־בתים" און מיט זיי דער נאַטשאַלניק פון ע. מ. צ. (עלעקטרישן כוח פון גאַנצן געגענט) וועלכער איז אויך געווען אַ ייד. ווען כ'בין געווען אין סעלחאָז, האָט ער דאָרט באַזוכט, און איצט האָט ער מיר גלייך דערקענט און געפרעגט צו כ'בין איינשטימיק אַרבעטן ביי אים?

עטלעכע חדשים האָט זיך געצויגן דער געראַנגל צווישן אים און דער פאַרוואַלטונג פון לאַגער, וועלכע האָבן געטענהט דאָס זיי האָבן נישט ווער ס'זאָל מיר דאָ פאַרבייטן. ענדלעך האָט מען מיר איבערגעפירט צו אים.

אין לאַגער — 39, בין איך געווען 1 יאָר.

דער מזל פאַנגט אָן שמייכלען צו מיר

אויף מיין נייעם אַרבעטס־פּלאַץ האָב איך געאַרבעט 2 יאָר: 46—1945.

פאַר דער צייט האָב איך אויפגעשטעלט 5 מילן אין אַרומיקן געגענט. דאָ

האָב איך זיך געפילט ווי אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ זייטיקע זאַך. דאָס וואָס ס'האָט מיר אויפגעלעבט און געגעבן חשק צום לעבן, איז געווען דער פאַקט וואָס כ'האָב זיך דערוווסט דאָס מיין ווייב און קינדער לעבן!

די אַלע יאָרן, זינט מ'האָט מיר אַרעסטירט און ביזן יאָר 1945, האָב איך פון זיי גאָרנישט געהערט, כ'בין געווען זיכער דאָס אויך זיי זענען אומגעקומען, דורך די נאַציס.

אין יאָר 1945, נאָך דער באַפרייאונג פון ווייסרוסלאַנד, האָב איך געשיקט אַ בריוו קיין איוועניעץ, צו מיין משפחה, ווייל טיף אין האַרצן האָט ביי מיר געטלייעט אַ פונק פון האָפענונג, דאָס עמעצער פון דער גאַנצער משפחה איז דאָך געבליבן לעבן. דאָס זעלבע האָט געטראַכט מיין ווייב, שרקע, אויך זי האָט געשיקט אַ בריוו קיין איוועניעץ.

אין איוועניעץ האָבן זיך דאָן געפונען בלויז געציילטע יידן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון די וועלדער, צווישן זיי איז געווען דבורה סוויניק. אַלע בריוו וועלכע פלעגן אָנקומען פאַר איוועזנצער יידן, פלעגט די פאָסט איר איבערגעבן. אַזוי אַרום האָט זי באַקומען אונדזערע 2 בריוו און פאַרבונדן אונדז צוזאַמען. (זע 6 יאָר אין קאָמוניסטישן גן־עדן, פון שרקע ראַלניק).

יענעם טאָג ווען כ'האָב זיך דערוווסט אַז מיין ווייב און קינדער לעבן, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. כ'האָב זיך גענומען פילן ווי אַ מענטש וועלכער האָט אַ ציל אין לעבן. און דער ציל איז געווען: אויסהאַלטן, איבערלעבן די צרות און פאַראייניקן זיך מיט זיי!

מיין שרקע האָט נישט נאָר אויסגעהיט מיינע קינדער, נאָר פלעגט פון צייט צו צייט, מיר שיקן פעקלעך מיט עסן אין לאַגער!

פון אירע בריוו האָב איך געוווסט דאָס זי פאָרט אָפּ קיין פוילן, און פון דאָרטן — קיין ארץ־ישראל.

אוקטובער 1947

ענדלעך איז געקומען דער גרויסער, לאַנג דערוואַרטענער טאָג פון מיין באַפרייאונג. כ'בין אַ פרייער מענטש! פריי? ס'רעדט זיך נאָר אַזוי. אויך נאָך מיין באַפרייאונג האָב איך געדאַרפט פאַרזעצן מיין אַרבעט — פאַר געהאַלט פאַרשטייט זיך — אין יענעם געגנט, אין וויטן סיביר!

נאָך לאַנגע שתדלנות, האָב איך געקראָגן אַ פּאַס אויף 2 וואָכן, כדי צו באַזוכן איוועניעץ. אָנקומענדיק קיין מאָסקווע, האָב איך אָפּגעזוכט דעם פוילישן קאָנסולאָט, און געמאָלדן זיך אַלס פוילישער בירגער. זיי האָבן מיר נישט

געפּאָרשט, פּיין אויפגענומען, געגעבן מיר נייע זאַכן צו אָנטאָן, און אויך געלט אויף עסן, און געהייסן געדולדיק וואַרטן ביז ס'וועט זיך צונויפקלייבן אַ טראַנס־פּאָרט פון 50 מאַן. מיר האָבן געגעסן און געשלאָפן אין וואַרטע־זאַל פון מאָס־קווער באַן־סטאַציע. נאָכן פערלויף פון 2 וואָכן, האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין אַ וואַגאָן און אָפּגעשיקט קיין פּוילן.

אין גראָדנע זענען מיר איבערגעשטיגן אין פּוילישע וואַגאָנען און געפאָרן ביז ביאַליסטאָק, דאָרט האָט מען אונדז געגעבן פּוילישע פּאַספּאָרטן און אויך געלט אויף אויסגאַבן. איך, און נאָך אַ סך יידן, זענען אָפּגעפאָרן קיין שצעצין,



המשפחות והידידים נפרדים מוועלוול ראַלניק, אחיו של צבי רולניק, בדרכו לא"י בשנת 1936
די משפחות און פריינד געזעגענען זיך מיט וועלוול ראַלניק, דער ברודער פון הירשל ראַלניק, צו זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1936

דאָרט האָב איך זיך פאַרשריבן אין „השומר הצעיר". זיי האָבן מיר פאַרשאַפט אַרבעט און אויך אַ דירה.

אין שצעצין בין איך אָפּגעווען 7 חדשים, און דאַן האָט מען אונדז איבער־געפירט קיין מאַרסעל, — פראַנקרייך. אין לאַגער „סן־ז'ירום". דאָרט האָבן מיר אַדורכגעגאַנגען אַ מיליטערישן קורס, כדי זיין גרייט צום יידישן מיליטער.

מיין ווייב האָט זיך דאַן געפונען מיט 3 קינדער, אין דייטשלאַנד. (די 2 עלטערע זין זענען אָפּגעפאָרן אומלעגאַל, קיין ארץ־ישראל, אין יאָר 1947). כ'האָב זיך פאַרשטענדיקט מיט איר און זי איז געקומען צו מיר, קיין מאַרסעל.

נאָך 9 יאָר זייענדיק צושיידט, 9 ביטערע יאָרן, פול מיט צער און פּייַן, האָבן מיר זיך ווידער פאַראייניקט!

אין יאָר 1948, זענען מיר ענדלעך אָפּגעפאָרן מיט דער שיף „פּאַן־יאָרק" קיין ישראל און אָנגעקומען קיין חיפה אויף צומאָרגנס נאָך ראש־השנה. אונדזער עלטערער זון, זאב, איז שוין געווען אין צה"ל.

צוריקקוקנדיק אויף די פאַרגאַנגענע 9 יאָר, יאָרן וועלכע זענען געווען אַן גיהינום, יאָרן אָן האָפענונג, פול מיט ביטערניש, גלויב איך אַז מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן זכות, דאָס מיר האָבן אַלץ אויסגעהאַלטן און דערלעבט צו קומען אין אונדזער ישראל, און אויפבויען אויף דאָס ניי אונדזער היים!

שרה ראַלניק, בת־ים

6 יאָר אין קאָמוניסטישן גן־עדן

דאָס איז געווען שבת אין דער פרי, אַ וואָך פאַר פסח. בערך אַ האַלב יאָר נאָך דעם ווי די סאָוויעטן האָבן אַרעסטירט מיין מאַן, זענען אַריינגעקומען צו מיר אין שטוב, 2 מיליציאָנערן, און געהייסן מיר שנעל איינפּאַקן מיינע זאַכן, ווייל מען שיקט מיר אָפּ קיין רוסלאַנד, צו מיין מאַן. דערהערנדיק דאָס האָבן די קינדער אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין, זיי האָבן געמיינט אַז מען לאָזט זיי איבער דאָ אַליין אין איוועניעץ. די מיליציאָנערן האָבן אָבער זיי פאַרזיכערט אַז זיי פאָרן צוזאַמען מיט מיר, צו זייער פאָטער. (פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין הירשלס אַרעסט, איז מיט אים נישט געווען קיין שום פאַרבינדונג, און מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס מיט אים איז, און ווו ער געפינט זיך). אַ פּאָר שעה שפּעטער, האָט מען מיר מיט מיינע 5 קינדער, אַרויפגעזעצט אויף אַ פור און אָוועקגעפירט קיין סטויפּץ צום באַן. מיט אונדז זענען געפאָרן אַ סך פרויען און קינדער, יידן און קריסטן, זיי אַלע — משפּחות פון פּאָליטיש־אַרעסטירטע מענער.

מיט מיר זענען געפאָרן פון איוועניעץ, 3 יידישע משפּחות: בלומה קאַנטאָראָוויטש מיט 3 קינדער, יוסף, דוב און רחל, (איצט געפינען זיי זיך אין חיפה, בלומה איז אומגעקומען פון הונגער און קרענק, אין סיביר). בוסיע שקליאַר מיט 2 קינדער (נתן, איצט אין אַמעריקע, און יוכבד, — אומגעקומען אין אַ וועג־קאַטאַסטראָפע אין חיפה, אין יאָר 1953). מיניע סוויניק מיט 2 קינדער, אהרון און חיים (איצט אין בת־ים). איר מאַן דוד, איז אומגעקומען אין פאַרשיקונגס

לאַגער, אין רוסלאַנד. אויך זענען אין אונדזער טראַנספּאָ־ט געווען אַ 30 קריסטישע משפחות.

פון גרויס צער און דאגות האָב איך פאַרגעסן מיטנעמען די מצות, און זיי זענען איבערגעבליבן אין אַ קאַסטן, אויפן אויוון.

אונדזער טראַנספּאָרט האָבן באַגלייט נ. ק. וו. ד־לייט. אַנקומענדיק קיין רוביזשעוויץ, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויפן מאַ־ק, כדי די פערד זאָלן זיך אָפּרוען. די דאָרטיקע יידן האָבן אונדז געבראַכט עסן, פאַרגעלייגט געלט, אויף הוצאות, און געפּרוּווט אונדז אַביסל אויפמונטערן. ביז סטויפּץ האָבן באַגלייט מיר, מיין ברודער ירחמיאל, און מיין שוואָגער מאיר. מע־ האָב איך זיי שוין נישט געזען, אויך זיי זענען אומגעקומען פון די נאַציס.

אין סטויפּץ האָט מען אונדז איינגעזעצט אין וואַגאָנען און אָוועקגעפירט קיין קאַזאַכסטאַן.

די וועג האָט געדויערט מער ווי אַ חודש. ביי נאַכט איז די קעלט אין די וואַגאָנען געווען זייער שטאַרק, און אַ סך קליינע קינדער, זענען שלאָפנדיק, פאַרפרוירן געוואָרן צום טויט. מיין מזל איז געווען דאָס איך האָב מיטגענומען מיין בעטגעוואַנט, און ביינאַכט פלעג איך איינוויקלען מיינע קינדער אין קישענס און קאָלדרעס, און אַזוי זיי אויסגעהיט פון פאַרפרוירן ווערן.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אין אַ גרויסן דאָרף — וואָסקרעסענאָווקע, אין צפון קאַזאַכסטאַן. דאָ האָט מען אונדזער גאַנצן טראַנספּאָ־ט, אַרונטערגעלאָזן, און געבראַכט אונדז אין „סעל־סאָוויעט״. דאָרט האָט מען אונדז וואַרעם אויפ־געגומען, געגעבן אונדז ברויט און טיי, און דערלויבט אונדז דאָרט איבער־נעכטיקן. דאָס האָט אונדז אַביסל אויפגעמונטערט, און מיר האָבן געגומען האָפן אַז מיר זענען צווישן גוטע מענטשן, וועלכע וועלן אונדז העלפן, און נישט לאָזן פאַרלוירן גיין...

צו מאָרגנס אָבער האָט זיך די שטעלונג צו אונדז פון דער אָרטיקער מאַכט, אינגאַנצן געביטן: זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז אונדזערע מענער זענען, כביכול, פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. זיי האָבן געג־מען רופן אונדז „ווערעדיטעלי״ (שאָדן־ברענגער) און באַפעלן זאָפאָרט פאַלאָזן די געביידע, וווּ מיר האָבן גענעכטיקט, און יעדער זאָל זיך איינאָרדנען ווי ער קען...

אין קאַזאַכסטאַן האָט נאָך געהערשט דער ווינטער, מיט גרויסע פרעסט און טיפן שניי. כ'האָב די קינדער, מיט די זאַכן איבערגעלאָזט אויפן שניי, אין דרויסן, און כ'בין אַוועק זוכן אַ צימער, ווו צו לעבן. כ'בין אַזוי אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָג, און נישט געפונען קיין פּלאַץ צום איבערנעכטיקן. די קלע־נערע משפחות איז לייכטער געווען צו קריגן אַ צימער, אָבער מיך מיט פינף קליינע קינדער, האָט קיינער נישט געוואָלט אויפנעמען.

די זון איז שוין פאַרגאַנגען, און ס'האָט גענומען פינצטער ווערן. כ'זיץ אַ פאַרצווייפלטע אויפן שנײ, און וויין. די קינדער האָבן מיר אַרומגענומען, און וויינען אויך; זײ זענען דורשטיק, הונגעריק און פאַרפרוירן. אַ פאַרבײַגײענדיקער קריסט האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַנגעקוקט אונדז, און געפרעגט מי־ פאַרוואָס איך וויין. כ'האָב אים דערציילט אַז מיר האָבן נישט ווו איבערצונעכטיקן, און געפרעגט אים צו ער וויים אפשר פי'ן אַ צימער, פאַר וועלכן איך וועל גוט באַלוינען, מיט שיך און קליידונג. (זאַכן זענען דאַן געווען טייערער פון געלט). דער קריסט האָט מיר דאַן געהייסן וואַרטן, ווייל ער מוז זיך באַראַטן מיט זיין ווייב.

מיר זיצן אַזוי אויף די פעקלעך, און קוקן אויס די אויגן אויף אים. דאָס האַרץ קלאַפּט פון פחד, — „און טאָמער קומט ער נישט?" — וווהין וועלן מיר גיין? ווער וועט אונדז העלפן?... פלוצלינג האָבן די קינדער אויפגעשפרונגען און גענומען שרייען — מאַמע, ער גייט — דער קריסט האָט געהאָלפן אונז שלעפן די פעק, און געבראַכט אונדז צו אים אין שטוב. זיי האָבן אונדז געגעבן אַ צימער, מכבד געווען מיט הייסע טיי, און מיר האָבן אויפגעלעבט.

אַזוי זענען אַדורך זעקס חדשים. די עלטערע קינדער האָבן געלערנט אין אַ רוסישע שולע. די צוויי קלענערע, זענען געגאַנגען אין אַ קינדער גאָרטן, וועלכער איז אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך די פאַרשיקטע משפחות. כ'האָב גע־לעבט פון דעם, וואָס איך פלעג אויסבייטן אויף עסנוואַרג מיינע זאַכן, וועלכע כ'האָב געבראַכט פון איוועניעץ. נאָך אַ האַלב יאָר, האָב איך שוין נישט געהאַט וואָס צו בייטן, און כ'בין אַוועק אַרבעטן.

מיין ערשטע אַרבעט איז געווען אין אַ ציגל פאַבריק. כ'האָב געמאַכט ציגל. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. נאָכן אָפּאַרבעטן אַ חודש, האָט מען מיר מודיע געווען אַז מיינע ציגל זענען נישט גוט, און מ'האָט מיר אַפילו נישט באַצאָלט פאַרן חודש וואָס איך האָב געאַרבעט.

פון דער ציגל פאַבריק, בין איך אַוועק אַרבעטן אין אַ דערבייאיקן קאָלחאָז. די אַרבעט דאָרט איז געווען זייער אַ שווערע, און געאַרבעט האָבן מיר 10 שעה אַ טאָג. מיין אַ־בעטס־לוין איז געווען — אַ שטיקל ברויט און זופּ. דאָס ברויט פלעג איך ברענגען אַהיים, פאַר מיינע קינדער.

איך האָב דאָרט אָפּגעאַרבעט עטלעכע חדשים און צום סוף געמוזט פאַר־לאָזן דעם קאָלחאָז, ווייל פון מיין אַרבעט האָב איך נישט געקענט אויסהאַלטן מיינע קינדער. אין דער סאָציאַליסטישער, ליכטיקער רוסלאַנד, האָט די רעגי־רונג נישט געזאָרגט אַפילו פאַר זייערע דאָרט געבוירענע קינדער...

דערווייל האָבן די בעלי־בתים פון מיין צימער, מיר גענומען רודפ'ן; כל־זמן איך האָב געהאַט מיט וואָס זיי צו צאָלן — איז געווען גוט, אָבער ווען איך האָב

מער נישט געהאַט קיין זאַכן זיי צו געבן, האָב איך געמוזט פאַרלאָזן דעם צימער, אין איבערגעפאַרן אין אַ דערבייאיקן דאָרף — וואָלאָדאַ־אווקה. דאָרט האָב איך געוווינט אין אַ זעמליאַנקע, און גענומען זוכן וואָס צו טאָן, כדי צו עקזיסטירן.

איך האָב באַשלאָסן צו קאָכן זייף, וועלכע ס'איז נישט געווען דאָן צו קריגן. די קירגיזן האָבן געהאַט אַ סך חלב, און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט דעם. אויפן שוואַרצן מאַרק האָט מען פערקויפט —קאָוסטיק־סאָדע, איך האָב באַשלאָסן צו פּרוּוון, און מצליח געווען

די זייף פלעג איך פאַרקויפן אויפן מאַרק, און מען פלעגט עס צעכאַפּן, און איך האָב פאַרדינט גוט פון דעם. אָבער אין אַ שיינעם טאָג, האָבן די מיליציאַנטן מיך געכאַפּט מיט מיין סחורה, און קאָנפיסקירט די זייף.

צו מיין מזל, האָט אין זעלבן דאָרף געוווינט אַ יידישער פריזיער — מאָטל עפּשטיין פון פּינסק. (איצט לעבט ער אין כפר־אתא). ער איז געווען אין גוטע באַציאונגען מיט דער אָרטיקער מיליציע, און האָט ביי זיי געפּועלט, זיי זאָלן מיר צוריקגעבן די קאָנפיסקירטע זייף, מיטן תנאי איך זאָל מער נישט האַנדלען אויפן שוואַרצן מאַרק.

איך האָב דאַן גענומען באַקן בולקעס און ליעפּיאָשקעס (קיכל). די ווייץ פלעג איך קויפן אויפן שוואַרצן מאַרק, און מאָלן עס אין אַ דערבייאיקן ווינד־מיל, אָדער מיטן האַנט, אויף אַ פּאָר קליינע מיל־שטיינער, וועלכע איך האָב געהאַט ביי מיר אין זעמליאַנקע. פאַרשטייט זיך אַז די בולקעס זענען נישט געווען קיין ווייסע, אָבער זיי זענען געווען באַטעמט, און וויפל כ'וואָלט געווען אויסבאַקן — פלעג איך גלייך פאַרקויפן. מיר האָבן שוין נישט געהונגערט, און איך האָב אַפילו אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט.

אונדזער אַ שטאָטישער, פייוול קאָנטאַראָוויטש, וועלכער איז אויך געווען פאַרשיקט אויף סיביר, האָט זיך באַפרייט אין יאָר 1943. זיין ווייב אין קינדע' זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט מיר. זיי איז געלונגען צו אָפּגע־פינען איינער דעם צווייטן, און זיי האָבן געלעבט אין דאָרף ראַזאַיובקה, אַ 100 ק"מ פון מיר. זיי האָבן מיר באַזוכט, און פייבל האָט מיר געעצה'ט איך זאָל פאָרן קיין „קאָקציטאַוו", די הויפּט־שטאָט פון אונדזער אָבלאַסט, קויפן דאָרט גענוצטע שיך און קליידונג, און ברענגען עס צו אים אין דאָרף. די קירגיזן בויטיקן זיך זייער אין דעם, און זיי וועלן פאַר דעם באַצאָלן מיט ווייץ.

איך האָב אים געפאָלגט און מצליח געווען. איך האָב אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט און געקויפט אַ הייזקע, געבויט פון טאָרף, מיט אַ גאָרטן, ווו ס'זענען געוואַקסן קאַרטאָפל און קרויט. כ'האָב געקויפט אויך אַ קיה און אַ ציג, און פאַרקויפט אַפילו מילך און פוטער.

דער הויפט קויפער פון די געגנצטע זאַכן איז געווען אַ רוס, דער מילנער פון דאָרף. ווען כ׳בין געקומען צום דריטן מאָל קיין ראַזאַיובקע, האָט דער מילנער מיר געמסרט, און די מיליציע האָט מיר אַרעסטירט, און די סחורה — קאָנפּעסקירט. אָבער ערגער פון אַלץ איז געווען, אַז זיי האָבן אויך אַרעסטירט פּיוולען, ווייל ביי אים אין שטוב האָבן זיי געפונען מיינע סחורות. ער איז פאַר דעם אָפּגעזעסן אין טורמע, דריי און אַ האַלבן מאָנאַט.

אויך מיר האָט מען איינגעזעצט אין טורמע, דאָרט איז געווען זייער שלעכט, קאַלט, הונגער און שמוץ. מ׳האָט מיר נישט דערלויבט קיינעם צו זען. יעדער נאַכט פלעגט מען מיר פאַרשן. די קינדער זענען געבליבן אַליין, אָן שום אויפ־זיכט. אַ נס האָט געשען, און ס׳האָבן זיך געפונען גוטע קריסטן, וועלכע האָבן געזאָרגט און אויפגעפאַסט אויף מיינע קינדער.

באַזונדערס שלעכט און גראָב, איז געווען די באַציהונג צו מיר פון דעם מיליציע קאָמענדאַנט.

אין אַ געוויסער נאַכט, האָט דער נ. ק. וו. ד. קאָמענדאַנט באַזוכט אין טורמע. דערוויסנדיק זיך פון זיין באַזוך, האָב איך איינגעבעטן דעם מיליציאָנער וועל־כער האָט געהיט אונדזערע צעלן, ער זאָל מיר אָוועקפירן צום קאָמענדאַנט. ער האָט מיר אַריינגעפירט צום קאָמענדאַנט אין קאַנצעלאַריע, און כ׳האָב אים דערציילט מיין גאַנצע ביאָגראַפיע, און געפרעגט אים, צי זעט ער אַ פאַרברעכן אין דעם, ווען אַ מוטער אַרבעט, כדי קענען עסן געבן אירע קינדער?

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער ווייס גאָרנישט פון מיין ענין. ער האָט מיר פאַרשפּראָכן אויספאָרשן עס, און געבן מיר אַן ענטפער אין די נאָענטסטע טעג. עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיר באַפרייט, און צוריקגעגעבן מיינע קאָנ־פּעסקירטע זאַכן...

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 1943. כ׳בין ווידער געווען אויף דער פריי און מיט מיינע קינדער, אָבער מיר האָבן דאָך געדאַרפט עסן, און קיינער האָט פאַר אונדז נישט געזאָרגט. כ׳האָב באַשלאָסן דערייבער נעמען פאַרריכטן קאַלאָשן און גומענע שטיוול. די ערשטע צייט איז געווען גענוג אַרבעט, געצאָלט האָט מען מיר מיט עסנוואַרג: ברויט, קאַרטאָפל, קעז און אייער, און מיר זענען שוין נישט געווען הונגעריק. ווען די אַרבעט איז געווען ווייניק, בין איך אַוועק האַקן „טשורקעס", דאָס זענען געווען קליינע שטיקלעך האָלץ מיט וועלכע מען האָט געהייצט און באַוועגט די מאַשינען, אַפילו לאַסט־אויטאָס האָט מען באַוועגט מיט אָט די „טשורקעס"... כ׳האָב אַ לאַנגע צייט געאַרבעט ביי דעם, ביז כ׳האָב אין אַ געוויסן טאָג צעהאַקט אַ פינגער פון מיין האַנט, און געמוזט אויפהערן צו אַרבעטן ביי דעם.

אין יאָר 1945, האָב איך צו מיין גרויס און אומבעשרייבלעכער שמחה, זיך דערוווּסט אַז מיין הירשל לעבט און געפינט זיך אין רוסלאַנד, אין אַ אַרעסטאַנטן לאַגער. (דבורה סביניק, וועלכע האָט זיך געראַטעוועט פון די דייטשן, איז צוריקגעקומען מיט איר זון, שלום, קיין איוועניעץ, האָט גיקראָגן אונדזערע בריוו פון רוסלאַנד, און האָט אונדז כּאַרבונדן). כ'האָב זיך גענומען צונויפשרייבן מיט מיין מאַן, און מיטגעטיילט אים אַז אַלס פּוילישע בירגערין, וויל איך פאָרן קיין פּוילן, און פון דאָרט קיין ארץ־ישראל. אין יאָר 1946, בין איך מיט מיינע קינדער אָפּגעפאָרן קיין פּוילן. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך דאָרט געפילט אויף יעדן טריט און שריט. די פּאָליאַקן האָבן געוואָלט פאַ־ענדיקן דאָס וואָס היטלער האָט אָנגעהויבן... איינמאָל, ביינאַכט, האָבן חוליגאַנעס זיך אַריינגעריסן אין אונדזער באַן, און גענומען זוכן יידן... מיר האָבן פאַרשפּאַרט אין אונדזער וואַגאָן די פענצטער און טירן, און געציטערט פון שרעק...

מיר זענען אָנגעקומען קיין שצעצין, פון דאָרט זענען מיר בגניבה אָנגעקומען קיין טשעכן, איבערגייענדיק דעם טשעכישן גרענעץ, אין אַ וואַלד, האָט די טשעכישע גרענעץ־וואַך אונדז געכאַפּט, דערהערנדיק אָבער אַז מיר זענען יידן, און שטרעבן אַנצוקומען קיין ארץ־ישראל, האָבן זיי אונדז גלייך אָפּגעלאָזט! ס'איז שוין געווען טאָג, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין אַ טשעכישע גרענעץ שטעטעל. אויך דאָ, האָט די טשעכישע באַפעלקערונג, דערוויסנדיק זיך אַז מיר זענען יידן, אונדז אויפגענומען וואַ־עם און געטיילט פאַר אונדזערע קינדער פרוכט און זיסוואַרג.

פון דאָרט, האָבן מיר געגנבעט דעם גרענעץ קיין דייטשלאַנד. דאָרט האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין אַ לאַגער פון יידישע פליטים, נעבן מינכען, די „הינדענבורג קאַזערן" ווו מיר זענען פאַרבליבן צוויי און אַ האַלב יאָר, ביז כ'האָב באַקומען פון מיין מאַן אַ בריוו אַז ער געפינט זיך שוין אין מאַרסעל — פראַנקרייך. 9 יאָר זענען שוין אַדורך, זינט מען האָט אונדז צעשיידט. די פאַרשטייער פון דער יידישער סוכנות האָבן מיר געהאָלפן אויספּילן אַלע פאָרמאַליטעטן, און אין גיכן בין איך און מיינע קינדער אָפּגעפאָרן קיין פראַנקרייך.

כ'האָב זיך אָפּגערעדט מיט מיין מאַן, ער זאָל אונדז אָפּוואַרטן אין מאַרסעל, אויף דער באַן סטאַנציע. ער איז אַדורך פאַרביי אונדזער וואַגאָן און נישט דערקענט מיר. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר, אָנגעקוקט מיר און אַנטשולדיקט זיך, זאָגנדיק — נישט אייך זוך איך... — איך אָבער האָב אים גלייך דערקענט, און אויסגעשריען — „הירשל! דו דערקענסט מיר נישט? — ער האָט אויך די נעמען פון די קינדער פאַרביטן... איצט וווּנדער איך זיך נישט; 9 יאָר זיין צעשיידט 9 יאָר אין די רוסישע לאַגערן האָבן געקענט מאַכן פאַרגעסן אַפילו דעם אייגענעם נאָמען...

אַט אַזוי האָבן מיר אָפּגעפּונען איינער דעם צווייטן, און אונדזערע קינדער האָבן אָפּגעפונען זייער טאַטן...

פון מאַרסעל זענען מיר אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, און אָנגעקומען דעם 10.9.48. געפונען אַ דירה אין יפו, און גענומען צוריקבויען אונדזער היים, וואָס בייזע מענטשן האָבן אומרחמנותדיק צעשטערט.

הירשל סעגאַלאָוויץ, תל־אביב

מיר אַנטלויפן קיין רוסלאַנד

די לעצטע יאָרן פאַר דער וועלט מלחמה, האָט דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פּוילן, איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער, מ׳האָט געלעבט פון „היינט־צו מאָרגן״, אָן קיין אויסזען אויף עפּעס בעסערס. מען איז אָבער שוין געווען צוגעוווינט צו דעם, דאָס איז דאָך געווען „נאָרמאַל״.

די שאַרפע ענדערונג אין אונדזער לעבן איז געקומען סוף אויגוסט 1939, ווען די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען ווייסרוסלאַנד (לויטן ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו הסכם) און אויך אונדזער שטעטל איוועניעץ. דעמאָלסט איז געקומען דער גרויסער איבערברוך אין אונדזער לעבן:

די יידישע פרנסות: האַנדל קלייטן און וואַרשטאַטן — זענען געוואָרן אויס. מען האָט נישט געטאָרט זיך מיט דעם פאַרנעמען. מען האָט אָבער געדאַרפט לעבן, האָט מען אָנגענומען יעדע אַרבעט, וועלכע די סאָוויעטן האָבן פאָרגעלייגט. איך האָב געקראָגן אַ פּאָסטן אַלס „הרטאָפּראָוו״ מיין אויפגאַבע איז געווען צוצושטעלן אין מינסקער צענטער, קיה און פלייש. אַזוי האָט זיך געצויגן ביז דעם 22טן יוני 1941, דעם טאָג ווען היטלערס אַרמיי האָט אָקופּירט אונדזער געגנט. דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר, די יידן, נישט געגלויבט אַז די דייטשן וועלן „סתם אַזוי״ אויסשעכטן אַלע יידן. ווייבער און קינדער? — אוממעגלעך... מיר זענען אָבער געווען זיכער, אַז זיי וועלן זיך נוקם זיין אין די יעניקע וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר די סאָוויעטן. דעריבער האָב איך און אַ גרויסע גרופּע איוועניעצער יוגנט, באַשלאָסן אַנטלויפן קיין רוסלאַנד, און דאָרט איבערוואַרטן אַ קורצע צייט, ביז די רוסן וועלן צוריקשטויסן די דייטשן, און דאַן וועלן מיר זיך צוריקקערן קיין איוועניעץ, צו אונדזערע משפחות...

דער גורל האָט אָבער געוואָלט אַנדערש, און ס׳האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ לאַנגער, יסורעמדיקער וועג, פול מיט גייסטיקע און פיזישע ליידן.

מיין גרופּע איז באַשטאַנען פֿון 4 מאַן: אַרעלע ווײַנשטיין, ברוך גאַלוב, יוסף פֿרידלאַנד און איך. די סאָוויעטן האָבן אונדז פֿאַרזאָרגט מיט אַ פֿערד און וואָגן, און מיר האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם אָפּטרעטנדיקן מיליטער, און אַוועק קיין רוסלאַנד.

צווישן די אָפּטרעטנדע האָט געהערשט אַן שרעקלעכע צומישונג, מ׳האָט נישט געוווּסט וווּהין צו גיין און וואָס צו טאָן, און מ׳האָט געטאָן דאָס וואָס דער אינסטינקט האָט דיקטירט.

דעם 26טן יוני 1941 זענען מיר אַריבער דעם פּויליש־סאָוויעטישן גרענעץ נעבן דאָס שטעטעלע וואָלמע, און אין זעלבן טאָג אָנגעקומען קיין קוידאַנאָוו. דאָרט זענען שוין געווען טויזנטער פּליטים, צעשראָקענע און הונגעריקע, וועלכע האָבן געהאַפּט און געוואַרט אויף אַ באַן, וועלכער וועט זיי פֿירן קיין רוסלאַנד. מיר האָבן זיך נישט פֿערהאַלטן דאָרט, און פֿאַרגעזעצט, אין איילעניש, מיט אונדזער פֿערד און וואָגן, אַזש ביז שקלאָוו. דער וועג ביז שקלאָוו איז געווען שרעקלעך: לענג־אויס דעם וועג זענען געלעגן הונדערטער דערהרגעטע פּליטים, גרויס און קליין, אויך פֿערד און קיה, אַלע דערהרגעטע פֿון די דײַטשע באָמבאַרדיראָוועס. ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל זיי מקבר זיין. די לעבעדיקע — צעמישט מיט פּחד, זענען געלאָפֿן ווײַטער, איבערלאָזנדיק זייערע נאָענטסטע אין טייערסטע, ביי די זייטן פֿון די וועגן...

אין שקלאָוו איז אונדז געלונגען אַרײַנקוועטשן זיך אין אַ באַן, און מיר זענען אַזוי אָנגעקומען קיין מאָהילעוו.

אויך מאָהילעוו איז געווען פֿאַרפּלייצט מיט מאַסן פּליטים. ס׳האָט דאָרט געהערשט אַ שרעקלעכער אומאָרדענונג, אַלע זענען געווען באַהערשט פֿון פּאַניק. צו מיין גרויס פֿרייד און איבערראַשונג, האָב איך דאָרט געטראָפֿן אַ פּאָר איוועניצער מיידלעך: מלכה סיראָטקין און עטיל גאָרדאָן.

מיר האָבן זיך באַראָטן וואָס ווייטער צו טאָן. איך בין געווען פֿאַר דעם צו פֿאָרזעצן אונדזער וועג קיין טיף־רוסלאַנד. אָבער די מיידלעך האָבן פּלוצלינג באַשלאָסן צוריקקערן זיך קיין איוועניעץ. זיי האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן די שווערקייטן פֿון וועג, זיי זענען געווען דערשיטערט פֿון וואָס זייערע אויגן האָבן געזען. זיי זענען געווען צעבראָכן און פֿאַריאושט.

כ׳האָב געפּרוווט זיי אָפּרעדן פֿון זייער באַשלוס, און געטענהט אַז די סכּנות וועלכע דערוואַרטן זיי פֿון די דײַטשן, זענען גרעסער פֿון די, וועלכע שטייען אונדז פֿאָר אין רוסלאַנד. — „אפשר מיידלעך וועלן זיי גאָרנישט טאָן” — האָבן זיי געענטפֿערט, און אַזוי האָבן מיר זיך געזעגנט אויף דער מאָהילעווער באַן־סטאַציע, און מער האָב איך זיי שוין נישט געזען.

פֿון מאָהילעוו בין איך אָנגעקומען קיין וויטעבסק: די באַנען זענען געווען

אנגעשטאָפּט מיט מענטשן, ס'איז נישט געווען ווו אַ פּוס צו שטעלן, און ס'האָט געפעלט לופט צום אָטעמען. מען איז געלעגן אויף די דעכער, געשטאַנען אויף די טרעפּ, אָבער מ'איז געווען גליקלעך אַז מען פאָרט, אַז מען קען אַנטלויפן פון די דייטשן.

אין וויטעבסק האָט מיר ווידער אָפּגעגליקט. מיר איז געלונגען אַריינשפּאַרן זיך אין אַ באַן וועלכער איז געגאַנגען קיין טיף־רוסלאַנד. מיר זענען געווען הונגעריק און דאָרשטיק. אָבער ס'איז נישט געווען קיין צייט צו טראַכטן וועגן דעם, דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן פּלוצלינג גענומען באָמבאַרדירן אונדזער טראַנספּאָרט, מענטשן האָבן גענומען שפּרינגען פון די וואַגאָנען, אויך איך בין אַרויסגעשפּרונגען, צו מיין מזל, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער גרוב, פול מיט וואַסער, און אַרויס מיט גאַנצע ביינער. אָבער די וואַסער איז געווען טיף, און כ'האָב זיך גענומען טרינקען. מיט מאַטערניש איז מיר געלונגען אַרויס־קריכן פון דאָרט. די קוילן האָבן געפייפט אַרום מיר, און איך האָב מיר צוגע־דריקט צו דער ערד, און אַזוי געלעגן ביז ס'איז געוואָרן שטיל. די באַן האָט געברענט, און לענגאויס דער באַן ליניע זענען געלעגן דע־הרגעטע מענטשן.

מיר האָבן ווידער געשאַפן אַ גרופּע, און אַוועק מיט זייטיקע וועגן. מיט מיר איז מיטגעגאַנגען ברוך גאַלי'ב משה דעם שמידס איידעם. 6 טעג זענען מיר אַזוי געגאַנגען און אַדורכגעמאַכט 400 ק"מ ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין רזשעוו. אַלע וועגן און שטעגן זענען געווען פול מיט פּליטים. דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן אָן אויפהער באָמבאַרדירט די וועגן און פאַרשניטן אומצאָליקע לעבנס. אונדזער איינציקער עסן איז געווען — רויע קאַרטאָפל אין קוקורוזע. מיר זענען געווען ערשעפּט און פאַריאושט. אָבער אָנקומענדיק קיין רזשעוו האָבן מיר צו אונדזער גרויס וווּנדער און דאַנקבאַרקייט געפונען אויסגעשטעלטע טישן מיט עסן; ברויט און שיסלען מיט זופּ.

„אָפּגעכאַפּט די נשמה" מיט די זופּ און ברויט, בין איך אַוועקגעלאָפן צום באַן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען דער לעצטער באַן וואָס איז אָפּגעגאַנגען קיין טיף־רוסלאַנד, און ווידער האָט מיר אָפּגעגאָלטן, און כ'האָב אים דערכאַפּט אין דער לעצטער מינוט. 4 מעת־לעת זענען מיר געפאָרן, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין קובישאָוו.

דאָרט האָט מען אונדז צעטיילט אין די קאָלחאָזן. מיר האָט מען אַוועקגע־שיקט קיין קאַזאַכסטאַן, אין אַ קאָלחאָז, וועלכער הייסט „וואָראָשילאָוו". און באַשטאַנען פון טאַטאַרן און אוזבעקן.

דאָרט האָבן מיר זייער געליטן. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע, מיר האָבן אָפּט געהונגערט, געווען פאַרלייזיקט, געלעבט אין שמוץ, געשלאָפן זענען מיר אין די זאַכן, מיט די „לאַפּטיעס" אויף די פיס...

אין אַ געוויסן טאָג איז אָנגעקומען אַ באַפעל, מ׳זאָל מיר מאָביליזירן אין דער אַרמיי, און מ׳האָט מיר אַוועקגעשיקט קיין קאַזאַן. דאָ־ט האָב איך געאַרבעט אין אַן אַמוניציע פאַבריק. געאַרבעט האָבן מיר 12 שעה אַ טאָג, פון 7 פרי ביז 7 אָוונט. עסן האָבן מיר געקראָגן — 800 גראַם ברויט אַ טאָג און אַ ביסל וואַסער־דיקן זופּ. דאָרט האָב איך אָפּגעאַ־בעט 1 יאָר צייט. דאַן האָט מען מיר איבער־געשיקט קיין גורקי. ווו מיר האָבן געגראָבן טאָרף, מיט וועלכן מ׳האָט געהייצט די פאַבריקן. אויך דאָרט זענען די לעבנס באַדינגונגען געווען זייער שווערע. און מיר האָבן געליטן הונגער.



משפחתו של הירשל סגלוביץ שניספתה
אשתו חיה־בתיה והילדים: ברלע, שלמה׳לע ושרה׳לע ושתי אהיותיה של אשתו
די משפּחה פון הירשל סעגאַלאָוויטש וועלכע זענען אומגעקומען
זיין פרוי חיה־בתיה און די קינדערלעך: ברל׳ע, שלמה׳לע און שרה׳לע
ווי אויך זיין פרויס 2 שוועסטער

אין אַ געוויסן טאָג, גייענדיק צו דער אַרבעט, האָב איך געפונען ביים ב־עג פון פעלד, עטלעכע רויע קאַרטאָפל. כ׳האָב זיך מיט דעם געפרייט, ווי כ׳וואָלט געווינען דעם גרויסן געווינס... כ׳האָב די קאַרטאָפל אַריינגעלייגט אין מיין טאַש. אָבער 2 נ.ק.וו.ד.־לייט האָבן מיר באַזוכט און געפונען ביי מיר די קאַר־טאָפל, און מיר אַרעסטירט. פאַר אַזאַ „פאַרברעכן״ האָט מיר דערוואַרט אַ האַרבע שטראָף: 5 יאָר תפיסה!

צו מיין גליק, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ גרופּע אַרבעטער, וועלכע מ׳האָט געשיקט קיין מאָסקווע, און אַזוי אַרום ניצל געוואָרן פון תפיסה.

אין יענער צייט, האָט זיך אין רוסלאַנד אָרגאַניזירט די פּוילישע אַ־מיי, און אַלס פּוילישער בירגער, בין איך מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי.

מ׳האָט מיר אָנגעטאָן אין דער פּוילישער אוניפאָרם, און אַוועקגעשיקט קיין לובלין, צום פראָנט.

נאָך עטלעכע מאָנאַטן, בין איך באַפרייט געוואָרן פון דער אַרמיי, און כ׳האָב זיך אומגעקערט קיין איוועניעץ. דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט פון מיין גרויס אומגליק: פון אומקום פון מיין משפחה, פון מיין ווייב און קינדערלעך... אַז האַלב שטעטל איז געווען אָפּגעברענט. בלויז עטלעכע יידן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אין די וועלדער, זענען צוריקגעקומען קיין איוועניעץ. דאָרט האָב איך געטראָפן זעליג קאַסט, מוליע כץ און דבורה סוויניק מיט איר זון, שלום.

איך האָב זיך אויפגעהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן קריסט — לעשצינסקי.

אין איוועניעץ האָט מיר יעדער ווינקעלע, יעדער שטיין, דערמאָנט מיין אומגעקומענע משפחה, פריינט און שכנים, און כ׳האָב באַשלאָסן וואָס גיכער פאַרלאָזן דאָס שטעטל און פאָרן קיין ארץ־ישראל.

נאָך לאַנגע חדשים פון צרות און סכנות, זענען מיר, מיט דער שיף „עקזאָדוס״, אָנגעקומען צו די ברעגן פון ארץ־ישראל. מיר זענען געווען פול מיט האָפענונג אַז דאָ אין אונדזער לאַנד, וועלן מיר זיין מיט מענטשן גלייך, מיר וועלן אַ ביסל פאַרגעסן פון אונדזער ווייטיק און צער... אָבער די ענגלענדער האָבן אונדז צוריקגעשיקט קיין האַמבורג. מיר האָבן זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן, און ווידער געפּרוּווט אונדזער מזל, און דעם 4.1.1948, ענדלעך, אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, כדי דאָ בויען אויף דאָס ניי, אונדזער היים, און אונדזער לעבן.

מיין פאָטער, ר׳ אליהו חיים, איז געשטאָרבן אין יאָר 1941. מיין מוטער, יהודית, איז געשטאָרבן אין יאָר 1933.


יהא זכרם ברוך!

נחמיה אקון / תל־אביב

הייתי פליט ברוסיה

שנת 1939, הסובייטים השתלטו על רוסיה הלבנה, שהשתייכה קודם לכן לפולין, ועקב־כך, גם על עיירתי איבניץ.

מרבית מקורות הפרנסה של היהודים — נתדלדלו. רבים מבני העיירה הועסקו בעבודות ובמשרות שונות אצל המימשל הסובייטי. בעת ההיא עבדתי גם אני אצלם בתור פקיד במילציה המקומית, ואף הייתי אחד מחברי בית־המשפט העממי. החיים בעיירה השתנו מן הקצה אל הקצה. אך השתדלנו להסתגל לחיים החדשים.



נחמיה אָקון (הראשון משמאל) בקולחוז בסיביר
נחמיה אָקון (ערשטער פון לינקס) אין קאָלחאָז אין סיביר

ביוני 1941, פרצה במפתיע, המלחמה בין גרמניה הנאצית ובין הסובייטים. הרוסים נטשו חיש את איבניץ. הם נסוגו בבהלה ובאי־סדר. המבוכה היתה רבה. חיילים ואזרחים ברחו בהמוניהם. מגמת פני כולם — מזרחה, לרוסיה הגדולה. גם אני הצטרפתי לזרם הפליטים.

מטוסי הגרמנים זרעו הרס ומות בדרכים. בבריחה הזאת נתלוו אלי עוד כמה איבנצאים: הרצל דמסקי, בתו של זלמן גורדון, הביאלובזשצקאים, בנו של קמח, אברהם גרמיזא ומאגאדי ישראל. כמוני כמוהם — פליטי המלחמה הנוראה, אובדי עצות ותקווה.

נגרפנו ונקלענו הרחק במעמקי רוסיה, לקאזחסטן. שם גוייסנו ועבדנו בכל מיני עבודות פרך.

לפי פקודה מהשלטונות, הועברתי משום מה, ממקום למקום. נודדתי מכפר לכפר מקולחוז אחד למשנהו. סבלתי רעב וקור. התהלכתי קרוע ובלוי, אכול כינים ונגעים. גם סיוטים עינו אותי: כל משפחתי נשארה באיבניץ, ומי יודע מה עלה בגורלם הם?...

כל שנות המלחמה עברו עלי בסימן סבל זה.

עם גמר המלחמה כיוונתי את כל מאמצי אל המגמה להגיע איכשהו לארץ־ישראל. רק ביוני 1948, הצלחתי להגיע בדרך-לא־דרך, עם זרם העליה הבלתי ליגלית, לחופי הארץ, למקום חלומותי ותקוותי.

אריה קרפ / כפר־סבא

נסעתי לבקר את משפחתי


ביוני 1939, 4 שנים לאחר עלייתי ארצה, שבתי לפולין, כדי לבקר את משפחתי שנותרה באיבניץ.

הגעתי לשם בשלום, קשה לי לתאר את ההתרגשות, שפיעמה בנו, כאשר נפגשנו — משפחה וידידים... כללו־של־דבר; הייתי לגיבור היום בעיירה!

החיים בעיירה התנהלו עדיין על מי־מנוחות, אך הכמיהה לארץ-ישראל היתה עמוקה, במיוחד בקרב הדור הצעיר. חברים שלי היו בהכשרה בחלקם, ואילו אחרים — בצבא הפולני. חברי: יהושוע ליפשיץ, מלכה סירוטקין, פרומקה גרמיזה ואחרים, שהו בקיבוץ־ההכשרה של השומר הצעיר: "גזית" בעיר ביאליסטוק.

רציתי מאוד לראותם, ולכן נסעתי לביאליסטוק. נוכחתי לדעת כי מצבם הכלכלי היה בכל רע: האנשים רעבו ללחם. מרביתם עבדו בבית־חרושת לאיבוד סמרטוטים בשביל תעשית הטקסטיל. העבודה היתה מלוכלכת, והשכר אפסי. על־אף זאת, הם היו שרויים במצב רוח טוב למדי, ומלאי תקווה שבקרוב יוכלו לעלות ארצה. בואי עודד אותם. שהיתי בקירבתם כמה ימים, והרצאתי להם מספר הרצאות על א"י. לאחר־מכן חזרתי לאיבניץ.

האטרקציה העיקרית באיבניץ היתה בואו של אוטובוס הנוסעים. הוא היה מגיע לפנות ערב, וקהל רב היה מתאסף, כדי להתבונן בנוסעים. בערב אחד הצטרפתי לקבוצת חברים וחברות, וציפינו לבוא האוטובוס. קבוצת "שקצים" ניגשה אלינו, ונטפלו לבנות, והעליבו את כולנו בקריאות־גנאי.



המשפחה וידידים מקבלים את פניו של אריה קרפ בהגיעו מישראל לאיבניץ 1939.
די משפחה און פריינט באַגעגענען אריה קאַרפּ, צו זיין באַזוכן אין איוועניץ 1939.

לא הבלגתי, וסטרתי לאחד מהם. בדרך־מקרה היה זה בנה של מנהלת בית-הספר הפולני שבעיירה. "השקצים" הסתלקו, וגם אני חזרתי הביתה מצוברח. כעבור זמן־מה, כשישבנו לארוחת־הערב, נכנס שוטר והוביל אותי לתחנת־המשטרה.

בתחנה פגש אותי הסמל, מפקד המשטרה, תפס אותי בשערות ראשי ותלש מהן מלא החופן. ניסיתי להסבירו שאני אזרח־חוץ, אז היא הצטעק; "דם־כלבים שכמוך! קומוניסט! זשיד מלוכלך! אני אלמד אותך לקח... לא תעיז להרים יד נגד הצעירים הפולנים שלנו"...

בינתיים הגיע לתחנה אבי, מבוהל ונפחד. אחרי שיחה עם מפקד־המשטרה, שילם כ"תרומה" 10 זהובים, לקרן התעופה הפולני, ושיחררו אותי. לאות פרידה "יעץ" השוטר לאבי: "פקח עיניך על בנך הקומוניסט"...

(בשנת 1942, הגיעו לארץ־ישראל מרוסיה, דרך עירק, חיילי צבא אנדרס הפולני, וביניהם היו מפקד המשטרה הנ"ל ותושב איבנצאי אחר: ראטינסקי, שהיה בשעתו בעל קונצסיה ממשלתית למכירת וודקה. ראטינסקי זה היה "מתישב" "א סדניק".' המימשל הפולני היה מעונין ליישב את רוסיה הלבנה בפולנים נאמנים למשטר, וראטינסקי היה אחד מהם. בשנת 1939, עם בוא הרוסים, נאסר ראטינסקי ועמו "מתישבים" אחרים", והוגלו לסיביר. לאחר ההסכם בין סטאלין והגנרל סיקורסקי, גויסו כל האזרחים הפולניים שנמצאו ברוסיה וביניהם יהודים גולים רבים — לצבא הפולני, ונשלחו לחזית הגרמנית. חלק מצבא זה הגיע לארץ־ישראל, ומכאן — לחזית באיטליה.

ראטינסקי, שהתידד עם אבי, השיג את כתובתי, וביקר אותי בכפר־סבא. קיבלתי אותו בשמחה, ואף הוא שמח מן הפגישה, והבטיח לי, שעם גמר המלחמה, כשיחזור לאיבניץ, ימסור למשפחתי ד"ש מפורט ממני. (אז עוד לא ידענו על גורלם של יהודי פולין). הוא שאל אותי, אם אסכים לארח גם את מפקד המשטרה לשעבר, שעצר אותי בהיותי באיבניץ, וכי הוא מאוד רוצה לראותני... מובן שהסכמתי והזמנתי אותו לבקרני, אך משום־מה לא יצא הביקור לפועל).

ערב פלישת הגרמנים לפולין, כשהמתיחות גברה מרגע לרגע, נסעתי לוולוז'ין, עיר המחוז שלנו, ומסרתי את דרכוני למשרד המחוזי, כדי לקבל אשרת־יציאה, ולחזור ארצה. כעבור ימים ספורים, ולפני שקיבלתי את דרכוני בחזרה, פלשו לשטחנו הרוסים, הפולנים ברחו, ועקב כך נשארתי ללא תעודות. כמה ימים לאחר כניסת הרוסים, רכבתי על אופניים לוולוז'ין, בתקווה שמא אמצא שם את דרכוני.

בדרך נתקלתי בפרשים סובייטיים. הם עצרוני, ציוו עלי להרים את ידי, והתחילו לחקור אותי. סיפרתי להם שאני אזרח־חוץ, וכי מיתכוון להגיע לוולוז'ין, כדי לקבל את דרכוני. הם ציווני לחכות לפלוגת חיל־הרגלים שהתקרבה אלינו, ולא לזוז מהמקום עד שמפקד הפלוגה לא יאשר לי זאת.

בינתיים התקרבה הפלוגה ומפקדה ניגש אלי, אמר לי להוריד את ידי ושאל

מי אני. סיפרתי לו שאני אזרח פלשתינאי ורוכב לוולוז׳ין, כדי למצוא את דרכוני.

הוא הסתכל בי ארוכות ופלט: „טיפש, היערות מלאים עריקים פולניים, הרי הם יהרגוך, לך אתנו"...

הלכתי אתם ברגל, ובידי סחבתי את אופני. שוחחנו כל הדרך ונודע לי שהקצין הוא יהודי. בוולוז׳ין נפרדנו בלבביות.

בוולוז׳ין פניתי ליענקעלע רוגובין, קומוניסט, שניסה לעבור לרוסיה וגורש משם לפולין. משמר הגבול הפולני תפס אותו והחזיקו, עד עריכת משפטו, בבית-הסוהר באיבניץ. יצויין, כי יהודי עיירתנו עשו רבות, כדי להקל עליו את מאסרו. עם בוא הסובייטים, שוחרר מהכלא. ונהיה „ראש" בעירו.

ביקשתיו שיעזור לחפש את דרכוני. תשובתו היתה (ברוסית) חד משמעית — איני רוצה לדעת ממך!".

בדרכי חזרה לאיבניץ, עברתי ליד אחוזתו של הרוזן טישקביץ וראיתי איך חיילים רוסיים חמושים, אסרו את הרוזן ואת בני משפחתו, העלו אותם על משאית והובילום לבית־הסוהר שבוולוז׳ין.

השלמתי עם גורלי, שעלי להשאר לצמיתות ברוסיה... אולם למזלי ביקר אותנו, באורח בלתי צפוי — דודי, אלוף בחיל הרפואה הרוסי. כששמע שהשלמתי עם מר־גורלי", ומוכן להשאר במקום, אמר לי קצרות „חזור לפלשתינה, ומייד!"...

באותה תקופה נהפכה ווילנה לעיר־הבירה של ליטא, והשלטון היה נתון בידי הליטאים. שמענו שבווילנה מתרכזים עשרות ישראליים, שבאו לביקור למשפחותיהם בפולין, ולא הצליחו לחזור ארצה. בקרב הישראליים הייתי היחידי ללא דרכון.

הורי שכרו עגלון, ובאחד הלילות הגענו, אני ואחי הקטן אהרן, ליער שומסק, שם גנבנו את הגבול, ולמחרת היינו כבר בווילנה.

לבד מעשרות הישראלים נמצאו בווילנה באותה עת, פליטים יהודים רבים, שברחו משטח הכיבוש הנאצי בפולין. הקהילה היהודית אירגנה בית־תמחוי בשביל הפליטים, ועזרו בכל השטחים שידם השיגה.

בעיר קובנה, נמצא הקונסול הבריטי, אך כדי להגיע לשם צריך היה לקבל רשיון מיוחד. לאחר מאמצים רבים, השגתי סוף־סוף את הרשיון המיוחל, והגעתי לקובנה.

סיפרתי לקונסול את קורותי, וכן על איבוד דרכוני. למזלי זכרתי עדיין את מספר דרכוני. הקונסול הבטיח להתקשר מייד עם ירושלים, ולוודא את אמיתות דברי, "אם שם יאשרו את דבריך", הוא אמר, "כי־אז נשאר לי עוד דרכון אחד, שישמר אצלי בשבילך". כעבור מספר ימים קיבלתי את הדרכון. הייתי המום משמחה, מיששתי מדי פעם בכיסי, כדי להיווכח שיש לי דרכון...

עתה צריך היה לקבל 3 אשרות־מעבר ללטביה, לרוסיה ולבולגריה.

המשרד הארץ-ישראלי בקובנה עזר לי רבות. 2 וויזות הם קיבלו בנקל. הקושי היה כרוך בקבלת ויזה לרוסיה. חוץ מערימת שאלונים, שמילאתי, העמידוני בפני הנציג הסובייטי, לצורך חקירה. בסופו של דבר השגתי גם את האשרה הרוסית.

כאן כדאי להוסיף שהרוסים לא נתנו אשרות־מעבר, אלא אשרות־כניסה לתיירים. עקב־כך חייבים היינו לשלם להם בדולרים סכומים ניכרים, בעד התאכסנות בבתי־מלון, אוכל, טיולים וכיו״ב.

מקובנה חזרתי לווילנה, כדי להיפרד מאחי אהרן, שלא היתה כל אפשרות לקחתו אתי לישראל, מדודי ראובן מלציק ומשפחתו, וכן מידידי וחברי.

קשה לתאר את ריגעי הפרידה. היתה לי הרגשה שלעולם לא אראה אותם יותר. בכיתי כל הדרך עד לקובנה. עד עצם היום הזה מצטיירת בעיני תמונות הפרידה, בעוצמה בל־תימחק...

הגענו ללטביה ומשם לרוסיה. קבוצתנו מנתה למעלה מעשרים איש ואישה ואף ילדים אחדים. ברכבת למוסקבה נספח אלינו צעיר מגונדר, שוחח איתנו בעברית צחה, שר אתנו שירים עבריים וגם אכל איתנו — כי לנו היה מלאי של שתיה ואוכל, שלקחנו מווילנה. בתור תיירים היו ברשותינו גם תלושי־אוכל, היפים למסעדות.

הצעיר סיפר לנו שהוא יהודי־רוסי, וכי למד עברית כשהיה ״בפועלי־ציון״...

ברכבת הכרנו שתי צעירות רוסיות שנסעו אתנו בקרון אחד. הזמנו אותן להצטרף אלינו, אבל הן סירבו. באחת ההזדמנויות כשהיינו מחוץ לקרון, הן הצביעו על הצעיר הזה, ושמו יד לפה... הבינותי שהוא ״הושתל״ בקירבנו.

למוסקבה הגענו ביום גמר מלחמת פינלנד-רוסיה. אזרחים התנשקו מרוב שמחה ברחובות וצעקו ״מלחמת פינלנד הלבנה הסתיימה״.

במוסקבה שהינו 5 ימים במלון ״מטרופול״ שנועד לתיירי־חוץ בלבד. מורה־דרך הראה לנו את פלאי מוסקבה, הקרמל, המאוזוליאום של לנין, המטרו המפורסם וכו׳.

ממוסקבה, נסענו ברכבת לאודיסה, ושוב הופיע בקרון שלנו הצעיר דובר העברית וליווה אותנו עד אודיסה.

באודיסה שהינו שוב 5 ימים (לפי התוכנית של אינטוריסט) במלון ״לונדון״ היתה לנו מורת־דרך צעירה יהודיה נחמדה, אבל אחרי הצהריים טיילנו לבדנו ברחובות ושוחחנו בעברית. יהודי־אודיסה, בשמעם את העברית, היו ניגשים אלינו לוחצים את ידינו ושואלים ללא־הרף על ארץ־ישראל...

באחד הימים כאשר עמדנו על המדרכה ושוחחנו עם יהודי אודיסה, הרגישה אחת האימהות מקבוצתנו, שילדתה הקטנה נעלמה... היא החווירה מפחד, ואנו התחלנו לתור את הרחוב ולחפש אותה.

לא הרחק מאתנו עמדה קבוצת אנשים. ניגשנו אליה, ומה ראינו? התינוקת עמדה בתווך, והמבוגרים, יהודי אודיסה, ליטפו אותה ודברו אליה באידיש, והיא כלל לא נפחדת. כ״צבר״ אמיתי, ענתה להם בעברית. עיני המבוגרים הבריקו מהתרגשות וגאווה מהפגישה עם הצברית הקטנה.

כשנפרדנו מהם, הניפה הקטנה את ידה לשלום, ואחדים מהם התחילו לנגב את עיניהם הדומעות מהתרגשות...

פגשנו שם הרבה צעירים וצעירות יהודיים־מוורשה ולודז — שהגיעו לרוסיה כקומוניסטים והתאכזבו מהמציאות. הם רעבו ללחם והיו לבושים בבגדים קרועים ובלויים. נתנו להם קצת כסף כדי לקנות מזון.

מעניין לציין שבפינות הרחובות באודיסה עמדו קבצנים והושיטו יד לנדבה, וילדי הפקר, לבושי קרעים התרוצצו ברחובות אודיסה. מורה־הדרך שלנו הסבירה שקבצנים אלה הם שיכורים, שאינם רוצים לעבוד... ואולם, ראינו שם גם דברים יפים, כמו בניין הפאר של פנימיית הימאים והאופרה.

מאודיסה הפלגנו באוניה ״ספנציה״, שהובילה יוונים שחיו באיזור סוחומסק והוחזרו ליוון.

בהגיענו לוורנה, בבולגריה, עברנו על אוניה רומנית ״בסרביה״. זאת היתה הפלגתה האחרונה בים השחור, לפני פרוץ מלחמת רוסיה-גרמניה.

לארץ־ישראל הגענו בסוף שנת 1940.

הרב **זאב גורדון**, טורונטו

פון איוועניעץ קיין שאַנכאַי

פרייטיק, 1.9.39. כ׳בין ארויס אין גאַס און דערזען דאָרט גרויסע פּלאַקאַטן, אָנגעקלעפּט אויף די ווענט פון די הייזער, און אויף זיי, מיט גרויסע קידוש־לבנה אותיות, דאָס וואָרט „מאָביליזאַציע״, און אַ באַפעל אַז אַלע מענער פון 20 ביז 50 יאָר, מוזן זיך גלייך צושטעלן אין די מיליטערישע פּונקטן, צו וועלכע זיי געהערן.

דעם זומער האָב איך פאַרבראַכט אין איוועניעץ. ערשט צוויי וואָכן אַז כ׳האָב זיך צוריקגעקערט אין דער מירער ישיבה, כדי פאַרזעצן מיין לערנען.

די ישיבה מיט אירע הונדערטער תלמידים, שטורמט. מען הערט זיך צו צום ראַדיאָ; דער דייטש אַטאַקירט פּוילן, און מאַרשירט פאָרווערטס מיט זיין שטאָלענער מאַכט און זייט חורבן און פאַרניכטיקונג.

איך, אַלס רעזערוויסט, האָב זיך געדאַרפט מעלדן אין דער שטאָט לידא, אין דעם 77 פּיעכאָטע פּאָלק. איך געזעגן זיך טעלעפאָניש מיטן פאָטער. איך

הער זיין פאַרשטיקטן, מיט טרערן אָנגעזאַפּטן קול, און זיין ברכה; קום געזונ־טער־הייט צוריק... איך געזעגן זיך מיט חברים, מיטן ראש הישיבה, מיטן משגיח, הרב יחזקאל לעווינשטיין שליט״א (וועלכער געפינט זיך איצט אין בני־ברק, אין פאניעוויעזשער ישיבה). זיין ברכה קלינגט מיר נאָך איצט אין די אויערן; — וועסט בעזרת השי״ת קומען געזונטערהייט...

*

מיין קבלת־פּנים אין לידא איז נישט געווען קיין פריילעכער; די דייטשע „לופטוואפע" האָט מיר מקדים געווען, און באָמבאַרדירט דעם דאָרטיקן אַעראָ־דראָם. ווהין דו האָסט זיך נישט געקערט, האָסט זיך אָנגעשטויסן אויף טויטע און פאַרוואונדעטע. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די אַרומיקע וועלדער. ענדלעך האָבן מיר געקראָגן אונדזערע מיליטערישע מונדירן און געווער, און שוין געווען גרייט גיין צום פראָנט, און מלחמה האַלטן מיט די דייטשן. אָבער אין לעצטן מאָמענט, און גאַנץ אומדערוואַרטעט, זענען אָנגעקומען די רוסן און גענומען אונדז אין געפאַנגענשאפט... נאָך אַ קורצער חקירה, האָבן זיי באַפרייט אַלע יידישע זעלנער, און געלאָזן אונדז צוריקקערן זיך צו אונדזערע היימען.

ס'איז איבעריק צו דערציילן די שמחה פון מיין משפחה ווען זיי האָבן מיר דערזעען. זיי האָבן נישט געוווסט שוין וואָס איבערצוטראַכטן, און נישט גע־גלויבט אַז איך לעב נאָך...

מיר האָבן גענומען זיך צופּאַסן צו דעם נייעם רעזשים און די נייע געזעצן. אמת, קיין גליקן האָבן מיר נישט געקענט דערוואַרטן, אָבער דאָך האָבן די רוסן אונדז געראַטעוועט פון די היטלעריסטישע רוצחים ימ״ש: קיינער האָט דאַן נישט געוווּסט אַז די ביטערע גזירה איז אָפּגעשטויסן געוואָרן בלויז אויף אַ קורצע צייט...

די צייט לויפט. ס'איז נישט די איוועניעץ וואָס ס'איז געווען, אַלץ האָט זיך דאָרט געענדערט. איך געפין פאַר זיך קיין פלאַץ אין שטעטל, און איך באַשליס צוריקקערן זיך קיין מיר, אין דער ישיבה. חברים רעדן מיר אָפּ פון דעם; אונטער דעם סאָוויעטישן רעזשים איז דאָך קיין פלאַץ פאַר ישיבות. אָבער עס ציט מיר צו דער ישיבה און צו מיינע חברים. מיר לערנען דאָרט מיט אַ זעלטענער התמדה, מען שלינגט די גמרא בלעטער, מען וויל אַריינ־כאַפּן כל־זמן מען קען און מען לאָזט... אַזוי זענען אַדורך עטלעכע חדשים ביז מיר האָבן געקראָגן אַן באַפעל זיך אויפצולעזן און פאַנאַנדערצופאָרן... יידן זענען דאָך אָבער עקשנים, און מיר באַשליסן פאַרלאָזן דעם קאָמוניסטישן גן־עדן.

ליטע איז שוין געווען דאַן אַ זעלבסשטענדיקע רעפובליק און דער רעזשים דאָרט איז געווען ליבעראַלער ווי אין רוסלאַנד. מיר באַשליסן איבערגיין דעם גרענעץ און טרעפן זיך אין ווילנה.

כ'בין צוריקגעפאָרן קיין איוועניעץ, געזעגנט זיך מיט מיין משפחה און פריינט, און אין אַ געוויסער נאַכט געגנבעט דעם רוסיש־ליטישן גרענעץ און אָנגעקומען בשלום קיין ווילנה. פון דאָרט זענען מיר אַלע איבערגעפאָרן קיין קאָוונע, ווו ס'האָבן זיך געפונען די קאָנסולן פון אַ סך פרייע לענדער. דאָרט האָבן מיר זיך פאַרזאָרגט מיט אויסלענדישע פּאַספּאָרטן, און אָנגעהויבן גיין פון איין קאָנסולאַט צום צווייטן און בעטן אַן איינטריטס־וויזע, אָבער אַלע האָבן אונדז העפליך אָפּגעזאָגט אין דעם. צום סוף האָט זיך מרחם געווען אויף אונדז דער קאָנסול פון קאַראַסאַאָ, אַ קאָלאָניע אין האָלענדישער אינדיע, און האָט אונדז געגעבן זיין וויזה. פאָרן קיין קאַראַסאַאָ דאַרף מען דורך יאַפּאַן, מיר האָבן געפונען חן ביים יאַפּאַנער קאָנסול, און באַקומען די טראַנזיט וויזע. איצט איז אָבער געבליבן דאָס וויכטיקסטע: די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד!

ס'האָט זיך געפונען צווישן אונדז אַ „נחשון" וועלכער האָט איינגעשטעלט זיין פרייהייט און זיין צוקונפט, און אָנגעגעבן אַ בקשה צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. מיט ציטערדיקע הערצער, און מיט אַ תפילה אויף די ליפּן, האָבן מיר מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן ענטפער. צו אונדזער אַלעמענס אנשטיינונג, איז אָנגעקומען אַ פּאָזיטיווער ענטפער. אויף דעם האָבן מיר געוואַרט, דאָס איז געווען אַ סימן פאַר אונדז, און מיר אַלע האָבן דערלאַנגט בקשות אויף אַרויספאָרן קיין קאַ־ראַסאַאָ. אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן האָבן אַלע ישיבה־בחורים באַקומען די דערלויבענישן. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט אַז דער קאָמיסאַר וועלכער האָט אַרויסגעגעבן די דערלויבענישן, איז געווען אַ ייד, און אַ דאַנק אים איז אונדז געלונגען פאַרלאָזן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. גיי ווייס און שאַץ אַ יידישע נשמה...

אונדזערע דאגות האָבן זיך אָבער נאָך נישט געענדיקט: וויזעס און אַן דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד איז נאָך נישט אַלץ; יעדער פּנים אונדז דאַרף אויך אַריינטראָגן 200 דאָלאַר הוצאות הדרך! די סאָוויעטן האָבן פיינט די קאַפּיטאַליסטן, אָבער ליבן די קאַפּיטאַליסטישע וואַלוטע...

אונדזערע דערלויבעניש איז ביז אַ געוויסער דאַטע, און די צייט לויפט. ווו נעמט מען די 200 דאָלאַר? די ישיבה'שע חריפותדיקע מוחות אַרבעטן, מען קניייטשט דעם שטערן, מען שטרענקט אָן דעם מוח און מען זוכט אַן אויסוועג. מיר שיקן אַ טעלעגראַם צום אַמעריקאַנישן וועד הצלה: ראַטעוועט, העלפט אונדז! מען טעלעגראַפירט צו אונדזערע אַמעריקאַנער קרובים. מיר שרייבן אויך צו אונדזערע עלטערן, וועלכע פאַרקויפן זייער ביסל האָב און גוטס, כדי ראַ־טעווען כאָטש איינעם פון זייערע קינדער, ווייל דער פאַרגעפיל פון דער אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע — לאָזט זיי נישט אָפּ.

דער וואָרעם פון ספקות האָט אונדז אַזוי געפּייניקט אַז מיר האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט וואָרעמע בגדים. ווייל אויב מיר וועלן נישט האָבן אויף הוצאות הדרך, וועלן מיר דאַרפן פאָרן אין אַ צווייטער ריכטונג: קיין סיביר...

ערשט ווען מיר זענען שוין געזעסן אין די וואַגאָנען און אין אונדזערע הענט — די בילעטן „וולאַדיוואָסטאָק—יאַפּאַן", ערשט דאַן האָבן מיר פריי אָפּגעאָטעמט.

מיר פאַרלאָזן קאָוונע, מיר פאָרן אַדורך מינסק, סמאָלענסק און זענען שוין אין מאָסקווע. (מיר פאָרן אַלס טוריסטן און צאָלן מיט דאָלאַרן) מיר שטייען איין אין די שענסטע האָטעלן, און וועגנווייזער פירן אונדז איבער מאָסקווע און ווייזן אונדז איר גרויסקייט און שיינקייט. 4 טעג האָבן מיר פאַרבראַכט אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט. מ'האָט אונדז באַהאַנדלט זייער פיין און באַזאָרגט אונדז מיט דעם שענסטן און בעסטן. אין זייערע אויגן זענען מיר געווען אָנגע־לייגטע אויסלענדערישע געסט. כ'האָב עס נישט געקענט פאַרשטיין, און נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט — אפשר שפּילן זיי זיך מיט אונדז ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז?... און געוואָלט וואָס שנעלער פאַרזעצן אונדזער וועג.

ענדלעך פאַרלאָזן מיר מאָסקווע, און פאָרן מיטן טראַנס־סיבירישן באַן קיין וולאַדיוואָסטאָק. 2 וואָכן זענען מיר געפאָרן, טאָג און נאַכט. דורכפאָרנדיק ביראָ־בידזשאַן, וועלכע האָט געדאַרפט זיין אַן יידישע אויטאָנאָמישע רעפּובליק, זענען מיר דערשיטערט געוואָרן פון די בילדער וועלכע אונדזערע אויגן האָבן דאָרט געזען: יידן אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע און אָפּגעריסענע, זענען נאָכגעלאָפן נאָכן באַן און אויסגעשטרעקט זייערע הענט נאָך אַ שטיקל ברויט! זיי האָבן נישט געוואָלט גלויבן אַז יידן פאָרן אַרויס פון רוסלאַנד... דער בלאָף פון ביראָ־בידזשאַן, וועלכע האָט געדאַרפט זיין אַן יידישער צענטער פאַר די רוסישע יידן, האָט זיך פאַר אונדז ענטפּלעקט אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט: דאָס איז אַ שטיק סיביר מיט אַ קליין ביסל דערשראָקענע, ציטערנדיקע יידן, וועלכע גלויבן נישט אין זייער עקזיסטענץ און אין זייער צוקונפט. מענטשן דערשלאָגענע, אַנטוישטע און פאַרביטערטע...

*

אין וולאַדיוואָסטאָק זענען מיר געזעסן אַ וואָך צייט, וואַרטנדיק אויף אַ שיף, וועלכע דאַרף אונדז ברענגען קיין יאַפּאַן. מיר זענען געווען אומגעדולדיק. מיר האָבן געוואָלט וואָס שנעלער פאַרלאָזן די גרענעצן פון רוסלאַנד און קומען צו אַ ברעג פון אַ פריי לאַנד.

ענדלעך איז געקומען די גליקלעכע שעה און מיר זענען אַרויף אויף דער שיף וועלכע האָט אונדז געדאַרפט פירן קיין יאַפּאַן. דאָס איז געווען אַ קליינע פּראַכט שיף. דער ים האָט זייער געשטורעמט, און דער שיפס קאַפּיטאַן האָט

אונדז געהייסן אָנטאָן רעטונגס גאַרטלען, אָבער מיר האָבן אַלעס אָנגענומען פאַר ליב.

4 טעג שפּעטער האָבן מיר געלאַנדעט אין זוניקן יאַפּאַן, אין אַ שטאָט מיטן נאָמען „צירוּגיאַ". די יאַפּאַנער האָבן זיך באַצויגן צו אונדז זייער העפלעך. אַן יידישער הילפס־קאָמיטעט, האָט אונדז איבערגעפירט אין דער גרויסער, מילי־אָנען שטאָט „קובע". און מיט זייער הילף אָנגעהויבן אַ נאָרמאַלן לעבנס שטייגער פון אַ ישיבה. גלייכצייטיק האָבן מיר אָנגעווענדעט אַלע אונדזערע מיטלען כדי איבערצופאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער אויסברוך פון דער וועלט מלחמה האָט צעשטערט אונדזערע פּלענער און האָפענונגען: אין אָנפאַנג האָבן די יאַפּאַנער אין אונדז געזען בלויז נישט פריינדלעכע אויסלענדער און איזאָלירט אונדז פון דער וועלט און איבערגעריסן אונדזערע פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד. שפּעטער, אונטער דער השפעה פון היטלערן, האָט מען אונדז איבערגעפירט קיין שאַנכאַי און דאָרט אונדז פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ וווּ ס'האָבן זיך געפונען קרוב פון 40 טויזנט יידן. די יאַפּאַנער האָבן זיך אויפגעפירט מיט אונדז לויט די אָנווייזונגען פון דייטשן קאָנסולאַט. 5 יאָר זענען מיר געזעסן אין שאַנכאַיער געטאָ. 5 גרויזאַמע, ביטערע יאָרן פון נויט, הונגער, שרעק און מחלות. אויך אין דעם שרעקלעכן גיהינום, האָבן מיר געפירט אַ ישיבה לעבן; געלערנט און מחדש געווען חידושי תורה. דאָס האָט אונדז געמונטערט אין געמאַכט פאַרגעסן דיליידן און צרות. מיר האָבן געשריבן בריוו צו אונדזערע פריינט און משפחות און געשיקט עס דורכן רויטן קרייץ. גלויבנדיק אַז זיי וועלן דערגרייכן צו אונדזערע היימען. ס'איז אונדז נישט איינגעפאַלן אַפילו אַז אייראָפּע, אָדער בעסער געזאָגט, די יידן פון מזרח אייראָפּע זענען פאַרניכטעט געוואָרן, דורך די יאַפּאַנישע שותפים, די נאַציס. מיר האָבן נישט געוואָלט גלייבן אַז אַלץ וואָס איז פאַרבליבן פון די יידן זענען בלויז אומצאָליקע ברידער־קברים און אַש אין די אויוונס פון די קרעמאַטאָריומס...

*

די אַטאָם באָמבע האָט געמאַכט אַ ענדע צו דער מלחמה און אויך צו דער הערשאַפט פון יאַפּאַן. מיר זענען ווידער פרייע מענטשן!

נאָך אונדזער באַפרייאונג האָבן מיר געפונען אויוונס, לויט דעם מוסטער פון אושוויץ און טרעבלינקע, וועלכע מ'האָט דאָ צוגעגרייט פאַר אונדז... אַ דאַנק דער אַטאָם־באָמבע, זענען די רוצחישע פּלענער צעשטערט געוואָרן, און מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן פון טויט!...

אונדזער שמחה איז אָבער אויסגעמישט געוואָרן מיט טרויער, צוליבן גורל פון אונדזערע משפחות און פריינט. אַלץ איז דאָרט אַוועק מיטן פייער; די

יידן, די בתי־מדרשים, די ישיבות. אַ חורבן וועלכן, לויט זיין פאַרנעם און גרויס, קען מען פאַרגלייכן מיטן חורבן בית־המקדש.

מיר ווילן וואָס גיכער, וואָס שנעלער, זיך אַרויסרייסן פון דעם מקום טומאה וואָס הייסט „שאַנכאַי". מיר אַלע ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל, זיין צווישן יידן, צווישן אייגענע מענטשן. זייענדיק אַזוי איינזאַם און עלנט, ווילט זיך צוטוליען זיך צו אַ פריינט, צו אַ נאָענטן מענטשן. אָבער די טויערן פון ארץ־ישראל זענען געשלאָסן אויף זיבן שלעסער... די קאַלטע ענגלענדער ווערן נישט גע־רירט פון די האַרצרייסנדע בקשות פון דער שארית הפליטה, וועלכע ווילן געפינען פאַר זיך אַ פּלאַץ און אױפבויען אויף דאָס ניי זייערע חרוב געוואָ־רענע היימען. די טויערן בלייבן געשלאָסן... אייניקע פון מיינע חברים, די מער געוואָגטע, פרוּוון אומלעגאַל דערגרייכן קיין ארץ־ישראל, ווערן געכאַפּט און פאַרשפאַרט אין די טורמעס.

*

ענדלעך האָט אונדזער ישיבה געקראָגן אַן דערלויבעניש צו קומען איז די פאַראייניקטע שטאַטן.

נאָך שווערע און שוידערלעכע יאָרן פון זיין נע ונד, יאָרן פון צרות און שרעק, טרעפנדיק זיך מיטן טויט פנים אל פנים, און ראַטעווענדיק זיך על פי נס — זענען מיר געקומען צו אַ זיכערן ברעג. און פאַרגלייכנדיק די פאַרגאַנ־גענע יאָרן מיט אונדזער איצטיקן לעבן אין דער פרייער אַמעריקע, ווו יידן געניסן פון אַלע פרייהייטן און קענען זיך אויסלעבן אומגעשטערט, סיי רעליגיעז און סיי נאַציאָנאַל, גיבן מיר אַ שבח והודאה צום בורא עולם.

מען זאָגט אַז אין אונדזערע טעג געשען נישט קיין ניסים, אָבער ווי אַנדערש קען מען באַטראַכטן אונדזער רעטונג און דאָס אָנקומען קיין אַמעריקע, אויב נישט ווי אַ גרויסן נס?!

אברהם באראנאָוויץ / חולון

דער קאַמף פאַרן לעבן

מיטן אויסברוך פון דער דייטש־רוסישער מלחמה האָב איך פאַרלאָזן איוווע־ניץ, און צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע פליטים, זיך געלאָזן קיין רוסלאַנד. ס'איז אוממעגלעך צו באַשרייבן די שוועריקייטן און שרעקלעכקייטן וועלכע מיר זענען אויסגעשטאַנען. די נאַציס האָבן באָמבאַרדירט אָן אויפהער אַלע וועגן, אומצאָליקע דערהרגעטע, דערוואָקסענע און קינדער, האָבן זיך געוואַלגערט

לענג־אויס די שאָסייען און באַן־ליניעס און ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל זיי מקבר זיין. אַלע זענען ווי פאַרסמטע, געלאָפן פאַראויס, באַהערשט פון שרעק און פאַניק...

נעבן סמאָלענסק האָבן דייטשע פאַראַשוטיסטן איבערגעשניטן די וועג קיין רוסלאַנד. כ׳האָב נישט געהאַט קיין ברירה נאָר צוריקקערן זיך קיין איוועניץ. נישט ווייט פון מינסק האָבן די נאַציס מיר געכאַפּט און פאַרשפּאַרט אין מינסקער געטאָ. מענטשן זענען דאָרט געפאַלן ווי פליגן פון הונגער און קרענק. אין אַ געוויסן טאָג איז מיר געלונגען אַנטלויפן פון דער אַרבעט און כ׳האָב באַשלאָסן צוריקקערן זיך קיין איוועניץ.

אין אַ פינצטערע נאַכט האָב איך זיך אַריינגעגנבעט צו מיר אין שטוב. די גאַנצע נאַכט האָב איך געגראָבן אין שטאַל אַ בונקער. כ׳האָב פאַרמאַסקירט אים גוט און אָפּגעלעבט אין אים אַ לאַנגע צייט. ווען מ׳האָט אַריבערגעפירט די יידן אין געטאָ, בין איך פאַרבליבן אין בונקער צוזאַמען מיט בנימין ריווע־מיכלעס.

אין אַ געוויסער נאַכט זענען מיר אַרויס כדי כאַפּן אַביסל פרישע לופט. פלוצלינג האָט זיך געעפנט די טויער פון שטאַל און דער פּאָליציאַנט ראַגאַלסקי, מיט אַ עלעקטרישן לעמפּל אין האַנט, האָט באַמערקט בנימינען, אָנגעכאַפּט אים, אַרויסגעשלעפּט אין הויף און גענומען אים מערדערלעך שלאָגן. בנימינס שרעקלעכע געשרייען קלינגען מיר נאָך ביז היינט אין מיינע אויערן. באַלד האָט זיך דערהערט אַ שאָס, און בנימינס געשרייען האָבן זיך איינגעשטילט. פון שרעק און ערשיטערונג בין איך געשטאַנען ווי געלוימט. ווען די פּאָליציאַנטן זענען אַוועק, בין איך אַרונטער אין בונקער. ס׳האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און די פּאָליציאַנטן האָבן זיך צוריקגעקערט און גענומען נישטערן אין שטאַל.

אין בונקער איז געווען אַ צווייטער אַרויסגאַנג, צו יוסף פרידלאַנדס גאָרטן. מורא האָבנדיק אַז די פּאָליציאַנטן וועלן געפינען מיין באַהעלטעניש, בין איך אַרויסגעלאָפן פון בונקער, אַדורכגעלאָפן פרידלאַנדס גאָרטן און אַריבערגע־קראָכן לעוויטאַנס הויכן פּאַרקן. די פּאָליציאַנטן האָבן אָבער מיר באַמערקט און גענומען נאָכיאָגן. כ׳בין אַריינגעלאָפן אין אַ שטאַל און פאַרשטעקט זיך אונטערן דאַך, הינטער אַ ברעט. אַ קורצע צייט שפּעטער זענען די מערדער אַריין אין שטאַל אָבער זיי האָבן מיר נישט באַמערקט און זענען אַוועק. דער שטאַל האָט זיך געפונען אין שטח פון געטאָ, אָבער איך האָב עס נישט געוווסט און געלעגן אַ לאַנגע צייט פאַרבאַהאַלטן. אַרום מיטאָג צייט האָב איך דער־הערט טריט, צו מיין שמחה איז אין שטאַל אַריין פריידקע דעם שמידס. כ׳האָב איר אָנגערופן ביים נאָמען, אַ דערשראָקענע האָט זי געפרעגט, — ווער איז דאָס? — זי האָט מיר דערקענט און פאַרשפּראָכן פאַרבינדן זיך מיט מיין משפּחה.

פאַרנאַכט איז געקומען מיין שוואָגער איטשע, און אַוועקגעפירט מיר צו ראַלניקי אין סכראַן.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט מען מיין משפּחה אַוועקגעטריבן קיין דוואָרעץ און איך בין פאַרבליבן מיט די קינדער אין איוועניץ. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און מ'האָט צונויפגעזאַמלט אַלע אַרבעטס־פייאיקע יידן, און איך בתוכם, און אַוועקגעשיקט קיין נאַוואָגרודעק. דאָרט איז ממש געווען אַ גיהינום.

אין אַ געוויסן טאָג איז מיר געלונגען אַוועקגנבענען זיך פון מיין אַרבעטס־גרופּע. כ'האָב אַרונטערגענומען די געלע לאַטע און געלאָזט זיך גיין אין מיטן טאָג, קיין דוואָרעץ. כ'האָב געהאַט מזל און קיינער האָט מיר נישט אָפּגעהאַלטן און כ'בין בשלום אָנגעקומען קיין דוואָרעץ. דאָרט האָבן מיר געשאַפן אַ גרופּע און באַשלאָסן גיין צו די פּאַרטיזאַנער. כדי באַקענען זיך מיט דעם אומגעגנט האָב איך זיך אָנגעשלאָסן צו אַ אַרבעטס־גרופּע און אַרויס אויף אַרבעט.

אין זעלבן טאָג האָבן די ס.ס. מערדער אַרומגערינגלט דעם לאַגער און מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דער סוף איז געקומען...

אונדזער גרופּע האָט זיך געלאָזט לויפן צום דערבייאיקן וועלדל. פון דאָרט האָב איך געזען ווי מען פירט די יידן אין אויטאָס צו די גריבער און געהערט דאָס שיסן...

ביינאַכט בין איך אַריבערגעלאָפן די באַן־ליניע און געלאָזט זיך אין ריכטונג פון נאַליבאָק. צו מיין גליק האָב איך אָנגעטראָפן אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער וועלכע האָבן מיר אָנגענומען אין זייער שורות. מיט זיי האָב איך געקעמפט קעגן די היטלעריסטישע באַנדעס ביז די רויטע אַרמיי האָט אונדז באַפרייט.

המחנה הגדול

מתוך ספר „הפרטיזנים היהודים" כרך א'. בהוצאת ספרית הפועלים. הופיע בישראל, 1958.

ביילורוסיה המרכזית — אזור עיירות קטנות, אשר אינן סמוכות לעיר מרכזית, עיר ואם בישראל. כל עיירה עצמאית היא במידת־מה, לא עיר, אך אם ליהדות, להתעוררות לאומית ולתסיסה סוציאלית, שפרצו בעם בשמונים השנים האחרונות.

יהדות תורנית ומרכזים לה: מיר, וולוז'ין, קלצק, ונובוגרודוק־מזה, ויהדות "עמי־הארץ", "ישובניקים", בעלי־עגלות, מגדלי־יערות, סוחרים והנוותים — מזה. אזור צפוף של בתי־ספר עבריים, שנוסדו אחרי מלחמת העולם הראשונה והיוו חממה ללשון העברית, לפעולה ציונית ולניצני החלוציות בתנועות הנוער־

השומר־הצעיר והחלוץ, שחדרו לכל עיירה, הקסימו נוער וילדים וריתקום בעבותות אהבה לחזון הגאולה.

אולם יישובים אלה מחמת היותם רחוקים ממרכז אחד, זורעים עליהם נגוהות רחוקים של המרכזים הגדולים בצפון-וילנה ומינסק.

ממרחקים הגיעו אליהם הדי המאבקים הרעיוניים הגדולים, שהתחוללו בסוף המאה הקודמת ועל ספה של מאה זו, בהנץ שחר התנועה הלאומית, הציונות הסוציאליסטית וה„בונד". הוגי האינטליגנציה בעיירות נשאו בלבם עשרות שנים את הדי המאבקים הגדולים ההם והנחילום לבאים אחריהם.

הביית היהודי רווה חיים יהודיים, לשון יידיש עסיסית, התעוררות לאומית ואידיאלים סוציאליים. היהודים שמרו על עצמם לבלי התבולל. עם כח החיות הרב האצור ביהודי אזור זה, לא התמודדה שום רוח מבחוץ. יהדות זו לא סונוורה מאורות תרבותה של רוסיה ולא נתפסה לתרבות פולין, ובוודאי לא נמשכה אחר השפה הביילורוסית ותרבותה, שהיתה דלה וירודה לאין־שיעור מזו של היהודים. עליונות זו שיוותה למראית־עין, יציבות־יתר, בטחת־יתר לגבי אזורים אחרים, אך מניעיה הסוציאליים והרוחניים העמוקים של האנטישמיות פעלו כאן באותה חוקיות אכזרית כביתר המקומות.

בעיירות אלו ישבו יהודים מאות בשנים נושאים ונותנים, קונים ומוכרים, עובדים ומשרתים את איכרי הסביבה: נפחים, בורסקאים, בעלי משרפות פחם, רצענים, חלבנים, נגרים, סנדלרים וחנוונים שפרנסתם מ"ימות השוק". עיירות אלו מנו רוב־רובן כמה מאות משפחות יהודיות, שהתגוררו ברחובות מספר שנמשכו מארבעת הקצוות אל הריבוע — מרכז השוק של החנויות היהודיות.

בלילות חורף ארוכים ובימי קייץ לוהטים לא חדל בהן "לעשן בסתר נרגו הישן". בחדרים, בבתי־מדרש ובישיבות, המה קול תורה. ובשלהי הקיץ היה מגיע לעיירות הד השירה של קוצרים וקוצרות ממרחבי השדות הסמוכים. עגלות עמוסות תבואה היו עוברות ברחובות ומביאות העמרים. החנוונים היהודים היו מפסיקים אז את שיחותיהם, מריחים את ריח השדה ומהרהרים. ואולי אז התגנבה בלב איזו נעימה, שיש בה מן הנוגה ומן התקווה כאחד: כמיהה לשדות רחוקים, שהציצו מגלויות הקק"ל שהיו תלויות בפינה ליד מנורות השבת.

במגררות ובעגלות מכורבלים באדרות־פרווה כפריות, היו יוצאים בעלי־העגלות, סוחרי העצים, סוחרי הסוסים והבהמות ומודדי־העצים ל„בין הגויים", לימות השבוע בשדות ויערות. ועם יום השישי ממהרים לשוב לבית היהודי ולסביבה של"בין יהודים". לפני תקופת השואה נשארו באזורי רוסיה הלבנה "ישובניקים" יהודים, וביניהם חוכרי אכסניות לעוברי־דרך, חוכרי שדות וטחנות קמח ועוסקים במחלבות ובמלאכת הגבינות, עמד להם כוח ההסתגלות הנדיר, שגם בתוך־תוכה של איבת יהודים מושרשת באוכלוסיה, רחשו להם כבוד. היו

אלה משפחות ענפות עם בנים ובנות חסונים, החיים את ימות החול, את חיי הכפר הביילורוסי, אך בסתר לבם מלאי געגועים עזים לסביבה יהודית, למסורת, לחג ולכל מה שטבוע בו חותם יהודי. ועם כל הזרות, הבדידות והנכר של משפחה יהודית בכפר „גויי" זה, היו הבנים קשורים לסביבה ולנוף, מכירים את דרכיה ושביליה של סביבתם, קרובים לטבע ונחנים בחושים בריאים. בערבים ובלילות היו מתאספים בני נוער אלה בקנים ובסניפי תנועות חלוציות ורוקמים לאור המדורות את חלום הגאולה. למרבית היהודים האלה לא היה זר ריח השדה. היער היה קרוב לעיירה ויהודים רבים הכירוהו. עיירות יהודיות אלו, שבר בן ישבו עשרות משפחות יהודים, עמדו בסערות המהפכות ובסופות של הפרעות. רוחות העתים לא עקרו אותן. נדמה היה, כי הן חלק בלתי־נפ־ד מהנוף הביילורוסי על מרחבי שדותיו ואפלולית יערותיו העבותים.

לאזור זה פלשו הנאצים בשבוע הראשון לפרוץ המלחמה. לא הספיקו יהודים להימלט למרחביה של ברית־המועצות. עד סוף שנת 1941 הושמדה מרביתם של היהודים בעיירות. באביב ובקיץ 1942, כשרק התחילו להתארגן גרעיני המאבק של הפרטיזנים, עלתה יד הכורת גם על שרידי הגיטאות. רק בשני מחנות נשארו יהודים עד סתיו 1943.

גרעיני האירגונים הלוחמים בגיטאות הרבים שקמו באזור זה, היוו את הכח הלוחם ביערות. אירגוני המחתרת בנובוגרודק, לידה, איביה, דבורץ, קולדיצבה, מיר, נליבוקי, רובז'ביץ, איבניץ, סוורז'נה ועוד, מהווים ריקמה ענפה שהולידה את הלחימה ביערות אזור זה. תאי מחתרת של עיירות סמוכות חברו יחד עם צאתם ליער, והיוו לעתים יחידה יהודית עצמאית או ריכוז לוחם יהודי, בתוך יחידה מעורבת. המחנה היהודי הגדול ששמר על עצמאותו התרכז בנאליבוקי.

אברהם בן־אשר (אשערס), תל־אביב

דער יסורים וועג

ראש־השנה 1939. די סאָוויעטן זענען אַריין אין ווייסרוסלאַנד נאָכן פאַרטיילן פוילן צווישן זיך און די היטלעריסטן.

די פוילישע גרענעץ וואַך, וועלכע האָט זיך געפונען אין איוועניעץ, איז אַנטלאָפן און איבערגעלאָזן אין זייערע קאַשאַרן, אַ סך געווער.

ס'איז געווען אַ געפאַר, דאָס די קריסטן פון די אַרומיקע דערפער, וועלן אויסניצן די געלעגנהייט, און וועלן באַפאַלן די איוועניעצער יידן. כדי אויסהיטן זיך פון אַ פּאָגראָם, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ יידישע זעלבסט־שוץ; וועלכע האָט געציילט 30 מאַן, זיי זענען אַוועק אין די קאַשאַרן און באַוואָפנט זיך מיט די

ביקסן און האַנט גראַנאַטן, וועלכע זיי האָבן דאָרט געפונען. און אַזוי, מיט געווער אין האַנט, זענען זיי געשטאַנען אין די עקן פון די גאַסן, און נישט געלאָזט די דאָרפישע קריסטן אַריינפאָרן אין שטעטל.

אויפן דריטן טאָג זענען אָנגעקומען די סאָוויעטן. זייערע זעלנער האָבן גלייך פאַרנומען די קאַשאַרן, און די 30 בחורים, זענען אָפיציעל נאָמינירט געוואָרן אַלס מיליציע.

דעם נאָענטסטן מיטוואָך, דעם מאַרק־טאָג, האָט דער מיליציע קאָמאַנדיר אונדז באַפוילן אַרעסטירן די יעניקע וועלכע וועלן האַנדלען מיט „סאַמאַהאָנקע״.

דער מיליציאָנער, אברהם ראַלניק, האָט געכאַפּט אַ קריסט פאַרקויפנדיק בראָנפן, און געוואָלט אים אַפּפירן אין דער מיליציע, דער פויער האָט זיך אָבער נישט געלאָזן, און ס׳האָט אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ קאַמף. באַלד זענען צוגעשטאַנען צו אים נאָך פויערן, און גענומען שרייען „ביי זשידאָוו — ספּאַסאַי ראַסיו״ (שלאָג די יידן און ראַטעווע רוסלאַנד) און געלאָזט זיך רויבן יידישע הייזער.

דער מיליציע קאָמאַנדיר האָט טעלעפאָנירט אין די קאַשאַרן נאָך הילף, און באַלד זענען אָנגעקומען זעלנער און אַרעסטירט 14 קריסטן. (אַ סך פויערן האָבן איבערגעלאָזט פערד און וואָגן, און זענען אַנטלאָפן). די אַרעסטירטע זענען אָפּגעפירט געוואָרן קיין וואָלאָזשין, און דאָרט זיי פאַרמשפט צו 5 יאָר תפיסה. צווישן די פאַרמשפטע איז געווען אַ פויער פון דאָרף צעסנאָוואַי, מיטן נאָמען — מאַזעניק. אין משפט האָב איך עדות געזאָגט קעגן אים, און ער האָט זיך דאַן פאַרשוווירן נוקם זיין זיך אין מיר, נאָך זיין באַפרייאונג.

מיטן אָנקומען פון די דייטשן, זענען אַלע אַרעסטירטע גלייך באַפרייט געוואָרן, און צווישן זיי, אויך מאַזעניק.

די דייטשן קומען

דעם 23.6.1941, צומאָרגנס נאָכן אויסברוך פון קריג, האָבן די נאַציס באָמבאַרדירט איוועניעץ, די באָמבעס האָבן געטראָפן אין ראַקאָווער גאַס (מוכאָוויץ) און געהרגעט 2 יידן; אברהם־בער מאַלציק און יאשקע בערמאַנס אַ טאָכטער. די רוסן האָבן דאַן אַרונטערגעשאָסן אַ נאַצישן אַעראָפּלאַן, און געפאַנגען דעם פליער, וועלכער איז געווען פאַרוואונדעט, און אַריינגעגעבן אים אין שפּיטאָל. עטלעכע טעג שפּעטער, ווען די לאַגע האָט זיך פאַרערגערט, און די רוסן האָבן געמוזט אָפּטרעטן, האָבן זיי דעם געפאַנגענעם פליער — דערשאָסן.

פרייטיק, דעם 27.6.1941, זענען קיין איוועניעץ אָנגעקומען די דייטשן, און אונדזערע „גוטע שכנים״ די אָרטיקע קריסטן, האָבן דערציילט די דייטשן, אַז

די יידן האָבן דערמאָרדעט דעם געפאַנגענעם פליער, און דאָס האָט געגעבן דעם שטויס צו מאָרדן יידן...

מיין „פריינט" מאזעניק

שבת אין דער פרי, צומאָרגנס נאָכן אָנקומען פון די דייטשן, בין איך אַרויס אין גאַס און כ'זע אַ גרופּע קריסטן ,מיט מאזעניקן בראש, מיט אַ ביקס אין האַנט, מאַרשירן אין מיין ריכטונג. כ'בין אַריינגעשפּרונגען אין שטוב און אַ געשריי געטאָן צו מיין ווייב; שנעל, נעם די קינדער און אַנטלויף דורך דער הינטער טיר כ'בין געבליבן אַליין אין שטוב, און געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויפן רוצח.



אברהם אשר דן'ס מיט זיין פרוי און 2 קינדער וועלכע זענען אומגעקומען

דורכן פענצטער זע איך ווי ער באַפעלט זיינע באַגלייטער בלייבן אין דרויסן, און איז אַליין אַריין אין שטוב. מיט אַ געצווונגענעם שמייכל האָב איך אויסגעשטרעקט צו אים מיין האַנט. ער האָט אַרויסגערעדט בלויז איין וואָרט — זשיד! און דערלאַנגט מיר 2 פייערדיקע פעטש. כ'האָב זיך אָבער נישט פאַרלוירן, און זאָג צו אים: „כ'ווייס וואָס דו טראַכטסט, אָבער ס'איז קיין גבורה צו הרגנען מיר ווען מיין לעבן איז הפקר, און די דייטשן שטייען הינטער דיר. טראַכט נאָך איין מאָל איידער דו שיסט מיר, ווייל די צייטן קענען זיך ווידער בייטן... כ'גיב דיר אַלעס וואָס ס'איז דאָ אין שטוב, נעם עס און באַנוגן זיך מיט דעם".

ער האָט זיך אויף אַ ווייל פאַרטראַכט און געזאָגט, גוט! אָבער גיי און ברענג

מיר אַ ליטער בראַנפן״. דאַן האָט ער מיר באַגלייט צום טיר, און אָנגעזאָגט זיינע מענטשן מ׳זאָל מיר נישט טשעפען און אַדורכלאָזן.

ווען מיין ווייב און די שכנים האָבן מיר דערזען אַ לעבעדיקן, איז זייער שמחה געווען גרויס. די שכנים האָבן מיר געשאַפן אַ ליטר בראַנפן, און כ׳בין מיט דעם אַוועק אויף קוידענאַווער גאַס, צו גדליה האַדעס, ווו מאַזעניק מיט 2 פון זיינע נאָכפאָלגער, האָבן אויף מיר געוואַרט .ער האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז און געהייסן מיר טרינקען, געטאָן האָט ער עס נישט פון פריינדשאַפט, נאָר כדי צו זיין זיכער דאָס כ׳אָב די בראַנפן נישט פאַרסמט. אויסטרינקענדיק די פלאַש בראַנפן, האָט ער מיר באַרוהיקט — „כ׳וועל דיר נישט טאָן קיין שלעכטס, גיי אַהיים און זיי רוהיק״...

קומענדיק אַהיים האָב איך גלייך גענומען גראָבן אַ בונקער אונטערן שטאָל. דער אַריינגאַנג אין בונקער איז געווען דורך דער פאַדמוראַוואַניע, און פאַר־שטעלט מיט אַ גרויסן שטיין.

שבת פאַרנאַכט האָבן די דייטשן צונויפגעזאַמלט אויפן מאַרק, אַלע יידישע מענער, אויסגעשטעלט זיי אין רייען, אַ דייטשער אָפיציר האָט אָפּגעקליבן 32 יידן און דערקלערט דאָס זיי וועלן דערשאָסן ווערן, ווייל מיר יידן האָבן דער־מאָרדעט אַ פאַרוווּנדעטן דייטשן פליער.

די 32 יידן זענען אָפּגעפירט געוואָרן הינטער די קאַשאַרן, און דאָרט דער־שאָסן געוואָרן.

כדי צו באַערדיקן זיי, האָבן די נאַציס געשיקט נאָך 50 יידן, די איבער־געבליבענע, האָט מען פאַרשפאַרט אין די קראָמען, אויפן מאַרק.

צווישן די יידן וועלכע זענען געשיקט געוואָרן צו באַערדיקן די דערמאָר־דעטע, איז אויך געווען פסח שקלוט, דער טאַטע פון זיינע 3 דערשאָסענע זין...

פון די 32 צום טויט פאַרמשפטע יידן, זענען 2 על פי נס געבליבן לעבן, אָבער איינער פון זיי, אַ באַקשטער ייד, האָט געקראָגן אַ שאָק, און גענומען שרייען, איז צו אים צוגעגאַנגען אַ דייטש און אים דערשאָסן. דער צווייטער, אַ מירער ייד, אַ מנקה, איז געלעגן שטיל, און געשעפטשעט: „יידן כ׳לעב״. מ׳האָט אים געגעבן אַ רידל אין האַנט, און ער האָט זיך אויסגעמישט מיט די אַנדערע.

ערשט זונטיק פרי, האָבן די רוצחים באַפרייט די יידן, וועלכע מ׳האָט פאַר־שפאַרט אין ד קלייטן, און דאַן ערשט האָט מען געזען ווער עס פעלט...

אַ דעלעגאַצע איז דאַן אַוועק צום דייטשן קאָמענדאַנט און געקראָגן אַ דער־לויבעניש איבערצופירן די דערמאָרדעטע אויפן יידישן בית־עולם. מ׳האָט זיי אַרויסגענומען פון דער גרוב און מקבר געווען זיי אין אַ ברידער קבר, אויפן איוועצער בית־קברות.

ס'זענען ווידער אַדורך עטלעכע וואָכן. די אַרטיקע קריסטן, וועלנדיק זיך נוקם זיין אין באַקאַנטע יידן, האָבן געמאַכט אַ רשימה פון כלומרשטע קאָמו־ניסטן און דערלאַנגט עס די דייטשן, לויט זייער באַפעל, האָט די אַרטיקע פּאָליציי, געכאַפּט 14 יידן, וועלכע זענען דערשינען אין דער רשימה, צווישן זיי איז אויך געווען אַ גר (אַ געוועזענער סערזשאַנט פון דער פּוילישער גרע־נעץ וואַך) וועמען די קריסטן האָבן נישט געקאָנט שענקען, פאַר זיין איבערגייז צום יידנטום. אויך מיר איז מען געקומען נעמען, אָבער כ'בין געלעגן אין בונקער. זיי האָבן געשלאָגן מיין ווייב, זי זאָל זאָגן ווו כ'בין, אָבער זי האָט געטענהט אַז זי ווייס נישט.

די 14 יידן האָט מען אַרויסגעפירט, דורך סטויפּצער גאַס, הינטערן שטאָט, און דאָרט זיי פאַרפייניקט צום טויט; מ'האָט זיי געשמיסן מיט שטעכעדיקע דראָט ביזן טויט.

צווישן די אומגעקומענע זענען געווען: מאַטקע שיף, חיים שיף, איטשע קיוואוויץ, ראובֿן און לייבע שקליאַר, פּייווע קוזניעץ, זאוול דער מעשיצער מיט דער טאָכטער, שמואל לאוויט און אברהם וואזניאק — דער ג״, יעקב קיוואוויץ, בערל ליפשיץ און הושע ליפשיץ.

נאָכן דערמאָרדן זיי, האָט מען ווידער געכאַפּט יידן, און געשיקט באַערדיקן די קדושים.

טאָג טעגלעך פלעגט מען אונדז טרייבן צו פאַרשידענע, שווערע אַרבעט, און מאַרשירנדיק איבער די איוועניצער גאַסן, געצוווּנגען אונדז זינגען, און אַזוי פלעגן די היטלעריסטן אונדז פאָטאָגראַפירן, כדי שפּעטער זיך אויסבאַרימען מיט זייערע העלדישע טאַטן...

אין אַ געוויסן נאָך־מיטאָג, אַרבעטנדיק אין דאָרף פּרויזעלע, 10 ק״מ פון איוועניעץ, האָב איך דערזען פון ווייטן מיין 9 יאָריקן יינגעלע, בערעלען, ווי ער לויפט איבערן פעלד, און גיט מיר סימנים. כ'האָב זיך אָפּגעגנבעט פון מיין פּאַרטיע, און אַריינגעשפּרונגען אין דעם דערבייאיקן פעלד פון קאָרן, דאָרט האָט מיין זון שוין געוואַרט אויף מיר. ער האָט מיר דערציילט דאָס פּאָליציאַנטן זיצן ביי אונדז אין שטוב, און וואַרטן ביז כ'וועל זיך צוריקקערן פון דער אַרבעט, כדי אַרעסטירן מיר. דערהערנדיק עס, האָבן מיר זיך געלאָזן לויפן, דורך די פעלדער, קיין איוועניעץ, און דאָרט האָב איך זיך אַריינגעגנבעט צו די וורובלעווסקינער אין שטוב. שפּעט אין דער נאַכט, האָט מיין ווייב מיר אָנגע־זאָגט אַז די פּאָליציאַנטן זענען אַוועק, און כ'האָב זיך ווידער פאַרבאַהאַלטן אין בונקער.

ווידער זענען אַדורך עטלעכע טעג, און פּלוצלינג זענען אָנגעקומען אין שטעטל ס. ס.־לייט, און באַפוילן מ'זאָל זיי ברענגען יידן... און ווידער איז די

פּאָליציי געקומען מיר נעמען. דערזעענדיק זיי, בין איך אַרויסגעשפּרונגען דורך דער קיך פענצטער, אין גאָרטן, און פון דאָרטן — אין חזיר שטאַל פון מיין קריסטישער שכנטע. אָבער מיין „גוטע שכנה" האָט מיר באַמערקט, זי איז אַרויסגעלאָפן פון איר שטוב, און גענומען שרייען כ'זאָל אַרויס פון שטאַל, אויב נישט וועט זי רופן די דייטשן. צו מיין מזל, איז די פּאָליציי שוין געווען אַוועק, און כ'בין אַרויס פון חזיר שטאַל און אַריין צו זיך אין בונקער. די מערדער האָבן דאַן געכאַפּט איבער 50 יידן, אַוועקגעפירט זיי צום דאָרף קאָר־דוני, און דאָרט זיי דערשאָסן.

5 ק"מ פון איוועניעץ געפינט זיך דער דאָרף סיוויצע, דאָרט האָט געלעבט דער סמאָליאַרניק בנימין לימאַן, מיט זיין משפּחה. אין אַ געוויסן טאָג זענען געקומען צו אים 2 ס. ס.־לייט, אויף מאָטאָרציקלען, אַרויסגעפירט אים פון שטוב, צעשלאָגן און צעבלוטיקט אים, און דאַן געצוווּנגען אים, אַ באָרוועסן, לויפן פאָרויס. אָנקומענדיק קיין איוועניעץ, האָבן זיי אים דערשאָסן, נעבן די קאַשאַרן.

דעם 10.11.1941, פּאַרנאַכט, האָבן די דייטשן באַפוילן אַלע יידן, פון קליין ביז גרויס, צונויפזאַמלען זיך אין פערלויף פון 15 מינוט, אויפן מאַרק־פּלאַץ. צווישן די צונויפגעזאַמלטע יידן איז אויך געווען יענטע (די משוגענע) פון הקדש. די מערדער האָבן איר באַפוילן צו טאַנצן און איר פאָטאָגראַפירט טאַנצנדיק, און אונדזערע קריסטישע שכנים, זענען געשטאַנען אַרום אונדז און געשעפּט נחת.

נאָכן טאַנצן, האָבן די דייטשן באַפוילן דאָס אין פּאַרלויף פון 15 מינוטן זאָלן אַלע יידן זיך געפינען אין נאָר וואָס געשאַפענעם געטאָ. ווער ס'וועט זיך געפינען דאַן אויסערן געטאָ, וועט דערשאָסן ווערן.

דער געטאָ איז געווען אין שולהויף און מיל גאַס, אַרומגערינגלט מיט שטעכעדיקע דראָטן. מיר האָבן זיך געלאָזן לויפן אין געטאָ, ווי מען גייט און שטייט, זעלטן, ווען ס'איז געלונגען וואָס מיטנעמען. ס'זענען דאַן דערשאָסן געוואָרן: בנימין ריבה־מיכלעס, דוואָשע ניסנס, משה דעם שמש פרוי און דער מירער מנקר, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פון דער ערשטער שחיטה.

אויסער דער שרעקלעכער איינגעשפּאַרט וועלכע האָט געהערשט אין געטאָ, האָבן מיר געליטן אויך פון הונגער.

איינמאָל, ווען כ'האָב געאַרבעט אין דעם הויף „מאשקאלעוושטשינע", האָט דער גוט־באַזיצער מיר געגעבן אַ שטיקל ברויט, כ'האָב דאָס אַריינגעלייגט אין טאַש, כדי עס ברענגען פאַר די קינדער, אָבער ביים אַריינגאַנג אין געטאָ האָט די פּאָליציי עס געפונען ביי מיר. זיי האָבן מיר אָפּגעפירט אין דער פּאָליציי און דאָרט מיר געשלאָגן ביז כ'האָב געחלשט. ווען כ'בין צוזיך געקומען, האָבן זיי מיר דערלויבט צוריקגיין אין געטאָ, כ'בין געווען פאַרבלוטיקט, און מיין

גאַנצער גוף — געשוואָלן, דאָך האָב איך אויף צומאָרגנס געמוזט אַרויס צו דער אַרבעט.

אין מאַי 1942 האָט מען אַוועקגעשיקט פון געטאָ קיין דוואָרעץ, אַ גרופּע פון 50 יידן. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט מען אַוועקגעשיקט אַ צווייטע גרופּע פון 100 יידן. אַ טייל הייזער אין געטאָ זענען דעריבער געבליבן ליידיק, די מערדער האָבן דאַן פאַרקלענערט דעם שטח פון געטאָ, און אונדז, די איבער־געבליבענע, איבערגעפירט אין שול גאַס. מיינע ברידער און שוועסטער זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין דוואָרעץ, זייערע 21 קליינע קינדער, זענען עגבליבן מיט מיר אין געטאָ, צוזאַמען מיט מיינע 5 קינדערלעך.

דעם 1.6.1942 האָבן די היטלעריסטן צונויפגעזאַמלט אויפן מאַרק־פּלאַץ אַלע אַרבעטס פעאיקע מענער און פרויען און אַוועקגעפירט זיי אין די קאַשאַרן, און אויף צו מאָרגנס אַוועקגעפירט זיי קיין נאָוואָגרודעק. אין געטאָ זענען איבער־געבליבן בלויז, די קליינע קינדער און די אַלטע און קראַנקע מענטשן. מיר האָבן אַלע געוווּסט וואָס דאָס באַדייט. דאָס געזעגענען זיך מיט די קינדער איז אוממעגלעך צו באַשרייבן, און דער ווייטיק פון אונדזער צושיידונג, איז ביי מיר פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. מיין פרוי איז דאַן געווען אין 9־טן חודש, איז געבליבן אין געטאָ, און אומגעקומען מיט די איבעריקע יידן פון געטאָ.

דער וועג קיין נאָוואָגרודעק איז געווען פול מיט יסורים, אָבער אויך אין נאָוואָגרודקער געטאָ איז נישט געווען בעסער, דאָרט איז געווען אַ גיהינום אויף דער ערד.

אַ קורצע צייט נאָך אונדזער אָנקומען אין געטאָ, האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן מאָרד פון אונדזערע קינדער און די אַלע איבערגעבליבענע, פון איוועג־צער געטאָ.

מאלציקס 2 קינדער, אַ 10 און אַ 8יאָריקער יינגעלע, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן 2 וואָכן אין אַ בונקער. ביינאַכט פלעגן זיי אַרויס אין די גערטנער און זוכן וואָס צום עסן, ביז אַ איווענצער קריסט — פּראָקאָפּ. האָט זיי אַרויסגעגעבן צו די דייטשן, און מ׳האָט זיי דערשאָסן.

אַזוי אַרום בין איך פאַרבליבן דער איינציקער פון אַ גרויסער און פאַר־צוויגטער משפּחה. כ׳האָב באַשלאָסן נקמה נעמען פון די רוצחים און גיין צו די פּאַרטיזאַנער. כ׳האָב וועגן דעם גערעדט מיט אַ סך יידן אין געטאָ, אָבער זיי האָבן קיין מוט געהאַט, און פאַרלוירן דעם גלויבן אין בעסערס. בלויז מיין שוועסטער סאָניע מיט איר מאַן אַברהמצע סיראָטקין, און שמעון שוואַרץ מיט זיינע 2 יינגלעך, זענען צוגעשטאַנען צו מיר. פון געטאָ איז אוממעגלעך געווען צו אַנטלויפן. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן אַנטלויפן פון דער אַרבעט. מיר האָבן באַשטימט דעם טאָג פון אונדזער אַנטלויפן, און דעם פּלאַץ אין דערביי־

איקן וואַלד, ווו מיר וועלן זיך טרעפן. אונדז איז געלונגען אַפּגנבענען זיך, אומבאַמערקט, פון אונדזער גרופּע, און אַריינגעלאָפן אין וואַלד. פֿון דאָרט זענען מיר אַריין אין אַ קאָרן פעלד, און געלעגן דאָרט ביז פינצטער. דערווייל האָבן די דייטשן דערפילט דאָס מיר פעלן, און ביז פינצטער, האָבן זיי געניששטערט אין וואַלד, אָבער צו אונדזער מזל — נישט אין די קאָרן...

ווען ס'איז געוואָרן גוט פינצטער, זענען מיר אַוועק אין דער ריכטונג פון נאליבאקער פּושצע. מיר זענען געגאַנגען די גאַנצע נאַכט, און אַדורכגעגאַנגען אַ 50 ק"מ. מיר האָבן זיך אַזוי אַרומגעבלאָנקעט 3 טעג. אונדזער איינציקער עסן איז געווען די יאַגאָדעס וועלכע האָבן געוואקסן אין וואַלד. מיין שוועסטער מיט איר מאַן האָבן באַשלאָסן גיין קיין פּאָלדאראַזשע, צו אַ באַקאַנטן קריסט, און אויסבאַהאַלטן זיך ביי אים אַ ביסל צייט.

מער האָב איך זיי שוין נישט געזען: ווי כ'אָב זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט זיי דער קריסט פיין אויפגענומען. אָבער זיינער אַ שכן, האָט אים פאַר־מסרט פאַר די דייטשן, דאָס ער באַהאַלט אויס יידן. די דייטשן האָבן דעם קריסט, צוזאַמען מיט מיין שוועסטער און שוואָגער — דערמאָרדעט, און זיין שטוב פאַרברענט.

אויפן פערטן טאָג, פון אונדזער וואַנדערונג אין וואַלד, האָבן מיר אַנגע־טראָפן עטלעכע פאַרטיזאַנער. זיי האָבן אונדז געפאַרשט ווער מיר זענען, און פון וואַנען מיר קומען. מיר האָבן זיי אַלץ דערציילט און דערקלערט זיי, אַז מיר ווילן צושטיין צו די פאַרטיזאַנער.

זיי האָבן אונדז אַוועקגעפירט טיף אין וואַלד, און געבראַכט אונדז צו אַן הייזקע, ווו ס'האָבן געלעבט אַן אַלטע פּאָר קריסטן, און געהייסן אונדז בלייבן דאָרט, ביז זייער קאָמאַנדיר וועט באַשליסן וואָס צו טאָן מיט אונדז. אַזוי וואָרטנדיק איז אַדורך דער טאָג און אַ טייל פון דער נאַכט. מיר ליגן אויף דעם וואָרעמען אויוון, אָבער דער שלאָף נעמט אונדז נישט. פּלוצלינג הערן מיר אַז מען קלאַפּט אין טיר. דער קריסט עפנט עס, און ס'קומען אַריין אַ דייטשער אָפיציר און צוויי זעלנער. דער אָפיציר באַפעלט אונדז אַרונטערגיין פון דעם אויוון, און פאַנגט אונדז אָן צו פאַרשן. — דאָ איז אונדזער טויט — טראַכט איך, פון שרעק איז מיין האַרץ געוואָרן ווי אַ שטיק אייז. כ'האָב דאָך שוין נישט מער וואָס צו פאַרלירן. און פּלוצלינג פיל איך אַז דער פחד איז פון מיר אַוועק, און איך באַשליס פאַרן טויט, אויסקילן מיין האַרץ: — יאָ! מיר זענען יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון אייך, דייטשע מערדער, כדי צושטיין צו די פאַרטיזאַנער, און נוקם זיין זיך אין אייך!

דער אָפיציר האָט נישט געענטפערט אַ וואָרט, נאָר געהייסן אַרויספירן אונדז

אין דרויסן, אויסגעשטעלט אונדז ביים וואַנט פון שטוב, און באַפוילן די זעלנער צילן; און שיסן אונדז.

כ׳הער דעם שאָס און כ׳פיל דעם פייף, פון דער דורכפליענדער קויל. דער זעלנער צילט ווידער אין מיר, שיסט, און די קויל טרעפט מיר נישט. כ׳פאַרשטיי אַז זיי טוען עס מיט אַ כיוון, כדי אָנשרעקן אונדז, פאַרן טויט. די בלוט האָט מיר אויפגעקאָכט, און כ׳שריי אויס מיט כעס, — איר זענט העלדן קעגן אומבאַוואָפנטע יידן, קעגן פרויען און קינדער! גיט מיר די ביקס, וועל איך אייך ווייזן ווי מען שיסט!...

דער אָפיציר האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, צוגעגאַנגען צו מיר, און דערלאַנגט מיר אַ קלאַפּ איבערן אַקסל. — איר וועט זיין גוטע פאַרטיזאַנער! כ׳האָב געוואָלט אייך אויספרוון, איידער איך באַשליס נעמען אייך אין מיין אָטריאַד. —

כ׳בין געשטאַנען עטלעכע מינוט ווי אַ צומישטער, ביז כ׳האָב זיך באַרוהיקט. דאַן האָבן זיי אונדז מיטגענומען אין זייער אָטריאַד. אויפן דריטן טאָג, האָט דער קאָמאַנדיר אונדז צוגערופן צו זיך און געזאָגט, אַז אויב מיר ווילן בלייבן מיט אים, מוזן מיר שאַפן פאַר אונדז געווער אַנדערש קען ער אונדז נישט האַלטן אין זיין אָטריאַד.

מיר האָבן אים געבעטן ער זאָל אונדז געבן אַ ביקס, כדי מיר זאָלן קענען איבערפאַלן אַ דייטש אָדער אַ פּאָליציאַנט. — מיט הוילע הענט ווען מיר דאָך גאָרנישט קענען אויפטאָן. —

— דאָס איז אייער פּראָבלעם, טוט וואָס איר ווילט, אָבער אָן געווער האָט איר נישט וואָס צו אומקערן זיך אַהער, אין אָטריאַד. —

די צוויי יינגלעך זענען פאַרבליבן אין אָטריאַד, און איך מיט שמעון שוואַרץ, האָבן גענומען שטעקנס אין די הענט און אַוועק אין פּושטע.

די געגנט איז מיר געווען באַקאַנט, און כ׳האָב זיך גוט אָריענטירט אין וואַלד. כ׳האָב זיך דערמאָנט אַז נישט ווייט פון אונדזער לאַגער לעבט אַ „לעסניק", ער האָט זיכער אַ יאגד־ביקס אָדער אַ רעוואָלווער. מיר האָבן באַשלאָסן פּרוון אונדזער מזל ביי אים.

ביז האַלבע נאַכט זענען מיר געלעגן אין וואַלד, און דאַן צוגעקומען צו זיין שטוב און גענומען קלאַפּן אין טיר. דער לעסניק איז צוגעקומען צום פענצטער, אָבער אין וואַלד איז זייער פינצטער, און מ׳האָט נישט געקענט זען, ווער עס געפינט זיך צווישן די ביימער.

— ווער איז דאָרט? — פרעגט ער.

— מיר זענען פאַרטיזאַנער — האָב איך אים געענטפערט, — מען האָט אונדז איבערגעגעבן אַז דו באַזיצט געווער. אויב אין פאַרלויף פון 5 מינוטן ברענגסט עס נישט אַרויס, פאַרברענען מיר דיין שטוב, און דו וועסט דערשאָסן ווערן...

מיר שטייעןביידע מיט קלאָפּנדיקע הערצער, אין שאָטן פון די בוימער און וואַרטן, וועט אונדזער שפּיל געלונגען?

עס זענען נישט אַדורך די 5 מינוטן, און ס'עפענט זיך די טיר, און דער קריסט אין זיינע לאַנגע ווייסע גאַטקעס, לייגט אַוועק אויפן שוועל, 3 ביקסן און אַ שאַכטל מיט קוילן...

איך באַפעל אים צוריק אַריינגיין אין שטוב און פאַרמאַכן די טיר. מיר כאַפּן דאָס געווער און דערווייטערן זיך שנעל פון דעם לעסניקס שטוב. מ'טיקע און שטאָלצע, האָבן מיר זיך אומגעקערט אין אונדזער אָט־יאַד.

אונדזער קאָמאַנדיר, ניקיטין, האָט אונדז וואַרעם אָ'פּגענומען, און פון דאַן אָן, גענומען אונדז משתף זיין אין פאַרשידענע אויפגאַבן.

דערווייל האָב איך זיך דערוווּסט די איינצלהייטן פון מיין שוועסטערס אומקום, און כ'האָב עס דערציילט דעם קאָמאַנדיר. אויסהערנדיק עס, האָט ער מיר געגעבן 17 פאַרטיזאַנער, און באַפוילן גיין קיין פּאַלדאַראַזשע, אי'ן אָפּרעכנען זיך דאָרט מיט די דייטשע מיטאַרבעטער.

דעם פויער, וועלכער האָט געבראַכט צו מיין שוועסטערס און שוואָגערס טויט, האָבן מיר אויפן אָרט דערשאָסן, און זיין שטוב פאַרברענט. זיינע קיה און חזירים, האָבן מיר אָפּגעפירט אין אונדזער לאַגער.

פאַרן צוריקטרעטן, האָבן מיר צונויפגעזאַמלט די פויערים פון דאָרף, און געוואָרנט זיי, אַז די יעניקע וועלכע וועלן מיטאַרבעטן מיט די דייטשן, וועלן האָבן דעם זעלבן סוף...

עטלעכע טעג שפּעטער, זענען מיר אַוועק אין דאָרף רודניע, כדי צו אָפּ־רעכנען זיך מיט 2 אָרטיקע שקצים־פּאָליציאַנטן.

אָנקומענדיק אין דאָרף, האָט זיך די גרופּע באַהאַלטן אין אַ הויף, און איך אַליין בין אַריין צו אַ באַקאַנטן פויער, וועלכער פלעגט ברענגען קיין איוועניעץ, האָלץ צום פאַרקויפן.

ער האָט מיר באַגעגנט מיט גרויס שמחה, און פאַרזיכערט אַז אין דאָרף געפינען זיך נישט קיין דייטשן. מיר האָבן זיך דאַן געלאָזט גיין אין דאָרף, כדי צו כאַפּן די 2 פּאָליציאַנטן.

פּלוצלינג זענען אונדז אַנטקעגן געקומען 4 דייטשן אין באַפוילן שטיין. נישט טראַכטנדיק קיין סך, האָב איך געוואָרפן אויף זיי 2 גראַנאַטן, און אַליין געפאַלן און צוגעדריקט זיך צו דער ערד. די גראַנאַטן האָבן דערהרגעט 3 פון זיי, און דעם פערטן שטאַרק פאַרוווּנדעט. מיר האָבן זיך צוריקגעקירט צום באַקאַנטן פויער, און נאָך אַ קורצער אויספאָרשונג האָט ער מודה געווען. אַז די דייטשן האָבן זיך געפונען שוין עטלעכע טעג אין דאָרף. מיר האָבן אים

דערשאָסן, און זיין שטוב פאַרברענט. די 2 פּאַליציאַנטן, דערהערנדיק דעם אויפ־רייס פון די גראַנאַטן, זענען אַנטלאָפן פון דאָרף.

אונדזער אָטריאַד האָט דאַן געציילט 600 מאַן. צווישן זיי זענען געווען בלויז 6 יידן — 5 איוועניצער און איינער פון נאַוואַגרודעק.

אין אַ געוויסן טאָג, האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל, גיין צו הילף די פּאַר־טיזאַנער, וועלכע גרייפן אָן נאַליבאָק. (אין יענעם אָנגריף זענען אומגעקומען אַ סך יידישע פּאַרטיזאַנער, פון צוויי אַנדערע אָטריאַדן, וועלכע האָבן אָנגע־גרייפט דאָס שטעטל). די דייטשן האָבן אונדז באַמבאַרדירט פון אַעראָפּלאַנען, און מיין אָטריאַד האָט געמוזט אָפּטרעטן אין דער פּושטע. איך בין דאַן קאָנ־טוזשעט געוואָרן דורך אַ באָמבע, וועלכע האָט זיך אויפגעריסן, נישט ווייט פון מיר, און פאַרשאָטן מיר מיט ערד. ערשט שפּעט ביינאַכט בין איך צוזיך געקומען. כ'האָב אָפּגעזוכט מיין ביקס, און גענומען גיין און זוכן מיין גרופּע. ערשט אויף, צומאָרגנס האָב איך זיי אָפּגעפונען. דאָרט האָט מען מיר שוין פאַר־שריבן אַלס „געפאַלענער אין קאַמף"...

ס'זענען אַדורך עטלעכע חדשים, און מיר האָבן באַקומען אַן באַפעל איבער־גיין דעם פראָנט און צוריקקערן זיך קיין רוסלאַנד.

אויף אונדזער וועג, נעבן דער באַן־סטאַציע אַלעכנאָוויץ, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פּאַרטיע פון 30 פּוילישע פּאַליציאַנטן, וועלכע זענען געפאָרן פון מאָלאָדעטשנע קיין ראַקאָוו. קיין איינציקער פון זיי איז נישט געבליבן לעבן... מיר זענען אַדורך ראַקאָוו און מינסק. נעבן שטעטל סמאַלעוויץ, האָבן מיר זיך ווידער אָנגעשטויסן אין אַ דייטשן „אַבאָז" וועלכער האָט געפירט פּראָוויאַנט און אַמוניציע. מיר האָבן דאָס פאַרניכטעט. בלויז איין זעלנער איז לעבן געבליבן, לויטן באַפעל פון אונדזער קאָמאַנדיר, „כדי ער זאָל דערציילן די מעשים פון די רוסישע פּאַרטיזאַנער, און וואַרפן שרעק, צווישן דעם שונא".

אין טאַראַפּעץ, קאַלינאָווסקער אָבלאַסט, זענען מיר אַדורך דעם פראָנט. דער „קבלת פנים" אין רוסלאַנד, איז נישט געווען קיין וואַרעמער: די ערשטע זאַך האָט מען אונדז ענטוואָפנט און פאַרשפּאַרט אין אַ לאַגער, דערנאָך האָט מען גענומען מאַכן אַ סעלעקציע צווישן אונדז: די וועלכע זענען געווען רוסן, זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי. מ'האָט זיי געגעבן נייעם געווער און אָנגעטאָן אין נייע מונדירן. אונדז, די „זאַפּאַדניקעס", וועלכע שטאַמען פון פּוילן, האָט מען געגעבן דאָקומענטן און געלאָזט פריי. (איך האָב דאַן געקראָגן אַ מעדאַל, פאַר מיינע טאַטן אַלס פּאַרטיזאַן).

איצט איז ענטשטאַנען די פראַגע, וואָס טוט מען? אַ לעבעדיקער מענטש מוז דאָך עסן, און אויך האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ? אָבער קיינער האָט פאַר אונדז נישט געזאָרגט. כ'האָב נישט געהאַט קיין ברירה און אַוועקגעפאָרן קיין

אוראַל און געאַרבעט אין אַ קאָלחאָז. מיר האָבן דאָרט געהונגערט, און איך האָב פאַרלאָזט דעם קאָלחאָז, און אַוועק זוכן מיין מזל אין אַ קליין שטעטל — אראמיל. די אָרטיקע מאַכט האָט געהערט אַ סך וועגן די פאַרטיזאַנער, אָבער קיינמאָל נישט געזען. דעריבער האָבן זיי מיר אויפגענומען, געגעבן מיר אַ דירה. און אין די אָוונטן פלעגט מען זיך צונויפקלייבן ביי מיר און ווי פאַרכישופטע זיך צוהערן צו מיינע דערציילונגען פון פאַרטיזאַנישן לעבן און זייערע מעשים.

דער קריסט ביי וועמען כ'האָב געוווינט האָט מיר איינגעאָרדנט אַלץ אַרבע־טער אין דער „סטאַלאָווקע" פון אָרטיקן אַעראָדראָם. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין הייצן און אויפהיטן די פיר אויוונס דאָרט. איך בין געווען צופרידן פון מיין אַרבעט. ווייל ס'איז דאָרט געווען וואַרעם און כ'האָב געהאַט וואָס צו עסן. אַזוי זענען אַריבער 10 טעג. און דאַן האָט מען מיר מודיע געווען אַז איך מוז פאַרלאָזן דעם אַעראָדראָם, ווייל איך בין אַ „זאַפאַדניק" און צוליב זיכער־הייט סיבות קען מען מיר דאָ נישט האַלטן...

כ'האָב ווידער גענומען אַרומגיין און זוכן אַרבעט. צופעליק, בין איך אַריין אין אַ מילך זאַוואָד. דער דירעקטאָר דאָרט איז געווען אַ קאָוונער ייד, און ער האָט מיר אָנגענומען אַרבעטן. מיין אויפגאַבע איז געווען צונויפזאַמלען פון די אַרומיקע קאָלחאָזן דאָס מילך, האָלץ און היי. עסן האָב איך געהאַט גענוג, און כ'האָב אַפילו אָפגעשפאָרט אַ ביסל געלט. אַזוי זענען פאַרלאָפן עטלעכע חדשים, און כ'האָב באַקומען אַ באַפעל צושטעלן זיך אין אָרטיקן „וואָיענקאָם" (מילי־טערישן קאָמיסאַריאַט). דאָרט האָט מען ביי מיר צוגענומען מיינע דאָקומענטן, און אַוועקגעשיקט מיר מיט אַ אַרבעט באַטאַליאָן, קיין קראַסנאָחאַמסק, כדי אַרבעטן דאָרט אויף אַן אייזן זאַוואָד. די אַרבעט און די לעבנס באַדינגונגען, זענען דאָרט געווען זייער שווערע. די אַרבעטער זענען געווען געשוואָלן פון הונגער.

כל זמן כ'האָב געהאַט געלט, האָב איך געקויפט עסן אויפן שוואַרצן מאַרק. אָבער די געלט האָט זיך אויסגעלאָזט, און כ'האָב גענומען הונגערן...

דאָס איז געווען דער ערשטער מאַי, דער טאָג ווען מען אַרבעט נישט אין דער פאַבריק. כ'האָב זיך אַריינגעגנבעט אין אַ באַן, און אַזוי אָפגעפאָרן 400 ק"מ, אין דער ריכטונג פון אראמיל. די לעצטע 25 ק"מ בין איך געגאַנגען צופוס, און אָנגעקומען צום מילך זאַוואָד, ווו כ'האָב פריער געאַרבעט. כ'האָב דעם דירעקטאָר דערציילט מיין לאַגע און געבעטן ער זאָל מיר העלפן. ער האָט מיר געגעבן 700 רובל, און אַן אַדרעס אין סווערדלאָווסק. דאָרט האָב איך זיך געשאַפט אַ דאָקומענט אויפן נאָמען פון יוסיף יוסיפאָוויטש, און גע־פונען אַרבעט אין דער דאָרטיקער פּראָדוקטן באַזע.

אין סוועדלאָווסק האָב איך זיך דערוווּסט אַז אונדזער געגנט איז שוין באַפרייט פון די דייטשן און כ׳האָב באַשלאָסן פאָרן אַהיים.

כדי צו קריגן אַ קאָמאַנדיראָווקע האָב איך באַצאָלט 3000 רובל. פון מינסק בין איך געפאָרן קיין סטויפץ. און פון דאָרטן קיין איוועניעץ.

ענדלעך בין איך אין איוועניעץ. אויף קוידאַנאָווע״ גאַס בין איך פאַרביי מיינע עלטערנס הייז ווו ס׳האָבן שוין געוווינט קריסטן, אָבער כ׳בין נישט אַריין, נאָר כ׳בין אַוועק צו מיין הויז. דאָרט האָט געוווינט דער שטאָט פאָסטוך — נאַוויצקי. כ׳בין אַריין אין שטוב און געפונען פרעמדע מענטשן. כ׳בין אַריין אין צימער, ווו מיינע דערמאָרדעטע קינדערלעך פלעגן שלאָפן, אָבע״ דאָרטן האָב איך געטראָפן פרעמדע קינדער... קיין איינער האָט מיר נישט געבעטן זיצן... אין מיין אייגענער שטוב בין איך געווען אַ אַ־מגעבעטענער גאַסט...

כ׳האָב זיך אויפגעהאַלטן ביי ישראל כץ. פון אים האָב איך זיך דע־ווּוסט אַז מיין „פריינט״ מאזעניק, קומט יעדן מיטוואָך אין שטעטל.

מיטוואָך פרי, בין איך שוין געשטאַנען אויף קוידאַנאָווער גאַס און אָפּגע־וואַרט אים. ער איז אַדורך פאַרביי מיר, אָבער ער האָט מיר נישט דערקענט ער איז זיכער געווען, אַז איך לעב שוין נישט. ווען ער איז אַדורך, האָב איך אויסגעשריגן — מאזעניק!

ער האָט זיך אומגעקערט און דאַן דערקענט מיר, ער איז געוואָרן בלייך, צוגעגאַנגען צו מיר און אויסגעשטרעקט זיין האַנט, אָבער איך האָב נישט גענומען זיין האַנט, נאָר אַראָפּגעלאָזן אים צוויי פייערדיקע פעטש.

— מאזעניק, האָב איך געזאָגט, — כ׳בין געקומען פון אויל נאָך דיין נשמה. —

— טו מיט מיר דאָס זעלבע וואָס איך האָב געטאָן מיט דיר, האָט ער גע־זאָגט, — לאָז מיך לעבן, און מיין גאַנץ פאַרמעגן איז דיינס. —

— איך דאַרף נישט, און וויל נישט דיין פאַרמעגן, איצט זענען מיר קוויט. --

3 חדשים בין איך געווען אין איוועניעץ. כמעט יעדן טאָג פלעג איך באַזוכן די קברים פון אונדזערע טייערסטע, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע מערדער. אויף די קברים האָב איך אויסגעגאָסן מיין צער און מיין בענקעניש נאָך מיין ווייב און קינדערלעך...

כ׳האָב געפילט אַז דאָ וועל איך נישט געפינען מער קיין רו. מיין לעבן דאָ, וועט זיין פאַר מיר אַ גיהינום. האָב איך גענומען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט. און גענומען גנבנען גרענעצן, ביז כ׳בין אָנגעקומען קיין פראַנקרייך, און מיט דער שיף „בן־העכט״ אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער די ענג־לענדער האָבן אונדז געכאַפּט, אין פון חיפה, אונדז אָפּגעשיקט קיין קאַפריסין, און ווידער פאַרשפאַרט אונדז הינטער די שטעכעדיקע דראָטן.

אין קאַפּריסין זענען מיר אָפּגעזעסן 14 חדשים. דאָרטן האָב איך דערקענט, און חתונה געהאַט מיט מיין איצטיקע פרוי. ערשט אין יאָר 1948, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמת השחרור, זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, אין אונדזער אַלטער, אַלטער היים.

מיר האָבן דאָ געפונען פריינט, באַקאַנטע און אַ וואַרעמע היים!

מרדכי ראָלניק, יפו

יאָרן פון יסורים און גבורה

אין אַ געוויסן נאָך מיטאָג, איז אַרויס אַ באַפעל אַז אַלע יידן פון איווענצער געטאָ, מוזן זיך פאַרזאַמלען אין פאַרלויף פון 20 מינוט, אויפן מאַרק־פּלאַץ, וועלכער איז געווען אויסערן געטאָ. מיר זענען געווען זיכער אַז די היטלעריסטן גרייטן צו אַ נייע שחיטה. אין געטאָ איז געוואָרן אַ פּאַניק, מענטשן זענען אַרומגעלאָפן אָן אַ ציל, אָדער געשטאַנען פּאַראַליזירטע פון שרעק. די אָרטיקע פּאָליציי האָט מיט קלעפּ געטריבן די יידן צום מאַרק־פּלאַץ.

אויפן מאַרק האָט מען אונדז באַפוילן זיך אויסשטעלן אין רייען, און ס׳האָט זיך אָנגעפאַנגען די סעלעקציע; אַ דייטשער אָפיציר האָט שפּאַצירט צווישן די רייען, נישט גערעדט, נאָר מיטן פינגער אָנגעוויזן אין וועלכער ריכטונג, דער קרבן זאָל גיין. אַזוי האָט ער אויסגעקליבן עטלעכע הונדערט יידן. די סעלעקציע האָט געדויערט אַ פּאָר שעה. דערווייל האָט די פּאָליציי געבּלונדערט אין געטאָ, און געזוכט פאַרבאַהאַלטענע יידן. ווען זיי האָבן געפונען, האָבן זיי אויפן אָרט דערשאָסן. צווישן די דערשאָסענע 10 יידן איז געווען אויך אסתר־חיה נאַחימאָווסקי, וועלכע איז געלעגן קראַנק און נישט געקענט אַראָפּגיין פון בעט.

נאָך דער סעלעקציע, האָבן די נאַציס באַפוילן די איבערגעבליבענע יידן, לויפן שנעל צוריק אין געטאָ. מיר די אָפּגעקליבענע, זענען מיט האַרץ קלאַפּעניש, געשטאַנען און געוואַרט אויף אונדזער גורל.

לאַנג האָט מען אונדז נישט געלאָזט וואַרטן. מ׳האָט אונדז אויסגעשטעלט אין 2 רייען און געהייסן מאַרשירן צו די קאַשאַרן. דאָס האָט אויף אונדז אָנגעוואָרפן אַ שרעק. ווייל פאַר פיל איווענצער יידן, איז דער וועג צו די קאַשאַרן, געווען זייער לעצטער וועג.

איך האָב באַשלאָסן ריזיקירן און אַנטלויפן, אָבער מיין 16 יאָריקער ב ר־דערל — בערל, האָט מיר געבעטן אים נישט איבערלאָזן אַליין „און אויב אונדזער גורל איז צו דערשאָסן ווערן, זאָלן מיר זיין צוזאַמען״. —

מיר האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן פון איוועניעץ, און אירע קריסטן זענען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן, אין געוויצלט זיך אויף אונדזער חשבון...

אין די קאַשאַרן האָט מען אונדז פאַרשפאַרט אין 2 ליידיקע מאַגאַזינען, דאָרט זענען מיר געזעסן עטלעכע שעה. פלוצלינג האָבן מיר דערהערט אין דרויסן אַ גערויש, אַ לויפעניש און געוויין פון קינדער. דאָס זענען געווען די יידן, וועלכע מ׳האָט געבראַכט פון רוביזשעוויצער געטאָ. מ׳האָט זיי אַריינגע־שטויסן צו אונדז. די ענגשאַפט איז געווען אומערטרעגלעך ס׳איז נישט געווען קיין לופט צום אָטעמען, און קיין טראָפן וואַסער, פאַר די פאַרשמאַכטע קינדער, וועלכע זענען געלאָפן צופוס, צוזאַמען מיט די דערוואַקסענע, עטלעכע און צוואַנציק ק״מ.

מיר האָבן קוים דורכגעלעבט די נאַכט, אויף צו מאָרגנס האָט מען אינדז ווידער אויסגעשטעלט אין רייען און געמאָלדן אַז מיר גייען אויף אַ־בעט קיין דוואָרעץ. זיי האָבן אונדז געוואָרנט אַז די וועלכע וועלען אָפשטיין אין וועג, וועלן אויפן אָרט דערשאָסן ווערן!...

דעם זעלבן טאָג איז געפאַלן דער ערשטער קרבן, די פרוי קיילע אורעס (אַ שוועסטער פון אהרון־דוד דעם שוחט, וועלכער איז געווען פון די ערשטע קרבנות אין איוועניעץ).

פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין נאַליבאַק, דאָרט האָט מען אונדז ווידער פאַרשפאַרט אין אַ ליידיקן שייער.

איך, און נאָך עטלעכע בחורים, האָבן באַשלאָסן אַז איצט איז די צייט צו אַנטלויפן אין וואַלד. מיט מיר איז אויך געווען יענקל שקליאַר, מיר האָבן אויפגעמאַכט דעם טויער און אַרויסגעגנבעט זיך פון שייער. אין דרויסן איז געווען פינצטער און ס׳האָט שטאַרק גערעגנט. מיר האָבן נישט געוווסט אין וועלכער ריכטונג צו לויפן, און געשטאַנען פאַרלוירענע. מיינע חברים האָבן זיך צוריקגעקערט אין שייער, נאָך איך און שמואל דעם זייפערס, זענען גע־בליבן אין דרויסן, אָבער צום סוף האָבן אויך מיר זיך צוריקגעקערט אין שייער, כדי דאָרט איבערוואַרטן דעם רעגן. דערווייל האָט זיך געביטן די וואַך, אַ פּאָליציאַנט האָט פאַר־שלאָסן דעם טויער פון דרויסן, און פון אונדזער פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן.

צומאָרגנס פרי, האָט מען אונדז אַוועקגעמאַרשירט קיין לובטש.

דערנענטערנדיק זיך צום ניעמאַן, האָט די פּאָליציי אונדז גענומען שלאָגן און באַפוילן לויפן. אָן שום סיבה האָבן זיי אַרויסגענומען פון די רייען דעם רב פון נאַליבאַק, און גענומען יאָגן אים איבער די פעלדער ,ווען ער איז דערלאָפן צום ניעמאַן, אָבן זיי אים דערשאָסן, און זיין קערפער אַריינגעוואָרפן אין טייך.

דער בריק איבערן ניעמאַן איז געווען צעבראָכן און אַ טייל פון אים פאַר־

זונקען אין וואַסער דאָך האָבן זיי אונדז געצווונגען לויפן איבער אים. ס'איז געווען אַ נס אַז קיינער פון אונדז האָט זיך דאָן נישט דערטרונקען, אָדער צעבראָכן אַ פוס.

אין לובטש

אין לובטש האָט מען אונדז פאַרשפּאַרט אין אַרטיקן געטאָ. דאָרט האָט מען אונדז דערציילט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק, האָבן די רוצחים אַרויסגעפירט פון געטאָ עטלעכע הונדערט יידן, און זיי דערמאָרדעט.

מידע און פאַריאושטע, האָבן מיר זיך צולייגט אויף די פּאָדלאָגעס און איינגעשלאָפן.

ס'איז אָנגעקומען אַ נייער טאָג. מ'האָט אונדז ווידער אויסגעשטעלט אין רייען, אַרויסגענומען פון אונדז די פאַכמענער, און איבער־געלאָזן זיי אויפן פּלאַץ. די אַלע איבעריקע האָט מען אַוועקגעטריבן צום קליין־באַן, אָנגעלאָדן אין לאַסט וואַגאָנען און אַוועקגעפירט קיין נאָוואָ־יעלנע. אין די וואַגאָנען איז מען געשטאַנען צוזאַמענגעפּרעסט פון ענגשאַפט, מענטשן האָבן געחלשט, ווייל ס'האָט געפעלט לופט צום אָטעמען.

אין נאָוואָ־יעלנע, האָבן אונדז שוין אָפּגעוואַרט געסטאַפּאָ־לייט און פּאָ־ליציי, באַוואָפנט מיט אָטאָמאַטן און נאַגאַיקעס. מען האָט אונדז אויסגעלאָדן פון די וואַגאָנען, אויסגעשטעלט אונדז 4 אין אַ ריי, און געהייסן מאַרשירן.

ווי נאָר מיר זענען אַרויס פון דער באַן־סטאַציע, האָט מען אונדז באַפוילן לויפן און זינגען, שלאָגנדיק אונדז מיט די נאַגאַיקעס. כדי ס'זאָל זיין לייכטער צו לויפן, האָבן מיר אַוועקגעוואָרפן אונדזערע פּעקלעך, וועלכע מיר האָבן מיטגענומען, פאַרלאָזנדיק איוועניעץ. אַזוי איז די וועג ביז דוואָרעץ, 6 ק"מ בערך, געווען פאַרזייט מיט אונדזערע זאַכן.

פיל פון אונדז פלעגן פאַלן ערשעפּטע, אָבער אונטערן האָגל פון די נאַגאַיקעס, פלעגט מען זיך ווידער אויפהייבן און לויפן...

סוף־סוף האָבן מיר דערזען דאָס שטעטל דוואָרעץ אין דערפרייט זיך מיט איר, פונקט ווי מיר וואָלטן דערזען אונדזער גאולה.

אין אַרבעטס לאַגער — דוואָרעץ

אַריינגעלאָפן דורכן טויער אין לאַגער, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגעאָטעמט, אויפן האַרצן איז געוואָרן לייכטער, ווייל מיר האָבן דערזען יידישע פנימער, יידישע פּאָליציאַנטן, און צווישן זיי אַ לאַנדסמאַן, מאיר, זיסל דעם קצב'ס זון. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו אונדז, באַרוהיקט אונדז און איבערגעגעבן אַ גרוס פון די איוועניצער, וועלכע זענען אָנגעקומען אַהער אין

אַ פריערדיקן טראַנספּאָרט. שפּעטער האָבן מיר זיי אָפּגעזוכט, און די שמחה פון דער באַגעגעניש איז געווען גרויס.

אין לאַגער זענען מיר אָנגעקומען פאַרנאַכט, דער לאַגער עלטסטער, אַן אָרטיקער ייד — נאָוויק, האָט אונדז צוגעטיילט 2 שטאַלן, אַן דעכער און אַן טירן. אַלע האָבן זיך מיט איין מאָל אַ לאָז געטאָן אין די שטאַלן, כדי צו כאַפּן אַ בעסער אָרט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיפּעניש און קריגערייען. ענדלעך האָט מען זיך איינגעשטילט, יעדער האָט געקראָגן זיין אָ־ט.

שפּעטער האָט מען אונדז באַפוילן אַרויסגיין פון די שטאַלן און רעגיס־טרירן זיך. גלייכצייטיק האָט מען געשאַפן 2 אַרבעטס גרופּן: אַ „שטאַרקע" און אַ „שוואַכע" גרופּע.

מיר האָבן נישט געוווּסט ווו ס'איז בעסער: מיר האָבן געטראַכט — אפשר ווילן זיי פּטור ווערן פון די שוואַכע! און אפשר פאַרקערט?... אָבער קיין סך צייט צו טראַכטן איז נישט געווען. כ'האָב באַשלאָסן גיין צו די „שטאַרקע" און מיין ברודערל, בערל — צו די „שוואַכע".

אַלס עלטסטער פון דער שטאַרקער גרופּע איז באַשטימט געוואָרן אונדזער אַ שטאָטישער, יעקב אַבראַמסאָן, וועלכער איז שפּעטער געשטאָרבן פון הונגער. דער עלטסטער פון דער שוואַכער גרופּע איז געווען, הירשל מיליקאָווסקי.

נאָכן צעטיילן אונדז אויף גרופּעס, האָבן מיר זיך אומגעקערט אין אונד־זערע שטאַלן, און די גרופּן־עלטסטע זענען געווען געוואָרן צו באַקומען עסן פאַר אונדז. דער עסן איז באַשטאַנען פון 125 גראַם ברויט, און דאָס האָט געדאַרפט גענוגענען ביז מאָרגן אָוונט, און דאַן וועלן מיר ווידער באַקומען די 125 גראַם ברויט און אייך אַ ביסל זופּ פון קאַרטאָפל שאָלעכץ.

פאַרטיילן דאָס ברויט איז געווען אַ פּראָצעדור פאַר זיך:

קיין וואָג איז נישט געווען דעריבער איז געווען מעגלעך דאָס איינער וועט קריגן אַ גרעסער שטיקל ברויט פון צווייטן. משפחות האָבן זיך דעריבער פאַ־איינקט, כדי צו קריגן אַ גאַנץ ברויטל, און צעטיילן אים צווישן זיך. אָבער אויך דאַן, כדי פאַרמיידן טענות, האָט מען נאָכן צעשניידן דעם ברויט אויף חלקים, גענומען 2 פּאַרציעס אין ביידע הענט, און האַלטנדיק זיי פון הינטן, געפרעגט — „וועלכע האָסטו ווילסטו?" —

מיר גייען אויף אַרבעט

אויף צו מאָרגנס, ס'האָט נאָך וואָס גענומען טאָגן, האָט די לאַגער־סירענע אונדז אויפגעוועקט, און מיר האָבן זיך געשטעלט צ'ם אַפּעל, יעדע גרופּע מיט איר גרופּנפירער בראָש.

דער לאַגער עלטסטער — נאָוויק, האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ קורצע רעדע, ער האָט בעטאָנט דאָס מיר געפינען זיך אין אַן אַרבעטס לאַגער, און דער אַרבעטס טאָג דויערט 10 שעה, אונדזער אַרבעט איז צו זאַמלען שטיינער און לאָדן אין וואַגאָנעס. יעדע גרופּע וועט קריגן אַ נאָרמע, וועלכע זי וועט מוזן אויספירן אין משך פון טאָג. דאָן איז די „שוואַכע" גרופּע אַוועק צו דער אַרבעט, און מיר, די „שטאַרקע" זענען פאַרבליבן אויפן פלאַץ.

דער לאַגער אינזשינער — אָסיפּאָוויץ — אַ פאָלקס דייטש, האָט צוגערופן אונדזער גרופּן־פירער, און געפרעגט אים, צי די גרופּע באַשטייט באמת פון שטאַרקע מענטשן. אַבראַמסאָן, האָט פון שרעק פאַרלוירן דעם לשון, און נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ.

מען האָט אונדז דאַן אַוועקגעפירט צום דערבייאיקן פלי־פלאַץ ,און געהייסן לאָדן בעטאָן פלאַטן, וועלכע האָבן געוויגן 2—3 טאָן יעדע.

די אַרבעט איז געווען אַ קאַטאַ־זשנע, בפרט אַז מיר האָבן געהונגערט. מענטשן האָבן גענומען פאַלן ווי פליגן. דער ערשטער קרבן איז געווען אונדזער גרופּן־פירער — אַבראַמסאָן, שפּעטער איז געשטאָרבן גאלאי, און פיל אַנדערע.

אויך די „שוואַכע" גרופּע האָט געאַרבעט שווער; זיי האָבן געגראָבן שטיי־נער פון אַ באַרג, געלאָדן עס אין וואַגאָניעטקעס, און געפירט צו דער באַן־ליניע, און דאָרט עס איבערגעלאָדן אין וואַגאָנען .די שטיינער זענען געגאַנגען קיין רוסלאַנד.

כ'ווער אַ סוחר

זעענדיק אַז כ'וועל אויסגיין דאָ פון הונגער, האָב איך זיך אָפּגעגנבעט פון מיין גרופּע און אַוועק אין די אַרומיקע דערפער, און אויסטוישן אויף עסנוואַרג דאָס ביסל זאַכן וועלכע ס'איז נאָך ביי מיר פאַרבליבן. אַ־יך אַנדערע יידן האָבן מיר געגעבן זייערע זאַכן (פינגערלעך, אוירינגלעך, העמדער, ליילעכער א.א.וו.) און כ'האָב זיי געבראַכט ברויט און קאַרטאָפל.

אַזוי זענען אַריבער עטלעכע חדשים. צו אונדז זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז די נאַציס ליקווידירן די געטאָס אין גאַנצן אומגעגנט, ווי לובטש, נאָוואָ־יעלניע, זשעטל, מייטשעט א. א. און מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז איצט קומט אונדזער ריי...

מיר האָבן גענומען מאַכן פּלענער וועגן אַנטלויפן פון לאַגער, אָבער וווהין אַנטלויפט מען? מיר האָבן געהערט אַז אויך אין וואַלד הרגעט מען יידן, און נישט אַלע פּאַרטיזאַנער זענען צדיקים און יידן פריינט. אַ טייל פון די וועלכע זענען אַנטלאָפן פון לאַגער צו די פּאַרטיזאַנער, זענען צוריקגעקומען פאַר־יאושטע, ווייל זיי האָבן נישט געפונען פאַר זיך אַ פּלאַץ אין וואַלד...

אין אַ געוויסן טאָג, האָט מען אונדז אַלעמען צונויפגעזאַמלט, און דער לאַגער אינזשינער — אָסיפּאָוויץ, האָט געהאַלטן פאַר אונדז אַ דרשה, דער־ציילנדיק אַז ער וויל אונדז אויסהיטן פון שלעכטס, דעריבער דאַרפן מיר אַלע גיין צו דער אַרבעט, ווייל ס׳קומט אַ קאָמיסיע אין לאַגער, און די פון אונדז, וועלכע וועלן נישט זיין ביי דער אַרבעט, וועלן דערשאָסן ווערן...

צו מאָרגנס טאָקע, זענען מיר אַלע אַרויס צו דער אַרבעט, און דער לאַגער איזשינער, האָט אונדז געמונטערט, זאָגנדיק אַז אויב מיר וועלן אויך ווייטער אַזוי אַרבעטן, וועט עס גוט זיין פאַר אונדז.

איניקע טעג שפּעטער, האָט ער אונדז ווידער צונויפגעזאַמלט און דער־קלערט אַז די אַרבעט דאָ, ענדיקט זיך, און מען וועט אונדז אַריבערפירן אין די פינסקער וועלדער, און ער וועט זיין מיט אונדז, און זאָרגן פאַר אונדז. דעריבער זאָלן מיר זיך נישט צוהערן צו נאַרישע קלאַנגען, און נישט שרעקן זיך ווען מען וועט קומען אַריבערפירן אונדז אין נייעם לאַגער...

עטלעכע טעג שפּעטער, האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין לאַגער 2 איוועניצער: ייסף קאַלאַציקס פרוי און משה־אליהס זון, און דערציילט אַז זיי זענען אַנטלאָפן פון נאָוואָגרודקער געטאָ, ווו מ׳האָט אויסגעשאָכטן אַלע יידן!

די ידיעה האָט אונדז שרעקלעך דערשלאָגן, ווייל כמעט יעדער פון אונדז האָט דאָרט געהאַט משפחה. אויך מיין מוטער און ברודער, זענען געווען דאָ־ט אין געטאָ.

איצט האָבן מיר געוווסט אויף זיכער אַז אונדזערע טעג זענען געציילטע... אָבער דאַך האָט זיך געוואָלט גלויבן אין די נאַצישע ליגנס און מיר האָבן זיך געגרייט אין וועג, צום נייעם לאַגער; געטריקנט סוכאַרעס, געוואַשן די וועש און געלאַטעט די קליידונג...

די לעצטע נאַכט אין דוואָרעץ

די אַטמאָספערע אין לאַגער איז געווען זייער אָנגעשטרענקט, ס׳האָט זיך געפילט אַז עפּעס דאַרף דאָ פּאַרקומען. אין משך פון טאָג האָב איך זיך גע־טראָפן מיט אַ סך איוועניצער און כ׳האָב געפילט אַז איך זע זיי דאָס לעצטע מאָל. מיין פעטער, יאַשע פּאָזניאַק און זיין טאָכטער, אסתר, זענען אין אָוונט געקומען צו מיר געזעגענען זיך...

אַלע האָבן געוווסט אַז ביינאַכט וועל איך זיך אַרויסגנבענען פון לאַגער, און גיין אין אַ דערבייאיקן דאָרף, כדי ברענגען פון דאָ־ט אַ ביסל עסנוואַרג. מיין ברודערל איז אַרויף צו מיר אויף דער נאַרע, געקושט מיר און געוויינט, ער האָט אויך געוואָלט גיין מיט מיר, אָבער ער האָט געקאָגן אַרויז אויפן פוס,

און נישט געקענט גיין. דאָס האַרץ האָט אונדז געזאָגט אַז מיר וועלן זיך מער נישט זעען...

אין מיטן דער נאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפן, האָב איך אויפגעוועקט מיינע 2 חברים, און מיר זענען אַרויס אין וועג.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע .מיינע חברים האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועט די וואַך אונדז דערזעען, און פאַרגעלייגט אָפּלייגן דאָס גיין, אויף צומאָרגנס. איך האָב זיך אָבער איינגעשפּאַרט, און געזאָגט אַז איך גיי איצט ,אַפילו אַליין... זיי זענען מיר נאָכגעגאַנגען, און ס'איז אונדז געלונגען אַדורכקריכן אומבאַמערקט די דראָטן, און אַריבערגיין די באַן ליניע, און מיר זענען אַריין אין וואַלד. מיינע חברים זענען געווען: יענקעלע פון נאַליבאַק און פייוול טשאַרני פון דערעוונע.

גייענדיק אין מיטן וואַלד זענען מיר אָנגעקומען צום דאָרף „אָזשעראַן".

ס'איז געווען 2 אַזייגער ביינאַכט, ווען מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין טיר פון דער ערשטער שטוב, אָבער דער פויער האָט אונדז נישט אַריינגעלאָזט, ווען ער האָט אָבער דערהערט אַז מיר האָבן מיט זיך, זאַלץ און שוועבעלעך — האָט ער געעפנט די טיר, און גענומען זיך פאַרענטפערן אַז די דייטשן דראָען מיט האַרבע שטראָפן, פאַרן אויסבאַהאַלטן יידן.

מיט אייניקע טעג פריער האָבן די דייטשן געכאַפּט אין זעלבן דאָרף 5 יידן, און זיי דערשאָסן אויפן אָרט. צווישן די דערשאָסענע, איז געווען אַ איוועניצער בחור, שקליאַר (דער זון פון חיה־שרה), וועלכער האָט געאַרבעט ביי די פויערן, אַלס סטאָליער.

די שרעקלעכע בשורה

ס'האָט גענומען טאָגן, ס'איז אָנגעקומען דער 28טער עדצעמבער 1942. דער שרעקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן. אַ טאָג וועלכן איך קען נישט פאַרגעסן, אַ טאָג וועלכער דערוועקט אין מיר האַס און נקמה געפילן.

פון אָזשעראַן זענען מיר אַוועק אין אַ צווייטן דאָרף. דאָרט זענען מיר געווען דעם גאַנצן פאַרמיטאָג, אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב, און געטוישט זאַלץ, שוועבעלעך און פאַרב אויף עסנוואַרג.

אין עק דאָרף האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ קריסט, ער האָט אונדז מאָדנע אָנגעקוקט און געפרעגט: — ווייסט איר דען נישט אַז מ'האָט א־מגעבראַכט אַלע יידן אין דוואָרעצער לאַגער? מיר זענען געשטאַנען ווי געליימטע און נישט באַנומען זיינע ווערטער. ער האָט אונדז דערציילט אַז איצט האָבן זיך צוריק־געקערט פויערים פון דוואָרעץ, וועלכע האָבן געזען ווי מען פירט אַרויס אין לאַסט־אויטאָס, די יידן פון געטאָ, אין מען שיסט זיי.

— מיר זענען געשטאַנען צעמישטע, און נישט געוואָלט דאָס גלייבן.

אפשר האָט מען טאַקע אַנגעלאָדן אין די אויטאָס און איבערגעפירט זיי אין אַן צווייטן לאַגער, ווי דער איזשינער האָט פאַרשפּראָכן?

מיר האָבן געמוזט וויסן דעם אמת, און מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן אין ריכטונג פון לאַגער. פויערים זענען אַרויס פון די הייזער און נאָכגעשריען — משוגעים? וווהין לויפט איר? דער לאַגער ברענט דאָך, און ס'איז דאָרט נישט פאַרבליבן קיין לעבעדיקער מענטש!...

דאַן ערשט האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז עפּעס גרויזאַמס האָט דאָרט פּאַסירט. מיר האָבן אַוועקגעוואָרפן אונדזערע פּעקלעך, און געלאָזט זיך לויפן, איבער די פעלדער, אין ריכטונג פון לאַגער.

אונדז אַנטקעגן איז אָנגעקומען אַ וואָגן, אין וואָגן איז געזעסן אַ קריסטן. דערזעענדיק אונדז, האָט זי גענומען רופן אונדז צו זיך. ווען מיר האָבן זיך דער־נענטערט, האָט זי אונדז אָנגעקוקט און פאַנאַנדערגעוויינט זיך. וויינענדיק און שלינגנדיק די טרערן, האָט זי דערציילט ,אַז מ'האָט אומגעבראַכט אַלע יידן פון לאַגער, מ'האָט זיי דערשאָסן און אַריינגעוואָרפן אין אַ מאַסן קבר, הינטערן שטעטל. זי האָט אונדז געוואָרנט מיר זאָלן נישט גיין קיין דוואָרעץ, ווייל דאָרט איז פול מיט דייטשן. זי האָט געראַטן אונדז גיין צו די פאַרטיזאַנער, אָדער אַרומדרייען זיך איבער די דערפער.

די קריסטן איז געווען אַ באַפּטיסטקע. זי האָט געטרייסט אונדז, אַז מיר, אַלע דריי, וועלן אַלעס איבערקומען, און וועלן נאָך לאַנג לעבן. דאַן האָט זי אונדז איבערגעציילמט, געקושט אונדז, און ווידער פאַרזאָגט נישט גיין קיין דוואָרעץ.

מיר האָבן איר אָבער נישט געפאָלגט. עפּעס אַ אינערלעכער כוח, האָט אונדז געשטויסן פאָראויס.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט דער קריסטן, און אַריין אין וואַלד, און מיט זייטיקע שטעגלעך, זיך גענומען דערנענטערן צום לאַגער. פּלוצלינג האָבן מיר דערערט אַ געשריי, און פון צווישן די ביימער איז אַרויס אַ קאַרעליצער בחור. ער האָט אונדז דערציילט דאָס אַלע פון לאַגער זענען טויט, און ער קלייבט איצט אַ גרופּע, כדי גיין צו די פאַרטיזאַנער.

די גרופּע איז באַשטאַנען פון 20 בחורים אין מיידלעך. צווישן זיי זענען געווען אויך 2 איוועניצער: איינע איז געווען חנה די אַלמנה'ס אַ טאָכטער — העניע, דער צווייטערס נאָמען געדענק איך נישט.

די ערשטע נאַכט נאָך דער שחיטה

די נאַכט איז צוגעפאַלן. פון ברעג וואַלד האָבן מיר געזען ווי דער לאַגער ברענט. נאָך אַ קורצע באַראַטונג, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסשיקן 2 בחורים

צום שאָסיי, כדי זיי זאָלן פּרוּוון דערוויסן זיך פון די קריסטן, וואָס עס הערט זיך אין דוואָרעץ, אָבער די באַן וואָך האָט דערפילט אונדזער אָנוועזנהייט, און גענומען שיסן אין אונדזער ריכטונג. אין אונדזער גרופּע איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק און מען איז זיך צולאָפן אין פאַרשידענע ריכטונגען. מיר איז די געגנט געווען באַקאַנט, כ'האָב באַפוילן די 2 איוועניצער מיידלעך, און מיינע 2 חברים, זיי זאָלן גיין נאָך מיר, און נישט שרעקן זיך.

מיר זענען ווידער געקומען אין אָזשעראַן. ס'איז שוין געווען נאַכט ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר פון אונדזער באַקאַנטן פּויער. ער איז געווען זייער דערשראָקן, און געבעטן זיך, אַז מיר זאָלן אַנטלויפן פון דאָרף, ווייל די דייטשן קענען יעדע מינוט אָנקומען, און זיי האָבן געוואָרנט די פּויערים, אַז זיי וועלן דערשיסן די יעניקע, וועלכע וועלן אויסבאַהאַלטן יידן. מיר האָבן געפּרוּווט אונדזער מזל ביי נאָך עטלעכע קריסטן, אָבער זיי זענען אַלע געווען דערשראָקן און נישט געוואָלט אונדז אַריינלאָזן צו זיך. בלית־ברירה, האָבן מיר באַשלאָסן איבערנעכטיקן אין אַ שייער. די צוויי מיידלעך האָבן מיר אַריינגעפירט אין אַ שטאַל, ווייל דאָרט איז וואַרעמער, באַדעקט זיי מיט שטרוי, און צוגעזאָגט מיטנעמען זיי, אויף צומאָרגנס. מיר, די דריי בחורים, זענען אַריין אין אַ צווייטן שטאַל, אָבער איידער מיר האָבן געפונען אַ פּלאַץ פאַר זיך, האָבן זיך דערהערט פון דרויסן, געשריען: — „זשידי, אַרויס!״ — אין טיר איז געשטאַנען אַ פּויער מיט אַ ווילע אין האַנט, און געוואָרפן זיך שטעכן אונדז. מיר איז געלונגען אַרויסרייסן פון אים די ווילע און אומוואַרפן אים. אָבער די פּאָליציי האָט דערהערט זיינע געשרייען און גענומען שיסן אין אונדזער ריכטונג. מיר האָבן נישט געהאַט קיין ברירה, און אַנטלאָפן אין דער־בייאיקן וואַלד, איבערלאָזנדיק די צוויי מיידלעך אין שטאַל (שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז מען האָט זיי נישט ענדעקט, און אויף צומאָרגנס זענען זיי צוגעשטאַנען צו אַ צווייטער גרופּע. איצט געפינען זיי זיך אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן).

מיר זענען געלאָפן, און מיט די לעצטע כוחות אָנגעקומען אין דאָרף „קאָזור־רעטשע״, ווו מיר זענען שוין געווען און געביטן פּאַ״ב אויף ברויט. דער זעלבער קריסט וועלכער האָט אונדז אָנגעזאָגט וועגן חורבן פון לאַגער — האָט אונדז איצט פריינדלעך אויפגענומען, געגעבן אונדז עסן און פאַנאַנדערגעזאָגט די וועג צו די פּאַרטיזאַנער.

גייענדיק לויט דעם פּויערס אָנווייזונגען, האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט אַ אויסגעשריי — סטאָי! מיר האָבן זיך געוואָרפן אויף דער פאַרפרוירענער ערד און געוואַרט. מיר האָט זיך אָבער געדוכט אַז דער אויסגעשריי קומט

נישט פון אַ קריסט, אָדער פון אַ דייטש, און כ'האָב אָנגענומען זיך מיט דרייסט־קייט און געפרעגט אין יידיש: — ווער איז דאָרט? —

— עמך! איז געווען דער ענטפער.

מיר זענען אויפגעשטאַנען און דערנענטערט זיך איינער צום צווייטן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז אַ שניידער פון נאַוואָגרודעק, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ גלח, אין אַ דערבייאיקן דאָרף. דער גלח האָט אָבער מורא געהאַט האַלטן אים ווייטער ביי זיך, און געבראַכט אים אַהער אין וואַלד. ער האָט אונדז דערציילט אַז ער האָט אין נאַוואָגרודעק אַ סך קריסטישע פריינט, און זיי וועלן זיכער אונדז אויסבאַהאַלטן דעם ווינטער. מיר האָבן זיך געלאָזט פון אים איינרעדן, און אַוועק מיט אים קיין נאַוואָגרודעק. צוויי נעכט זענען מיר געגאַנגען. אָן עסן, און שווער דערפרוירן פון קעלט, ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צו אַ חוטאָר, נעבן נאַוואָגרודעק, דער קריסט האָט דערקענט דעם יידן, און האָט אונדז פריינדלעך אויפגענומען.

אונדזער שניידערל האָט אונדז געהייסן וואַרטן דאָ, ביז ער וועט צוריקקומען פון שכנותדיקן קריסט, ביי וועמען ער וויל זיך פאַנאַדע פרעגן וועגן מצב אין שטאָט.

מיר האָבן געוואַרט אויף אים אַ לאַנגע צייט, דערווייל האָט גענומען טאָגן, און אונדזער קריסט וועלכער האָט געוווינט ביים טראַקט, האָט מורא געהאַט אַז דייטשן וועלן אונדז ביי אים געפינען, איז אַוועק צום שכן, רופן דעם יידן. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער שניידערל, וועלכער האָט געקענט דאָ אַלע שטעגעלעך, האָט זיך מער נישט געצייטיקט אין אונדז, איז אַוועק וווהין ער האָט געוואָלט, און איבערגעלאָזן אונדז צו אונדזער אייגענעם גורל.

בלית־ברירה, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין וואַלד, אַרומגעבלאָנקעט זיך 10 טעג, פון חוטאָר צו חוטאָר, ווו גוטע קריסטן האָבן אונדז געגעבן צו עסן און אַן אָרט צום שלאָפן.

די דייטשן האָבן דערווייל פאַרטיילט אין די דערפער פון אומגעגנט, פּראָק־לאַמאַציעס, פאַרשפּרעכנדיק נישט צו באַשטראָפן די יידן וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דוואָרעץ, געבן זיי אַרבעט, און נאָרמאַלע לעבנס באַדינגונגען — אויב זיי וועלן פרייוויליק זיך צוריקקערן אין לאַגער...

די פויערים האָבן געגלויבט אין די דייטשע הבטחות, און גענומען אונדז צורעדן צוריקגיין קיין דוואָרעץ. מיר האָבן זיך געלאָזט איבעררעדן, און האַלטנדיק די פּראָקלאַמאַציעס אין אונדזערע הענט, זענען מיר אַוועק בייטאָג, און מיטן הויפּט טראַקט — קיין דוואָרעץ...

צו אונדזער גליק האָט אונדז אָנגעטראָפן אַ פויער, און ער האָט דערציילט אונדז אַז אין לאַגער איז קיין לעבעדיקער מענטש געבליבן, און די דייטשן

הרגענען יעדן ייד, וועלכן זיי כאַפּן. ער האָט אונדז געראָטן גיין אין יידישן פּאַרטיזאַנען אָטריאַד, אונטער ביעלסקעס קאָמאַנד, וועלכער געפינט זיך נישט ווייט פון אונדז, און ער האָט אונדז פאַנאַנדערגעזאָגט ווי צו גיין אַהין.

דער וועג צו ביעלסקעס אָטריאַד

אין ערשטן דאָרף אויף אונדזער וועג, האָבן די שקצים אונדז געכאַפּט און געוואָלט אונדז איבערגעבן דער פּאָליציי, מיר האָבן זיי געדראָט אַז די פּאַרטיזאַנער וועלן פאַרברענען דעם דאָרף אויב ס'וועט וואָס געשען מיט אונדז. עלטערע קריסטן האָבן זיך אַריינגעמישט, און מ'האָט אונדז אָפּגעלאָזט.

אויף אונדזער וועג אין וואַלד, זענען מיר צוגעקומען צו אַ כוטאָר, און געבעטן אַ פּלאַץ צו איבערנעכטיקן. די בעלת־הביתטע האָט אונדז דערקלערט אַז מיר געפינען זיך אין דער פּאַרטיזאַנען זאָנע, און אַז זייער דערלויבעניש קען זי אונדז נישט איבערלאָזן, און געשיקט איר שגצל צו די פּאַרטיזאַנער.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט אין ס'זענען אָנגעקומען עטלעכע רוסישע פּאַרטיזאַנער וועלכע האָבן אונדז גענומען פאַרשן.

מיר האָבן זיי דערציילט אַז מיר האָבן אָנגעט אָפּן יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אונדז געהייסן גיין אַהער.

דער קאָמאַנדיר, דערהערנדיק דאָס, האָט גענומען שרייען: — ווו זענט איר געווען ביז איצט? כל זמן די דייטשן האָבן אייך נישט געהרגעט, זענט איר געזעסן אין די געטאָס, און געדינט די דייטשן!...

ער האָט דאַן באַפוילן אויסליידיקן אונדזערע טאַשן, און זייער אינהאַלט אַרויפלייגן אויפן טיש. נישט געפינענדיק ביי אונדז קיין ווערטפולע זאַכן, האָט ער גענומען אונדז דראָהען, מיר זאָלן אים זאָגן ווו מיר האָבן באַהאַלטן אונדזער גאָלד און בריליאַנטן... און גענומען אונדז באַזוכן. ביי צוויי פון אונדז האָט ער גאָרנישט געפינען, אָבער ביים דריטן, אַ ישיבה בחור, האָט ער געפונען אין טאַש אַן ארבע־כנפות. מיט פאַרקריצטע ציין און ברענענדיקע אויגן, פונקט ווי אַ נאַצי, האָט ער געפרעגט דעם בחור: — כ'האָב דאָך באַפוילן אַלעס אַרויסנעמען פון די טאַשן, פאַרוואָס האָסטו נישט געפאָלגט? און אַזוי רעדנדיק האָט ער גענומען אים שלאָגן מיטן רעוואָלווער, און צעבלוטיקט אים, און דאַן געהייסן אים אַרויספירן און דערשיסן.

מיר זענען געשטאַנען ווי געליימטע און געטראַכט אַז מיר זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשע מיטאַרבעטער. דאָ איז אָבער געקומען די הילף פון אַ אומגעוואַרטער זייט:

די בעל־הביתטע האָט דערקלערט דעם קאָמאַנדיר, אַז די ארבע־כנפות איז אַ רעליגיעזע זאַך, וועלכע פרומע יידן טראָגן אויף זיך. אָבער דער קאָמאַנדיר

האָט נישט געוואָלט הערן פון דעם. דאַן האָט זי זיך געשטעלט אין טיר און נישט געלאָזט אַרויספירן דעם בחור. ווייענדיק האָט זי זיך געווענדעט צו די פאַרטיזאַנער:

— „די דייטשן האָבן דאָ, אין שטוב דערשאָסן מיין מאַן, מער וועל איך נישט דערלויבן צו פאַרגיסן ביי מיר אין שטוב, אומשולדיק בלוט!" —

אירע ווערטער האָבן אַ ביסל באַרוהיקט די רוסן. דער קאָמאַנדיר האָט צע־ריסן די ארבע־כנפות, אויף 4 חלקים, אונדז האָט ער געהייסן אַרומוויקלען מיט דעם (ווי מיט אַ שמאַטע) איין פוס, און דעם ישיבה־בחור — ביידע פיס...

נאָך אָט דעם „העלדישן טאַט" האָט ער אונדז דערקלערט ווי צו גיין צו בעלסקעס אָטריאַד.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. מיר זענען געווען מיד און הונגע־ריק. צו אונדזער שמחה האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ חוטאָר, און נישט טראַכטנדיק, אָנגעקלאַפּט אין טיר. דער קריסט האָט געעפנט די טיר און געגעבן אַ סימן אַז מיר זאָלן שווייגן. ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין קיך און שעפּ־טשענדיק דערציילט אַז ער האָט היינט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער מיט אַ פּאָליציאַנט און די שיכורע געסט שלאָפן ביי אים אין שטוב .ער האָט אונדז געגעבן צו עסן און אויך ריינע העמדער צו איבערבייטן. מיר זענען דאַן אַרויף אויפן וואַרעמען אויוון און גלייך איינגעשלאָפן.

פאַרטאָג ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן, האָט ער אונדז אויפגעוועקט און פאַנאַנדערגעזאָגט די וועג צו זיינעם אַ פריינט וועלכער וועט אונדז אַדורכפירן די באַן־ליניע. און כך־הוא, און מיר זענען אָנגעקומען אין פאַרטיזאַנען ראַיאָן. דאָ האָבן מיר זיך געפילט זיכערער.

אַזוי גייענדיק, זענען מיר ווידער אָנגעקומען צו אַ חוטאָר און אָנגעקלאַפּט. די טיר האָט געעפנט אַ מאַן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, וועלכער האָט אונדז באַפוילן אויפהייבן די הענט. אין שטוב אויפן וואַנט, זענען געהאַנגען דייטשע שינעלן, און מיר זענען געווען זיכער אַז מיר זענען געקומען צום ענד פון אונדזער וועג... צו אונדזער גרויסער שמחה, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַז דאָ זענען דוקא פאַרטיזאַנער, און דער מאַן מיטן רעוואָלווער איז זייער קאָמאַנ־דיר. ער האָט אונדז אויסגעהערט און געגעבן אַ בריוו אין שטאַב פון די פאַר־טיזאַנער. גלייכצייטיק האָט ער אונדז דערקלערט אַז מיר געפינען זיך אין דער פאַרטיזאַנען זאָנע, און קענען זיך דאָ באַוועגן אויך בייטאָג, און דאַרפן נישט מורא האָבן...

דערווייל האָבן מיר זיך פאַנאַנדער גערעדט מיטן בעל־הבית פון כוטאָר. דער קריסט האָט אונדז דערציילט אַז עס קומען צו אים אָפט 2 יידישע פאַרטיזאַנער פון איוועניעץ: יודעלע קאָוואַלסקי און ישראל קאָטלער.

דערהערנדיק דאָס, האָבן מיר אים געבעטן ער זאָל אונדז ווייזן דעם וועג צו זיי. ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון דעם. אָבער זיין ווייב, האָט אונדז שטילערהייט, דערקלערט ווי מען גייט צו זיי, און פאַרשווירן אונדז, מיר זאָלן דאָס קיינעם נישט דערציילן, אַפילו נישט איר מאַן.

נאָך עטלעכע שעה גיין האָבן מיר דערזעען פאַר זיך זעמליאַנקעס און דע הערט אַ געשריי — סטאַי!

הינטער אַ בוים האָבן מיר דערזען אַ פּאַרטיזאַן, וועלכער האָט געצילט זיין ביקס אויף אונדז. כ׳האָב אים גלייך דערקענט. דאָס איז געווען יצחק בערענשטיין, פון איוועניעץ, אויך ער האָט מיר דע־קענט, און אונדזער שמחה איז געווען גרויס.

פּאַרטיזאַנער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום אונדז, און גענומען אונדז אויספרעגן פון וואַנען מיר קומען.

דערהערנדיק פון דער דוואָרעצער שחיטה, האָבן אַ סך זיך צעוויינט, ווייל כמעט אַלע האָבן געהאַט דאָרט משפחה און פריינט.

מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ זעמליאַנקע צום קאָמאַנדיר, ישראל יאַנ־קעלעוויץ. ער האָט אונדז גענומען פאָרשן ווי אַזוי מיר האָבן געפונען דעם וועג צו אים, און באַנוגנט זיך מיט אונדזער ענטפער, אָבער געראָטן אונדז גיין אין צווייטן אָטריאַד, ווייל דאָ זענען בלויז 2 זעמליאַנקעס, אוןביידע זענען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. דאַקעגן, אין צווייטן אָטריאַד זענען דאָ פרייע זעמליאַנקעס. ער האָט איינגעשטימט ווייזן אונדז דעם וועג אַהין, אָבער פאַר־שווירן אונדז נישט דערציילן קיינעם אַז ער האָט אונדז דעם וועג באַוויזן, און אויך נישט אויסזאָגן אַז מיר זענען געווען דאָ ביי אים.

די אויספאָרשונג

ער האָט אונדז דערפירט נאָענט פון צווייטן לאַגער, און פון דאָרטן האָבן מיר פאַרגעזעצט אונדזער וועג אַליין. קיינער האָט אונדז נישט אָפּגעהאַלטן, און מיר האָבן קיינעם נישט אָנגעטראָפן. אַזוי ווי מיר האָבן נישט געהאַט וועמען צו פרעגן, האָבן מיר באַשלאָסן אַריינגיין אין דער ערשטער זעמליאַנקע, וועלכע מיר האָבן אָנגעטראָפן. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז עס געווען די זעמליאַנקע פון שטאַב, און די קאָמאַנדירן זענען דאָרט געזעסן און געשפּילט אין קאָרטן.

דערזעענדיק פּלוצלינג פרעמדע מענטשן, זענען זיי אויפגעשפּרונגען און געכאַפּט זיך צו די רעוואָלווערן. זיי האָבן אונדז אַרומגערינגלט, און גענומען פאָרשן, ווער מיר זענען, און ווער האָט אונדז אַהער געבראַכט. מיר האָבן זיי געגעבן דעם בריוו און דערקלערט אַז דער קאָמאַנדיר וועלכער האָט דעם בריוו

אונדז געגעבן, האָט אונדז פֿאַנאַנדערגעזאָגט ווי צו גיין אַהער. זיי האָבן אָבער געשריגן אַז מיר דערציילן ליגנס, ווייל אַן אַ וועג־ווייזער, איז א־ממעגלעך צו געפינען דעם וועג צו זיי!

דער קאָמאַנדיר רויט פון כעס, האָט אָנגעכאַפּט יענקלען פאַרן ק אַגן, און אַרויסגעפירט אים אין דרויסן, און אויסגעשאָסן נעבן זיין א.יער. יענקעלע האָט זיך זייער דערשראָקן, און דערציילט דעם גאַנצן אמת. א־יך מיר, דערהערנדיק דעם שאָס, זענען געווען זיכער אַז מ׳האָט יענקעלען דערשאָסן.

דערווייל איז דער קאָמאַנדיר אַריין צוריק אין זעמליאַנקע, צוגעגאַנגען צו אונדז און אויסגערעדט בלויז איין וואָרט, — ליגנער! — און איך מיט פייוולען האָבן אַריינגעכאַפּט פון אים, פייערדיקע פעטש...

און נאָך אַ מאָל האָט ער א־נדז געמוסרט פאַר נישט דערציילן דעם אמת, און דאַן אונדז פאַרטיילט אין די זעמליאַנקעס: מיר האָט מען צוגעטיילט צו די איוועניצער פאַרטיזאַנען: צו ישראל קאָטלער און יודל קאָוואַלסקי. יענ־קעלען — צום שטאַב, און פייוולען צוריקגעשיקט צו יאַנקעלעוויצן, וועלכער האָט אויך געקראָגן אַ שטראָף, מ׳האָט ביי אים צוגענומען אויף אַ געוויסער צייט, דאָס געווער.

אויף צומאָרגנס נאָך אונדזער אָנקומען אין לאַגער, האָבן זיך א־מגעקערט פון אַן אויפגאַבע, די איוועניצער פאַרטיזאַנער. דערזעענדיק מיר, האָבן זיי נישט געוואָלט גלויבן זייערע אויגן .זיי האָבן זיך מיט מיר זייער דערפרייט, און גענומען מיר אויספרעגן וועגן אַלץ. ווען כ׳האָב זיי דערציילט וועגן ס־וף פון דוואָרעצער לאַגער, איז יודעלע קאָוואַלסקי געוואָרן דערשיטערט. דאָרט האָט זיך געפונען זיין כלה, משה־אליס דעם שוסטערס אַ טאָכטער. ער איז געשטאַנען מיט אַ אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ און געשטיקט זיך מיט זיינע טרערן, מיר אַלע זענען געשטאַנען שטיל. ווייל מיר האָבן געוווסט וואָס ביי אים אין האַרצן קומט פאָר. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ א־ן אַרויסגערעדט:
— איצט האָב איך מער קיינעם אויף דער וועלט...

די איוועניצער האָבן מיר געגעבן אַ פּעלץ, וואַלינקעס און צוגעזאָגט אין גיכן שאַפן מיר אויך אַ ביקס.

אַזוי זענען אַדורך עטלעכע וואָכן. כ׳האָב זיך אויסגעלערנט צו שיסן, געהאַלטן וואַך און געוואַרט מיט אומגעדולט, אויף דעם טאָג ווען איך וועל אָנטיילנעמען אין די פאַרטיזאַנישע אויפגאַבן.

נישט ווייט פון אונדזער לאַגער האָט געלעבט אַ קריסט, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט כאַפּן יידן און איבערגעבן זיי צו די דייטשן. פאַר יעדן געכאַפּטן ייד, פלעגט ער קריגן באַצאָלט.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר געקריגן אַ באַפעל, — ליקווידירן דעם יידן־מערדער. איך האָב זיך באַטייליקט אין דער אויפגאַבע.

ס׳איז געווען נאַכט ווען מיר זענען אָנגעקומען צו דעם מערדערס שטוב, און עס אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

צוויי פון אונדז, איינער אָנגעטאָן אַלס דייטשער אָפיציר, דער צווייטער, אַלס פּאָליציי קאָמענדאַנט זענען אַריין צום קריסט אין שטוב און באַגריסט אים מיט אַן „הייל היטלער״. זיי האָבן אים דערציילט אַז מען מאַכט איצט אַן אַבלאַווע אויף יידן, און זיי נויטיקן זיך אין אַ וועג ווייזער, וועלכער קען גוט די געגנט.

דער קריסט האָט זיך אָנגעכאַפּט און פאַרגעלייגט זיך אַלס וועגווייזער. ער האָט זיי באַוויזן אַ רעוואָלווער, וועלכן ער האָט געקראָגן אַלס מתנה פ׳ן דער אָרטיקער פּאָליציי, פאַר מיטאַרבעטן מיט זיי. פון אונטערן בעט האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ ביקס און אַ נאַגאַן, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו יידן, וועלכע ער האָט דערשאָסן, און זייערע קערפּערס איבערגעגעבן דער פּאָליציי. אזוי באַרימענדיק זיך, האָט ער געבראַכט אַ פלאַש בראַנפן, און פאַרגעלייגט צו טרינקען צו היטלערס געזונט...

די צוויי געסט האָבן אָבער אים איבעררײַשט: זיי האָבן אים אָנגעקוקט און אַרויסגערעדט: — מיר זענען יידן. —

דער גוי איז געבליבן געלעמט פון שרעק. דאַן זענען מיר אַריין אין שטוב, און דערשאָסן אים און זיין גאַנצע משפחה. צום טיר האָבן מיר אָנגעקלעפּט אַ פּאַפּיר, אויף וועלכער ס׳איז געווען אָנגעשריבן:

„דער זעלבער סוף וועט זיין פון די אַלע וועלכע דינען דעם דייטש״!

פון דאָרטן זענען מיר אַפּגעפאָרן אין אַ צווייטן דאָרף ווו ס׳האָט געלעבט אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האָט אָנטייל גענומען אין אַ סך שחיטות.

מיר האָבן אים געטראָפן אין שטוב, געבונדן אים און אַרויפגעלייגט אויפן שליטן, כדי ברענגען אים אין שטאַב. אין שטוב ביי אים האָבן געאַרבעט 2 פרויען, אַ מוטער און אַ טאָכטער, אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד. ווען זיי האָבן דער־הערט אונדז רעדן יידיש, האָבן זיי אונדז שטילערהייט דערציילט אז זיי זענען יידן, אָבער קיינער ווייס פון דעם נישט. מיר האָבן דאַן באַשלאָסן נאָך דעם פּאָליציאַנט מיטנעמען, און נישט אָנגערירט זיין משפחה.

אָנקומענדיק אין דריטן דאָרף, האָט מען א״ף אונדז געעפנט אַ שטאַרק פֿייער פון מאַשין געווער, און פאַרוווּנדעט צוויי פון אונדז.

מיר זענען געצוווּנגען געווען אָפּצוטרעטן.

צוריקוועגס אין אונדזער לאַגער, זענען מיר פאַרבייגעפאָרן דער שטוב, ווו מיר האָבן דערשאָסן דעם רוצח מיט זיין משפחה, און דערהערט פון שטוב אַ געוויין פון אַ קינד. אויפן אויוון האָבן מיר געפונען אַ קליין שגצל. מיר האָבן אים מיטגענומען און איבערגעלאָזט אים ביי די קריסטן פון אַ דערבייאיקן חוטאָר.


Удостоверение.
Предъявитель сего тов. Рольник Мордух Калманович 1918 г.р. действительно являлся партизаном отряда им. М.И. Калинина [illegible] Минской зоны. [illegible] [illegible] по своему [illegible] [illegible]

תעודה פאַרטיזנית של מרדכי רולניק
אַ באַשטעטיקונג אַלס פאַרטיזאַן פאַר מרדכי ראָלניק

דער דורכפאַל

אַ צווייטע גרופע פ׳ן אונדזער אָטריאַד, האָט באַקומען אַ באַפעל אָפּצורעכנען זיך מיט אַ וואַלד־וועכטער (לעסניק) נעבן נאָוואָגרודעק, וועלכער פלעגט מיטאַרבעטן מיט די דייטשן. ס׳האָט אים אָבער געלונגען אָפּצובעטן זיך ביי די פאַרטיזאַנער, און זיי האָבן אים געלאָזט לעבן. אַלס דאַנק פאַ״ דעם, האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף אַ שכן, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסן, פעטן חזיר...

די פּאַרטיזאַנער האָבן דערשאָסן דעם חזיר, און מיטגענומען אים אין לאַגער. אָבער דאָס בלוט פון חזיר האָט איבערגעלאָזט שפּורן אויפן שניי. דאָס האָט געהאָלפן די דייטשן צו געפינען דעם פּאַרטיזאַנער לאַגער.

ס'איז געווען אַרום 3 דעם זייגער, נאָך מיטאָג. נישט ווייט פון אונדז האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי. אין פּאַניק, האָבן מיר אַלע זיך געלאָזן לויפן טיף אין וואַלד, און איבערגעלאָזט אין אַ זעמליאַנקע 2 מאַשין געווער. אַפּלויפנדיק אַ שטיקל וועג, האָט דער קאָמיסאַר אונדז אָפּגעהאַלטן, און געפאָדערט אַז 2 מאַן זאָלן צוריקלויפן אין לאַגער און מיטברענגען די מאַשין געווער.

גוטעלע בערקאָווסקי, פון נאָוואָגרודעק, און איך, האָבן זיך וואָלונטירט, געלאָפן אין לאַגער, געכאַפּט די מאַשין געווער, און מיט אַלע כוחות צוריק־געלאָפן אין וואַלד.

ווען ס'איז פינצטער געוואָרן, (ביי נאַכט פלעגן די דייטשן נישט בלייבן אין וואַלד) האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין לאַגער, פון וועלכן ס'זענען גע־בליבן בלויז רויכערדיקע האָלאָוועשקעס. צווישן די בוימער, האָבן מיר געפונען יצחק אַפּענהיים פון נאָוואָגרודעק. ער איז געווען שטאַרק פאַרוווּנדעט, אָבער אַ לעבעדיקער. די דייטשן האָבן קענטיק געמיינט אַז ער איז טויט, און אים געלאָזט ליגן. דעם צווייטן פּאַרטיזאַן, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָבן מיר געפונען אַ טויטן. אָבער אַ ערגערן טויט האָבן געהאַט זיינע 2 שוועס־טער, די היטלעריסטן האָבן זיי געכאַפּט און פאַרפייניקט צום ט.יט... דער 4טער קרבן איז געווען אַ דאָקטאָר, וועלכער איז בלויז מיט עטלעכע טעג צוריק, געקו־מען צו אונדז. ער האָט זיך אויפגעהאַנגען און איבערגעלאָזט אַ צעטל, אַז ער וויל נישט אַריינפאַלן אַ לעבעדיקער צו די נאַציס...

נאָכן געלונגענעם אָנפאַל אויף אונדזער לאַגער, איז די פּאָליציי געבליבן נעכטיקן אין אַ דערבייאיקן כוטאָר. לכבוד זייער „גרויסן נצחון״ האָבן זיי זיך אָנגעשיכורט מיט סאַמאָגאָנקע״ און איינגעשלאָפן.

אין יענער נאַכט האָבן זיך צוריקגעקערט פון אַ געלונגענער אויפגאַבע, אַ גרופּע פון אונדזערע פּאַרטיזאַנער, און אַריין אין זעלבן כוטאָר, זיך אָנ־וואַרעמען.

דערזעענדיק די פּאָליציאַנטן, האָבן די פּאַרטיזאַנער זיי פאַרוואָרפן מיט גראַ־נאַטן, און דערהרגעט אַ 20 מאַן. די איבערגעבליבענע זענען אַנטלאָפן, איבער־לאָזנדיק זייער געווער און זאַכן.

דער טויט פון יודעלע קאָוואַלסקי

יודעלע, איז געווען ווי קוועק־זילבער. שטענדיק אין באַוועגונג, פול מיט איינפאַלן, און שטענדיק געזוכט נקמה צו נעמען פון די פּאַרהאַסטע נאַציס און זייערע מיטאַרבעטער. פון די רוצחים וועלכע האָבן אומגעבראַכט זיין משפחה און זיין כלה, די יונגע, שיינע מיידל, וועלכע ער האָט געליבט מער ווי זיך אַליין.

אין מערץ 1943, האָט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, אונטער דער קאָמאַנד פון אברהם פּאָלאָנסקי (פון נאָוואָגרודעק) באַקומען אַ באַפעל צו פאַ־ניכטן אַ גוט, ווו ס׳האָט זיך געפונען אַ ספּירט און זייף פאַבריק, וועלכע האָט געאַרבעט פאַר די דייטשן. אין דער גרופּע האָט זיך געפינען אויך יודל קאָוואַלסקי.

דער גוט איז געווען באַוואַכט פון פּאָליציי און דייטשן. דאָך איז זיי גע־לונגען צוגנבענען זיך אומבאַמערקט, צום שטוב ווו די וואַך האָט זיך געפונען און פאַרוואָרפן זיי מיט גראַנאַטן. דאַן האָבן זיי אומגעשטע־ט אָנגעלאָדן די שליטנס ,מיט גוטס און צוריק אָפּגעטראָטן, פאַרברענענדיק דעם גוט אין די פאַבריקן.

דערווייל האָט געגומען טאָגן, און זיי האָבן באַשלאָסן איבערצוטאָגן אין אַ כוטאָר, וועלכער האָט זיך געפונען 5 ק״מ פון נאָוואָגרודעק. דע־ אינהאַבער פון כוטאָר, מיטן נאָמען — בעלאאוס, האָט זיי געגעבן צו עסן, און אַ פּלאַץ צום שלאָפן. ווען זיי זענען איינגעשלאָפן, האָט ער געשיקט זיינעם אַ קליינעם שגצל, קיין נאָוואָגרודעק, אָנזאָגן די דייטשן אַז ביי אים שלאָפן פּאַרטיזאַנער.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, און אַ כוח פון 200 מאַן, דייטשן און פּאָליציי, האָבן אַרומגערינגלט דעם כוטאָר, געעפנט אַ שטאַרק פייע־ אויף די פּאַרטי־זאַנער, און געהרגעט 10 פון זיי. צווישן זיי אויך יודעלען. די דייטשן האָבן מיטגענומען די שליטנס מיט די גוטס און אויך דאָס געווער, און מיט גע־לעכטער און געזאַנג, ווי ס׳פּאַסט פאַר זיגער, צוריקגעפאָרן קיין נאָוואָגרודעק.

אברהם פּאָלאָנסקי, דער עלטסטער פון דער גרופּע, איז געלעגן באַהאַלטן אין קאַטוך, אונטערן אויוון. ווען די דייטשן זענען אַוועק איז ער אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, צוגעלאָפן צום קריסט, און אויסגעשריען: פאַררעטער! אָבער דעם פויערס זון, האָט זיך ציגעגנבעט צו אים פון הינטן, און מיט אַ האַק, אים געהרגעט.

דער פויער — בעלאאוס, האָט געקראָגן פון די דייטשן, אַ דאַנק בריוו פאַר זיין מיטאַרבעט, און אויך 5000 מאַרק.

ס׳האָט געדויערט עטלעכע וואָכן, ביז אונדזער שטאַב האָט צונויפגעקליבן אַלע פּרטים, וועגן דעם אומקום פון דער גרופּע.

געפֿונען צו די שלושים פֿון זייער אומקום, האָט עשהל בעלסקי, בראש פֿון 25 מאַן, אַרומגערינגלט בעלאאוסעס כוטאָר. עטלעכע פּאַרטיזאַנער זענען אַריין אין שטוב און דערשאָסן דעם קריסט מיט זיין גאַנצער משפּחה. זיין האָב און גוטס האָבן מיר פֿאַרברענט, ווייל דער באַפֿעל איז געווען — „אַלץ לאָזן מיטן רויך". —

פֿון דאָרט זענען מיר אַוועק אין דערבייאיקן כוטאָר וווּ ס'האָט געוווינט דער צווייטער שגץ, וועלכער האָט צוזאַמען מיט בעלאאוסעס זון, אַראָפּגעבראַכט די דייטשן. זיין פֿאָטער האָט זיך געצלמט און געשווירן אַז ער האָט נישט געוווּסט פֿון דעם אַלץ. איינער פֿון אונדזער גרופּע, וועמענס ברודער איז געווען צווישן די געהרגעטע, האָט דעם שגץ אַרויסגעפֿירט אין דרויסן און אים דערשאָסן.

צוריקקומענדיק אין אונדזער באַזע, האָט דער קאָמאַנדיר צונויפֿגענומען אַלע פּאַרטיזאַנער, און דערציילט וועגן אונדזער נקמה אַקט. דאַן האָט ער געפֿרעגט צו מיר האָבן אַלץ פֿאַרברענט. מיכל לייבאָוויץ, איז אַרויסגעטראָטן פֿון דער ריי, און געמעלדעט אַז ער האָט מיטגענומען אַ מאַרינאַרקע, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס אָנצוטאָן. גלייכצייטיק האָט ער אַרויסגענומען פֿון טאַש אַ בריוו, וועלכן ער האָט געפֿונען אין דער מאַרינאַרקע, און אים איבערגעגעבן דעם קאָמאַנדיר.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען דער דאַנק־בריוו, וועלכן די דייטשן האָבן געשיקט דעם פּויער, פֿאַרן אַרויסגעבן די פּאַרטיזאַנער. דאָרט איז געווען געשריבן אַז מען גיט אים אויך 5000 מאַרק, פֿאַר זיין „פּאַטריאָטישן טאַט". דער בריוו איז געווען אונטערגעשריבן דורכן געביטס קאָמיסאַר טראַיב שפּעטער האָט מען דעם בריוו איבערגעשיקט, מיט אַן אַעראָפּלאַן, קיין מאָסקווע.

די גרויסע אָבלאַווע אין דער נאַליבאָקער פּושצע

דעם 1.8.1943 האָבן די דייטשן אָנגעפֿאַנגען אַ גרויסע אָבלאַווע אויף פּאַרטיזאַנער, אין דער נאַליבאָקער פּושצע. טויזנטער דייטשן, מיט טאַנקען און אַרטילעריע, האָבן אַרומגערינגלט דער פּושצע. אַעראָפּלאַנען האָבן אונדז אַז אויפֿהער, באַוואָרפֿן מיט באָמבעס, און נאָכגעשפּירט אונדזערע באַוועגונגען.

אונדזער גרופּע האָט געציילט 1200 מאַן, צווישן זיי זענען געווען אויך קינדער און פֿרויען, און דאָס האָט זייער פֿאַרשווערט אונדז.

אַ דאַנק צו אונדזערע 2 וועגווייזער; די פּאַרטיזאַנער, מאַכלעס און קיווע, ביידע נאַליבאָקער יידן, וועלכע האָבן געקענט אַלע וועגן און שטעגן פֿון דער פּושצע, איז אונדז געלונגען צוקומען צו אַ קליינעם אינזל "קראַסנאַ־גורקה", וועלכער איז געלעגן צווישן די ריזיקע זומפּן אין דער פּושצע.

12 טעג זענען מיר דאָרט געזסן, אָן עסן, און געטרונקען די בלאָטע־וואַסער. מער האָבן מיר נישט געקענט אויסהאַלטן.

אונדזער קאָמאַנדיר, בעלסקי, האָט אונדז צעטיילט אויף קליינע גרופּן און באַפוילן אַדורכגנבענען זיך דורכן דייטשן רינג און גיין אין ריכטונג פון אונדזער אַלטער באַזע, אין צווייטן וואַלד.



איבנצאים, שרידי השואה, במחנה פליטים פרנוואלד בגרמניה
די לעבן געבליבענע איוועניצער לאַנדסלייט אין לאַגער פערנוואַלד, אין דייטשלאַנד

אונדזער גרופּע איז געלונגען אַדורכגיין אומבאַמערקט דעם דייטשן קאָר־דאָן. עטלעכע טעג שפּעטער, האָבן זיך די דייטשן צוריקגעצויגן פון דער פּושטשע, אויסלאָזענדיק זייער כעס, אויף די אַרומיקע דערפער, וועלכע זיי האָבן פאַר־ברענט און זייערע איינוווינער אויסגעהרגעט, ווייל זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט די פּאַרטיזאַנער... אַזוי אַרום זענען דאָרט פאַרניכטעט געוואָרן 17 דערפער און הונדערטער כוטאָרס...

דערווייל האָבן די דייטשן אַראָפּגעבראַכט די וולאַסאָווצעס און די ווייסע קאָזאַקן, און פאַרטיילט זיי אין די דערפער, אַרום אונדזער וואַלד. ס'איז שווער געוואָרן צו קריגן פּראָוויאַנט פאַר אונדזער באַזע. מ'האָט גענומען ליידן הונגער, לייז האָבן אונדז באַפאַלן, און אַ סך האָבן גענומען ליידן פון קרעץ. איין מאָל בין איך געשיקט געוואָרן צו אַ קריסט (דער זעלבער, וועמענס ווייב האָט אונדז פאַנאַנדערגעזאָגט דעם וועג צו בעלסקעס פּאַרטיזאַנען) כדי ברענגען פון אים רפואות פאַר אונדזערע קראַנקע. דער קריסט האָט מיר דערציילט, אַז אין וואַלד בלאָנקען זיך אַרום אַ סך יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון נאָוואָגרודקער געטאָ. צוריקקערנדיק זיך אין לאַגער האָב איך, צווישן די בוימער, באַמערקט מענטשן, און כ'האָב גענומען שרייען צו זיי אויף יידיש. ס'האָבן זיך אַרום מיר צונויפגעקליבן 6 יידן, אַנטלאָפענע פון געטאָ, און איך האָב זיי מיטגענומען אין לאַגער.

בעת דעם פּאַרטיזאַנען אָנגריף אויף נאַליבאָקער קלייסטער, זענען געפאַלן אויך 3 איוועניצער בחורים: הירשל מיליקאָווסקי, משה און אלי פונט.

מיר האָבן זיך באַפרייט אין יאָר 1944. אַ ביסל צייט האָב איך געאַרבעט אין נאָוואָגרודקער „וואָיענקאָמאַט". ס'האָט אָבער קיין זין געהאַט צו בלייבן און לעבן דאָרט ווו די ערד האָט אָנגעזאַפּט אַזוי פיל יידיש בלוט. אַליין איז מיר דאָ פרעמד געווען, און איך האָב אויסגענוצט מיין פּוילישע בירגערשאַפט, און אָפּגעפאָרן קיין פּוילן. נאָך פיל מאַטערניש און סכנות, בין איך אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד, און פון דאָרט, ענדלעך, אין 1948 בין איך אָנגעקומען קיין ישראל, אין מיין אַלט־נייע היים!

דבורה סביניק, חולון

דער חורבן פון אַ יידישער קהילה

די דייטשן קומען אָן

דאָנערשטיק, דעם 26טן יוני 1941 זענען אָנגעקומען קיין איוועניעץ 3 דייטשע טאַנקען, זיי האָבן אָנגעטראָפן אַ סאָוויעטישע מאַשין מיט זעלנער און זיי פאַרניכטעט, דערנאָך האָבן זיי פאַרמינירט דעם צוגאַנג צוביידע בריקן און פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

דאָנערשטיק פאַרנאַכט, האָבן זיך באַוויזן די מאַשינען פון די אָפּטרעטנדע רויטאַרמייער. מיין פאָטער, יוסף פערסקי ז"ל און מיין ברודער בערל,

האָבן אָפּגעהאַלטן די רוסן און געוואָרנט זיי אַז די בריקן זענען פאַרמינירט. די רוסן האָבן זיי געדאַנקט פאַר זייער אינפאָרמאַציע און דעמינירט די בריקן. די גאַנצע נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק האָבן געשטראָמט דורך ניישטאָט, די אָפּטרעטענדע כוחות פון דער רויטער אַרמיי.

פרייטיק פרי, דעם 27טן יוני 1941, האָבן אַריינמאַרשירט די רעגולערע דייטשע טרופּן

דער בלבול וועגן דערמאָרדעטן פליער

די ערשטע טעג נאָכן קריגס־אויסברוך האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט איוועניעץ און איינער פון זייערע אַעראָפּלאַנען איז אַרונטערגעשאָסן געוואָרן און דער פליער — וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פּאַראַשוט — איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגנשאַפט, אין געבראַכט אים אַ פאַרווונדעטן איז איוועניעצער שפּיטאָל.

ווען די לעצטע רוסישע טרופּן האָבן פאַרלאָזט איוועניעץ, האָבן זיי דער־שאָסן קענטיק דעם פליער.

ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל האָבן די אַרטיקע קריסטן פאַר־מסרט פאַר זיי אַז די יידן האָבן דערמאָרדעט זייערן אַ פליער.

דעם זעלבן טאָג פון זייער אָנקומען, פרייטיק נאָך מיטאָג, האָבן די דייטשן באַפוילן אַז אַלע מענער פון 13 יאָר אָן, זאָלן זיך אויסשטעלן אויפן מאַרק־פּלאַץ.

די ערשטע קרבנות

אויפן מאַרק־פּלאַץ האָט מען זיי אויסגעשטעלט אין 4 רייען, באַפוילן אויס־ליידיקן זייערע טאַשן און דאַן געהייסן גיין אין ריכטונג פון די קאַשאַרן און זינגען די „התקוה”. געזאָגט האָט מען זיי אַז מען פירט זיי אויף אַרבעט.

אָנקומענדיק נעבן די קאַשאַרן האָט מען זיי ווידער אויסגעשטעלט אין 2 רייען און אַ דייטשער אָפיציר האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף 35 מאַן און געהייסן זיי אַרויסגיין פון די רייען. צווישן די 35 יידן איז אויך געווען דער רב, מיכאל־מנחם גרוניצקי. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער פּוילישער בירגערמייסטער און געפּועלט ביים דייטש ער זאָל באַפרייען דעם רב.

צווישן די 35 יידן איז געווען דער שוחט שימשעלעוויטש, וועלכער האָט גלייך גענומען זאָגן וידוי, אויך האָט דער מערדער אויסגעקליבן די 3 ברידער שקלוט, כאָטש זיי זענען נישט געשטאַנען צוזאַמען. דאַן האָט זיך דער אָפיציר געווענדעט צו די יידן און געפאָדערט אַז די וועלכע האָבן דערמאָרדעט דעם דייטשן פליער זאָלן אַרויסגיין פון די רייען, און דאַן וועט ער אָפּלאָזן די

איבעריקע. פאַרשטייט זיך אַז קיינער איז נישט אַרויס, ווייל קיינער פון די יידן האָט אַפילו נישט געוווּסט געגנוי פון וואָס עס האַנדלט זיך...

דער דייטש האָט דאַן באַפוילן די 35 יידן גיין צום דערבייאיקן וועלדל, ווו ס'האָבן שוין געוואַרט אויף זיי די דייטשע מערדער. די איבערגעבליבענע האָבן געהערט דאָס שיסעריי און פאַרשטאַנען דעם אמת... ווען דאָס שיסעריי האָט זיך געענדיקט האָט מען די פאַרבליבענע אויך אַוועקגעפירט אין וועלדל. און באַפוילן צו נעמען די הרוגים און אַריינוואַרפן זיי אין די קלאָזעטן־גריבער פון די קאַשאַרן.

איינער פון די 35 פאַראורטיילטע, אַ באַקשטער ייד, איז נאָר פאַרוווּנדעט געוואָרן, אָבער ער האָט געקראָגן אַ שאָק און גענומען שרייען, אַ דייטש איז צוגעקומען און אים דערשאָסן. דאַקעגן אַ צווייטער ייד, דער מנקר פון דערמיר, וועלכער איז על־פי־נס ניצול געוואָרן, איז געלעגן שטיל, און ווען די יידן זענען צוגעקומען צו אים האָט ער זיך אויסגעמישט מיט זיי און געהאָלפן אַריבערטראָגן די דערשאָסענע. אַזוי אַרום זענען דאַן דערמאָרדעט געוואָרן 34 יידן.

נאָכן אַוועקנעמען די מענער, זענען די פרויען און קינדער פאַרבליבן אין שרעק. אַזוי ווי נאָך 6 אין אָוונט האָט מען נישט געטאָרט אַרויסגיין אין גאַס, זענען זיי די גאַנצע נאַכט געשטאַנען ביי די פענצטער, און אויסגעקוקט זייערע אויגן נאָך זייערע מענער און טאַטעס.

צומאָרגנס, שבת פאַרטאָג, איז צו מיר אַריינגעקומען מיין שכנטע, זישע־גיטע ראָלניק ע״ה, און דערציילט אַז אַ סך יידן זענען דערשאָסן געוואָרן, צווישן זיי אונדזערע שכנים: די שוחטים — אברהם־דוד שימשעלעוויטש און שלמה מאָסלאָוואַטי.

דערווייל האָט געגומען טאָגן, מ'האָט שוין געמעגט אַרויס גיין אין גאַס און דאַן האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז די לעבן געבליבענע מענער זענען פאַר־שפּאַרט אין די ליידיקע קלייטן, אויפן מאַרק.

8 דעם זייגער האָט מען אונדז דערלויבט ברענגען עסן פאַר די פאַר־שפּאַרטע. מיר זענען אַלע געלאָפן צו די קראָמען, אָבער פיל פרויען האָבן שוין מער זייערע מענער נישט געזעען.

איך בין געלאָפן צו באַקאַנטע קריסטן און געבעטן זיך זיי זאָלן אַנווענדן פּראָטעקציע, כדי מ'זאָל באַפרייען מיין מאַן. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ערשט זונטיק פרי האָט מען זיי באַפרייט.

דעם זעלבן זונטיק האָבן די לעבן געבליבענע יידן זיך צוזאַמענגעקומען און באַשלאָסן צו העלפן, ווי ווייט מעגלעך, די אלמנות און יתומים. מיין שכנטע, אסתר־רייזל, די אלמנה פון שוחט שימשעלעוויטש, האָט בשום אופן

נישט געוואָלט נעמען קיין צדקה. מיין מאַן, חיים־אברהם ז״ל האָט איר אָבער פאַרזיכערט אַז ער גיט איר אַן הלוואה, און מיט דער צייט, ווען זי עס צוריק־געבן. (מיר אַלע האָבן געגלויבט אַז די שחיטה איז נאָר אַ צופאַל, צוליב דעם דערשאָסענעם פליער), די צווייטע שכנתטע, רעלע, די אלמנה פון שוחט שלמה מאסלאוואטי, איז געבליבן מיט 7 קליינע קינדער, און דאָס וואָס זי האָט באַקומען פון קהל האָט נישט געקלעקט. האָבן מיר געהאָלפן מיט וואָס מיר האָבן געקאָנט די ביידע אלמנות.

מען רויבט ביי די יידן

די גאַנצע וואָך האָבן מיר געלעבט אין שרעק. ס׳זענען צו אונדז דער־גאַנגען פאַרשידענע קלאַנגען אין וועלכע מיר האָבן נישט געוואָלט גלויבן.

די שטאָטישע קריסטן זענען געקומען צו די יידן און פאַרגעלייגט מען זאָל זיי געבן אַלע ווערטפולע זאַכן, און זיי וועלן דאָס אויסבאַהאַלטן ביי זיך, ווייל ס׳גרייט זיך אַ פּאָגראָם אויף די יידן. אַ טייל האָבן זיי געגלויבט און געגעבן.

דעם צווייטן שבת זענען אָנגעקומען פויערים פון די אַרומיקע דע־פער און אָנגעפאַלן, ווי היישעריקן די יידישע הייזער, און צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געפונען דאָרט, אַפילו ליידיקע פלעשער... זיי האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט יידיש האָב און גוטס, נאָר אויך מערדערלעך געשלאָגן די יידן. די גוואַלדן פון די געשלאָגענע האָבן זיך געהערט אין אַלע עקן פון שטאָט.

די ערשטע פויערים זענען אַריינגעלאָפן צו אסתר רעזניק אין שטוב און עס אויסגעליידיקט, דוד׳ן האָבן זיי מערדערלעך צעשלאָגן און אַרויסגעוואָרפן אים אין דרויסן. די רויבער זענען אויך געקומען צו איטשע כץ, וועלכער האָט דערזען צווישן די רויבער — אַ באַקאַנטן קריסט, און גענומען בעטן אים ער זאָל וואָס איבערלאָזן אין שטוב, אָבער דער לעצטער האָט אים מיט אַן אייזן צעשפּאָלטן די קאָפּ. אין דער זעלבער צייט איז דאָרט פאַרבייגעגאַנגען אַ דייטשער סאָלדאַט, און די משפחה האָט זיך גענומען בעטן ביי אים ער זאָל זיי העלפן. אָבער ווען ער האָט דערהערט אַז דאָס איז אַ „יידע״ איז ער מיט אַ שמייכל אַוועק. אויך צו אונדז זענען אַריינגעקומען באַקאַנטע קריסטן, נישט גערויבט, נאָר געבעטן מיר זאָלן זיי געבן פאַרשידענע זאַכן, פאַרשפּרעכנדיק דאָס צוריקגעבן ווען מיר וועלן דאָס דאַרפן. מיר האָבן זיי דאַן טאַקע פיל זאַכן געגעבן. אַ סך יידן האָבן געהאַט אַ מין פאַרגעפיל, און באַוויזן צו באַהאַלטן אַ טייל זאַכן.

וואָס אָנבאַלאַנגט די אָרטיקע קריסטן, האָט אַ טייל פון זיי — שפּעטער אומגעקערט די יידן די זאַכן וועלכע מ׳האָט זיי געגעבן צו באַהאַלטן. איך פער־זענלעך האָב געגעבן אַ באַקאַנטן קריסט פון „אונטערן־טייך״ אַ סך זאַכן צ־

באַהאַלטן. אָבער נאָר דער באַפרייאונג, ווען כ'בין צוריקגעקומען, האָט ער געטענה'ט אַז אויך אים האָט מען באַרויבט...

ווייטערדיקע מאָרד טהאַטן

דעם שוואַרצן פרייטיק, ווען מ'האָט דערשאָסן די 34 יידן, איז מיין ברודער מיכאל פערסקי, געלעגן באַהאַלטן. אויף צומאָרגנס, שבת פאַרטאָג, איז ער געלאָפן צו מיר זעען וואָס איז מיט אונדז. אַזוי לויפנדיק האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף 2 דייטשן וועלכע האָבן אים אָפּגעהאַלטן און געפרעגט, „ווּהין יוּדע?" פון שרעק האָט ער פאַרלוירן דעם לשון און זיי נישט געענטפערט. די דייטשן האָבן קענטיק אויסגעטייטש זיין שווייגן, אַז ער פאַרשטייט נישט קיין דייטש, און אויב אַזוי, איז ער דאָך נישט קיין ייד, און זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט. אַ ביסל ווייטער האָבן זיי געטראָפן יוסף לאַבוק, און אים דערשאָסן אויפן אָרט.

צוויי וואָכן נאָך דער ערשטער שחיטה, זענען ווידער אכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן 13 יידן.

די אָרטיקע אַנטיסעמיטן האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ רשימה פון יידן און איבערגעגעבן זיי צו די דייטשן, זאָגנדיק אַז זיי זענען קאָמוניסטן.

דער פּאָליציי איז געלונגען צונויפצוזאַמלען בלויז 13 יידן. די איבעריקע זענען געווען אויף אַרבעט, אָדער געלעגן באַהאַלטן.

ווען די פּאָליציאַנטן זענען געקומען נעמען חיים שיף, האָבן זיי אים נישט געפונען. זיי האָבן אָבער באַרוהיקט זיין ווייב און פאַרזיכערט אַז זיי זענען אים נישט געקומען אַרעסטירן, נאָר בלויז אים נעמען אויף אַרבעט — אויסמאָלן דעם קאָמענדאַנטס ביוראָ. חיים האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן און איז אַרויס פון זיין באַהעלטעניש. דאַן האָבן די פּאָליציאַנטן אים אַוועקגעפירט אויפן זאַמל־פונקט, וועלכער איז געווען ביי ווירשובסקי דעם אַפּטייקער, אין קעלער, און וואָס האָט אויך געדינט אַלס טורמע. אויך צו מיר אין שטוב איז געקומען אַ באַקאַנטער פּאָליציאַנט און געזאָגט אַז ער וויל מיין מאַן בלויז אויף אַרבעט, און איך האָב זיך נישט וואָס צו שרעקן. איך האָב אָבער געהאַלטן אין איין טענהן דאָס כ'וויים נישט ווו מיין מאַן איז...

פון קעלער האָט מען די 13 יידן אַוועקגעפירט אויף ניי־שטאָט, נעבן בית־עולם, און נאָכן פייניקן זיי — דערשאָסן.

צווישן די 13 קדושים זענען געווען: זאַוול מאַלטשיק מיט זיין טאָכטער יענטע (וועלכע די מערדער האָבן שרעקלעך זי געפייניקט, און דערנאָך איר דערשאָסן), עוזר אקון, די ברידער לייבע און ראובן שקליאַר, בערל און הושע

ליפשיץ, חיים שיף, מאָטל בייטש פייווע קוזניעץ איטשע און יעקב קיוואַוויץ און דער גר אברהם וואָז׳ניאַק, אַ געוועזענער פּוילישער סערזשאַנט ווּעמען די קריסטן האָבן נישט געקענט שיינקען זיין אַ־יבערגיין צום יידנטום.

די שחיטה פון די 76 יידן

אין אַ געוויסן טאָג זענען אָנגעקומען 2 מאַשינען מיט ס. ס.־לייט און געגעבן אַן באַפעל דער אָרטיקער פּאָליציי צונויפצוזאַמלען אַלע יידישע מענער אויפן מאַרק־פּלאַץ. אַזוי ווי זיי האָבן כמעט קיינעם נישט געפונען אין די הייזער, האָבן זיי געבראַכט יידן וועלכע האָבן געאַרבעט אויף די פעלדער, הינטערן שטאָט. אַזוי אַרום האָבן זיי אויפגעזאַמלט 75 מאַן. די פּאָליציאַנטן האָבן דאַן דערקלערט, אַז די אַרעסטירטע יידן קענען זיך אויסקויפן אויב זייערע משפחות וועלן באַצאָלן די דייטשן מיט ווערטפולע זאַכן, ווי: צירונג, לעדער און מאַנו־פאַקטור. אלי זאַק און פייגל מאלאט זענען אַרומגעלאָפן איבער די יידישע הייזער, כדי דאָס צונויפצוזאַמלען. דערווייל האָבן די דייטשן זיך פאַרווײַלט אויפן מאַרק: זיי האָבן געכאַפּט 2 קאַליקע פרויען פון הקדש: יענטע און מיכלע שלומה׳ס און באַפוילן זיי טאַנצן מיט זלמן דעם וואַסערט־עגער, און געשעפּט נחת פון דעם ספּעקטאַקל. דערווייל האָבן די יידן געבראַכט דאָס אויסקויף־געלט — די ווערטפולע זאַכן, וואָס די מערדער האָבן געפאָדערט, זיי האָבן עס אָנגע־לאָדן אין זייערע מאַשינען, און די 75 יידן האָט מען אַוועקגעטריבן צום דאָרף קאָרדוני, און דאָרט זיי דערשאָסן... צווישן די געכאַפּטע איז אויך געווען מיין שוואָגער יוסף סיראָטקין. ער איז געווען באַהאַלטן, אָבער דעם שכנס אַ שייגעצל האָט אים אַרויסגעגעבן צו די דייטשן. אין דער זעלבער נאַכט זענען געקומען צו אים אין שטוב 2 פּאָליציאַנטן, אויפגעוועקט זיין פרוי, ריבע און זיין שוועס־טער מלכה און געפאָדערט זיי זאָלן זאָגן ווו יוסף באַהאַלט זיך, ווייל ער איז אַנטלאָפן אויפן וועג קיין קורדוני, אױן דעריבער וועלן זיי דערשיסן זיין פרוי און שוועסטער. ווען די פּאָליציאַנטן זענען געווען פאַרטיפט אין ראַבירן, זענען די צוויי פרויען אַנטלאָפן דורכן פענצטער. ליידער זענען קיינע שפּורן נישט פאַרבליבן פון יוסף סיראָטקין.

מיכאל דער שמיד, וועלכער האָט געווינט נעבן רויטן קלויסטער, אויף מוכאַוויצער גאַס, איז אַרויס פון שטוב און האָט זיך פונקט אָנגעשטויסן מיט דער גרופּע יידן, וועלכע מ׳האָט געפירט שיסן, און די רוצחים האָבן אויך אים מיטגענומען.

נחקע פון מיל־גאַס, האָט געפּיטערט זיינע ציגן נעבן ווייסן קלויסטער. ער האָט געהערט אַז מען זוכט יידן אויף אַרבעט, און מורא האָבנדיק אַז אויב מען וועט אים כאַפּן אויסבאַהאַלטנדיק זיך, וועט מען אים דערשיסן, האָט ער

גלייך אָװעקגעפירט די ציגן אין שטאַל, אַין נאָכגעיאָגט די גרופּע ייִדן, װעלכע מ׳האָט געפירט קיין קורדוני, און איז אויך דערמאָרדעט געוואָרן... צווישן די 76 דערמאָרדעטע זענען געווען:

אושמן ראובן, ברגר מיכאל, הימלשטיין מרדכי, הלפרין ליפּע, ומבורג מרדכי, זק אלי, חיים ברוך־יוסל׳ס, מיליקובסקי נחום־יעקב, מאלאס יונה, מוש־קוביץ מנדל, מורדוכוביץ שמואל־דוד, מיכאל דער שמיד, נח׳קע, נאַכימובסקי דוד, נביניאַנסקי יצחק־יעקב, סירוטקין יוסף, קולוטקין אברהם, קויפמן ישראל, קויפמאַן ירחמיאל, רובינשטיין יוחנן, רבינוביץ איזיק, ראדישקובסקי דן, שוסטער שלמה, שמואל־פישל.

דאָס שאַפן פון געטאָ

דעם 10.11.41 האָבן די דייטשן באַפוילן אַז אַלע ייִדן — אַיסער די וואָס וווינען אויף מיל און שול־הויף גאַסן — זאָלן אין פאַרלויף פון 15 מינוט צונויפ־קלייבן זיך, מיט זייער האָב און גוטס, אויפן מאַרק־פּלאַץ. דאָרט האָט מען זיי געהאַלטן ביז ס׳איז געוואָרן טונקל, און דאַן האָט מען זיי גענומען טרייבן, מיט קלעפּ און שיסעריי, אין מיל־גאַס און שולהויף־גאַס. מיר, די איינוווינער פון די 2 גאַסן האָבן פון גאָרנישט געוווּסט, און פּלוצלינג האָט זיך דער המון אַריינגעלאָזט אין אונדזערע גאַסן. ס׳איז געוואָרן אַ שטופּעריי, די ענגשאַפט אין די הייזער איז געווען אומבאַשרייבלעך, אָבער דאָך האָט מען זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט, צו אונדז אין שטוב האָבן זיך אַריינגעקליבן מיין מאַנס שוועס־טער מיט איר משפּחה, די פאַמיליע בערגער, מאַניע רובינשטיין מיט אירע 2 קינדער. מיין פאָטער, יוסף פּערסקי, מיין ברודער בערל פּערסקי, מלכה און ריבע סיראָטקין, ווי אויך מיין צווייטער ברודער מיכאל מיט זיין פרוי און צוויי קינדער.

אויף צומאָרגנס איז מאַניע רובינשטיין מיט אירע קינדער אַריבער צו איר שוועסטער. מאַניע איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער און געהאַט אַן דערלויבעניש אַרומגיין פריי איבערן שטעטל. ווען ס׳איז אַרויס דער באַפעל איבערגיין אין געטאָ, האָט זי באַהאַלטן איר מאַן אין אַ בונקער, גוט פאַרמאַסקירט, און אַליין מיט די צוויי קינדער אַריבער אין געטאָ. די ערשטע נאַכט אין געטאָ, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט, מיט אַ געוויין, איר האָט זיך געחלומט אַז מ׳האָט געהרגעט איר מאַן. מיר זענען שוין קיינער די נאַכט נישט געשלאָפן, און געהאַלטן אין איין טרייסטן איר. צומאָרגנס האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז איר מאַן איז ביינאַכט אַרויס פון בונקער, אַ פּאָליציאַנט האָט אים באַמערקט און אים דערשאָסן.

מיין מאַנס שוועסטער מיט איר משפּחה איז אויף צומאָרגנס אַ־יבער צו איר פֿאָטער, אין שטוב איז געוואָרן עטוואָס גראַמער.

אויף דער דריטער נאַכט איז מלכה סיראָטקין אַריבער צו איר ברודער אברהמ׳צע און פֿאַרבליבן דאָרט נעכטיקן. די מענער זענען אַרונטער אין בונ־קער וועלכער האָט זיך געפֿונען אין דערבייאיקן גאָרטן. נאָר די פֿרויען און קינדער זענען געבליבן אין שטוב. מיר האָבן זיך געגרייט שוין גיין שלאָפֿן, ווי פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. מיר האָבן זיך זייער דערשראָקן און געבליבן זיצן שטיל. אָבער באַלד האָט זיך דערהערט ווידער אַ קלאַפּ אין טיר, און מיר הערן ווי איינער רעדט אויף יידיש: „מאַכט אויף, האָט נישט קיין מורא, ס׳זענען אייגענע מענטשן״. — מיר האָבן זיך צוגעהערט צו דער שטים — אָבער זי איז געווען אונדז אומבאַקאַנט, און מיר האָבן נישט געקאָנט באַשליסן וואָס צו טאָן. אָבער מיין שוועסטער האָט געמיינט אַז דאָס איז ווער פֿון בונקער, און האָט אויפֿגעמאַכט די טיר. ס׳האָבן זיך אַריינגעלאָזט 2 פּאַ־ליציאַנטן מיט נאַגאַנען אין די הענט. איינער פֿון זיי איז געווען אַ קאָרעליצער שגץ, וועלכער האָט גערעדט יידיש ווי אַ ייד. זיי האָבן געפֿרעגט ווו זענען די מענער. מיר האָבן געענטפֿערט דאָס מ׳האָט זיי געשיקט אויף אַרבעט און זיי זענען פֿאַרבליבן אין דאָרף. דאַן האָבן זיי געפֿאָדערט מיר זאָלן זיי געבן אונדזער צירונג, און אַראָפּגענומען פֿון מיין פֿינגער דעם קידושין־רינג, און נאָך קאָנטראָ־לירט צי עס איז באמת אַ גאָלדענער. דאַן האָבן זיי זיך אָנגעטשעפּעט צו מיין שוועסטער, זי זאָל גיין מיט זיי אין איר פֿ־יעריקער וווינונג, און באַווייזן זיי די זאַכן וועלכע זי האָט דאָרט איבערגעלאָזט.

איך בין אַריין אין צווייטן צימער און אויפֿגעוועקט די קינדער, וועלכע האָבן געוווינט וויינען, די מוטערס האָבן געכאַפּט אויף די הענט זייערע קינדער אָבער דערזעענדיק די פּאָליציאַנטן האָבן זיי זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט. ס׳איז געוואָרן אַ שטאַרקער גוואַלד. די פּאָליציאַנטן האָבן געכאַפּט מיין שווע־גערינס 2 פּעקלעך מיט זאַכן און פֿאַרלאָזן די שטוב.

פֿון אונדז זענען זיי אַוועק צו אסתּר רעזניק, און אויך דאָרט געמאַכט די זעלבע סצענע און באַפֿוילן דעם רב, וועלכער האָט דאָרט געוווינט, ער זאָל אויף צומאָרגנס צוגרייטן 600 רובל.

דער ערשטער טראַנספּאָרט קיין דוואָרעץ

אין אַ געוויסן ווינטערדיקן פֿרימאָ־גן, האָט מען אַרומגערינגלט דעם געטאָ, און אַרויסגעפֿירט פֿון דאָרט עטלעכע הונדערט מענטשן, פֿרויען און מענער, און אַוועקגעטריבן זיי קיין דוואָרעץ. צווישן די געכאַפּטע איז אויך געווען אסתּר־רייזל, די אלמנה פֿון שוחט שימשעלעוויטש, און אויך זיין שוועסטער קיילע.

זייערע קליינע קינדער זענען געבליבן אַליין אין געטאָ. קיילען האָבן די דייטשן דערשאָסן נעבן קאַמין, ווייל זי האָט קיין כּ״ח נישט געהאַט מיטצוגיין מיט אַלעמען. (שפּעטער, ווען מען האָט אויך אונדז אַוועקגעשיקט קיין נאַוואָגרודעק, איז אונדז געלונגען אַריבערשמוגלען קיין דוואַרעץ קיילעס טאָכטער, פייגעלע און אויך דעם זון פון אסתּר־רייזל).

דערווייל האָט מען אַרעסטירט מיין מאַן. כ׳בין אַוועקגעלאָפן צו שמואל קאַלאַטשיק און געבעטן אים זען וואָס האָט דאָ פּאַסירט. ער איז גלייך אַוועק צום קאָמענדאַנט, וועלכער האָט געפאָדערט אַן אויסקויף: אַ פּאָר טופל, שטיוול און 1000 רובל, אין צוגעזאָגט אים גלייך באַפרייען. כ׳האָב די געפאָדערטע זאַכן איבערגעגעבן דעם קאָמענדאַנט און געוואַרט אויף מיין מאַן. דערווייל איז אים געלונגען איבערצוגעבן מיר, דורך די 2 יידישע מיידלעך, וועלכע האָבן געאַר־בעט ביי די פּאָליציי, אַז אויב ער וועט בלייבן די נאַכט דאָרט, וועט ער קיין לעבעדיקער נישט אַרויס... קאַלאַטשיק איז ווידער געלאָפן צום קאָמענדאַנט, אָבער ערשט אויף צומאָרגנס האָבן זיי באַפרייט מיין מאַן. ער איז געווען פאַר־בלוטיקט און געשוואָלן פון די קלעפּ וואָס ער האָט דאָרט געכאַפּט. מיר האָבן אים איינגעוויקלט אין קאַלטע ליילעכער און געהאַלטן אים אין בעט 2 וואָכן. געלעגן איז ער אויפן בויך, ווייל די פּלייצע זיינע איז געווען צעריסן פון די קלעפּ. ס׳האָט אים באַזוכט דער רב, און זעענדיק אים און זיינע ליידן האָט ער זיך צעוויינט...

די אומגליקלעכע קינדער פון רובעזשעוויטש

שבועות 1942 זענען אין די קאַשאַרן אָנגעקומען יידן פון רובעזשעוויטש. צוזאַמען מיט זייערע קינדער. די דייטשן האָבן געזאָגט די יידן, אַז זיי וועלן אַרבעטן אין איוועניעץ אין די קאַשאַרן און זיי וועלן זיין צוזאַמען מיט זייערע קינדער.

אָבער אויף צומאָרגנס האָט מען אַלע דערוואַקסענע אָפּגעריסן פון זייערע קינדער און אַוועקגעשיקט קיין דוואַרעץ די קינדער האָט מען איבערגעלאָזט אין די קאַשאַרן.

אַזוי אַרום זענען פאַרבליבן אין איוועניעץ אַ פּאָר הונדערט קינדער, און מען האָט זיי געבראַכט אין געטאָ. אַ טייל פון זיי האָבן געהאַט צוגענייטע נעמען אויף זייערע זאַכן און זייער פיל, האָבן אַפילו נישט געוווסט זייערע נעמען און די נעמען פון זייערע עלטערן.

ביי בערל ראַלניק אין מיל־גאַס האָט מען איינגעאָרדנט אַ קינדער־היים. אין קינדער־היים האָבן געאַרבעט: בת־שבע רובינשטיין, חוה שפּאַדעל, אסתּר פונט

(שיף) און דבורה סביניק. דאָס שטעטל האָט באַזאָרגט די קינדער מיט מילך און מיט אַלע נויטווענדיקע זאַכן.

עטלעכע פּרטים וועגן די קינדער

ווען די דייטשן האָבן אַנגעזאָגט אַז אין די קאַשאַרן געפינען זיך יידישע קינדער און מען זאָל זיי צונעמען אין געטאָ, האָבן זיך די איוועניעצער יידן אַ לאָז געטאָן צו די קאַשאַרן, כדי צו ברענגען די אומגליקלעכע לעבעדיקע יתומים צו זיך אין געטאָ אַריין.

ווען מיין מאַן חיים־אברהם ז״ל מיט מיין פאָטער יוסף פּערסקי ז״ל זענען געקומען אין די קאַשאַרן האָבן זיי דאָרט געטראָפן מיין מומעס 4 אייניקלעך (2 קינדער פון מיין קוזינע עלקע און 2 קינדער פון מיין קוזין מאיר־איטשע). איין יינגל פון אַ יאָר 8 איז אַרונגעגאַנגען און וויינענדיק געפרעגט אפשר ווייס עמעצער ווו עס וווינט חיים־אברהם סבינק, ווייל זיין טאַטע האָט אים פאַרזאָגט, אַז ער זאָל געפינען חיים־אברהמען דעם קצב, און זאָגן אים, אַז ער איז אַ זון פון אשר חעם קצב פון רוביזשעוויטש.

מיין מאַן האָט מיטגענומען אַהיים די 4 קינדער פון אונדזערע קרובים ווי אויך דעם יינגל.

מיין קוזין מאיר־איטשעס 2 קינדער זענען אַלט געווען — איינער 3 יאָר, דער צווייטער 1 יאָר. מערקווערדיק, אַז דאָס דריי־יאָריקע קינד האָט פאַרשטאַנען די לאַגע און ביינאַכט ווען זיין קליינינקער 1־יאָריקער ברודערל פלעגט וויינען און רופן זיין מוטער, פלעגט ער אים וויגן און באַרואיקן, אַז אָט באַלד וועט די מוטער קומען. יעדן אין דער פרי פלעגט ער דער 3־יאָריקער לויפן נאָך מילך פאַר דעם קינד.

אשר׳ס 8־יאָריקער זון איז געוואָרן היסטעריש פון שרעק. ער האָט די גאַנצע צייט געוויינט און געבעטן אַז מען זאָל אים אָפּשיקן צום טאַטן .ער האָט געטענהט אַז ער קען נישט עסן ביי אַ פרעמדן טיש אָן טאַטן און מאַמען...

נאָכן אַרויספירן אונדז קיין נאָוואָגרודעק איז אונדז געלונגען צו מיטנעמען דעם יינגל מיט אונדז און אַפילו אים אַריבערשיקן אומלעגאַל צו זיינע עלטערן קיין דוואָרעץ. ליידער איז ער דאָרט אומגעקומען.

קלאַנגען וועגן אַרויספיר

עס האָבן זיך פאַרשפּרייט אין געטאָ קלאַנגען אַז מען וועט אַלעמען אַרויספירן פון שטעטל, אויסער די, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט די קינדער. איך פער־זענלעך האָב באַשלאָסן צו בלייבן מיט זיי.

דער יודנראַט באַשטעטיקט די קלאַנגען און אַלע פרויען האָבן די לעצטע

טעג פאַרן אַרויסגיין געאַרבעט שווער ביי די קינדער, כדי זיי זאָלן זײַן ריין. דעם טאָג פון אונדזער אַרויספירן האָט אַ דייטש אונדז באַפוילן אַרויספירן אַלע קינדער אויפן מאַרק צום יודן־ראַט. עס זענען געקומען עטלעכע דייטשן, וועלכע האָבן געגלעט די קינדער, געשמייכלט צו זיי און דאַן באַפוילן זיי צוריק פיר־ן אין קינדער־היים. דאַן איז געקומען אַ באַפויל, אַז אַלע דערוואַקסענע זאָלן אַרויס־גיין אויפן פלאַץ, בלויז די אַלטע בת־שבע האָבן זיי איבערגעלאָזט מיט די קינדער.

דער לעצטער אפעל

אויפן מאַרק־פלאַץ האָבן זיך פאַ־זאַמלט אַלע מענער פרויען אין עלטער פון 13 ביז 70 יאָר. אַלע קליינע קינדער ווי אויך די עלטערע מענטשן זענען גע־בליבן אין געטאָ. ס׳איז אוממעגלעך צו באַשרייבן דאָס געזעגענען זיך פון די קינדער. עלקעס מיידעלע, מאַריאַשע, (פון רובעזשעוויטש) אין גאַנצן 10 יאָר אַלט, האָט מיר ביים געזעגענען אָנגעקוקט ווי אַ דערוואַקסענער מענטש און געזאָגט — „מומינקע, צו דען גלויבסט איר אַז זיי וועלן אונדז דאָ לאַנג האַלטן? זיי דאַרפן דאָך נישט קיין קינדער און נישט קיין אַלטע מענטשן”... די קינדער האָבן געוואָלט מיר נאָכלויפן, און מיין פאָטער האָט געמוזט פאַרשפאַרן די טיר.

פ־ין מיין משפחה זענען געבליבן מיט מיין פאָטער יוסף פערסקי ז״ל, מיינע 2 קינדער אייזיק און בנימין־קלמן, מיין שוועסטער די קימפעטאָרין, ריבע סי־ראַסקין מיט 2 קינדער, יידל און קיילע, מיין ברודער מיכאל פערסקיס 2 קינדער נתן און קיילע, מיין קוזינעס — עלקע בעקער 2 קינדער, חצקל און מאַריאַשע און מיין קוזינס מאיר־איטשע נאליבאצקי 2 קינדער. צוזאַמען 11 קינדער.

מיין מאַן האָט פאַרגעלייגט אויך צו איבערלאָזן אונדזער עלטערן זון, שלומ׳עןַ אָבער מיין ברודער האָט געראַטן, אַז ער זאָל בעסער גיי־ן מיט אונדז.

מיין שוועגערין צביה און איר מאַן לייבע בערגער, האָבן בשום אופן נישט געוואָלט איבערלאָזן זייערע צוויי קינדער; יענקעלע און שאשקעלע. זיי האָבן די קינדער אַריינגעלייגט אין 2 רוקזעק, אָנגעטאָן עס אויף די אַקסלען, און אַזוי אַוועק צום זאַמל־פונקט. ערשט אָפגייענדיק אַ לאַנגע שטרעקע פון שטעטל, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט די קינדער פון די רוקזעק, געטראָגן זיי אויף די אַקסלען, און געבראַכט זיי קיין נאָוואָגרודעק.

לייבע איז אומגעקומען אין נאָוואָגרודעק.

פון פלאַץ האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין די קאַשאַרן, ווו מיר האָבן איבערגענעכטיקט. אַ טייל מענטשן האָבן אויסגענוצט די פינצטערניש און זיך צוריקגעקערט אין געטאָ.

אויף צומאָרגנס האָט מען אונדז אַוועקגעפירט קיין נאליבאָק. דאָרט האָבן מיר גענעכטיקט אין אַ שייער. ביינאַכט זענען אַריין עטלעכע פאָליציאַנטן פון

דער וואַך און גענומען ראַבירן דאָס לעצטע האָב־און־גוטס. שמואל קאַלאַטשיק, וועלכער איז געווען פון די ענערגישסטע טוער אין געטאָ האָט באַפוילן, מיר זאָלן מאַכן גוואַלדן. אונדזערע געשרייען האָבן טאַקע געהאָלפן און מען האָט אויפגעהערט צו ראַבירן.

פון נאַליבאָק האָט מען אונדז אַוועקגעפירט קיין לובטש. אין לובטש האָט מען אונדז געלאָדן אויפן קליין־באַן.ביים אַריינגיין אין צוג האָבן די דייטשן מיט די פּאָליציאַנטן אַלעמען געיאָגט און מערדערלעך געשלאָגן און פיל זענען קוים מיטן לעבן אָפּגעקומען.

איך אַליין האָב פון שרעק נישט געקאָנט אַריינגיין אין באַן און איך האָב געקראָגן שטאַרקע קלעפּ אין קאָפּ און געחלשט. מענטשן האָבן מיר אַריינגעטראָגן אין קליין־באַן און דאָרט אָפּגעמינטערט.

פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין נאָוואָגרודעק. דאָרט האָט מען אונדז געבראַכט אין פּערעשיקער געטאָ און איינגעלאָקירט אין שייערן.

אין פּערעשיקער געטאָ זענען מיר געווען צוזאַמען: איך מיט מיין מאַן און אונדזער זון, שלום, מיין ברודער מיכאל מיט זיין פרוי חיה, מיין קוזין חאַצקל פּוזניאַק מיט זיין פרוי רבקה, און אברהם־יצחק פּאַזניאַק.

עטלעכע טעג נאָכן אָנקומען אין געטאָ, האָבן מיר צונויפגעלייגט זיך און געדונגען אַ פּאָר קריסטן זיי זאָלן פאָרן קיין איוועניעץ און זעען וואָס מאַכן אונדזערע קינדער, און טרייסטן זיי, אַז אין גיכן וועלן מיר זיי אַריבערנעמען צו אונדז. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן די קריסטן אונדז דערציילט אַז זיי האָבן געזען די קינדער און איבערגעגעבן זיי אונדזערע בריוו. שפּעטער אָבער האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז די קריסטן זענען בכלל נישט געפאָרן קיין איוועניעץ.. און אַז דעם כ״ד סיוון תש״ב האָבן די מערדער אומגעבראַכט אונדזערע קינדער און דאָס ביסל דאָרט פאַרבליבענע יידן!

יעדן טאָג פלעגט מען אונדז טרייבן צו דער אַרבעט אויפן שאָסיי. איך פלעג שטענדיק מיטנעמען מיט זיך מיין זון, שלום, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט אים איבערלאָזן אין געטאָ מיט די מערדער.

די נאָוואָגרודקער יידן זענען געווען מער דערפאַרן פון אונדז, און זיי האָבן געבויט בונקערס. אין געטאָ איז געווען אַ גיהינום. די פּאָליציי האָט אונדז דערנידערט, געשלאָגן און געמאַרדעט. אַזוי האָבן זיי דערשאָסן מאַטקע הימעלשטיינס אַ טאָכטער און אַ נאָוואָגרודקער פרוי.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן די דייטשן אַרויסגענומען פון געטאָ 100 יידן און אַוועקגעשיקט זיי קיין מינסק. צווישן זיי איז אויך געווען מיין מאַן חיים־אברהם. נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז ער איז אומגעקומען אין דער לעצטער שחיטה פון מינסקער געטאָ.

עס זענען ווידער אַדורך עטלעכע וואָכן.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען מען האָט אונדז געפירט צו דער אַרבעט, האָט די פּאָליציי נישט אַרויסגעלאָזט מיין שלומ׳הן פון געטאָ, דאָס אַליין איז שוין געווען אַ צייכן אַז עפּעס גרייט זיך דאָ. ביים טויער, ווו די שטופּעניש איז געווען גרויס, איז אים געלונגען אַרויסגנבֿענען זיך און צושטיין צו אונדזער אַרבעטס־גרופּע. דער געהילף פון אונדזער אויפזעהער איז געווען איטשע דער קאַמינער. דערווייל האָבן מיר זיך דערוווּסט פון אַדורכגייענדע קריסטן אַז אין געטאָ קומט פאָר אַ „אַקציע״. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. וווהין אַנטלויפט מען? מען וועט דאָך אויך אונדז באַלד צוריקשיקן אין געטאָ... (אונדזער קריסטישער אויפזעהער האָט געוואָלט זיך אויפבויען פון אינדזער לאַגע און פאַרגעלייגט אַז אנשטאט אין געטאָ, וועט ער אונדז צוריקשיקן אין די קאַזאַרמען — אָבער פאַר דעם דאַרפן מיר אים באַצאָלן... איך האָב אַרונטערגענומען פון פינגער מיין גאָלדענעם רינגעלע און געגעבן אים). כ׳האָב זיך אָבער מיישב געווען און באַשלאָסן פּרוּוון מיין מזל אין אַן אַנדער פּלאַץ: כ׳האָב אַרונטערגענומען די געלע לאַטע, און אַוועק מיט שלומען צו דעם אַרבעטס־לאַגער, ווו ס׳האָט זיך געפונען מיין ברודער מיכאל פּערסקי. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט נעבן לאַגער, ביז מיין ברודער איז צוגעגאַנגען צו די דראָטן, און אונדז אַריינגעגנבֿעט אין לאַגער. מולקע קאַלאַטשיק האָט אונדז באַהאַלטן אין אַ קעלער ווו ס׳זענען שוין געווען עטלעכע יידן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון פּערעשקער געטאָ, און צווישן זיי — מיין שוועגערין חייקע, און מיין קוזינע רבקה פּאַזניאַק. זיי איז געלונגען ראַטעווען זיך פון דער שחיטה אין געטאָ, און האָבן זיך אַריינגעגנבֿעט אַהער אין לאַגער. אויך אַן עופהלע פון 8 חדשים איז געווען אין קעלער: זיין פאָטער האָט אים געראַטעוועט פון פּערישקער געטאָ. (דעם קינדס מוטער איז געבליבן באַהאַלטן אין געטאָ, און ערשט אויף צומאָרגנס איז איר געלונגען אַרויסגנבֿענען זיך פון דאָרט און קומען צו איר מאַן און קינד). פּלוצלינג האָט דאָס קינד גענומען וויינען. די דייטשע וואַך האָט עפּעס דערפילט, צוגעקומען צו אונדזער קעלער און געפּרוּווט עפענען די טיר, וועלכע איז געווען פאַרשלאָסן. דערהערנדיק די טריט פון די דייטשן, האָבן מיר אַרויפגעוואָרפן אויף דעם קינד אַלע זאַכן וואָס מיר האָבן געהאַט, כדי פאַרשטיקן זיין געוויין. (גלייכצייטיק האָבן מיר אָבער געזאָרגט ער זאָל קענען אָטעמען) דערווייל איז אָנגעקומען מולקע קאַלאַטשיק וועלכער האָט פאַרזיכערט די דייטשן אַז קיינער געפינט זיך נישט אין קעלער, אויך דער קריסטלעכער אויפזעהער האָט עס באַשטעטיקט און די דייטשן זענען אַוועקגעגאַנגען. (דאָס קינד האָט געלעבט נאָך עטלעכע חדשים און געשטאָרבן פון אַ קרענק).

דער קריסטישער אויפזעהער האָט אונדז פאַרשריבן אַלס פרויען פון די

מענער וועלכע אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן, און די דייטשן האָבן אונדז דערלויבט צו בלייבן אין לאַגער. אויף אונדזערע פּלייצעס האָט מען אָנגעניייט נומערן ווי ביי אַלע איבעריקע יידן, און אונדז באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעט. איך האָב פון אָנפאַנג געאַרבעט ביי נייען לעדערנע האַנטשיקעס און פעלצן, שפּעטער האָט מען מיר איבערגעפירט אַרבעטן אין דער לאַגער קיך. אונדזער עסן איז באַשטאַנען פון 125 גראַם ברויט אַ טאָג און אַ ביסל שיטערע זופּ. (אויף 20 עמער וואַסער פלעגן מיר קריגן 5 ק״ג פערל־גרויפּן), דאָס ברויט פלעגט מען טיילן אינדערפרי, די זופּ — אין אָוונט און דאָס איז געווען אונדזער איינציקער עסן. איינמאָל האָט מען אונדז געבראַכט קעפּ פון בהמות, אָבער זיי זענען געווען פול מיט ווערעם. דאָך האָבן מיר עס אויסגערייניקט און די ביינער געקאָכט מיט דער זופּ. דאָס איז געווען אַ מאכל מלכים...

שלום האָט זיך פאַרשריבן אַלס סטאָליאַר און געאַ־בעט אין וואַרשטאַט. ער איז דאַן אַלט געווען 13 יאָר, אַ קינד נאָך. ער האָט מורא געהאַט אַז די דייטשן וועלן אים באַמערקן און... „ליקווידירן״... אויפן אַפּעל פלעגט ער זיך שטעלן אין דער־הינטערשטער שורה, און כדי ער זאָל אויסזעען העכער, פלעגט ער זיך שטעלן אויף צוויי ציגל, וועלכע ער פלעגט מיטנעמען צום אַפּעל.

אין הערבסט איז דער טונעל פאַרטיק געוואָרן. כדי די מענער זאָלן האָבן כוח אים צו בויען, האָבן די פרויען אָפּגעגעבן זייערע 125 גראַם ברויט, די טונעל אַרבעטער.

אַ קורצע צייט פאַר אונדזער אַנטלויפן האָבן די מערדער אַריבערגעפירט פון אונדזער לאַגער קיין קאַלדיטשעווע, אַ גרופּע יידן. צווישן זיי איז אויך געווען מיין ברודער מיכאל, און דאָרט, אין קאַלדיטשעווער לאַגער איז ער אומגעקומען.

דאָס אַנטלויפן

די נאַכט וועלכע איז באַשטימט געוואָרן צום אַנטלויפן, איז געווען אַ פינצ־טערע, אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן און ס׳האָט גערעגנט אָן אויפהער. פאַרן אַנטלויפן האָבן מיר איבערגעריסן די עלעקטרישע דראָטן פון פּראָזשעקטאָר און אויך אויפגעריסן עטלעכע בלעכן פון די דעכער. מיט יעדן בלאָז פון ווינט פלעגן די בלעכן קלאַפּן און זייער גערויש האָט פאַרשטילט די באַוועגונג פון די אַנטלויפנדע.

אין טונעל האָט מען געמוזט פויזן אויף אַלע פיר, איינער נאָכן צווייטן. אונדזערע אָנווייזונגען זענען געווען אַז איינער זאָל נישט אָפּלאָזן דעם צווייטן, און אַזוי פויזן, (אויך אויסערן טונעל) ביז דעם וועלדל.

איך האָב געפויזט נאָך שלום׳ען, און געהאַלטן אים ביי זיין פוס כדי נישט

פאַרלירן אים אין דער פינצטערניש. צום אומגליק האָבן מיר אָבער ביים אַרויס־גאַנג פון טונעל קיינעם נישט געטראָפן, און נישט געוווסט אין וועלכער ריכטונג צו פויזן... מיר זענען געבליבן אַליין און אַ שרעק האָט אונדז באַפאַלן...

נישט ווייט פון דעם טונעל־אַרויסגאַנג האָבן מיר זיך אַנגעשטויסן אויף 2 כּרויען, אַ מוטער און אַ טאָכטער. אויך זיי זענען געווען פאַרצווייפלט. פון טונעל איז די מוטער אַרויס מיט 2 טעכטער, אָבער איינע איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דער פינצטערניש.

דערווייל האָבן די דייטשן פאַריכט דעם פּראָזשעקטאָר און באַלויכטן דאָס פעלד. זיי האָבן דערזען די אַנטלויפנדע, געעפנט אויף זיי אַ שטאַרקע שיסעריי, און דערהרגעט פיל פון זיי.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס צוליב דער פינצטערניש האָבן פיל פון די אַנטלויפנדע זיך נישט אָריענטירט און געקראָכן אין ריכטונג פון לאַגער.

דערהערנדיק די שיסעריי האָבן מיר זיך באַהאַלטן הינטער אַ בערגל, נעבן דעם טייכל. פאַרביי אונדז זענען אַדורך עטלעכע פּאַליציאַנטן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך אין די הענט, אָבער זיי האָבן אונדז נישט באַמערקט. ווען ס׳האָט זיך איינגעשטילט, האָבן מיר ווידער גענומען קריכן אויף אַלע פיר, כּדי דערווייטערן זיך פון דעם טונעל. מיר האָבן אָבער נישט געוווסט אין וועלכער ריכטונג צו קריכן, כּדי נישט אָנשטויסן זיך אין די דייטשן. מיר האָבן באַשלאָסן וואַרטן ביז ס׳וועט נעמען טאָגן. מיר זענען געלעגן צוגעדריקט איינער צום צווייטן ציטערנ־דיק פון קעלט און פּחד, און געוואַרט אויפן נייעם טאָג. ווען ס׳איז געוואָרן ליכ־טיק האָבן מיר דערזען אַז מיר געפינען זיך נעבן דעם שאָסיי. מיר זענען שנעל איבערגעלאָפן אין אַ דערבייאיקן פעלד מיט לובין, אָבער אויך דאָרט איז געווען אַ סכנה צו בלייבן, ווייל דער לובין איז געווען נידעריק און ער האָט אונדז נישט פאַרשטעלט. אויפן צווייטן זייט פון דעם שאָסיי איז געווען אַ יונגער וועלדל. מיר זענען שנעל אַדורכגעלאָפן דעם שאָסיי און באַהאַלטן זיך דאָרט אין די קוסטעס ביים ברעג פון וואַלד. פּלוצלינג זענען אָנגעקומען מאַשינען מיט זעלנער און פּאַליציאַנטן. זיי האָבן אַרומגערינגלט דאָס וועלדל און גענומען שיסן אין אונדזער ריכטונג און דערנעענטערן זיך צו אונדז. זייערס אַ קויל האָט גע־טראָפן שלום׳ען אין פוס און פאַרוווּנדעט אים. ער איז געלעגן פאַרגאָסן מיט בלוט אָבער נישט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ אַפילו, כּדי די רוצחים זאָלן אונדז נישט באַמערקן. מיר זענען געווען זיכער אַז דאָס זענען אונדזערע לעצטע מינוטן. די דייטשן זענען דורכגעגאַנגען נעבן אונדז, אָבער זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווענדעט געווען אין אַ אַנדער ריכטונג: ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, זענען אין וועלדל געווען באַהאַלטן נאָך אייניקע יידן. דערהערנדיק די שיסעריי האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און גענומען אַנטלויפן, די מערדער האָבן זיי נאָכגעיאָגט

און דערשאָסן. אויך אין דעם פעלד מיט די לובין האָבן זיי געפונען 4 יידן און זיי דערשאָסן...

ווען די נאַציס האָבן זיך דערוויסטערט פון וועלדל האָב איך אָפּגעריסן אַ שטיקל שטאָף פון מיין פאַרבלאָטיקטער קלייד און מיט דעם פאַרבונדן שלום׳ס ווונד. ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער האָב איך אים גענומען אויף מיינע אַקסלען און מיר האָבן זיך געלאָזן גיין, נישט וויסנדיק אַליין וואוהין. אונדזער איינציקער ציל איז געווען צו דערווייטערן זיך פון נאַוואַגרודעק. אַזוי זענען מיר געגאַנגען די גאַנצע נאַכט, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ וואַלד. דאָרט האָבן מיר זיך אויס־באַהאַלטן 3 טעג. אָן עסן, געטרונקען האָבן מיר רעגן־וואַסער, טראָפּנס וואַסער וועלכע האָבן געטריפט פון די ביימער. געשלאָפן זענען מיר אויף דער נאַסער ערד, נישט האָבנדיק אַפילו מיט וואָס צוצודעקן זיך... אויפן 4טן טאָג, נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן, האָבן מיר באַשלאָסן מסכן זיין זיך, און גיין זוכן אַ דאָרף כדי בעטן הילף.

אַרויסגייענדיק פון וואַלד האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף 2 גויים וועלכע האָבן געהאַלטן רעוואָלווערן אין זייערע הענט. זיי האָבן געזאָגט אַז זיי זענען פּאָליציאַנטן און זוכן אַנטלאָפענע יידן, און געהייסן אונדז גיין מיט זיי.

דאָ האָט שלום באַמערקט אַז זייערע רעוואָלווערן זענען געמאַכט פון האָלץ. די זעלבע וועלכע מ׳האָט ביי אים אין וואַרשטאַט צוגעגרייט פאַרן אַנטלויפן, און פאַרטיילט זיי צווישן די מענער. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז די 2 קריסטן זענען נישט קיין פּאָליציאַנטן, נאָר פשוטע רוצחים, וועלכע האָבן שוין דערמאָרדעט עטלעכע אַנטלאָפענע יידן, און איצט זענען מיר אין דער ריי...

זיי האָבן אונדז אַרויסגעפירט צום שאָסיי וועלכער פירט קיין נאַוואַגרודעק און די סכנה אַז מיר וועלן אָנטרעפן דייטשן, איז געווען גרויס. כ׳האָב זיך גע־נומען בעטן ביי די גויים זיי זאָלן אונדז אָפּלאָזן. — וואָס וועט אייך אַרויסקימען פון דעם אַז די דייטשן וועלן אונדז דערשיסן? — האָב איך זיי געפרעגט. צום סוף האָבן זיי אונדז אָפּגעלאָזט, אָבער אַלץ אויסקויף האָבן מיר געמוזט זיי אָפּגעבן אונדזערע שיך, און באָרוועס זיך אומגעקערט אין וואַלד. אויך שלום מיט זיין פאַרוווּנדעטער פוס איז געבליבן באָרוועס.

ביינאַכט, האָבן מיר מיט אונדזע־ע לעצטע כוחות זיך צוגעשלעפּט צו אַ חוטאָר און אָנגעקלאַפּט אין טיר. דער פויער האָט אונדז אויסגעהערט און אַרויס־געטראָגן ברויט און אַ פלאַש מילך, און מיר זענען צוריק אַוועק אין וואַלד.

ווידער זענען אַדורך עטלעכע טעג, ביז צופעליק האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פּאָר פויערטעס — גוטע נשמות, זיי האָבן באַטראַכט שלום׳ס פיס און געזאָגט מיר אַז די פוס איז פאַרגיפטעט און זיין לעבן איז אין אַ סכנה, גלייכ־צייטיק ה־בנ־ האָבן זיי אונדז געוואָרנט פון די דייטשן וועלכע געפינען זיך אין

די אַרומיקע דערפער און זוכן די אַנטלאָפענע יידן פון נאַוואַגרודקער לאַגער. זיי האָבן אונדז געהייסן וואַרטן דאָ אין וואַלד, און פאַרשפּראָכן אונדז הילף. איינע פון זיי איז טאַקע צוריקגעקומען און מיטגעבראַכט געקאָכטע קאַרטאָפל און אַ שטיקל ריינע לייוונט, כדי פאַרבאַנדאַזשירן שלום׳ס וווּנד.

שלום׳ס לאַגע איז געוואָרן ערגער פון שעה צו שעה, די ווייטיקן האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט און דאָס קינד איז אויסגעגאַנגען פאַר מיינע אויגן. למרות דער סכנה אַריינפאַלן צו די דייטשן, האָב איך באַשלאָסן נעמען אים אין אַ דערביי־איקן דאָרף און זוכן הילף פאַר אים.

דאָס איז געווען דער עלפטער טאָג פון אונדזער אַנטלויפן. אַנקומענדיק דורך די גערטנער, צו אַ דאָרף, האָב איך דערזען דאָרט אַן אָפענעם שייער און אַריינגעטראָגן דאָרט דאָס קינד, אַרונטערגענומען דעם באַנדאַזש פון זיין פוס און געהייסן אים וואַרטן אויף מיר. אַליין בין אַוועק צו אַ קריסט בעטן אַ ביסל הייסע וואַסער, כדי אַרומוואַשן די וווּנד. פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ געשריי — „מאַמע!״ — כ׳האָב דערקענט שלום׳ס קול און געלאָזן זיך לויפן צום שייער. שלום איז געזעסן אַ דערשראָקענער און נישט געקאָנט רעדן, נאָר מיטן פינגער האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין פוס: אויך מיר האָט פון שרעק פאַרכאַפּט דער אָטעם, און אויף אַ ווײַלע בין איך געבליבן געליימט: 4 פאַרפוילטע פינגער זענען געלעגן אויף דער ערד, זיין 5־טער פינגער האָט זיך געהאַלטן בלויז אויף דעם ביינדל, די וווּנד אַליין איז געווען פול מיט ווערעם. כ׳האָב זיך אָבער נישט פאַרלוירן. כ׳האָב אָפּגעשניטן דעם אָפּגעפוילטן פינגער, אויסגעריייניקט די וווּנד פון די ווערעם, און אַרומגעוואַשן מיט וואַרעמע וואַסער, וועלכע דער פויער האָט מיר געבראַכט, און צוריק פאַרבאַנדאַזשירט מיט ריינע לייוונט. גוטע קריסטן האָבן מיר געהאָלפן היילן די וווּנד מיט „באַבסקע״ מיטלען.

יאָרן זענען פאַרלאָפן ביז די וווּנד איז אויסגעהיילט געוואָרן. די גאַנצע צייט האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן ביי גוטע קריסטן ,געוואַנדערט פון איין אָרט צום צווייטן, פון דאָרף צו דאָרף...

דאָס באַפרייאונג

נאָך דעם ווי די סאָוויעטן האָבן באַפרייט אונדז פון די נאַציס, בין איך מיט מיין זון צוריקגעקומען קיין איוועניעץ. אויף צומאָרגנס זענען מיר צוזאַמען מיט העניע צאַפּקאָוויץ, אַוועק באַזוכן דעם ברידער קבר, אָבער רוסישע זעלנער האָבן אונדז נישט צוגעלאָזט צו אים און אַפילו געשאָסן אין דער לופטן, כדי אונדז אָפּצושרעקן...

אונדזער שטוב האָבן מיר געפונען פאַרברענט. מיר האָבן דעריבער אַריינגע־צויגן זיך אין מיין זיידנס שטוב ווו ס'האָט געוווינט אַ קריסטישע משפחה. זיי האָבן אָבער אָן ויכוחים אונדז גלייך געגעבן אַ צימער.

אַן איוועניצער קריסט, יערמאַק, האָט מיר דערציילט, אַז פאַר די דייטשן איז אים אויסגעקומען צו זיין אין מינסק, און צופעליק האָט ער אין גאַס געטראָפן מיין מאַן, וועמען מ'האָט געפירט צוזאַמען מיט נאָך יידן צו דער אַרבעט. חיים־אברהם האָט אים געגומען אויספרעגן וואָס הערט זיך מיט אונדז. יערמאַק, נישט וויסנדיק אַז מיר האָבן זיך געראַטעוועט, האָט אים געזאָגט אַז אַלע יידן אין



הורים שכולים על קבר ילדיהם שנרצחו
איוועניצער עלטערן אויפן קבר פון זייערע דערמאָרדעטע קינדער

נאָוואָגרודקער געטאָ זענען אומגעקומען. ער האָט פאַרגעלייגט מיין מאַן אַריבער־גנבענען אים קיין איוועניעץ און אויסבאַהאַלטן אים דאָרט. אָבער הערנדיק אַז מיר אַלע זענען אומגעקומען, האָט חיים־אברהם נישט געוואָלט ראַטעווען זיך. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע מינסקער יידן — אין געטאָ.

אין איוועניעץ האָבן באַקאַנטע קריסטן אונדז געהאָלפן מיט עסנוואַרג און זאַכן. צווישן זיי, אונדזערע אַ שכנטע, בוראַק, אויך דעם פעלדשער קאַליניקס פרוי און אויך אַ חאַטאַווער קריסט, ניעדין. אָן זייער הילף ווייס איך נישט ווי מיר וואָלטן דאָרט אויסגעהאַלטן.

ס'האָט אָבער נישט געהאַט קיין זין דאָרט צו בלייבן.

אַלס פוילישער בירגער זענען מיר אָפּגעפאָרן קיין פוילן צוזאַמען מיט מאיר ליפשיץ און אברהם קאַלאַטשיק.

נאָך לאַנגע וואַנדערונגען זענען מיר אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד און דאָרט געלעבט קרוב צו 2 יאָר.

אין דעצעמבער 1948, זענען מיר אויף דער שיף „גלילה" אָנגעקומען קיין ישראל, אין דעם לאַנד פון אונדזערע חלומות און האָפענונגען...



שארית הפליטה, בניי איבניץ בגרמניה, בדרכם לארץ־ישראל
די שארית הפליטה פון איוועניעץ אין דייטשלאַנד, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל

אליעזר גוריון, רמת־גן

טראַגישע ערינערונגען פון די אקופּאַציע יאָרן

מתוך „ספר רוביז'ביץ"

...אַ חודש נאָך פסח זענען ווידער אָנגעפאַרן געסטאַפּאָוצעס און געפאָדערט, אַז 330 יידן זאָלן זיך צושטעלן. מען האָט זיי אַוועקגעפירט קיין איוועניעץ. איך און מיין ברודער משהל מיט אונדזערע פאַמיליעס זענען געווען צווישן זיי.

פאַרן פאַרלאָזן דאָס געטאָ, האָבן מיר נאָך געמוזט צוקוקן צום „ספּעקטאַקל", ווי אַ וואַלמער קריסט האָט ביז בלוט געשלאָגן ר' אליהו אייזענבוד, ביים געלעכטער פון די דייטשן, פּאָליאַקן און פּאָליציי.

אין איוועניעץ האָט מען אונדז געבראַכט אין געטאָ, אויפן שולהויף־גאָס, און אָפּגעלאָזט. יעדער האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר זיך צו קריגן אַ פּלאַץ צום שלאָפן, און פּראָדוקטן צום עסן.

אַזוי זענען אַדורך 3 וואָכן. יעדן טאָג פלעגט מען אונדז פירן גראָבן בונ־

קערס פאַר די דייטשן, צום שיצן זיך פון די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געווען טעטיק אין ראַיאָן.

שבועות האָט מען געבראַכט אין די קאַשאַרן דעם צווייטן טראַנספּאָרט פון רוביזשעוויטשער געטאָ. גלייכצייטיק האָט דער יודנראַט געקריגן אַ באַפעל צוזושטעלן 600 יידן. איך און משה האָבן זיך באַהאַלטן. אונדזערע פרויען און קינדער האָבן זיך צוגעשטעלט אויפן זאַמל־פּלאַץ.

ליגנדיק באַהאַלטן, האָבן מיר געהערט ווי אונדזערע קינדער, וועלכע האָבן זיך צוריק געקערט פון זאַמל־פּלאַץ, גייען אַרום איבער דער שטוב און וויינען:

— וואָס וועלן מיר איצט טאָן אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען?

ווען זיי האָבן אונדז דערזען, איז קיין גרענעץ נישט געווען צו זייער שמחה. מיט טרערן זענען זיי צו אונדז צוגעלאָפן און גערעדט און איבער־געחזרט:

— ווי גוט איז אונדז, מיר האָבן אַ טאַטן.

די נאַכט איז געווען אַ רוהיקע, אָבער מיר האָבן נישט געקענט שלאָפן. וואָס איז' מיט אונדזערע פרויען? ווי העלפט מען זיי? און וואָס וועט זיין מאָרגן מיט אונדזערע קינדער און מיט אונדז?

צומאָרגנס פרי האָבן די דייטשן ווידער גענומען אַרומלויפן איבער די הייזער, זוכן די באַהאַלטענע יידן. זיי האָבן געפונען מיין ברודער משהל מיט הרצל דאַנישעווסקי — און זיי צוגענומען. ווען עס איז רוהיקער געוואָרן, בין איך אַרויס פון מיין באַהעלטעניש. שמואל אקון האָט מיר אַריינגענומען צו זיך אין בונקער, וועלכער איז געווען אויסגעגראָבן אונטער דער פּאָדלאָגע.

*

צומאָרגנס, ווען די דייטשן זענען אַוועק, בין איך אַרויס אין גאַס. צענד־ליקער טויטע יידן זענען געלעגן אין זייער פאַרגליווערט בלוט. דאָס איז געווען די שטראָף פאַר באַהאַלטן זיך.

דער יודנראַט האָט געקראָגן אַ באַפעל איבערצופירן די קינדער פון די קאַשאַרן אין געטאָ אַריין. איך בין אַוועק מיטן יודנראַט צו די קאַשאַרן.

ווען מיר האָבן זיך דערנעטערט, האָבן מיר געהערט אַ געוויין פון קינדער. איין וואַנט פון די קאַשאַרן איז געווען באַפלעקט מיט בלוט און מאַרך. (שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז דאָס איז בלוט און מוח פון רוביזשעוויטשער עופהלעך, וועלכע די דייטשן האָבן געוואָרפן אין וואַנט און אַזוי זיי דער־הרגעט).

דאָס בילד וואָס מיר האָבן געזען אין די קאַשאַרן, איז שווער צו פאַרגעסן: דאָס צימער איז געווען פול מיט קליינע, וויינענדיקע קינדער. אַט זיצט אויף דער פּאָדלאָגע אַ צוויי־יעריק מיידעלע און וויגט אויף אירע קניעלעך אַ פּאָר־

נעצט און שוואַך עופּהלע,ביידע וויינען פון התגער און עלנטקייט.

אַט זיצט אַ 7—8 יאָריק יינגל, און צו אים זענען צוגעטוליעט זיינע צוויי קליינע שוועסטערלעך — און אַלע דריי וויינען. קינדער האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן, געזוכט און געגעבן וואַרעמקייט, ווילנדיק פאַרגעסן זייער עלענטקייט, זוכענדיק מוט און האָפענונג, איינער ביים צווייטן.

די מערהייט קינדער זענען געווען אָנגעטאָן אין זייערע שבתדיקע בגדים. דאָס לעצטע ביסל ליבע און אויפמערקזאַמקייט, וועלכע די עלטערן האָבן געקאָנט געבן צו זיי, איידער מען האָט זיך צעשיידט. ביי אַ טייל קינדער זענען געווען אָנגענייט אויפן האַרצן זייערע נעמען. איך האָב דאָרט דערקענט כמעט אַלע רוביזשעוויטשער קינדער.

ווען מיר זענען אַריין און די קינדער האָבן דערזען נישט זייערע, נאָר פרעמדע טאַטעס — איז זייער געוויין שטאַרקער געוואָרן.

מיר האָבן זיי געפּרוווט איינשטילן, אַז זיי זאָלן מיט אונדז גיין אין געטאָ. מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז אין געטאָ איז דאָ צו עסן און צו טרינקען, נאָר די לעבעדיקע יתומים האָבן נישט געוואָלט הערן, זייער געוויין האָט זיך געשטאַרקט.

— טאַטע, מאַמע, — האָבן זיי געוויינט.

מיר האָבן געפּרוווט זיי איינשטילן:

— קינדער, וויינט נישט. די דייטשן וועלן נאָך דערהערן אייער געוויין און קומען אַהער.

אָבער די קינדער ווילן אונדז נישט הערן. די באַוווּסטע קינדער האָבן רעוואָלטירט און געשריען:

— טאַטע, מאַמע...

אַ לענגערע צייט האָבן מיר געפּרוווט זיי איבערצורײדן, זיי זאָלן גיין מיט אונדז, אָבער זיי האָבן געהאַלטן אין איין שרייען און פאָדערן זייערע עלטערן.

צום סוף האָבן מיר גערופן אין אַ זייט די עלטערע קינדער און געפּרוווט דורך זיי משפיע צו זיין:

איר זענט דאָך שוין גרויסע מענטשן און דאַרפט פאַרשטיין, אַז די קליינע קינדער וועלן דאָ אומקומען פון הונגער און דורשט. ווער וועט דאָ אויף זיי אַכטונג געבן און אַרומרייניקן?

זיי האָבן זיך געלאָזט איבעררײדן און איינגעשטילט די קליינע קינדער. אַזוי האַנט ביי האַנט האָט זיך געצויגן אַ שורה פון עטלעכע הונדערט קינדער — פון די קאַשאַרן אין געטאָ. די גרעסערע האָבן געטראָגן די פּיצלעך אויף די הענט. זייערע פּנימער — נאַס פון געוויין און פאַרשטיינערט פון צער. זייערע

אייגעלעך האָבן געקוקט אויף גאַס וועלט, נישט געקאַנט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר.

...און אויף די גאַסן זענען געשטאַנען קריסטן, נעכטיקע גוטע שכנים, געקוקט אויף די מאַרשירנדיקע, פאַריתומדיקע קינדער און געשוויגן. קיין האַנט האָט זיך נישט אויסגעשטרעקט מיט אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ ביסל מילך פאַר די יידישע קינדער...

אין געטאָ האָבן די איוועגצער פרויען אַרומגעוואַשן די קינדער, זיי צע־טיילט אין די הייזער, אָנגעקאָרמעט מיטן ביסל עסן וואָס זיי האָבן געהאַט. קיין מילך איז נישט געווען, האָבן די עופהלעך געטרונקען פאַרזיסטע וואַסער.

*

אַ פּאָר וואָכן נאָך שבועות, האָט מען צונויפגעקליבן אַלע יידן ביז 50 יאָר, זיי אַוועקגעפירט אין די קאַשאַרן, כדי פון דאָרט אַוועקגעשיקט ווערן קיין נאָוואָגרודעק.

מיין 8־יאָריקער זון, שמואל, האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ, מיר דער־יאָגט און געגאַנגען מיט מיר קיין נאָוואָגרודעק. אָבער מיין 6־יעריקע טעכ־טערל, ברײנע, איז געבליבן אין געטאָ. ביז היינט קלינגט מיר אין די אויערן איר געוויין און בעטן זיך, איך זאָל זי נישט איבערלאָזן אַליין אין געטאָ. איך זע איר ווי לעבעדיק, ווי זי שטייט ביים טויער פון געטאָ, האַנט ביי האַנט מיט משהלס מיידעלע, מאַשע, טרערן גיסן זיך פון זייערע אייגעלעך, זיי שטרעקן אויס זייערע דאַרע הענטעלעך צו מיר, איך זאָל זיי מיטנעמען, נישט איבערלאָזן אין קאַלטן, פינצטערן געטאָ...

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב זיי געזען...

אַ קורצע צייט נאָכן אָנקומען קיין נאָוואָגרודעק, האָב איך מיט נאָך צוויי איוועגצער יידן געדונגען אַ קריסט, און אים געשיקט מיט אַ פור, ברענגען אונדזערע קינדער. אָבער ער איז אָנגעקומען צו שפּעט, עטלעכע טעג נאָך דער שחיטה. (כ״ג סיון 1942)...

יעקב אושמן, נתניה

די אימהדיקע תקופה

די סאָוויעטן זענען אָנגעקומען צו אונדז אין יאָר 1939, און די יידן האָבן זיי אויפגענומען מיט פרייד, ווייל אין זיי האָבן מיר געזען אַ באַריער קעגן די נאַציס.

די מערהייט יידן האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער נייער סיטואַציע. אין איוועניעץ זענען פיל יוגנט אַריינגעטראָטן אין דער מיליציע, וועלכע האָט זיך געשאַפן מיטן אָנקומען פון די סאָוויעטן. דאָס האָט זיי אימפּאָנירט; גיין מיט געווער און טראָגן אַ אוניפאָרם, און זיין מיט מענטשן גלייך...

אַ טייל יידן וועלכע זענען באַשטאַנען פון כלל טוער, סוחרים און בעלי בתים, האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן; פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך זענען אָנגעקומען גרופּן פון אַרעסטן צווישן ציוניסטישע טוער און סתם יידן...

די יידישע שולן זענען אויפגעלעזט געוואָרן, אנשטאט דעם איז געשאַפן געוואָרן אַלגעמיינע רעגירונגס שולן. די יידישע לערער זענען געוואָרן רעגירונגס באַאַמטע און געמוזט גיין מיטן שטראָם.

די טעטיקייט פון די יידישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַ טייל פון די ציוניסטישע טוער האָבן פאַרלאָזט איוועניעץ און איבערגעפאָרן אין אַנדערע שטעט, ווו מ'האָט זיי נישט געקענט און פון זייער פאַרגאַנגענהייט נישט געוווּסט...

אין 1940 איז ווילנע אַריבער צו ליטע און אַ סך יוגנט זענען אַוועק קיין ליטע, כדי פון דאָרט פאָרזעצן קיין ארץ־ישראל.

דאָס אַריבערגיין קיין ווילנע איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות; מ'האָט געדאַרפט גנב'נען דעם סאָוויעטישן גרענעץ, און אַ סך האָט מען געכאַפּט און פאַרשיקט קיין סיביר.

די יידישע באַפעלקערונג אין איוועניעץ, וועלכע איז אַמערסטן באַשטאַנען פון מיטל קלאַס, זענען מיטן אָנקומען פון די סאָוויעטן, געגנצלעך רואינירט געוואָרן. קיין גבירים זענען זיי קיינמאָל נישט געווען, אָבער איצט האָבן זיי געמוזט שליסן זייערע קראָמען און ווערקשטאַטן און זוכן רעגירונגס אַרבעט. נישט אַלע אָבער האָבן געהאַט רעכט צו קריגן אַרבעט, און די וועלכע האָבן שוין יאָ געקראָגן, האָבן באַקומען זייער אַ קליינע געהאַלט, וועלכע האָט נישט געקלעקט אויף אויסהאַלטן זייערע משפחות.

אויך אין איוועניעץ האָבן די סאָוויעטן אַרעסטירט יידן און פאַרשיקט זיי קיין סיביר, „ווייל זיי זענען געווען קאַפּיטאַליסטן, און נישט טריי די סאָוויעטן".

די דייטשן קומען

דעם 27סטן יוני 1941, זענען די דייטשן אַריין אין איוועניעץ. איך האָב זיך דאַן געפונען אין לידע.

זונטיק, דעם 22טן יוני האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט לידע, די באַן ליניע און די לופט האנגארן, און ס׳זענען געפאַלן פיל קרבנות פון צווישן דער ציוויל באַפעלקערונג.

מאנטיק, דעם 23טן יוני האָבן זיי באַוואָרפן די שטאָט מיט צינד באָמבעס, און לידע האָט גענומען ברענען פון אַלע זייטן. די באַפעלקערונג האָט אין פּאַניק גענומען אַנטלויפן פון שטאָט, און די דייטשע פליער האָבן זיי אומרח־מנותדיק באַשאָסן פון מאַשין געווער.

די גאַנצע שטאָט איז פאַרברענט געוואָרן, נאָר דאָ און דאָרט, זענען על־פּי נס פאַרבליבן איינצלנע הייזער אויך די שטוב וווּ מיר האָבן געוווינט, איז פאַרברענט געוואָרן.

איך און מיין ברודער אהרון, האָבן געפונען אַ ווינקל אין דער איבערגע־בליבענער שטוב פון פּופּקעס ברויז. דאָרט האָבן מיר געוווינט מיט נאָך אַ צוואַנציק יידן. עסען איז נישט געווען, און מיר האָבן געלעבט אין שרעק, נישט וויסנדיק וואָס דער מאָרגן וועט אונדז ברענגען.

פרייטיק, דעם 27טן יוני פאַרנאַכט, האָבן די דייטשן ווידער באָמבאַרדירט די שטאָט, און נאָכדעם האָבן זייערע זעלנער גענומען אַריינמאַרשירן אין שטאָט.

בגנבה, האָבן מיר אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געזען די דייטשן, ווי זיי גייען פוןביידע זייטן גאַס, גרייט צו שיסן, און דאָס האָט אַנגעוואָרפן אויף אונדז אַ שרעק.

ביי די פּופּקאס אין הויף, האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אַ פעלד בעקערייי

שבת, דעם 28טן יוני אין דער פרי, האָט זיך אַריינגעריסן צו אונדז אין צימער אַ אונטעראָפיציר מיט עטלעכע זעלנער, באַפוילן אונדז אויפהייבן די הענט, און באַזוכט אונדז פון קאָפּ ביז די פיס. צוגערויבט אונדזערע זייגערלעך און געלט, וועלכע זיי האָבן געפינען. נאָכדעם האָט דער אונטעראָפיציר אונדז מודיע געווען דאָס מיר וועלן דערשאָסן ווערן, ווייל מיר האָבן געגנבעט געווער פון דער דייטשער אַרמיי, און באַפוילן אַרויספירן אונדז פון שטוב. אין טומל וואָס ס׳איז געוואָרן, האָט געלונגען דער פרוי פּופּקא, אומבאַמערקט אַנטלויפן דורכן פענצטער.

מען האָט אונדז אַרויסגעפירט אין הויף און אַוועקגעשטעלט ביי אַ וואַנט. די זעלנער האָבן געבראַכט אַ מאַשין געווער, און גענומען צילן אין אונדז.

פּלוצלינג איז אַריינגעפאָרן אין הויף אַ קליינע מאַשין, און פון איר איז אַרויס די פרוי פּופּקא, און נאָך איר, אַ דייטשער אָפיציר.

דער אונטער־אָפיציר האָט אים סאַלוטירט, און גענומען דערציילן אים די מעשה, אַז מיר האָבן געגנבעט געווער. אויסהערנדיק אים, האָט דער אָפיציר אונדז געפרעגט צי דאָס איז אמת. מיר האָבן געענטפערט אַז ס׳איז אַ ליגן, נאָך מער, אויב מיר האָבן געגנבעט, דאַן ווו איז דאָס געווער?

דער אָפיציר האָט געפאָדערט פון אונטער־אָפיציר זיינע דאָקומענטן, און דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס זיין רעגימענט האָט שוין מיט עטלעכע שעה פריער, פאַרלאָזן לידע. ער האָט גענומען שרייען אויפן אונטער־פאָיציר, און באַפוילן אים, גלייך נאָכיאָגן דעם רעגימענט.

דער אָפיציר איז דאַן אַריין צוזאַמען מיט אונדז ,אין שטוב און געזאָגט: — מיר האָבן גאָרנישט צו די יידן, מיר ווילן נאָר אַ ענדע מאַכן מיט די קאָמוניסטן, און כדי אונדז צו פאַרזיכערן פון ווייטערדיקע סורפריזן, האָט ער איבערגעפירט צו אונדז אין שטוב די וואַך פון דער בעקעריי, כדי אונדז באַשיצן. אין דעם זעלבן טאָג האָבן מיר גענומען אַרבעטן אין דער בעקעריי, און געהאָט ברויט צום עסן...

אַזוי זענען אַדורך צוויי וואָכן.

מיר גייען צוריק קיין איוועניעץ

דעם 10טן יולי האָבן די דייטשן אויפגעהאָנגען פּ׳אַקאַטן, אין וועלכע, אַלע יידן ווערן אויפגעפאָדערט צושטעלן זיך אין אַרבעטס לאַגער, ווי אויך צו טראָגן אַ געלע לאַטע.

יונה קאַרפּ, מיין ברודער אהרון און איך האָבן באַשלאָסן צוריק גיין קיין איוועניעץ, אָבער ווי גייט מען? די וועגן זענען פול מיט דייטשן, און ווען זיי פלעגן כאַפּן אַן ייד אָן אַ דערלויבעניש פלעגט מען אים דערשיסן, און אַ דערלויבעניש — קען קיין ייד נישט קריגן!

די גאַנצע נאַכט בין איך געלעגן און געטראַכט ווי אַזוי צו קריגן אַ פּאַס.

צו מאָרגנס פרי האָב איך אָפּגעשוירן די האָר פון קאָפּ, כדי אויסזעען ווי אַן אַרעסטאַנט, אַוועק אין שטאָט צו דער קאָמענדאַטור וועלכע האָט זיך געפונען אין בנין פון דער פּאָסט, און געשטעלט זיך אין דער ריי. ס׳זענען שוין דאָרט געשטאַנען ביי 100 קריסטן, וועלכע האָבן געוואָלט זיך צוריקקער׳ן צו זייערע היימען.

ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ זעלנער וועלכער האָט אַכטונג געגעבן אַז די ריי זאָל שטיין גלייך, ווי זעלנער, און נישט ריידן. ווען עמעצער פלעגט נישט שטיין גלייך, פלעגט ער קריגן געשלאָגן מיטן האָלץ פון ביקס. אַזוי ביי איך געשטאַנען ביז מיטאָג. די דייטשן זענען דאַן אַוועק עסן, און מיר זענען געבליבן שטיין אין דער ריי און וואַרטן ביז זיי וועלן צוריקקומען.

שטייענדיק אַזוי אין דער ריי, האָב איך געהאַט אַ מינוט פון טויט־שרעק; ס'האָט מיר באַמערקט אַ באַקאַנטער רוס, מיט וועלכן כ'האָב געאַרבעט ביי די סאָוויעטן (געהייסן האָט ער אקאלוקאלאק), ער האָט אָבער מיר נישט אַרויס־געגעבן.

די ריי האָט זיך דערווייל פּאַרויסגערוקט, און כ'בין אַריין אינווייניק. מיין שרעק איז געווען גרויס, אָבער כ'האָב נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן.

ביים טיש איז געזעסן אַן אָפיציר מיט אַ דאַלמעטשער. כ'האָב זיי דערציילט אין ווייס־רוסיש, אַז כ'בין געווען אַרעסטירט ביי די קאָמוניסטן און געזעסן אין לידער טורמע, און איצט וויל איך זיך אומקערן אַהיים, קיין איוועניעץ. אויף דער פראַגע פאַר וואָס האָט מען מיר אַרעסטירט, האָב איך געענטפערט אַז כ'ווייס אַליין נישט! כ'האָב דערציילט דעם אָפיציר, אַז מ'האָט צוזאַמען מיט מיר, אויך אַרעסטירט מיין ברודער און פעטער, נאָר זיי זענען אַזוי אָפּגעשוואַכט פון זיצן אין טורמע, דאָס זיי האָבן קיין כח קומען אַהער נאָך אַ שיין...

דער אָפיציר האָט פאַראָרדענט אַרויסגעבן מיר 3 שיינען, פאַר מיר און מיין ברודער, אונטערן נאָמען — אשמאנסקי, און פאַר יונה קאַרפּ, אויפן נאָמען — קארפּאוויץ.

כ'האָב זיך צוריקגעקערט אין ברויז מיט די 3 שיינען, און די שמחה איז געווען גרויס. אויף צומאָרגנס האָבן מיר פאַרלאָזט לידע אין ריכטונג פון איוועניעץ.

אויף יעדן בריק און קרייצונג, האָבן אינדז אָפּגעהאַלטן דייטשע פּאַטרולן וועלכע האָבן קאָנטראָלירט אונדזערע פּאַפּירן.

אין איוויע האָבן מיר געזען אַ שוידערלעך בילד; יידן מיט בעזעמער אין זייערע הענט, באַגלייט פון פּאָליציי, גייען אין גאַס און זינגען די התקוה. די אָרטיקע קריסטן שטייען אויף די טראָטואַרן און קייקלען זיך פון געלעכטער...

ביי נאַכט האָט מען נישט געמעגט גיין, האָבן מיר איבערגענעכטיקט ביי אונדזער אַ שטאָטישן — שלום זאַק, וועלכער האָט חתונה געהאַט און געלעבט אין איוויע.

נאָך 3 טעג, זענען מיר אָנגעקומען קיין איוועניעץ.

צוריק אין איוועניעץ

אַ טייל פון שטעטל האָבן מיר געפונען פאַרברענט, די יידן האָבן מורא געהאַט אַרויסגיין פון זייערע הייזער, און די קריסטלעכע יוגנט האָט געבור־שעוועט אומגעשטערט.

דעם 27טן יוני, ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל, האָבן די קריסטן פאַרמסרט אַז יידן האָבן דערשאָסן אַ דייטשן פליער, וועלכן די רוסן האָבן

געפאַנגען, און געלעגן אַ פּראַווונדעטער אין איוועניעצער שפּיטאָל. די דייטשן האָבן לאַנג נישט געטראַכט און אויף צומאָרגנס דערשאָסן 34 יידן.

דער רצח פון די 34 יידן איז געווען נאָר אַן אָנהויב, ווײַלן איז אַדורך אַ טאָג מ׳זאָל נישט דערהרגנען אַ ייד, אַזוי איז דערהרגעט געוואָרן גייענדיק אין גאַס — אשר שיף און משה קאלאטשיק, שקצים האָבן אין מיטן טאָג געכאַפּט און דערטרונקען אַ יידישן ייִנגל — חיים צביה׳ס.

דעם 14טן יולי 1941 זענען אָנגעקומען קיין איוועניעץ דייטשן, לויט די אַדרעסן וועלכע די אָרטיקע אַנטיסעמיטן האָבן צוגעגרייט — האָבן זיי צונויפגעקליבן 14 יידן, אַוועקגעפירט זיי הינטערן שטאָט און דערשאָסן.

די 14 קדושים זענען געווען: זאוול מאלטשיק מיט אַ טאָכטער, יענקל קיוואַוויץ, יצחק קיוואַוויץ, ראובן שקליאַר, לייבע שקליאַר, עוזר אקון, מאָטקע בייטש, בערל ליפשיץ, הושע ליפשיץ אברהם וואזניאק (דער גר) פייווע קוזניץ, חיים שיף, שמואל לאַוויט.

טאָג־טעגלעך פלעגן די יידן געטריבן ווערן אויף צוואַנגס אַרבעט.

די דייטשן האָבן נאָמינירט אַ יודן ראַט אין וועלכן ס׳זענען אַריין: זעליג טשערנין זלמן שיף, מולקע קאַלאַטשיק און אַנדערע.

די שחיטה

דעם 5טן סעפּטעמבער 1941 זענען אָנגעקומען ס.ס.־לייט און באַפוילן אַז אַלע יידן — מענער, זאָלן זיך צונויפקלייבן אויפן מאַרק פּלאַץ. אָבער די יידן, וויסנדיק פון זייער ביטערער דערפאַרונג, מיט וואָס דאָס שמעקט, זענען נישט אַרויס אויפן מאַרק פּלאַץ, נאָר גענומען זיך פאַרבאַהאַלטן. די אָרטיקע פּאָליציי האָט גענומען נישטערן אין די הייזער, און וועמען זיי האָבן געפונען, האָבן זיי געשלעפּט אויפן מאַרק. צום סוף האָבן די ס.ס. געשיקט פּאָליציאַנטן און אַרונטערגענומען יידן פון דער אַרבעט. אַזוי אַרום האָבן זיי צונויפגעקליבן 51 יידן, אַרויסגעפירט זיי צום דאָרף קאַרדוני, 7 ק״מ פון איוועניעץ, און דאָרט זיי דערשאָסן. צווישן די דערמאָרדעטע זענען געווען: ראובן אַשמאַן, שמואל זאַק, אליהו זאַק, מערים שוחט, זלמן שיף, מיכאל בערגער, ירחמיאל ראלניק, אליהו ווישמאַנסקי א. א.

דער געטאָ

דעם 10.11.1941 איז געשאַפן געוואָרן אין איוועניעץ דער געטאָ. ער האָט אַרומגענומען די מיל־גאַס ביזן טייך, דעם אַלטן שול־הויף מיט די געסלעך אַרום די נייע שול, און אַ טייל פון מאַרק. דער געטאָ איז געווען ארומגעצאַמט

מיט שטעכל־דראָט און געהאַט 2 טויערן: איינערביים אַריינגאַנג אין מיל גאַס, דער צווייטער — ביים אַריינגאַנג אין אַלטן שול־הויף.

די פּאָליציי האָט געטריבן די יידן אין געטאָ, ווי מען טרייבט בהמות, מיט נאַגייקעס. די יידישע האָב און גוטס האָבן געירשנט די קריסטן וועלכע האָבן געוווינט אין שטח פון געשאַפענעם געטאָ, און איצט אַריינגעקליבן זיך אין יידישע הייזער.

די ענגשאַפט אין געטאָ איז געווען אומבאַשרייבלעך, מ'איז געשלאָפן צונויפגעפּרעסט אויף די פּאָדלאָגעס און אין שטאַלן.

די ערשטע נאַכט אין געטאָ האָט קיינער נישט צוגעמאַכט אַן אויג, די פּאָליציאַנטן האָבן געבושעוועט אַן אַ גרענעץ, זיי האָבן דערשאָסן אַ יונגן יידישן דאָקטאָר, כדי די יידן זאָלן בלייבן אָן מעדיצינישער הילף. יענע נאַכט האָבן זיי דערמאָרדעט אַ 14 יאָריקן יינגל — מיכאל שליפּשטיין, אויך בנימין רובינ־שטיין און דעם שוסטער — פּישקין.

צו מאָרגנס האָבן זיי באַפוילן עטלעכע יידן און מיר, צווישן זיי, מקבר זיין די דערמאָרדעטע. מיר האָבן זיי מקבר געווען אין אַ ברידער קבר אויפן אַלטן בית־עולם, וועלכער האָט זיך געפונען אין שטח פון געטאָ.

אויך די 2טע נאַכט זענען מיר נישט געשלאָפן און געוואַרט מיט שפּאַנונג, וואָס די נאַכט וועט אונדז ברענגען. פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַז מען קלאַפּט אין טיר, ווען מ'האָט איר אויפגעמאַכט, זענען אַריין 2 פּאָליציאַנטן, איינער אַ איוועניעצער שגץ, מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, דער צווייטער — אַ ליובטשער. זיי האָבן געוואָלט מיטנעמען מיין פאָטער, וויסנדיק וואָס זייער ציל איז, האָב איך נישט געלאָזט דעם פאָטער גיין, דאַן האָבן זיי מיר אַנגענומען און אַרויסגעפירט פון שטוב, און געלאָזט זיך אין ריכטונג פון טויער. ווען מיר זענען צוגעקומען צום אָפענעם טויער, האָב איך אַ שטויס געגעבן דעם ליובטשער שגץ און געלאָזט זיך לויפן אויסערן געטאָ. הינטער מיר האָב איך געהערט עטלעכע שאָסן. כ'בין אַרונטערגעלאָפן אונטערן בריק און זיך באַהאַלטן.

ווען ס'האָט גענומען טאָגן, בין איך אַרויס פון מיין באַהעלטעניש, אַריינ־געגנבעט זיך אין געטאָ און געבעטן אַ פרוי זי זאָל צוגיין צו אונדז אין שטוב, און דערוויסן זיך צי די פּאָליציי זוכט מיר. די פרוי האָט זיך צוריקגעקערט מיט אַ גוטע בשורה, די פּאָליציי האָט מיר נשט געזוכט!

ווען כ'בין געקומען אַהיים, האָט דער פאָטער מיר געמוסרט, כ'האָב אים געענטפערט אַז אויב חלילה ס'וועט ווידער אַזאַ פאַל פּאַסירן, וועל איך ווידער איינשטעלן מיין לעבן פאַר אים!

עטלעכע וואָכן שפּעטער, איז אַריין אין דער בעקעריי ווו כ'האָב געאַרבעט, דער ליובטשער פּאָליציאַנט, ער האָט מיר דערקענט, צוגעגאַנגען צו מיר און

אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער פּלייצע און געזאָגט: — דו ביסט אַן העלד — ער איז אַוועק און נישט אַרויסגעגעבן מיר.

דאָס לעבן אין געטאָ

אויסער דער שרעקלעכער איינגשאַפּט, איז אין געטאָ נישט געווען קיין סאַניטאַרע באַדינגונגען און קיין מעדיצינישע הילף. געלעבט האָבן מיר אין שטענדיקן פּחד און אומבאַשרייבלעכער אָנשטרענגונג.

אין אַ געוויסער נאַכט האָבן מיר געהערט דאָס געדויש פון אַעראָפּלאַנען, אָבער ס׳האָט קיינעם פון אונדז נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס זענען רוסישע אַעראָפּלאַנען. צומאָרגנס זענען געקומען אין געטאָ דייטשן, און באַשולדיקט אונדז אַז מיר האָבן סיגנאַליזירט צו די אַעראָפּלאַנען, און לויט די עדות פון אָרטיקע קריסטן, האָט עס געטאָן הירשל סעגאַלאָוויטש, און געפאָדערט מיר זאָלן אים אַרויסגעבן. (הירשל סעגאַלאָוויטש האָט פאַרלאָזט איוועניעץ, און אַוועק קיין רוסלאַנד, נאָך איידער די דייטשן זענען אָנגעקומען). 2 טעג האָט די פּאָליציי געגנישטערט אין געטאָ, זוכנדיק אים. דאָס מאָל זענען מיר אָפּגעקומען נאָר מיט פּחד, אָן מענטשלעכע קרבנות.

אין מאַי 1942 האָבן די דייטשן צונויפגענומען אין געטאָ אַ גרופּע יידן און אַוועקגעשיקט זיי קיין דוואָרעץ.

דעם 1טן יוני 1942 האָבן די דייטשן צונויפגעזאַמלט אַלע מענער און פרויען, פון 14 ביז 55 יאָר און אויף צומאָרגנס זיי אַוועקגעשיקט קיין נאָוואָגרודעק.

עטלעכע טעג שפּעטער: כ״ד סיון 9.6.42, האָבן די מערדערס אַרויסגעפירט הינטערן שטאָט די אַלע איבערגעבליבענע יידן: קינדער, אַלטע און קראַנקע, און זיי דערשאָסן.

אין נאָוואָגרודקער געטאָ

אין דער גרופּע פון די אַרויסגעשיקטע יידן, זענען אויך געווען רוביזשעוויטשער, נאַליבאָקער, דערעוונער און וואָלמער יידן. מ׳האָט זיי אַלעמען געבראַכט קיין נאָוואָגרודעק, און פאַרשפּאַרט אין געטאָ, וועלכע האָט זיך געפונען אויף פּערעשיקער גאַס, און פריער האָבן דאָרט געוווינט קריסטן.

דער געטאָ איז באַשטאַנען פון קליינע הייזקעס, שטאַלן און שייערן, וועלכע מ׳האָט פאַרוואַנדלט אין שלאָף־פּלעצער. אויך דאָ איז די ענגשאַפט געווען שרעקלעך. די וואַך איז באַשטאַנען פון אָרטיקע שקצים־פּאָליציי. די יידן האָט מען טאָג־טעגלעך געטריבן אויף די שווערסטע און שמוציקסטע אַרבעטן.

אין יולי האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די דייטשן מאַכן רשימות פון די פאַך אַרבעטער אין געטאָ.

דעם 7טן אויגוסט 1942, פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, האָט מען געבראַכט אין די קאַשאַרן, אַ 1000 יידן פון פערעשיקער געטאָ, אויסגעשטעלט זיי אין רייען, מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער, און דאַן גענומען אויסלייענען די נעמען פון די פאַכלייט, געהייסן זיי אַרויס פון די רייען און שטעלן זיך באַזונדער. דערנאָך האָט מען גענומען אויסלייענען די נעמען פון די פרויען פאַך־אַרבעטערינס, אָבער די פרויען האָבן פאַרשטאַנען אַז די איבעריקע זענען פאַראורטיילט אויף טויט, און אַלע ווי צונויפגערעדט זיך, זענען אַרויסגעלאָפן פון די רייען און געשטעלט זיך מיט די פאַך אַרבעטערינס. דערזעענדיק דאָס, האָבן די דייטשן אָפּגעציילט די ערשטע 40 פרויען, און די איבעריקע, מיט קלעפּ, אָפּגעשטויסן צו זייער פריערדיקן פּלאַץ.

דאַן האָבן ליטווינער און לאַטישן אַרומגערינגלט די אַלע נישט פאַך אַר־בעטער — מענער און פרויען — אָפּגעפירט זיי אַ 100 מעטער פון אונדז, און דערשאָסן אַלעמען.

אונדז די פאַך אַרבעטער, האָבן זיי אַריינגעטריבן אין אַ סטאַדאָלע און אונדז פאַרשפאַרט.

2 טעג זענען מיר געלעגן דאָרט, אָן עסן און אָן טרינקען.

אויפן 2טן טאָג אין אָוונט, האָבן די מערדער אַריינגעוואָרפן אַונדז אַ ביסל ברויט, און אַ טייל פון אונדז איז ווידער געבליבן אָן עסן .שפּעטער, האָבן דייטשע זעלנער אונדז געבראַכט וואַסער צום טרינקען. דעם זעלבן אָוונט האָט מען אונדז, אונטער אַ שטאַרקער וואַך, אָפּגעפירט אין די וואַרשטאַטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די געביידעס פון געוועזענעם פּיילישן קרייז געריכט.

דאָ־טן האָבן מיר שוין געפונען יידישע פאַך־לייט וועלכע מ'האָט איבער־געפירט דירעקט פון פערעשיקער געטאָ. פון זיי האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז אין דעם זעלבן טאָג האָט מען אַרויסגעפירט פון געטאָ, אַ סך יידן, געבראַכט זיי צו אָפענע גריבער — הינטערן שטאָט, געצוווּנגען זיך אויסטאָן, און דער־שאָסן אַלעמען. אין דעם מאָרד האָבן אָנטייל גענומען: דייטשן, עסטאַנער און ליטווינער.

אויף צוואָרגנס נאָך אונדזער אָנקומען אין די וואַרשטאַטן, האָט מען אַ טייל פון אונדז צוריקגעשיקט אין געטאָ. צווישן די צוריקגעשיקטע זענען געווען אויך 2 איוועגצער; מיכאל פּערסקי און לייבע בערגער. גלייכצייטיק האָט מען אָפּגעקליבן אַ הונדערט מאַן און זיי אַוועקגעשיקט אויף אַרבעט, קיין מינסק. צווישן זיי זענען געווען פאָלגנדע איוועגצער: אלחנן ראַלניק מיטן זון אברהם, חיים מאָרדוכאָוויטש און יעקב שקליאַר. קיינער פון זיי איז נישט צוריק־געקומען.

די געטאָ וואַרשטאַטן

די וואַרשטאַטן זענען באַשטאַנען פון שוסטער, שניידער, סטאָליאַרעס, שליאָ־סערס א. א. ס'איז אויך געווען אַ וואַרשטאַט פון פרויען שניידעריי. דער אויפֿזעער איבער אונדז איז געווען אַ ס. ס. מיטן נאָמען — רויטער.

אין יעדן וואַרשטאַט איז געווען אַ קריסטלעכער לייטער מיט אַ יידישן געהילף.

אין שוסטער וואַרשטאַט איז דער געהילף געווען — מולקע קאַלאַטשיק.

אויב די באַשטעלונגען זענען נישט אויסגעפירט געוואָרן צום טערמין, פלעגן די דייטשן מיט די אָרטיקע פּאָליציאַנטן, אונדז שלאָגן מכות רצח. דאָס לעבן אין די וואַרשטאַטן איז געווען זייער אַ שווערער און פיל פון אונדז זענען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער.

ס'האָט זיך געשאַפן אַ געהיימער קאָמיטעט, וועלכער האָט געזוכט וועגן ווי צו פאַרלייכטערן אונדזער לעבן. זיין ערשטער שריט איז געווען צו שאַפן פאַר אונדז מער ברויט.

דער צושטעלער פון ברויט איז געווען אַ אָרטיקער קריסט. דער קאָמיטעט האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט אים, און ער פלעגט אונדז איבערלאָזן מער ברויט ווי די דייטשן האָבן פאַראָרדנט, דאָס ברויט פלעגט מען פאַרטיילן צווישן די קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע.

ווער זענען זיי געווען, די חברים פון קאָמיטעט — האָבן מיר נישט געוווּסט.

דעם 4טן פעברואר 1943 אין דער פרי — האָבן מיר דערזען דאָס די וואַר־שטאַטן זענען פול מיט דייטשן אין פּאָליציי. מיר זענען געווען זיכער אַז אונדזער סוף איז געקומען. אָבער דער ס. ס. רויטער האָט אונדז באַרוהיקט. ער האָט אונדז דערקלערט דאָס מען גייט ליקווידירן דעם פּערעשיקער געטאָ, ווייל די דאָרטיקע יידן האָבן זיך פאַרבונדן מיט פּאַרטיזאַנער.

געשען איז עס נאָך דעם ווי אַ גרופּע פון אַ 50 יידן, אונטער דער אָנפי־רערשאַפט פון לאַזער מאַלביז, האָבן איבערגעבראָכן דעם פּאַרקן פון געטאָ און אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער.

נאָך איידער דער ליקווידאַציע פון געטאָ, האָבן מיר געוווּסט אַז אויך אונדזער שעה דערנענטערט זיך. מיר האָבן געשאַפן אַ ועד וועלכער האָט באַדאַרפט געפונען אַ וועג צו אַנטלויפן אין וואַלד. אין ועד זענען געווען אויך 2 איוועניצער: אהרון אשמאן און מילקע קאַלאַציק.

אַלע פּלענער האָבן זיך אָבער אַרויסגעוויזן נישט אויספירבאַרע. איין זאַך האָט מען באַשלאָסן: — נישט גיין ווי שאָף צו דער שחיטה! און מען האָט גענומען שאַפן געווער.

איין קוואַל פון געווער זענען געווען אונדזערע מיידלעך, וועלכע האָבן גע־

אַרבעט ביים רייניקן געווער, פון צייט צו צייט פלעגט זיי געלונגען, איינשטע־לנדיק זייער לעבן, איבערפירן צו אונדז רעוואָלווערן און האַנט גראַנאַטן.

דער צווייטער קוואַל איז געווען דווקא די פּאָליציי; פאַר גאָלד און אַנדערע ווערטפולע זאַכן האָבן זיי אַריינגעבראַכט צו אונדז עטלעכע ביקסן מיט אַמוניציע און גראַנאַטן.

דער טונעל

דער ועד האָט באַשלאָסן צו גראָבן אַ טונעל פון די וואַרשטאַטן, דורכפירן אים אונטערן שאָסיי, ביזן דערבייאיקן פעלד מיט הויכע תבואה.

יעדער נאַכט נאָך דער אַרבעט, פלעגן זיך אויסשטעלן אין אַ לאַנגע ריי, עטלעכע הונדערט מאַן, און אַריבערטראָגן אין קליינע זעקעלעך די ערד פון טונעל אויף די בוידעמס פון אונדזערע באַראַקן. שפּעטער האָבן מיר געגנבעט פון דער סטאָליאַרנע — ברעטער און געבויט אין אונדזערע באַראַקן דאָפּלטע ווענט און אָנגעפילט זיי מיט די ערד פון טונעל.

דער׳ טונעל איז געווען 300 מעטער לאַנג, און דאָס גראָבן האָט געדויערט 4 חדשים.

דער פּראָוואָקאַטאָר

אין אַ געוויסן אָוונט, האָבן זיך אַריינגעגנבעט צו אונדז עטלעכע זשעטלער פּאַרטיזאַנער און אַרויסגעפירט אין וואַלד 25 מאַן.

בשעת זייער אַנטלויפן, האָבן די מיידלעך פאַררעדט די וואַך, און יענע האָבן נישט באַמערקט ווי די בחורים קריכן אַדורך די דראָטן. נאָך דעם לעצטן האָבן זיי באַמערקט און אים דערשאָסן.

די דייטשן האָבן פאַרשטאַנען אַז עפּעס גרייט זיך דאָ, און באַשלאָסן שיקן צו אונדז אַ שפּיאָן.

אויף צו מאָרגנס נאָך דער שחיטה אין פערעשיקער געטאָ, האָט זיך אין די וואַרשטאַטן אַריינגעגנבעט אַ קאָרעליצער ייד. ער איז געווען אַ דערשראָ־קענער, און האָט דערציילט אַז אים איז געלונגען אַנטלויפן פון דער שחיטה, און געבעטן אים באַהאַלטן ביי אונדז.

מ׳האָט אים געפונען אַ סכראָן און געהייסן זיצן דאָרט און נישט אַרויס, ווייל אויב איינער פון די אויפזעער וועט אים דערזען — איז ער פאַרלאָרן...

ער האָט זיך אָבער נישט געהיט, און גענומען אַרומדרייען זיך אין די וואַר־שטאַטן. זיין אויפפירונג האָט געוואָרפן אַ חשד אויף אים. איינמאָל, ווען ער איז נישט געווען אין סכראָן, האָט מען דורכגעזוכט זיינע זאַכן און אין שעניק געפונען קורצע רשימות וועגן דעם לעבן אין די וואַרשטאַטן.

מען האָט אים דאַן געבראַכט אין אַ קעלער און גענומען פאַרשן. ער האָט דערציילט דאָס וועט ער איז שוין געשטאַנען ביים גרוב כדי דערשאָסן צו ווערן, האָבן די דייטשן אים פאָרגעלייגט אַרבעטן פאַר זיי און זיי וועלן אים לאָזן לעבן. ער האָט מסכים געווען, און די ערשטע אויפגאַבע וועלכע זיי האָבן אים געגעבן, איז געווען צו דערוויסן זיך וואָס מען טראַכט ביי אונדז אין די וואַרשטאַטן.

ס'איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג. די וועלכע האָבן אים געפאָרשט, האָבן אים געהרגט און באַגראָבן אין זעלבן קעלער.

ס'זענען אַדורך עטלעכע טעג און די דייטשן האָבן גענומען זוכן זייער שפּיאָן. אָבער דער איינציקער ענטפער וועלכן זיי האָבן פון אונדז געהערט, איז געווען „מיר קענען אים נישט און מיר האָבן אים נישט געזען". דאַן האָבן זיי גענומען 2 בחורים, איינער פון זיי איז געווען פון נאָוואָגרודעק — משה בורשטיין, עטלעכע טעג האָט מען זיי געפּייניקט און געפאָרשט וועגן דעם פאַרשווונדענעם שפּיאָן, צום סוף האָט מען זיי דערמאָרדעט.

נאָך דער באַפרייאונג, האָט מען אויפן וואַנט פון זייער צעל געפונען גע־שריבן „מיר קומען אום, מיר האָבן גאָרנישט דערציילט".

די שחיטה דעם 7.4.1943

דעם 7טן אַפּריל 1943, זענען אין די וואַרשטאַטן אָנגעקומען אַ סך דייטשן. דער ס. ס. רויטער האָט גענומען אַרויסרופן פון די רייען (אַ 250 מאַן בערך). די פאַרבליבענע האָבן גענומען רייסן די קייט פון די דייטשע זעלנער, וועלכע האָבן אָנגעפאַנגען שיסן און צוריקשטויסן די מענטשן. דאָך האָט געלונגען אַ 40—50 מאַן אויסמישן זיך מיט די אַרויסגערופענע. די איבעריקע אַ 300 מאַן, האָט מען אַרויסגעפירט איבערן שאָסיי, און דאָרט דערשאָסן. ס'זענען דאַן אומ־געקומען מולקע קאַלאַציקס פרוי מיט די קינדער, אברהם־יצחק פאַזניאַק א. אַ.

ס'איז דאָ כדאי צו ברענגען אַ ביטערן עפּיזאָד, וועלכער באַווייזט דעם געדאַנקן־גאַנג פון די דייטשן:

אין די וואַרשטאַטן איז געווען אַ דייטשער אונטער־אָפיציר, וועלכער האָט אויפן פראָנט פאַרלוירן אַן אויג. ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ „גוטן" דייטש. ער פלעגט נישט שלאָגן, און אָפט צוואַרפן אונדז אַפילו אַ שטיקל ברויט.

אויף צומאָרגנס נאָך דער שחיטה, האָט ער געזאָגט צו מולקע קאַלאַטשיק:
„זע וואָס פאַר אַ דומע יידן דאָס זענען, מען האָט זיי באַפוילן זיך אויסשטעלן צום שיסן, און זיי האָבן זיך פאַרשטעקט". מולקע האָט אים געענטפערט דאָס יעדער איינער וויל לעבן. האָט אים דער אונטער־אָפיציר געזאָגט, „אָבער באַפעל איז באַפעל"...

מיר זעצן פאַר דעם טונעל

נאָך דער לעצטער שחיטה, האָט די אַרבעט אין טונעל זיך געפירט מיט גרויסע ענערגיע. מיר האָבן געוווּסט אַז אונדזער גורל הייננגט אָפּ פון טונעל. אַ סטאָליער האָט איינגעאָרדנט אַ וואַגאָנעטקע אויף הילצערנע שינעס, און דאָס האָט פאַרשנעלערט דאָס דערווייטערן די ערד פון טונעל. מ'האָט אויך איינגעאָרדנט עלעקטרישע ליכט אין טונעל.

דערווייל איז אָנגעקומען שניט־צייט, און די פויערן האָבן אָפּגעשניטן די תבואה אויפן פעלד, ווו מיר האָבן באַשטימט דעם אַרויסגאַנג פון טונעל. בלית־ברירה האָבן מיר געמוזט ציען דעם טונעל ווייטער, ביזן קעגן־איבערדיקן באַרג.

אויף דער פריי

דעם 29טן סעפּטעמבער 1943, איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסגיין פון לאַגער. מיר זענען צעטיילט געוואָרן אויף גרופּעס. בראש פון יעדער גרופּע איז געווען אַ גרופּנפירער. אין דער נאַכט פון אונדזער אַנטלויפן האָבן מיר קאַליע געמאַכט דאָס חשמל, כדי די פּראָזשעקטאָרן זאָלן נישט קענען באַלייכטן די וועגן אַרום דעם לאַגער. אויך האָבן מיר אויפגעריסן עטלעכע בלעכן אויפן דאַך פון אַ באַראַק, כדי מיט זייער קלאַפּן, פאַרטוישן דעם גערויש פון אונדזער אַנטלויפן.

צום באַדויערן, האָבן אָבער אַ טייל פון אונדז, נאָכן אַרויסגיין פון טונעל, פאַרבלאָנדזשעט, און דערנענטערט זיך צום לאַגער. די וואַך האָט אין דער פינצטערניש באַמערקט סילועטן, און גענומען אויף זיי שיסן, און מיט דעם נאָך מער פאַרגרעסערט די פּאַניק צווישן די אַנטלאָפענדע.

פון די 234 אַנטלאָפענע, האָבן די דייטשן געשאָסן און געכאַפּט אַ 60 מאַן. אין די וואַרשטאַטן זענען נאָר געבליבן עטלעכע קראַנקע, וועמען די דייטשן האָבן דערנאָך דערשאָסן.

פון די איוועניצער זענען דאַן אומגעקומען: ראובן און יואל זאַק, שעפּסל מאגאדיי פון פערעלעסאנקע און זיין פלימעניק — מאַטקע.

נאָכן אַנטלויפן פון לאַגער, זענען די ניצולים אָנגעקומען אין פּושצע. אַ טייל זענען אַריין אין בעלסקיס אָטריאַד, און אַ טייל איז אַוועק אין אַנדערע אָטריאַדן.

דער אָנקומען צו בעלסקין איז נישט געווען פּשוט: די גרופּע יידן האָט געבלאָנדזשעט אין דער פּושטשע 4 נעכט, (ביי טאָג פלעגן זיי ליגן באַהאַלטן) נישט וויסנדיק וווּהין צו גיין, ביז זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אין אַ געוויסן דאָרף, אויף אַ יונגן קריסט, וועלכער האָט זיי דערציילט אַז ער איז אַ פּאַר־טיזאַן, און זייער אָט־יאַד באַשטייט פון יונגע קריסטן פון נאָוואָגרודקער סביבה. זייער קאָמאַנדיר האָט זיי פּאַנאַדערגעשיקט אין די אַרומיקע דערפער,

כדי צונויפנעמען די אַנטלאָפֿענע יידן, און נישט לאָזן זיי אַרומבלאָנקען, ווייל די געגנט איז פֿול מיט דייטשן, און דאָס ער וועט שיקן פּאַרטיזאַנער וועלכע וועלן זיי אַוועקפֿירן אין וואַלד. און כך הווה, צומאָרגנס זענען געקומען אין דאָרף 2 רייטער, פּאַרטיזאַנען, און די גרופּע איז אַוועק מיט זיי.

זיי האָבן צונויפגעזאַמלט קרוב פֿון 100 מאַן, כמעט אַלע וועלכע זענען אַנטלאָפֿן פֿון לאַגער דורכן טונעל. מ׳האָט זיי אַריבערגעפֿירט דעם ניעמאַן, און געבראַכט אין נאַליבאָקער פּושטשע. דאָרט האָט מען זיי פֿאַרטיילט אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

ס׳איז צו באַצייכענען, אַז די קריסטישע פּאַרטיזאַנען וועלכע האָבן געבראַכט די יידן אין פּושטשע, האָבן זיך פֿיין באַצויגן צו זיי, און געלויבט פֿאַרן טונעל, וועלכן די יידן האָבן באַוויזן צו אויסגראָבן אונטער די נאַציסטישע נעזער. ביי יעדער געלעגנהייט פֿלעגן זיי עס דערמאָנען און זאָגן „דאָס איז געווען אַן העלדישער, רעוואָלוציאָנערער טאַט״.

אין וואַלד האָבן די יידן זיך פֿאַרוואַנדלט אין אמתע פּאַרטיזאַנער, און אויסגעפֿירט אַלע אויפֿגאַבן, וועלכע מ׳האָט אויף זיי אָנגעוואָרפֿן.

דאָס לעבן איז געווען שווער, פֿול מיט סכנות, אָבער מען איז געווען פֿריי! מיט מענטשן גלייך, און מיט געווער אין האַנט, כדי צוקעמפֿן, און נקמה נעמען פֿון די בעסטיעס אין געשטאַלט פֿון מענטשן.

די באַפֿרייאונג

ס׳איז אוממעגלעך צו באַשרייבן דעם מאָמענט, ווען ס׳איז דערגאַנגען צו אונדז די בשורה, אַז די רויטע אַרמיי, איז שוין ווייט פֿאָראויס, און דאָס מיר זענען פֿריי!

דערהערנדיק די גוטע בשורה, האָבן מיר זיך גענומען גרייטן אַהיים צו גיין!...

אין יולי 1944, זענען מיר געקומען קיין איוועניעץ. מיר זענען געווען אַ גרופּע פֿון 12 מאַן: סוניה, אהרון און יעקב אשמאַן, שאול גורדינסקי, ליובה גאָרדאָן, חצקל פּאַזניאַק און דבורה סוויניק מיטן זון — שלום. מיט אונדז זענען געווען אויך 4 נאַליבאָקער: חיים, ישראל און פּערעלע שלאָסבערג און אברהם ווײַנער.

פֿון איבער אַ טויזנט יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין איוועניעץ, ביז דעם אויסברוך פֿון דער דייטש־רוסישער מלחמה, זענען געבליבן בלויז מיר.

אונדזער ערשטער באַזוך איז געווען אויף די ברידער־קברים. דאָס איינציקע וואָס ס׳איז געבליבן פֿון דער איוועניעצער קהילה.

מיט אונדזערע „גוטע״ שכנים — די רוצחים, האָבן מיר נישט געהאַט

דאָס מעגלעכקייט זיך אָפּצורעכנען, ווייל זיי זענען אַנטלאָפן, צוזאַמען מיט די דייטשן.

אין אַ קורצער צייט נאָך אונדזער אָנקומען קיין איוועניעץ, האָט אויך זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד, דער העברעאישער לערער חפץ, מיט זיין משפחה.

דאָס לעבן אין שטעטל איז געווען מאָנאָטאָן אין טרויעריק; דאָס שטעטל איז געווען חרוב, און יעדעס ווינקעלע האָט אונדז דערמאָנט אונדזערע טייער־



קבוצת פרטיזנים יהודים באיבניץ, אחרי השיחרור
אַ גרופּע פון יידישע פּאַרטיזאַנער אין איוועניעץ נאָך דער באַפרייאונג

סטע, וועלכע זענען פאַרפייניקט און דערמאָרדעט געוואָרן. ס׳האָט קיין זין געהאַט דאָ צו בלייבן.

אָנפאַנג 1945 האָבן מיר זיך עוואַקואירט קיין פוילן, און פון דאָ־ט, קיין ארץ־ישראל.

דער איינציקער ייד וואָס איז געבליבן אין איוועניעץ, איז געווען דער לערער חפץ, וועלכער איז געוואָרן אַ „פאַרברענטער" קאָמוניסט, און געטאַדלט אונדז פאַר אונדזער שטרעבן קיין ארץ־ישראל.

די שיף „דב הוז״ איז געווען אַ קליינע, אַלט מאָדישע שיף, דאָך האָט זי אויפגענומען אַ 1000 מאַן. די ענגשאַפט איז געווען אומבאַשרייבלעך, מיר האָבן אָבער עס אָנגענומען פאַר גוטן — אַבי אָנקומען קיין ארץ־ישראל.

ווען די שיף אונדזערע איז געווען אין איטאַליענישן פּאָרט „לה־ספּציה״, און געגרייט זיך אין וועג, זענען אַרויף אויף דער שיף ענגלישע זעלנער, און געוואָלט איר איבערפירן קיין גענוא, כדי פון דאָרט אונדז פּאַנאַנדערשיקן אין די פּליטים־לאַגערן, און אַזוי אַרום, צונישט מאַכן אונדזערע פּלענער וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

אַלס ענטפער, האָבן מיר דערקלערט אַ הונגער שטרייק, און געדראָט אויפצורייסן די שיף מיט די ענגלענדער צוזאַמען.

די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזט די שיף, אָבער פּאַרוּווערט אונדז אַרויסלאָזן פון פּאָרט. גלייכצייטיק האָבן זיי פאַרשפּרייט צווישן די איטאַליענער אַ קלאַנג, אַז מיר זענען ס. ס. לייט.

די וואַך אַרום אונדזער שיף איז באַשטאַנען פון איטאַליענישע קאַראַבינערן, זיי האָבן געגלויבט אַז מיר זענען דייטשן, און האָבן זיך באַציט צו אונדז זייער שלעכט, און געדראָט צו שיסן יעדן ווער ס׳וועט פּרווון פאַרלאָזן די שיף.

אויף דער שיף מיט אונדז, איז אויך געווען אַ „שליח״ פון ארץ־ישראל. אָט דער שליח האָט אונדז פּאַרוּווערט צו ריידן מיט פרעמדע מענטשן. דאָ האָט אָבער אונדזער געדולט געפּלאַצט, און מיר האָבן גענומען פאָדערן דעם איטאַליענישן פּאָרט־פּאַרוואַלטער.

ווען ער איז ענדלעך אַרויף אויף דער שיף, האָבן אונדזערע פאַרשטייער אים דערקלערט ווער מיר זענען. פון אָנפאַנג האָט ער נישט געוואָלט גלויבן אַז מיר זענען יידן, און נישט קיין ס. ס.־לייט. פון זיין שטאַנדפּונקט איז ער געווען גערעכט, אויב מיר זענען נישט קיין דייטשן, פאַרוואָס באַציהען זיך די ענגלענדער, אַזוי שלעכט צו אונדז??

צום סוף האָט ער אויסגעקליבן 20 יונגע בחורים, געהייסן זיך אויסטאָן. און גענומען זוכן אונטער זייערע אָרעמס דעם צייכן, וועלכע די ס. ס.־לייט, האָבן געהאַט טאַטואירט. און דאַן ערשט האָט ער זיך איבערצייגט ווער מיר זענען, און ס׳האָט זיך גלייך געענדערט דאָס באַציהונג פון אַלע איטאַליענער צו אונדז.

מיר האָבן דאַן איינגעלאַדן אויפן שיף איטאַליענישע זשורנאַליסטן. אויף צומאָרגנס זענען אַלע צייטונגען אין איטאַליע, פול געווען מיט באַשרייבונגען וועגן אונדז, און שאַרף געטאַדלט די שטעלונג פון די ענגלענדער צו די יידן!

די שטעלונג פון דער איטאַליענישער פּרעסע, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן

רושם אין דער פרייער וועלט. און אויך אויף ענגלאַנד. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייס, אַז איינער פון די אַנפירער פון דער ענגלישער לייבור פּאַרטיי — האַראָלד לאַסקי (אַן ייד) איז געקומען צופליען פון לאָנדאָן, און אונדז געבעטן באַרוהיקן זיך, און פאַרשפּראָכן צו אָנווענדן אַלע מיטלען, כדי מ׳זאָל אונדז דערלויבן פאָרן קיין ארץ־ישראל. (דער דעמאָלסדיקער אויסערן מיניסטער איז געווען דער שונא ישראל, דער „סאָציאַליסט״ בעווין).

האַרולד לאַסקי, האָט געהאַלטן וואָרט, און אין גיכן איז אָנגעקומען פון לאָנדאָן, אַ דערלויבעניש פאַר אונדז, צו עולה זיין. אָבער די ענגלענדער האָבן געלייגט שוועריקייטן אויף אונדזער וועג, טענהנדיק דאָס 1000 מענטשן קענען אין אַזאַ שיפל נישט פאָרן, ווייל זיי זענען מסכן זייער לעבנס דורך דעם.

ענדלעך האָט מען אַ טייל פון אונדז איבערגעפירט אויף אַ צווייטע שיף — „דב גאָלאָמב״, און דאָן, נאָך 6 וואָכן זייענדיק אין „לה־ספּעציא״, זענען מיר אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל.

אין מאַי 1946 זענען מיר אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

טרעטנדיק דעם ערשטן מאָל אויף די ערד פון אונדזער אַלט־נייער היים, האָב איך אַ נדר געגעבן — אַן עק מאַכן מיטן וואַנדער שטעקן!

דאָ איז מיין היים!

יעקב אושמן / נתניה

בדרך לארץ־ישראל

ביולי 1944, לאחר ששיחרר הצבא האדום את סביבתנו וטיהר אותה מגרמנים, חזרנו, קבוצה בת 12 איש לעיירתנו — איבניץ. עם הקבוצה נימנו: סוניה, אהרון ויעקב אושמן, שאול גורדינסקי, ליובה גורדון, חצקל פוזניאק וכן דבורה סביניק ובנה שלום. מלבדם הצטרפו אלינו 4 אנשי נליבוק: חיים, ישראל ופערעלע שלוסברג ואברהם וויינר.

מכל האוכלוסיה היהודית בעיירה, שמנתה למעלה מאלף נפשות, שרדנו איפוא רק אנו, 12 איש — ניצולי השואה.

הביקור הראשון שערכנו עם הגיענו לעיירה, היה בקבר האחים הגדול — המזכרת היחידה מקהילת איבניץ.

לא יכולנו לנקום ״בשכנינו הטובים״, אשר לקחו חלק ברצח יהודי איבניץ, כי הם ברחו יחד עם הגרמנים.

זמן קצר לאחר בואנו לאיבניץ חזר מרוסיה גם אחד מראשוני המורים של בית־הספר "תרבות" — המורה חפץ ועמו בני משפחתו.

החיים בעיירה היו חד־גוניים ועצובים מאוד: מרביתה היתה חרבה, וכל צעד ושעל הזכיר לנו את יקירינו. לא היה איפוא כל טעם להישאר כאן, במקום שנעשה זר ועוין לנו.

היהודי היחיד אשר השלים עם גורלו ולא חשב לעזוב את איבניץ, היה דווקא המורה לעברית — חפץ, שהפך לקומוניסט "שרוף" והוקיע אותנו על שאיפתנו לעלות לארץ־ישראל...

בתחילת 1945 ניצלנו את זכויותינו ועברנו לפולין ומשם — בדרך לא דרך — לאיטליה. שליחי הארץ שנמצאו שם העלו אותנו על האוניה "דב הוז", אשר נמצאה בנמל האיטלקי "לה־ספציה". היתה זו אוניה ישנה וקטנה, שקלטה עם זאת כ־1000 איש ואשה. קשה לתאר במלים את הצפיפות ששררה באוניה; היינו דחוסים כסרדינים בקופסה, מתחת לסיפון לא היה אוויר לנשימה והתנאים הסני־טריים היו מתחת לכל ביקורת, אולם קיבלנו הכול באהבה ובלבד שנגיע ארצה.

ביום שבו עמדה האוניה להפליג, עלו על סיפונה חיילים בריטים ורצו להשיטה לנמל גינואה, כדי לשלחנו משם אל מחנות העקורים ובכך למנוע את עלייתנו ארצה. (ארץ־ישראל נמצאה אז תחת שלטונה של אנגליה, אשר עשתה הכול כדי למנוע מיהודים לעלות). כתגובה על דרישתם הודענו להם — שאם לא יעזבו את האוניה — נפוצץ אותה על כל אנשיה, והחיילים הבריטים בתוכם. משהבינו האנגלים, שאין זה איום סרק — עזבו את האוניה, אך הציבו משמרות של קרבינרים איטלקים, וציוו שלא להרשות לאיש מאתנו לעזוב את האוניה. נוסף לכך הפיצו שמועה, שאנו אנשי ס.ס... האיטלקים לא הטילו ספק בדברי האנגלים וראו בנו גרמנים פושעים ונהגו כלפינו במלוא החומרה, אף איימו לירות בנו אם ננסה לעזוב את האוניה.

עמנו באוניה היה גם שליח מארץ־ישראל, שאסר עלינו לבוא במגע עם אנשים מן החוץ. כאן פקעה סבלנותנו ותבענו מן הקרבינרים להביא אלינו את מנהל הנמל; לא נרגענו עד שהלה עלה על סיפון אונייתנו. בחרנו מתוכנו נציגים, אשר קיבלו את פניו והסבירו לו, שהוא רומה על־ידי האנגלים וכי אין אנו גרמנים אלא יהודים, שרידי העם שהושמד על־ידי הגרמנים. תחילה סירב האיטלקי להאמין לנו, ומנקודת השקפתו היה הצדק עמו — שהרי אם אין אנו גרמנים — מנין היחס העוין של האנגלים כלפינו? כשהסברנו לו שפנינו מועדות לארץ־ישראל, הנמצאת תחת שלטון האנגלים וכי שלטון זה רוצה למנוע בעדנו לעלות ארצה והוא ממציא תירוצים מתירוצים שונים, כדי להצדיק בעיני העולם את עמדתו העוינת כלפינו — נשתנה יחסו אלינו. עם זאת טרם שוכנע. על כן בחר מתוכינו 20 בחורים צעירים, ביקש מהם להסיר את חולצותיהם והתחיל לחפש

מתחת לזרועותיהם את הסימן הנאצי, שהיה מקועקע מתחת לזרועותיהם של אנשי ס.ס. רק משלא מצא סימן כזה — השתכנע באמיתות דברינו ומיד נשתנה גם יחסם של האיטלקים אלינו.

באותו יום קיימנו על סיפון אונייתנו פגישה עם עתונאים איטלקים ולמחרת היו כל עתוני איטליה מלאים את כל הקורות אותנו. במיוחד הבליטו הם את עמדתם העוינת של האנגלים לשרידי העם היהודי, אשר ניצלו מהשמדה. עמדת העתונות האיטלקית עשתה רושם עז בכל העולם החופשי, וגם באנגליה עצמה התעוררה דעת הקהל, אשר תלתה את הקולר במפלגת הפועלים (הלייבור) שהיתה בשלטון. (שר החוץ דאז היה הסוציאליסט ושונא ישראל בוין). הזעם בציבור הניע את אחד מראשי הלייבור, היהודי הרולד לאסקי, לטוס לאיטליה כדי להרגיענו ולהשתיק את כל העניין. הוא נפגש עמנו והבטיח שיעשה כמיטב יכולתו להשיג בשבילנו רשיון עליה.

הרולד לאסקי קיים את הבטחתו וכעבור זמן לא רב קיבלנו את הרשיון להפליג ארצה. אך האנגלים הוסיפו להערים מכשולים על דרכנו. פתאום התחילו לדאוג לשלומנו והודיעו שאינם יכולים להרשות לנו להפליג באוניה הישנה והקטנה, זוהי סכנת חיים בשבילנו, כי אנו עלולים לטבוע...

לבסוף נמצא גם מוצא בשאלה זאת, וחלק מאתנו הועבר לאוניה "דב גולומב" ואז, לאחר שהייה של 6 שבועות בנמל "לה־ספציה", הפלגנו לארץ־ישראל.

בחודש מאי 1946 הגענו לחופי הארץ. כשדרכתי לראשונה על אדמת ארץ־ישראל — נדרתי נדר:

— הקץ למקל הנדודים! כאן בארץ־ישראל — ביתי!

רחל כץ־גרינגר / חיפה

נשארנו שרידים...

בשנת 1935, עברו הורי לווילנה. אך הקשר עם איבניץ נמשך: הרי שם עוד נשארה אחותו של אבא עם משפחתה, שעברו לגור בביתנו. גם אנו היינו נוסעים לשם בכל הזדמנות. גם אנשי העיירה היו באים לבקרנו בווילנה.

חלפו שנים, קצת נכנסנו לתלם בעיר הגדולה, אולם שמי העולם התקדרו והלכו. הנאצים כבשו מדינה אחר מדינה. העתונות נתמלאה סיפורי זוועות, אך איש לא האמין לשמועות, כי הן לא נתקבלו על הדעת...

1939. המלחמה פרצה, ווילנה הופגזה והרוסים כבשוה, העיר מלאה פליטים, שברחו מפולין המערבית. נתמזל מזלנו והרוסים עזבו כעבור זמן־מה את העיר

ומסרוה לשלטון הליטאי, והחיים חזרו למסלולם הרגיל. אולם השלווה לא ארכה: בשנת 1941, לאחר שהגרמנים כבשו את פולין ואת רובה של אירופה, פלשו הם גם לרוסיה ונשאו עמם הרס וחורבן.

יהדות ווילנה נמצאה על סף החיסול. נכלאנו בגיטו, והתחילה ההשמדה.

זכורני, שעוד לפני שנכלאנו בגיטו, פנה אחד מבעלי האחוזות שבסביבות איבניץ לאבא והציע שנעבור אליו ונמצא אצלו מסתור. הוא מוכן היה לקבל עליו את כל הסיכון ולעזור לנו, אבל אבא היסס ואנחנו נשארנו בווילנה.

שנתיים היינו בגיטו; שנתיים של פחד, יאוש ורעב. אולם הקץ בא גם על הגיטו; חלק מהיהודים הובל למחנות העבודה, וחלק להשמדה. את אחותי חיה ואותי הפרידו מההורים בלי לדעת אם אי פעם ניפגש עוד. על סף הפרידה היו המחשבות מופנות גם למשפחה שנשארה באיבניץ.

היינו שנתיים במחנות ריכוז. עבודות פרך, רעב ועינויים — היו מנת חלקנו. במו עינינו ראינו את השמדתה של יהדות אירופה.

נתמזל מזלנו ונשארנו בחיים. חזרנו לפולין — יתומות, ללא בית, פצועות בגוף ובנפש, עם זיק של תקווה, שאולי בכל זאת נשאר מישהו ממשפחתנו בחיים. היו אלה תקוות סרק. יש להתחיל הכול מחדש, לבנות חיים עצמאיים, מתוך ידיעה שהכול הרוס, אין הורים, אין משפחה וידידים.

ידיעות איומות סיפרו על גבורת הדוד לייב דרר — נחמא פורתא. אולם קשה להתרגל לרעיון, שממשפחה גדולה וענפה כשלנו לא נותר שריד.

האדמה בערה מתחת רגלינו. אין להישאר בפולין, שנתנה יד ועזרה לנאצים להשמיד את היהודים. כל אבן זעקה: ברח! ברח! עזבנו איפוא את פולין השנואה ופנינו לארץ־ישראל, המקום היחידי אשר בו נוכל לבנות את חיינו מחדש.

חאצקל פאזניאק, תל־אביב

די התחלה פון אומקום

נאָך איידער די דייטשן זענען אַריין אין איוועניעץ, האָט זיך געפילט אַ שפּאַנונג אין שטעטל: דער אַנטיסעמיטיזם האָט גענומען אויפלעבן און שטאַרקן זיך פון טאָג צו טאָג. די יידן האָבן געגלויבט אַז דאָס איז אַ פאַרבייגייענדע דערשיינונג, און די לאַגע וועט זיך נאָרמאַליזירן. צום באַדויערן אָבער, איז דער־סוף געווען אַ ביטערער, אַ סוף וועלכן די שוואַרצע נבואות האָבן אפילו נישט פאָראויסגעזען.

דעם 22.6.41 איז אויסגעבראָכן די דייטש־רוסישע מלחמה. די סאָוויעטישע

מיליטער האָבן אין פּאַניק און אין אומאָרדנונג, געמומען אַנטלויפן. דעם 26.6.41 האָבן די דייטשן באָמבאַרדיר׳ט איוועניעץ, און דאַן איז דערהרגעט געוואָרן אויפן מאַרק אברהם־בער מאלציק. אויף צומאָרגנס, פרייטיק דעם 27 יוני זענען אַנגעקומען די דייטשן. אַ אומעט איז אַרונטער אויפן שטעטל און יענע נאַכט האָט קיינער נישט צוגעמאַכט קיין אויג, מען האָט פאַרגעפילט דעם פינצטערן ג׳רל וועלכער דערוואַרט אונדז.

מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק, ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט פּוילן, זענען מיין שוואָגער, שמוליק און מיין שוועסטער דבורה, געווען אין וואַרשע. זיי איז אָבער געלונגען אַריבער דעם בוג און קומען צו אונדז. אַזוי ווי זיי האָבן שוין געלעבט אונטער די דייטשן, האָבן מיר אים געפרעגט וואָס דערוואַרט אונדז פון דייטש. ער האָט אונדז אָבער באַרויקט און געזאָגט אַז אַמערגסטן קען זיין נאָר צוואַנגס־אַרבעט...

שבת, דעם 27 יוני, האָבן די אַרומיקע קריסטן גענומען רויבן די יידישע הייזער. פאַרנאַכט האָבן די דייטשן זיי באַפוילן ענדיקן דאָס, און פאַרלאָזן דאָס שטעטל. אין דער זעלבער צייט האָבן זיי באַפוילן אַלע יידישע מענער צונויפ־קלייבן זיך אויפן מאַרק־פּלאַץ. מ׳האָט אונדז אויסגעשטעלט צו דריי אין אַ שורה און אַוועקגעפירט אונטער אַ שטאַרקער וואַך, צו די קאַזאַרמעס אויף ניישטאָט. דאָרט האָט אַן אָפיציר אַרויסגענומען פון די שורות 32 יידן. די איבערגעבלי־בענע האָט מען באַפוילן זעצן זיך אויף דער ערד און אויסליידיקן זייערע טאַשן. זיי האָבן צוגענומען אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט, אַפילו שוועבעלאַך.. דערווייל האָבן זיי אָפּגעפירט די 32 מאַן אין אַ דערבייאיקן וועלדל און דערשאָסן זיי. דאָס איז געשען פאַר אונדזערע אויגן. דאַן האָט מען באַפוילן אַז 20 מאַן פון אונדז זאָלן גיין באַערדיקן די הרוגים. איינער פון די 32 פאַראורטיילטע, איז געווען מאשקע מאלאט, ער איז נישט געטראָפן געוואָרן, און געבליבן לעבן. אַ דייטש האָט אָבער באַמערקט ווי ער באַוועגט זיך, און איז צוגעגאַנגען און אים דערשאָסן. דער צווייטער ייד וועלכער איז על־פּי־נס לעבן געבליבן, איז געווען דער מנקר, פון דער שטאָט מיר. ער איז געלעגן שטיל, און נישט באַוועגט זיך. ווען מ׳האָט זיי גענומען איבערטראָגן און וואַרפן אין אַ גרוב, וועלכע האָט געדינט אַלס קלאָזעט פאַר די פוילישע זעלנער, האָט ער זיך אויסגעמישט מיט די לעבעדיקע און ניצל געוואָרן.

שפּעטער האָט מען אונדז צוריק געטריבן אין שטעטל און באַפוילן זינגען. מ׳האָט אונדז פאַרשפּאַרט אין די ליידיקע קראָמען, אויפן מאַרק. אין דער פרי, זונטיק, האָבן זיך משפחות שוין דערוווסט פון זייער אומגליק, זייערע געוויינען האָט געהילכט אין שטעטל. אונדז האָט מען געהאַלטן פאַרשפּאַרט. אונדזערע

פרויען זענען געלאָפן צום גלח און צו די באַקאַנטע קריסטן, כדי זיי זאָלן זיך משתדל זיין פאַר אונדז. ערשט אויפן צווייטן טאָג האָט מען אונדז באַפרייט.

עטלעכע חדשים שפּעטער האָט מען מיר צוזאַמען מיט נאָך יידן אַוועקגע־טריבן קיין נאָוואָגרודעק. מיין 5 יאָריקער זונעלע עקיבא'לע איז מיר נאָכגע־לאָפן און געבעטן זיך „טאַטע, טאַטע, פאַרלאָז אונדז נישט" —... טרערן האָבן מיר געשטיקט, כ'האָב אים געקושט און געטרייסט אַז כ'וועל אין גיכן צוריק־קומען. מער האָב איך מיין ווייב רבקה און מיינע 3 קינדער נישט געזען.

זיי זענען אומגעקומען פון די נאַצישע מערדער: מיין טעכטערל בתיה איז אַלט געווען 8 יאָר, מיין זון עקיבא — 5 יאָר און בנימינ'קע — 2 יאָר...

(דער איבערגעבער פון די זכרונות, האָט דאָ איבערגעריסן און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, נישט זייענדיק אימשטאַנד פאָרצוזעצן די טרויעריקע זכרונות)...

מאַרדוכאָוויץ מרדכי, נתניה

אין די הענט פון גורל

מיינע זכרונות הויבן זיך אָן פון יאָר 1931, ווען כ'האָב אָנגעהויבן לערנען אין דער „תרבות" שולע, וועלכע האָט זיך געפונען אויף שול־גאַס. אַנטקעגן איבער איז געווען די „חורב" שולע. אונדזערע לערער זענען געווען: אַווסייע־וויטש, חפץ און לייבע ראַלניק, (לייבע שירקעס). איך האָב געלערנט ביזן יאָר 1939, און ווען די רוסן האָבן אָקופּירט אונדזער געגענט, האָב איך פאָרגעזעצט מיין לערנען אין אַ רוסישער שולע. מיין פאָטער האָט געהייסן יצחק מאַרדו־כאָוויטש (איצל דער רימער), די מאַמע — שיינע־לאה. געוווינט האָבן מיר אויף קלעבאַנער גאַס, בשכנות מיט דער משפחה גאלאי. ווען דער באַקאַנטער שוחט, ר' מרדכי לוסקי, איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, זענען מיר איבערגע־גאַנגען וווינען אין זיין שטוב אויף שקאָלנע גאַס, בשכנות מיט גדליהו ראַגאָוו און זלמן גאָרדאָן. אונדזערע עלטערן האָבן געהאַט 5 קינדער. אָבער די מאַמע און די 2 קלענערע ברידער, וועלוול און ברוך, זענען אומגעקומען אין איוועניעץ אין יאָר 1942. אויך דער טאַטע איז אומגעקומען אין נאָוואָגרודקער געטאָ. אויך זענען אומגעקומען אַלע אונדזערע קרובים (הרצל מאַרדוכאָוויטש מיט די קינ־דער; יאַשע, שמואל דוד און חיה. און מיין קוזינע הינדע גאלאי מיטן מאַן און זייערע 5 קינדער). פון אונדזער פאַרצווייגטער משפחה זענען געבליבן בלויז מיין שוועסטער רייזל, מיין ברודער יענקל און איך.

ווען די דייטשן זענען אַריין אין איוועניעץ האָט מען מיר צוזאַמען מיט

נאָך יוגנטלעכע, אַוועקגעשיקט קיין דוואַרעץ. די אַרבעט איז דאָרט געווען זייער אַ שווערע און נישט פּאַר אונדזערע כוחות. נאָך 4 חדשים זייענדיק דאָרט אין לאַגער, איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן פֿון דאָרט, און כ'בין געקומען צוריק קיין איוועניעץ. אונדזער שטוב האָט זיך געפֿונען אין שטח פֿון געטאָ, כ'האָב געמאַכט דאָ־ט אַ באַהעלטעניש, ווו די גאַנצע משפּחה האָט אַ לענגערע צייט זיך אויסבאַהאַלטן. אָבער ווען די מערדער האָבן אַרויסגעשיקט די לעצטע פּאַרטיע קיין נאָוואָגרודעק, איז אונדז נישט געבליבן קיין ברירה, און מיר זענען אַוועקגעטריבן געוואָרן מיט אַלע איבעריקע, קיין נאָוואָגרודעק. די קליינע קינדער און אויך אַלע אַלטע און קראַנקע, וועלכע זענען פֿאַרבליבן אין געטאָ, זענען עטלעכע וואָכן שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן!

ניין וואָכן נאָך אונדזער אָנקומען אין נאָוואָגרודעקער געטאָ, איז פֿאָרגעקומען די גרויסע שחיטה, דאַן איז אומגעקומען אויך מיין טאַטע און אונדזערע קרובים. מיר און מיין ברודער יענקל, האָט מען איבערגעשיקט אין 2טן געטאָ, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין די געביידעס פֿון געוועזענעם פּוילישן קרייז געריכט. (די שוועסטער רייזל איז מיטן אָנקומען פֿון די דייטשן, אַנטלאָפֿן קיין רוסלאַנד). זייענדיק שוין אין 2טן געטאָ, איז יענקלען געלונגען אַנטלויפֿן, און ער איז פֿאַרבליבן אין וואַלד. איך האָב געאַרבעט אין דער קיך און כ'פֿלעג פֿאַרן מיט די אָרטיקע פּאָליציי ברענגען וואַסער און פּראָדוקטן. אָפֿט פֿלעגט מיר געלונגען אַריינשמוגלען אין לאַגער געצייג צום בויען דעם טונעל. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך צונויפֿגעלעבט מיט מיר, אין אַ געוויסן טאָג האָט מיין באַגלייטער מיר פֿאַרטרויט אַז זיי גייען איבער צו די פּאַרטיזאַנער, און פֿאַרגעלייגט איך זאָל גיין מיט זיי. צוריקקומענדיק אין לאַגער האָב איך עס דערציילט מיינע חברים, אָבער זיי האָבן נישט געגלויבט אין דעם און אָפּגערעדט מיר פֿון אַנטלויפֿן, טענהנדיק אַז די פּאָליציאַנטן וועלן מיר כאַפּן און איבערגעבן צו די דייטשן... צו מאָרגנס האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס די פּאָליציאַנטן האָבן מיר נישט גענאַרט; זיי זענען טאַקע אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער, יענע נאַכט איז אונדזער לאַגער געבליבן אָן אַ וואַך, און מיר אַלע האָבן געקענט אַנטלויפֿן...

ס'זענען אַדורך נאָך עטלעכע חדשים, און ס'איז אונדז געלונגען צו פֿאַרענדיקן דעם טונעל, אין סעפּטעמבער 1943, זענען דורכן טונעל אַנטלאָפֿן 250 יידן, אָבער פֿאַרבליבן לעבן זענען נאָר 120 מאַן. ביים אַנטלויפֿן, זענען אומגעקומען פֿון די דייטשע קוילן, שעפּסל מאַגאַדיי, ראובן און יואל זק, שלמה גאלאי א. א. צווישן די לעבן געבליבענע איוועניעצער זענען געווען: יעקב און אהרן אושמאַן, דבורה און שלום סביניק, יחזקאל פּוזניאַק, מולקע קאַלאַציק מיטן זון ישׂראליק.

אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך געטראָפן אין וואַלד מיט מיין ברודער יענקל, אונדזער שמחה איז געווען גרויס אָבער אויך אונדזער טרויער איז געווען גרויס. דערמאָנענדיק זיך אין אונדזערע טייערסטע און נאָענטסטע, וועלכע זענען אומגעקומען פון די היטלעריסטישע רוצחים.

אין וואַלד זענען מיר געווען ביז די רויטע אַרמיי איז אָנגעקומען און באַ־פרייט אונדז פון די דייטשן.

אין יאָר 1957 איז מיר געלונגען קומען קיין ארץ־ישראל, וווּ איך לעב מיט מיין משפּחה. מיין שוועסטער רייזל, לעבט מיט איר משפּחה אין קאַנאַדע, און מיין ברודער יענקל מיט זיין משפּחה, לעבט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אונדזער אומגעקומענע משפּחה, ווי אויך אונדזערע גרויזאַמע איבערלע־בענישן, וועלן מיר אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ראובן סעגאַלאָוויץ, ניו־יאָרק

אין די שורות פון יידישע פּאַרטיזאַנער

כ׳בין איינער פון די מזלדיקע מענטשן וועלכע האָבן אַדורכגעמאַכט דעם נאַציש גיהינום און לעבן געבליבן. כ׳בין געבליבן לעבן אפשר דערפאַר ווייל נאָך דאַן, ווען כ׳בין געווען יונג און אומערפאַרן, האָב איך באַשלאָסן נישט לאָזן זיך פירן צום טויט, ווי אַ שעפּסעלע און קעגנשטעלן זיך ווי ווייט כ׳וועל קענען — די היטלעריסטישע רוצחים.

אין יאָר 1942, (דעם טאָג און חודש געדענק איך נישט) האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט פון איוועניעץ די לעצטע אַרבעטספעאיקע יידן. אין געטאָ האָבן זיי איבערגעלאָזט בלויז די אַלטע און קראַנקע, און אויך אַ 600 קליינע קינדער, פון איוועניעץ און רוביזשעוויץ.

איך בין געווען צווישן די לעצטע אַרויסגעפירטע יידן. מ׳האָט אונדז גע־טריבן קיין נאַוואָגרודעק. כדי אָנשרעקן אונדז, האָבן די רוצחים דערהרגעט אויפן וועג עטלעכע יידן. די גאַנצע וועג האָבן די דייטשן און זייערע פּוילישע מיטהעלפער, אונדז געשלאָגן און באַליידיקט. ווי מיר וואָלטן נישט געווען קיין מענטשן, נאָר ווילדע, בייזע חיות...

ענדלעך האָט מען אונדז געבראַכט קיין נאַוואָגרודעק און פאַרשפּאַרט אין געטאָ. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן אומקום פון די איבערגעבליבענע יידן, און די קליינע קינדערלעך.

כ'האָב זיך צונויפגערעדט מיט נאָך עטלעכע בחורים, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט זענען מיר אַנטלאָפן אין וואַלד.

נאָך פיל טעג פון וואַנדערונג אין וואַלד. טעג פון שרעק, הונגער און יאוש, זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען צו די פּאַרטיזאַנער און אַריינגעטראָטן אין דעם „סטאַלינסקי" אָטרייד. אַ סך יידן פון אונדזער אָטריאַד זענען אומגעקומען בשעת דעם קאַמף מיט די דייטשן אין נאַליבאָק.

אין ווינטער 1943, האָט אונדזער אָטריאַד וועלכער האָט געציילט 105 פּאַר־טיזאַנער (צווישן זיי זענען געווען בלויז 5 יידן). באַקומען אַ געוויסע אויפגאַבע, אין מיר האָבן פאַרנומען דעם דאָרף יאַטאָוויץ, וועלכער געפינט זיך אויפן וועג פון איוויע קיין יוראַצישאָק. 3 טעג זענען מיר געווען אין דאָרף, אַפּוואַרטנדיק די דייטשן. אויפן פערטן טאָג האָט די פּאַרטיזאַנישע „ראַזוועדקע" אונדז צו וויסן געגעבן אַז צום דאָרף דערנענטערן זיך אַ סך דייטשע מאַשינען. מיר האָבן פאַרנומען אונדזערע פּאָזיציעס און זיי אָפּגעוואַרט.

ווען זייער ערשטע מאַשין האָט דערגרייכט דעם דאָרף, האָבן מיר געקראָגן דעם באַפעל צו שיסן. מיר האָבן געשאָסן מיט צינד־קוילן, די געטראָפענע מאַשינען האָבן גענומען ברענען און די דייטשן, האָבן גענומען שפּרינגען פון זיי און זענען דערהרגעט געוואָרן פון אונדזערע קוילן. דער קאַמף האָט גע־דויערט מער ווי 2 שעה. ס'זענען דאָן געפאַלן 200 דייטשן און פּאָליאַקן. ס'זענען אויך דערהרגעט געוואָרן 5 פּאַרטיזאַנער. אויך זענען געווען ביי אונדז עטלעכע פאַרוווּנדעטע. בלויז 3 דייטשן זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, אָבער נאָכן אויספאָרשן זיי, זענען זיי דערשאָסן געוואָרן. מיר האָבן דאָן צונויפגע־זאַמלט אַ סך געווער, אין וועלכע מיר האָבן זיך גענויטיקט, אויך אַ סך עסנ־וואַרג האָבן מיר געפונען אין די מאַשינען. די אַלע מאַשינען האָבן מיר פאַר־ברענט.

שפּעטער האָט מען מיר איבערגעפירט אין „קאַלינינס" אָטריאַד פון דער „זשוקאָווער" בריגאַדע.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען מיר געשיקט מיט נאָך 5 פּאַרטיזאַנער (2 יידן און 4 רוסן)). אויפרייסן אַ באַן מיט דייטשע זעלנער, וועלכע זענען געפאָרן אויף אורלויב קיין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען נעבן דער באַן־סטאַציע „גאַוויע". איך האָב געדאַרפט לייגן די מינע און אויפרייסן איר, ווען דע־ באַן וועט אָנקומען. די איבעריקע פינף פּאַרטיזאַנער האָבן געדינט אַלס באַשיצונג.

די אויפגאַבע האָט אונדז געלונגען. דער באַן איז געווען אָנגעפּאַקט מיט דייטשן, און ס'זענען דאָן דערהרגעט געוואָרן אַרום 500 זעלנער, אויך זענען געווען אַ סך פאַרוווּנדעטע. נאָכן אויספירן אונדזער אויפגאַבע, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט בשלום צו אונדזער אָטריאַד.

כ׳האָב דאָ געבראַכט בלויז 2 פאַלן וועלכע האָבן דאַן אָפּגעהילכט אין גאַנצן געגנט, און געהייבן דעם מאָראַל ביי דער באַפעלקערונג.

מען קען שרייבן גאַנצע ביכער וועגן די העלדישע מעשים פון די יידישע פאַרטיזאַנער, פאַר וועמענס אויגן זענען שטענדיק געשטאַנען די געשטאַלטן פון זייערע אומגעקומענע משפחות און פריינט. פאַר וועמען ס׳איז פאַרבליבן נאָר איין ציל זייער לעבן: נקמה נעמען פון די היטלעריסטישע רוצחים און זייערע שותפים.

מיין תפילה און האָפענונג איז, אַז אונדזערע קינדער און אייניקלעך זאָלן נישט וויסן פון מלחמות. אַז שלום זאָל הערשן אין דער גאַנצער וועלט און ישראל בתוכם.

שמואל סלוצקי / בת־ים

שנתיים בבור צלמוות



שולמית

אחרי שעיירתי מיר, שבה נולדתי ובה חייתי, נהרסה כליל מהפצצות הגרמנים מיד בתחילת המלחמה, נמלטתי לאיבניץ, בה התגורר אחי. מה נוראה היתה המהלומה שירדה על ראשי בהודע לי, שאחי היה בין שלושים ושלושת היהודים שקלגסי היטלר הוציאום להורג מיד עם כניסתם לעיירה. התקוה שפעמה בלבי לראות את אחי נגוזה ואימה גדולה נפלה עלי. באימה היו שרו־יים גם כל יהודי איבניץ. מדוכאים וחסרי־ישע נדחקו הם ונסתגרו בבתיהם. אולם הגרמנים לא נתנו להם מנוח ומדי פעם בפעם יצאו גזירות חדשות, אחת קשה מקודמתה.

במקצועי הייתי טכנאי־שיניים, בשל כך צרפוני לצוות רפואי מיוחד. עלי היה להתקין שיניים תותבות בשביל הגרמנים. מקום העבודה שלנו היה בביתו של זליג צ׳רנין, בכיכר השוק. שם בביתו היכרתי את משפחת שמואל זק מקמין, הודות לבתם שושקה, שהיתה רוקחת, וצורפה לקבוצתנו, נתנו גם למשפחתה להיות בקרבתה — מחוץ לגיטו.

במרוצת הזמן התקשרתי מאוד אל המשפחה הזאת ובעיקר — לשולמית, אחת מארבעת בנות המשפחה.

יחד אתי עבד גם רופא שיניים מרוביזשעביץ, חיים־איסרביילקין וכן ד״ר פחוצקי. המפקח הראשי עלינו היה ד״ר בוגדאנאוו (נוצרי). הוא היה גם המנהל של בית־החולים המקומי. על ד״ר ביגדאנאוו זה אפשר להגיד, שהוא היה אחד מחסידי אומות העולם. הוא עזר ליהודים ככל יכולתו, לעיתים — מתוך סיכון חייו, בו בזמן שרוב רובה של האוכלוסיה הנוצרית עמד מנגד, מתוך שמחה לאיד, ורבים מהם אף השתתפו בשוד רכושם של היהודים וברציחתם.

התקופה הקשה ביותר התחילה עם הופעתה של המשטרה שהוקמה מנוצרים מקומיים. הם היו מתעללים ביהודים ורוצחים אותם סתם, לשם התענוג.

יום אחד כלאו את כל יהודי איבניץ בגיטו. אותי עם כל הצוות השאירו עדיין מחוץ לגיטו. לא רק למען הגרמנים עבדנו, אלא גם למען האוכלוסיה הנוצרית. הם היו מביאים אלינו חפצי זהב, ששדדו מהיהודים, ועלינו היה לצקת מזה שיני זהב עבורם וטבעות עבור נשותיהם.

בקייץ 1942, פקדו על כל היהודים הכשרים לעבודה להתייצב תוך רבע שעה בככר השוק. גם עלי היה להצטרף אליהם. אחרי שספרו ומנו אותנו הובילונו ברגל תחת משמר חיילים ושוטרים מזוינים, שהרבו בגידופי תועבה, מכות ואיומי רצח — אל העיר נובוגרודק.

בדרך הבחין בי אחד מהקצינים שבזמנו טיפלתי בשיניו. הוא הוציאני מהשורה וציווה להחזירני לאיבניץ, לעבודתי. הוא שאלני אם יש מישהו ממשפחתי בשיירה. מיד הצבעתי על חנה, ואמרתי שהיא אמי; הצבעתי גם על שולמית, ואמרתי שהיא אשתי. רציתי להוציא עוד מישהו, אבל הגרמני לא הסכים. האם פרצה בבכי מר, והתחילה להתחנן שיחליפוה בביילקעלע, בתה הקטנה. אולם כאן יצא הגרמני מכליו, אותי הרחיק, ואילו את האם ואת שולמית החזיר בחימה שפוכה אל השיירה שהמשיכה בדרכה, ועד מהרה נעלמה מעיני.

שבור ורצוץ הלכתי חזרה לאיבניץ. השוטר שליווני, סר באמצע הדרך לאחד הכפרים ומסר אותי למשטרה המקומית, עד שהגרמנים יחזרו לאיבניץ ויאספוני בדרכם.

משום־מה לא הקפידו שם בשמירה עלי. הייתי רעב מאוד ויצאתי לכפר לחפש דבר־מה לאכילה. בסתר לבי קיוויתי שאפגוש בין הנוצרים מכר שיעזור לי. בהשתרכי כך בכפר נתקלתי בשוטר. מיד התנפל הוא עלי במכות: — זשיד מנוול — צרח הוא — והחזירני שטוף דם לבית הסוהר. כל זה השכיח ממני את רעבוני, נדחקתי לקרן זווית ושקעתי בעלפון.

כעבור יומיים חזרו הגרמנים ועמם אותו הקצין שפקד להחזירני. כשראני במצבי העלוב, החיש את יציאתי לאיבניץ.

באיבניץ מצאתי את הרחובות ריקים מאדם. רבים מיהודי העיירה והסביבה נרצחו זה כבר, המבוגרים והכשרים לעבודה גורשו לנובוגרודק ולדבורץ. בגיטו

נשארו רק הזקנים והילדים הקטנים. כעבור ימים ספורים הוצאו גם הזקנים להורג, ולמחרת היום הוצאו כל הילדים, כ־650 ילד — אשר היו בגיטו ונקברו חיים! עדי ראיה מבין הנוצרים סיפרו שתחילה הקיזו הגרמנים את דמם של הילדים למיכלים מיוחדים, בשביל פצועי מלחמה גרמנים, אחר כך העמיסו את הילדים ההמומים על עגלות שגויסו מהאיכרים, וכך הובילו אותם דרך רחובות העיירה עד ל״פישצועס״, חורשה, לא רחוק מהעיירה, ושם זרקום מהעגלות ישר לבור ענקי, שהיה כבר מוכן מבעוד יום. זמן רב לא שקטה האדמה מעל קברם, היא רעדה והתרוממה מפרפוריהם של הילדים, עד שנחנקו ושקטו...

מקום עבודתי נקבע הפעם בביתו של יונה קאַרפּ, שבככר השוק. פעם אחת בבוקר, נשמעו יריות מהו־חוב. מבעד החלון ראיתי אנשי הגיסטאפו מתרוצצים מבית לבית. הבנתי — הם מחפשים יהודים מסתתרים. מתוך פחד שמא יתנכלו גם לי, הסתתרתי בסככת בית־השימוש שבגן. מבעד חרכי הלוחות ראיתי ששני גרמנים בלווית שוטרים, פורצים מהבית אל הגן ומתקרבים אל מקום מחבואי. לבי עמד מפעום, זהוא... הנה בא הקץ גם עלי! אך ארע לי נס — הם לא הבחינו בי והסתלקו. באותו יום הם מצאו את גדליהו רוגוב ואשתו מסתתרים בבונקר. הגרמנים הרגום בו במקום.

כך, תוך מתח אימים וסיוטים המשכתי לעבוד. המשיכו ועבדו יחד אתי גם ד״ר חיים־איסר ביילקין מרוביזשעביץ, וד״ר פחוצקי. אחרי שחיסלו לגמרי את גיטו איבניץ, נקלע אלינו, באורח פלא גם זליג טשרנין, שהיה קודם לכן ראש הקהילה, ובתור שכזה מוכרח היה להופיע לפני הגרמנים ולמלא את כל פקודו־תיהם. מצפונו לא השלים עם תפקיד זה ועורר אותו להתנגד להוראות, הדברים הגיעו לידי כך שהגרמנים ירו בו ופצעוהו קשה. בהחבא חלץ אותו ד״ר בוגדנוב. טיפל בפצעיו בבית החולים, וכשהחלים במידה מספקת צרפו אלינו במסווה של עוזר לרופא שינים. עם זאת היה סופו של טשרנין מר ונמהר: אחד הגרמנים זיהה אותו, הוציאו ממקום עבודתו לרחוב וירה בו.

אנחנו, שלושת היהודים, הירגשנו שגם קיצנו מתקרב ובא. והנה בוקר אחד בא אלי איכר מכפר טשעסנאַוואַי, שליד העיירה קמין ולחש לי, שאצלו בגורן מסתתרות שולמית ושתי אחיותיה, אף מסר לי פתק מהן ובקשה לעזור להן.

שמחה ופחד שימשו אצלי בערבוביה, שמחה על שניצלו ופחד לגורלן בעתיד. הייתי אובד עצות, כי לא ידעתי איך לעזור להן. האיכר, אנטוש גיבוינה, שמו, האיץ בי. לא הייתי מסוגל לחשוב הרבה. אספתי איפוא בגדים ומזון שהיו ברשותי מסרתים לאנטוש וביקשתיו שישמור על הנערות עד שאמצא דרך להגיע אליהן.

היומים עברו עלי במתח נפשי עצום — הן שם מחכות לעזרתי ואני חסר

ישע -- אפילו לצאת מפתח הבית איננו יכולים, כי שוטרים מקומיים שומרים עלינו.

והנה קרה יום אחד דבר־מה בלתי רגיל ובלתי צפוי בעיירה, שגרם התרגשות עצומה: הגיעה אלינו שמועה, שהמשטרה הפולנית התקוממה נגד הגרמנים והיא נלחמת בהן עתה בבניני הקסרקטין שבאיבניץ ובסביבה כולה. המתיחות היתה איומה — לא יכולנו להאמין שמשתפי הפעולה מאתמול יהפכו את עורם וילחמו בגרמנים. עד ש...לפתע נפתחה דלת חדרנו, נכנס שוטר מקומי ובישר לנו: אתם חופשים, אין עוד גרמנים כאן!

נדהמים ומהססים יצאנו החוצה. תכונה רבה ואווירה של דבר־מה בלתי רגיל ריחפו מסביב. ואכן נתברר, שבעיירה שלטה המשטרה "המהפכנית".

חשתי שעלי לנצל מיד את המצב החדש שנוצר והתחלתי לרוץ לכפר טשעסנאָוואָי. בדרך פגשתי בקבוצת שוטרים פולנים. לא זו בלבד שלא פגעו בי, אלא הציעו לי להצטרף אליהם וללחום נגד הגרמנים. לא יכולתי לתת אמון בהם, במרצחים מאתמול (כעבור ימים מספר גברו הגרמנים על השוטרים המתקוממים והשמידום) וכל מעיני היו רק בהן, בשולמית ובאחיותיה. המשכתי איפוא את דרכי בשבילי השדות עד שהגעתי לכפר.

ביתו של האיכר, אשר החביא את הנערות, היה מרוחק מהכפר, "חוטאָר" בלע"ז. מצאתי שם את שולמית בלבד, אחיותיה שושקה ודובה החליטו ללכת לעיר סטולפצי, אל קרובי משפחתם אשר התגוררו שם.

הפגישה ביני ובין שולמית היתה נרגשת ועם זאת עצובה מאוד. ישבנו במחבואנו בגורן ובלחש סיפרה לי על הקורות אותה מאז נפרדנו:

בערב אחד, בחזרן מהעבודה אל הגיטו בנובוגרודק, הבחינה שולמית בתכונה גדולה של חיילים ושוטרים מסביב לגיטו. היא, שושקה ודובה החליטו להתחמק ולהסתתר בשדה (אחותן הקטנה,ביילקעלע, נשארה עם ההורים בגיטו). פתאום נשמעו יריות רצופות רבות, והן הבינו שמחסלים את היהודים בגיטו. אז התחילו לברוח אל מחוץ לעיר. החליטו ללכת לכיוון איבניץ ולבקש מחסה אצל איכרים, ידידים של ההורים, אולי ירחמו עליהן ויעזרו להן...

ארבעה ימים ולילות נדדו, חומקות מעין רואים, צועדות בירכתי שדות ויערות. בלילה הרביעי הגיעו לכפר פולדורוזשע. שולמית נזכרה ששם מתגוררת נוצריה, אשר בתקופת הסובייטים עבדה אתה במשרד אחד. הן שמו איפוא את פניהן אל מקום מגוריה, הקישו על הדלת. הצעירה הופיעה בפתח, הכניסה אותן חיש פנימה, התיחסה אליהן בחיבה ובחמימות, האכילה והשקתה אותן, אך להחביא — אי־אפשר. היא הלבישה אותן בבגדי איכרות פשוטות ושילחה אותן לכפר טשעסנאָוואָי.

בלכתן שמה נדברו ביניהן שאם מישהו ישאלן ויחקרן — יגידו, שהולכות

הן לחפש עבודה. בדרך נעצרו על־ידי משמר גרמני ולאחר חקירה קצרה הורשו ללכת אך הוזהרו: "לא להסתובב בדרכים"...

חיש מהר הסתלקו משם. כמעט בריצה המשיכו בדרך, וסוף־סוף הגיעו לכפר תקוותם: טשעסנאָוואָי שליד העיירה קמין. דפקו רפות על הדלת. הלב רעד; איך יקבלום? התקווה הפעם לא הכזיבה. אנטוש ואשתו יאדוויגה הכירון: הלא אלה הבנות של חנה'לה! היכנסו, מהר היכנסו! הה ילדות מסכנות שלי — מלמלה יאדוויגה, ודמעות זלגו מעיניה. רחמיו של אנטוש נכמרו גם הם והוא לחש:

— הה אלוהים אדירים, איזו קללה ירדה על העולם!..

תחילה האכילון והישקון ואחר עסקו אנטוש ויאדוויגה כל הלילה, בחשאי, אי־שם בגורן והכינו מסתור. התקינו כעין בור מתחת לשחת והחביאום שם. הם סיכנו בכך את חייהם, כי הגרמנים הסתובבו בסביבה כולה ואיימו במוות על כל מי שיסתיר יהודים. וכבר הוציאו את איומם אל הפועל פה ושם. אף־על־פי־כן לא נרתעו אנטוש ויאדוויגה מליתן להן מחסה.

החלטתי להישאר עם שולמית. נפשי נקשרה בנפשה.

במשך כל היום ישבנו בבור, שהשלמתי את חפירתו ואת כיסויו, ורק בלילה, כשהכל ישנו — יצאנו אנו לפעמים לשאוף אוויר צח ולחלץ את העצמות. אנטוש ויאדוויגה, שתי הנפשות הטובות האלה, עשו כמיטב יכולתם למעננו, וברור, שום נפש חיה מבלעדיהם, אסור היה שתדע כי נמצאים אנו שם. אפילו מילדיהם של מצילנו, כל־שכן מסבתא הפטפטנית, היה עליהם להסתיר זאת. ישבנו, וליתר דיוק, שכבנו — בפחד מתמיד. להתישר ולעמוד במלוא הקומה לא יכולנו, לא ניתן גם להעמיק את הבור, כי המים חדרו מלמטה. כל יום היה בעינינו כשנה. לעיתים קרובות היו הגרמנים מבקרים בכפר, ומדי שמענו את צעדיהם וקולותיהם סמוך למקום מחבואנו, היה הדם קופא בעורקינו. שולמית סבלה גם משבר בידה, ומעשה שהיה כך היה: יום אחד הפצירה שולמית באנטוש, שילך לסטולפצי להיוודע מה גורל אחיותיה. ואם אפשר שגב היא תסתלק לשם. אנטוש הלך, חזר ובשורה רעה בפיו: האחיות נתפסו מיד בהגיען לסטולפצי ונורו למוות. כהלומת רעם כרעה שולמית תחתיה לשמע דבריו וכמעט נטרפה עליה דעתה. היא איבדה את הכרתה, נפלה, וכך שברה את ידה. הכאב היה עצום, אך אסור היה להיאנח כדי שלא לגלות את מקום המחבוא. באין רופא ובאין תרופות ניסו להקל עליה ברטיות קרות... קשה לתאר במלים את מסירותם של זוג האיכרים אליה.

כך הוספנו לשבת שפופים בבור. הכינים רחשו סביבנו בהמונים ושערותינו גדלו פרא. גם עכברושים חדרו אלינו, קפצו וטיילו מעלינו.

המצב בחוץ הלך והחמיר, וסכנת כליון נשקפה לא רק לנו כי אם גם למיטיבינו. יום אחד הלך אנטוש לקמין, כדי לשאול בעצת הכומר הזקן. הכומר לא חסך בדברי עידוד לאיכר — "מצווה גדולה אתה עושה — אמר לאנטוש,

הוסף לשמור עליהם ואלוהים ישלם לך כגמולך". אנטוש חזר הביתה מעודד ברוחו והוסיף לדאוג לנו. (לאחר מכן שמענו שהגרמנים הוציאו להורג את הכומר הזקן מקמין).

חלף הקיץ ובא החורף. בקיץ נחנקנו מחום ובחורף קפאנו מקור. יאוש מר כירסם את לבנו וכבה כל זיק של תקווה. נאבקתי עם עצמי שלא להיכנע ליאוש. משמשמענו שישנם פרטיזנים ביער, חשבתי לברוח שמה, אבל איך אעזוב את שולמית, או כיצד אמשכנה אחרי עם ידה השבורה? אנטוש ויאדוויגה אף הם הניאוני מלעשות כך. גם פרטיזנים הורגים יהודים — אמרו. אדישות קרה, כבדה ונוראה התחילה לרדת עלינו.



אחת מחסידי אומות העולם, ידביגה גיבוינה מכפר טשעסנאָוואָי וילדיה, סיכנו את חייהם יחד עם בעלה אַנטוש והיצילו יהודים ממוות

איינע פון די חסידי אומות העולם. יאַדביגה גובאַינה פון טשעסנאָוואָי מיט אירע קינדער וועלכע האָט צוזאַמען מיט איר מאַן אַנטאָש האָבן מסכן געווען זייער לעבן און געראַטעוועט יידן פון טויט

יום אחד בא אלינו אנטוש, מבוהל מאוד, כל עוד רוחו בו סיפר: הגרמנים שורפים את כל הכפרים, בכך רוצים הם למנוע עזרה ותמיכה מן הפרטיזנים שביערות הסמוכים. הם מתקרבים גם הנה". ואכן עשן השריפות חדר גם למחבואנו, ובלילה אדמו השמיים. אנטוש וכל משפחתו נטשו את ביתם וברחו אל השדה. בחיפזון כיסו הם את בור מחבואנו בשכבת אדמה עבה והסווהו. האשנב הקטן הקודם נסתם לחלוטין.

כעבור זמן־מה התחיל המחנק בבור להציק לנו נוראות. חסר לנו אוויר לנשימה. שולמית התפתלה מתוך אין־אונים. חשתי שעוד מעט אתעלף גם אני. מתוך יאוש התחלתי במאמץ על־אנושי לחטט ולנבור באצבעותי במיכסה שמעלינו. מצאתי מקל וניסיתי בשארית כוחי לנעוץ אותו במכסה ולבקוע חור קטן כדי שיחדור קצת אוויר, והתרחש נס: המקל חדר ועבר. נוצרה ניקבה צרה, וסילון אוויר צח התחיל לחדור אלינו. הרמתי את שולמית המתעלפת והצמדתי את פיה לחור: היא שאפה עמוקות ורוחה שבה אליה. שאפנו אוויר שנינו, לסירוגין.

אולם לא היה די בכך ומי יודע מה היה עולה בגורלנו אילולי התרחש הגדול בניסים: לפתע הופיע האיכר הטוב, אנטוש, גרף והוריד את האדמה ואת הלוחות מעל ראשינו, וכולו התרגשות רבה. הפעם בשורה משמחת מאוד בפיו: הגרמנים ברחו. הם אינם נראים עוד. הרוסים תוקפים בכוח רב, הם כבר נמצאים בקצה הכפר!

לא האמנו למישמע אוזנינו. כוח דיבורנו ניטל מפינו מעצמת הבשורה. דבריו של אנטוש צלצלו כמתוך חלום רחוק ומעורפל. כלום יתכן הדבר?... חירות?? כך, בבת אחת מחושך לאור, מצלמוות לחיים??.. כן היתה זו אמת. יצאנו מהבור, באוזנינו הידהדו יריות התותחים, ראינו אותם, את החיילים הרוסים דוהרים על הטנקים שלהם. אחרי ששהינו שנתיים בבור — אנחנו חופשים כעת!!

אט־אט התחלנו להתאושש. השמחה היתה רבה, אך היא היתה מהולה בעצב, ביגון ובכאב עמוקים. כל בני משפחתנו ניספו. אנחנו בלבד, שניים, נשארנו בודדים על פני העולם כולו.

ניסיתי להעלות על הנייר מעט מזעיר מזכרונותי העגומים על אותה תקופה נוראה.

שולמית, ברצותה לגמול לאנטוש וליאדוויגה על הטוב שנעשו למענה — העבירה על שמם את בית אביה שברחוב מוכוביץ.

לאחר שעלינו ארצה באניה "אקסודוס" המפורסמת, עמדנו זמן ממושך בחליפת מכתבים ובקשרי ידידות הדוקים עם זוג האיכרים הטובים שלנו. אנשים יקרים, שמחסידי אומות העולם. מפעם לפעם שלחנו להם חבילות עד שניתקו הסובייטים את הקשרים עם ישראל. בשלב זה ביקש אנטוש שלא נכתוב עוד אליהם, מחמת פחדם מן השלטונות.

נישאנו והשתקענו בבת־ים והתחלנו לבנות את משפחתנו. נולדו לנו בן ובת נחמדים. הכול עשוי היה להיות טוב, אך קרה האסון: אחרי מחלה ממארת נפטרה שולמית, בעודנה במיטב שנותיה.

צבי (הירש) לדר / קיבוץ רשפים

זכרונות מימי השואה

משחר ילדותי זוכר אני את עיירתנו, עיירה שמרבית תושביה היו יהודים. עיירה עם בתי־כנסת ובתי־ספר עבריים וחיים יהודיים תוססים. אני למדתי בבית־ספר "חורב" שבעיירה, מקום שם למדנו עברית וגם פולנית.

ביוני 1941, ימים ספורים לאחר פרוץ מלחמת רוסיה—גרמניה, ניכנסו קלגסי־היטלר לעיירתנו ומיד התחילו בהטלת גזירות על האוכלוסיה היהודית ומנת חלקנו היתה: מאסרים ורצח.

בסתיו 1941 הקימו את הגיטו וכלאו בו גם את יהודי קמין ואת היהודים שהיו בכפרים בסביבה. העבידו את היהודים בעבודות־פרך, אבל מנות המזון היו מנות רעב.

בקייץ, 1942 הועברו כל היהודים בעלי כושר־עבודה — לנובוגרודק. את הנשארים בגיטו איבניץ — חיסלו. ביניהם היתה גם דודתי הנה, בת הירש ארלוק, שבגלל מחלתה נשארה בגיטו. כמו כן נרצחו אז למעלה מ־600 ילדים קטנים...

הגענו לנובוגרודק, ואני אז נער בן 15, אתי באו גם הורי, ארבע אחיותי וקרובי משפחה. התנאים בגיטו היו ללא־נשוא: רעב, מחלות, צפיפות, עבודות־פרך, מלקות והתעללויות מצד הגרמנים ועוזריהם.

בסתיו 1942 הוחל בחיסול הגיטו. באותו יום עבדתי עם עוד מספר בחורים באחוזה מחוץ לעיר. שם עצרו אותנו באורווה והחזיקו אותנו 3 ימים ללא אוכל ומים. כשהחזירו אותנו לגיטו לא מצאנו כבר את היהודים שהיו שם. ב"אקציה" זו ניספו גם הורי, וועלוויל ובתיה ואחיותי, ליובה, גוטה, שרה ורחל.

נשארנו מעטים בגיטו, אבל לא חלף זמן רב ובאחד הלילות, בחורף, נכנסו לגיטו הגרמנים, הוציאו את היהודים ורצחו אותם.

קבוצת יהודים ואני בתוכם הסתתרנו בבונקר, שהכינונו לשעת חירום. הגרמנים גילו אותנו, ירו לתוך הבונקר ופגעו במספר אנשים. שאר המסתתרים יצאו ומסרו את עצמם לידי הרוצחים הנאצים.

אני החלטתי לנסות את מזלי, שהרי בין כה צפוי לי המוות, ועל־כן נשארתי שוכב בבונקר. הגרמנים הסתפקו באלה שמסרו את עצמם לידיהם, ולא ערכו חיפוש בבונקר. כשהכל השתתק בגיטו, קמתי ולשמחתי נוכחתי שאתי בבונקר נותר בחור אחד, מבוגר ממני. חכינו עד שהחשיך, ואז ברחנו לחורשה הסמוכה ומשם עברנו ליער. את מרבית חודשי החורף הסתתרנו ביער. בלילות היינו מתקרבים לכפרים ומתחננים שיתנו לנו קצת מזון למחייתנו; במידת האפשר

היינו גם "סוחבים" דברי אוכל. בתחילת הקייץ נתקלו בנו הפרטיזנים, והצטרפנו בשמחה אליהם, ואתם נשארנו עד לשיחרור הסביבה מן הכיבוש הגרמני.

לאחר השיחרור הגעתי ללודז׳ שבפולין, הצטרפתי לאחד הקיבוצים שהיו שם, ויחד עמו עליתי ארצה. כאן הקימונו את הקיבוץ "רשפים" שבעמק בית־שאן, ובו אני חי יחד עם משפחתי עד עצם היום הזה...

ישראל מאגאדיי, תל־אביב

איוועניעץ אין יאָר 1956

אין יאָר 1941, ווען כ׳בין געווען 15 יאָר אַלט, האָב איך פאַרלאָזן איוועניעץ.

דאָס איז אָבער שוין נישט געווען די אַמאָליקע איוועניעץ, וועלכע אַלע געדענקען; מיט איר זאַפטיקן יידישן לעבן־שטייגער, מיט אירע צוויי העבּ־רעאישע שולן, מיט אירע בתי־כנסת, מיט אַ יידישער קהילה, אַ יידישע באַנק, אַ גמילות־חסדים קאַסע. מיט אירע ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס און אַ פּרעכ־טיקן יוגנט וועלכע האָבן געזען זייער צוקונפט אין ארץ־ישראל.

די איוועניעץ וועלכע כ׳האָב פאַרלאָזט אין יאָר 1941, איז געווען גאָר אַן אַנדער שטעטל, זי איז געווען איינגעוויקלט אין שרעק און אירע יידן האָבן זיך פאַרשפאַרט אין זייערע הייזער און מיט קלאַפּענדע הערצער געוואַרט אויף זייער גורל...

אין אַ שיינעם פרימאָרגן פון אַ סעפּטעמבער טאָג אין יאָר 1939, מיטן אָנקום פון דער רויטער אַרמיי, איז דאָס שטעטל אויפגעטרייסלט געוואָרן; די שיינע יידישע אידעאַלן זענען צושמעטערט געוואָרן, די ציוניסטישע טעטיקייט איז פאַרבאָטן געוואָרן, און אייניקע פון אירע עסקנים זענען פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר. איוועניעץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טיפּיש סאָוועטיש שטעטל. אירע יידן האָבן נישט געהאַט קיין ברירה, און לאַנגזאַם גענומען זיך צופּאַסן צום נייעם מצב. און אָט איז געקומען אַ צווייטע אויפטרייסלונג, אַ גרויזאַמע, טראַגישע אויפּציטערונג! דאָס איז געווען אין יאָר 1941, ווען די היטלעריסטן זענען אַריין אין איוועניעץ. איך האָב דאַן באַוויזן צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד. די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק איז געקומען צו אַן ענדע מיטן זיג איבער די דייטשן, מיט דער ענדע פון דער וועלט מלחמה. אָבער מיין פערזענלעכע טראַ־געדיע איז געקומען צו אַן ענדע, ערשט אין יאָר 1956, ווען איך בין באַפרייט געוואָרן פון אַ רוסישן אַרעסטאַנטן לאַגער, ווו איך בין אָפּגעזעסן 9 יאָר...

איך האָב געוווּסט אַז פון מיין משפּחה איז קיינער נישט לעבן געבליבן, אָבער מיר האָט געצויגן אַ „היים״ קיין איוועניעץ. דער פאַרשטאַנד האָט מיר געזאָגט אַז איך האָב דאָרט נישט וואָס צו זוכן, אָבער דאָס האַרץ האָט מיר געשלעפּט אַהין, קיין איוועניעץ.

אין אַ זומערדיקן טאָג בין איך אָנגעקומען אין שטעטל, כ׳בין אַרונטער פון אויטאָבוס, און גענומען גיין אין אירע גאַסן ווו ס׳האָבן זיך אַרומגעדרייט מענטשן, כ׳האָב אָבער קיין באַקאַנטן פּנים דאָרט נישט געטראָפן. איך האָב אָפּגעשטעלט אַ קריסט און געפרעגט אים צו ס׳געפינען זיך דאָ יידן. דער



ישראל קלציק, פרטיזאן, עם חברתו באיבניץ בשנת 1956
ישראל קאַלאַציק, אַ פּאַרטיזאַן, מיט זיין חברטע אין איוועניעץ, 1956

קריסט האָט גענומען ציילן זיי אויף די פינגער: מולע כץ, מולקע קאַלאַציק, אברהמ׳ל ראַלניק, חפץ און נאָך אַ פּאָר נעמען, וועלכע זענען מיר געווען אומ־באַקאַנט. טרערן האָבן מיר גענומען שטיקן — אָט דאָס איז אַלעס וואָס ס׳איז געבליבן פון די איוועניעצער יידן? כ׳האָב אָפּגעזוכט חפצ׳ן. אָט דעם חפצ׳ן וועלכער איז געווען איינער פון די טעטיקסטע ציוניסטן אין שטעטל, און וועלכער האָט יאָרן אָנגעפירט מיט דער „תרבות״ שולע. ער האָט מיר אויפ־גענומען ווי אַן אייגן קינד, און ביידע האָבן מיר געוויינט, דערמאָנענדיק די אומגעקומענע משפּחות און פריינט.

צו מאָרגנס זענען מיר געגאַנגען באַטראַכטן די גאַסן און געסלעך ווו יידן

האָבן „אַמאָל” געלעבט, און ווו יידישער לעבן האָט געברויזט. די הייזער זענען געשטאַנען טרוירעקיע, ווי איינגעזונקענע אין דער ערד. זיי זענען געווען מצבות וועלכע האָבן דערמאָנט די שרעקלעכע, אוממענטשלעכע טראַגעדיע וועלכע ס'איז דאָ פאָרגעקומען. מיר זענען אַזוי פאַרבייגעגאַנגען דעם ווייסן קלויסטער און אַרויס פון שטעטל, ביז די קברים פון די איוועניצער יידן. די גריבער זענען געווען אָפן, און אַרום זיי האָבן זיך געוואַלגערט די ביינער פון די דערהרגעטע יידן. חפץ האָט מיר דערציילט אַז די קריסטן האָבן אויפגעעפנט די קברים און געזוכט ביי די טויטע — גאָלדענע ציינער. ער האָט זיך געווענדעט עטלעכע מאָל צו דער סאָוויעטישער מאַכט און געבעטן אָננעמען מיטלען, כדי נישט דערלאָזן מחלל זיין די קברים. זייער ענטפער איז געווען דאָס זיי קענען נישט שטעלן קיין וואַך אויף די קברים...

אַ שוידער האָט מיר אָנגעכאַפּט. כ'האָב געוואָלט וואָס גיכער אַנטלויפן פון דעם פלאַץ און פון די מענטשן וועלכע לעבן דאָרט.

אויף צו מאָרגנס בין איך אַוועקגעפאָרן.

דאָס איז געווען איוועניעץ, וועלכער כ'האָב געזען צום לעצטן מאָל אין יאָר 1956.

יהושע יפה

די ערשטע יידישע פּאַרטיזאַנער

אַרויסגענומען פון „פּנקס נאַוואָרעדאָק

ישראליק קאָטלער, דער איוועניצער, איז אַכצן יאָר אַלט געווען. זיין טאַטע האָט אַרומגעפירט זייף, קעמלעך, און פאָדעם אין די דערפער אַרום איוועניעץ און דאָס אויסגעביטן אויף שמאַטעס. ישראליק איז אויך פיל מאָל געפאָרן מיטן טאַטן איבער די דערפער און די געגנט געקענט. הינטערן שטאָט, ווו זיי וווינען רעדט ישראליק מיט אַ פּאָר נאַוואָרעדקער יינגע בחורים, אַרום און אַרום איז דאָרטן וועלדער. אויך די דאָרפישע הייזער שטייען אין וואַלד. קיין דייטשן קומען קיינמאָל נישט אַהין. קיין שאָסייען זענען דאָרט נישט געלייגט. די פּויערים זענען אויפגעלעבט מיט די יידן און זענען אין כעס אויפן דייטש, וואָס גייט פאַרכאַפּן די וועלט. אין די וועלדער געפינען זיך שוין רוסישע פּאַר־טיזאַנער. זיי גייען אַרום אויף די וועגן. פאַלן אָן אויף דורכפאָרנדיקע דייטשן און אַנטלויפן צוריק אין וואַלד. צו וואָס זיצן אין געטאָ און וואַרטן אויפן טויט?

